STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03393

TSADIKIM UN HSIDIM

Samuel Rothstein

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

צדיקים און חסידים

אַ זאַמלונג חסידישע מעשיות

פון

שמואל ראָטשטיין

ארויסגעגעבען פון מחבר

ניו־יארק תשי״א

Tzadikim un Chassidim

Chassidic Stories

By SAMUEL ROTHSTEIN

All Rights Reserved by:
RABBI SAMUEL ROTHSTEIN
1251 — 36th Street
Brooklyn 18, N. Y.

דפוס האחים טווערסקי
TWERSKY BROTHERS
1555 Macombs Road, New York 52, N. Y.

אינהאלט:

זייט

די באדייטונג פון דער חסידישער מעשה — פארוואָרט 5

דעם בעל־שם־טוב׳ס ערשטער תלמיד 11

דער גרויסער בעל מקפיד... 17

דער מגיד און דער דאקטאר 23

אין נעץ פון טומאה 28

א מענש — א מלאך... 33

דער צדיק און דער קיסר 39

שפייז פון הימעל... 45

דרשה־געשאנק 50

דער רבי ר׳ שמעלקע פון ניקעלסבורג 57

רבי מיכלי זלאטשאווער 62

רבי נחום טשערנאבילער 67

געהאלפען געווארען דורך א מעשה 72

דער טשארטקאווער רבי און זיין יראת שמים 77

נגלה און נסתר... 82

רבי אייזיקעל קאלעווער — דער שעפער פון חסידישער נגינה 87

דער טראגישער פסק־דין 97

דער חוזה פון לובלין און דער לייפניקער רב 102

דער מלאכים־ניגון 107

דער בעל־עגלה וואס לייכט 111

אראפגעריסען די שליפעס... 116

א דין־תורה מיט א נפטר... 122

דער „איד הקדוש” און די בעלי עגלות 127

די פטירה פון א צדיק 132

רבקהלע — די פשיסכער רביצין 137

א מתנה פארן רבין... 142

א טובה פאר א טובה... 148

דער „חמדת שלמה” און דער קאצקער רבי 153

דער לעצטער קאצקער חסיד 158

רבי עקיבא איגר און דער משומד 163
א צדיק, וואס איז „מעכב” די גאולה 168
די עגונה און דער געפונענער מאן 173
איינגעמאהנט אן אלטען חוב 178
רבי שמעון סופר און דער שינאווער רבי 183
רבי ישעיה׳לע פראגער 188
מפקיר געווען דאס חמץ 194
רבי אברהם, דער טשעכאנאווער צדיק 200
א שבועות אין קאזמיר 205
דער מאדזשיצער רבי און דער קאפעלמייסטער 211
דער גרויסער בעל מנגן פון מאדזשיץ 216
דער לעצטער זוואלינער רבי, הי״ד 222
דער „אמרי יוסף” פון ספינקא 229
דער „אוהב ישראל” פון וויזשניץ 234
דער אלטער וואורקער רבי 239
דריי דורות גערער חסידות 245
דאס געבורט פון א צדיק 249
נייע שיטות אין גערער חסידות 256
דער גערער רבי און ארץ ישראל 260
דער יחוסדיגער חנוכה־לאמפ 263
די ערשטע חסידישע עליה 269

די באַדייטונג פון דער חסידישער מעשה

פ אָ ר וו אָ ר ט

זינט דער ענטשטעהונג פון חסידות, מיט דער התגלות פון רבנו ישראל בעל שם טוב זי״ע, מיט 250 יאָהר, האָט די חסידישע מעשה אָנגעהויבען שפּיעלען אַ ראָל אין לעבען פון די חסידישע מאַסען און איז פאַרוואַנדעלט געוואָרען ווי אַ דבר־שבקדושה.

חסידים גלויבען, אַז מיטן דערצעהלען אַ מעשה פון אַ צדיק, איז מען ממשיך די נשמה פון צדיק און זיין זכות איז מגין סיי אויפן דערצעהלער און סיי אויף די צוהערער.

גאַנץ אָפט האָבען די צדיקים דערלאַנגט אַ ישועה פאַר אַ אידען, אין אַן עת צרה, דורך דערצעהלען אַ מעשה, וואָס איז זיך פאַרלאָפען ביי דעם אָדער יענעם חסידישען גדול און נאָכן פאַרענדיגען די מעשה האָט דער צדיק אַ זאָג־געטהון צו דעם מבקש:

— געה לחיים ולשלום, דו ביזט שוין אַ געהאָלפענער. אַ דאַנק דער מעשה איז נמשך געוואָרען די ישועה.

חסידים דערצעהלען: אַמאָל האָט מען געבעטען דעם „שרף״ פון סטרעליסק, רבי אורי זצ״ל, ער זאָל דערצעהלען אַ חסידישע מעשה, האָט ער געענטפערט: די גמרא זאָגט, חייב אדם לומר, מתי יגיעו מעשי למעשי אבותי — אַ מענש איז מחויב צו זאָגען, ווען וועלען מיינע מעשים גרייכען צו די מעשים פון מיינע עלטערען, — מיר ווייסען, אַז פון די מעשיות פון די הייליגע אבות, פון זייערע פּאַסירונגען איז געוואָרען תורה — דער ספר בראשית. — דאַרף מען אויך שטרעבען, אַז פון אונזערע מעשיות זאָל ווערען תורה . . .

אַזוי הויך האָבען די גדולי החסידות אָבגעשאַצט די חסידישע מעשה, וועלכע איז באמת מיט דער צייט געוואָרען אַ חיזוק פאַר אמונה, אַ מיטעל פאַר בטחון, אַ קוואַל פון התעוררות, אַ התחזקות צו יראת שמים און צו מעשים טובים.

אָבער נאָך שאַרפער האָט זיך אויסגעדריקט וועגען דער חסידישער מעשה דער גראָדזיסקער רבי, רבי אלימלך זצ״ל:

דער דאָזיגער צדיק, וועלכער איז געווען שטאַרק פאַרעהרט אין דער חסידישער וועלט, איז איינמאָל אריינגעקומען אין זיין בית המדרש און געפינען

אַ גרופּע פון זיינע חסידים פאַרטיפט אין אַ שמועס. האָט דער רבי געפרעגט די חסידים, אין וואָס זיי זענען עוסק.

— מיר דערצעהלען זיך חסידישע מעשיות — איז געווען דער ענטפער.

— זייער גלייך, זייער גלייך — האָט דער רבי מיט אַ שמייכעל אויס־געררופן — מיר זאָגען אין תהילים הללויה הללו עבדי ד׳ הללו שם ד׳. — ווען מען לויבט די צדיקים, די עבדי ד׳, איז גלייך ווי מען לויבט דעם אויבערשטען...

דערהערענדיג דעם דאָזיגען שאַרפען זאָג, זיינען די חסידים שטאַרק נתפעל געוואָרען און זיי האָבען זיך איבערגעקוקט איינער מיטן אַנדערען. דער רבי האָט עס גלייך באַמערקט און צוגעגעבען.

— איר מיינט אפשר אַז עס איז צו שאַרף געזאָגט, — איז פאַרהאַן דערצו אַ ראיה פון אַ צווייטען פסוק: מקבילות הלולאות אשה אל אחותה — אַז די הללויה׳ס זענען גלייך איינס צום צווייטען . . .

אין די חסידישע ספרים ווערט געבראַכט, אַז עס איז אַ גרויסע סגולה צו דערצעהלען חסידישע מעשיות שבת צו נאַכטס, ווען עס קומט פאַר דער איבערגאַנג פון דעם שבת קודש צו דער גראָהער וואָכעדיגקייט. שוועבט טאַקי תמיד פאַר דעם שרייבער דאָס בילד פון די אַלטע חסידים אין אַ מוצאי שבת אָדער אַפילו אין אַ וואָכען טאָג — בין מנחה למעריב, רויכערענדיג די לולקע־ציבוך׳ס און דערצעהלענדיג מעשיות פון די צדיקים פון די פריהערדיגע דורות, און זייערע פנימער האָבען דערביי געלויכטען מיט אַזאַ אור, און אליין זענען זיי געווען ארומגענומען מיט אַזאַ התלהבות וואָס האָט דערמאָהנט אַ הייליגע עבודה . . .

אָבער נישט נאָר צווישען חסידים — אויך צווישען די מאָדערנע אידען, וואָס זענען נישט נאָר ווייט פון דרך החסידות, נאָר ליידער אויך פון טראַדיצ־יאָנעלער אידישקייט, — דיענט די חסידישע מעשה ווי אַ קוואַל פון התחזקות און אָבפרישונג.

ווערט דאָך די חסידישע מעשה באַטראַכט ווי די פאַרגענגעריין פאַר דער מאָדערנער אידישער ליטעראַטור און די גרויסע אידישע שרייבער האָבען איהר באַנוצט אַלס מאַטעריאַל פאַר זייערע שאַפונגען!

ליידער האָבען געוויסע שרייבער זיך צופיעל ערלויבט ביים אויסנוצען די חסידישע מעשה אַלס מאַטעריאַל, זיי האָבען איבערגעשריטען די מאָס, און אָנגע־האָנגען אין די חסידישע מנהיגים פעולות און ווערטער וואָס זענען פרעמד זייער מהות, וואָס זענען בכלל ווייט פון דער ווירקליכקייט. ביז היינטיגען טאָג הערשט אַ הפקרות אויפן דאָזיגען געביט, און מענשען, וואָס האָבען צו חסידות קיינמאָל נישט געהאט קיין שייכות, פאַרנעמען זיך מיט שרייבען חסידות, וואָס איז

נאָך אַלץ פּאָפּולער אויף דער אידישער גאַס און ווערט נאָך אַלץ געלייענט מיט גרויס תענוג מצד די ברייטע אידישע מאַסען בכל תפוצות ישראל.

* * *

איינער פון די פּאָפּולערסטע חסידישע מנהיגים אין די לעצטע דורות, דער שינאָווער רב רבי יחזקאל זצ״ל שרייבט אין זיין ספר אין צוזאַמענהאַנג מיטן מאמר חז״ל אויפן פסוק „ואף גם זאת בהיותם בארץ אויביהם לא מאסתים ולא גאלתים לכלותם״ — אַז דער אויבערשטער האָט אין אַלע דורות מעמיד געווען מנהיגים פאַרן אידישען פאָלק, וואָס האָבען נישט דערלאָזט צו אַ גייסטיגער ירידה און האָבען דערהאַלטען די אמונה און די האָפנונג אין ביאת הגואל. און אין אונזערע דורות האָט ער מעמיד געווען די גדולי החסידות, דער בעש״ט און זיינע תלמידים, און תלמידי־תלמידים וואָס דערהאַלטען דעם אש תמיד פון יראה, בטחון און גלויבען אין דער גאולה שלימה.

דער מחבר פון דאָזיגען ספר האָט זוכה געווען צו קענען די גדולי החסידות אין פוילען און גאַליציען פון לעצטען דור פאַרן חורבן פון אייראָ־פּעאישען אידענטום — די מקומות, וואו דאָס חסידות האָט זיך דערהאַלטען ביי דער ערשטער פרישקייט און לויטערקייט. די טעטיגקייט פון די דאָזיגע מנהיגי החסידות, צווישען וועלכע עס זענען אויך געווען גדולים בתורה און מנהיגי ישראל, האָט איבערצייגט ווי גרויס עס איז די באַדייטונג פון חסידות אין די פינסטערע צייטען פון די שרעקליכע גזרות, די צייטען פון חבלי המשיח. אין דער דאָזיגער מורא׳דיגער צייט, האָבען די מאַסען זיך געקלאַמערט אין זייערע מנהיגים און נישט ארייננגעפאַלען אין יאוש. פאַרקעהרט עס האָט זיך נאָך געשטאַרקט די אמונה און דער כח פון מסירות נפש למען קדושת שמו הגדול. מיטן כח פון חסידות זענען די אידען געגאַנגען אין די גאַז־קאַמערן מיט שמחה, מיטן ניגון פון „אני מאמין״ און „נשמת כל חי תברך את שמך״. און אַ דאַנק דעם קידוש השם פון אונזערע קדושים האָבען מיר זוכה געווען צו דער אתחלתא דגאולה, צו דער ענטשטעהונג פון מדינת ישראל, וואָס האָט דערהויבען דעם כבוד שמים און כבוד עם ישראל צווישען די פעלקער, פונקט פאַרקעהרט ווי עס האָט געפּלאַנעוועט דער רשע ימ״ש, וועלכער האָט זיך געשטעלט פאַר אַ ציעל „לכו ונכחידם מגוי ולא יזכר שם ישראל עוד.

מיר זעהען דעריבער אַ גלייכע ליניע, וואָס ציהט זיך פון דער ענט־שטעהונג פון חסידות ביז דער ענטשטעהונג פון מדינת ישראל, וועלכע קען, אויב מיר וועלען עס באַווייזן מיט אונזער מעשים און מיר וועלען נישט ח״ו

פאַרקירעוועָן אויף שלעכטע וועגען, דערפיהרען צו דער גאולה שלימה. פונקט ווי די גדולי החסידות האָבען עס פאָרגעזאָגט, אַז חסידות איז דער לעצטער עטאַפּ פאַר דער גאולה במהרה בימינו.

* * *

כל ימי גדלתי בין החסידים. פון דער פריהסטער קינדהייט האָבען מיר אין זיך איינגעזאַפּט די אַטמאָספערע פון חסידות, משמש געווען פיעל גדולי החסידים און זייט יאָהרען ווי מיר פאַרנעמען זיך מיט חסידות־פאָרשונג און מיט פאָפּולאַריזירען די חסידישע מעשה. אַלס רעדאַקטאָר פון „אידישען טאָגבלאַט״ אין וואַרשאָ האָבען מיר אין משך פון לאַנגע יאָהרען פאַרעפענטליכט דאָרט פולע מאָנאָגראַפיעס פון גדולי החסידים, וועלכע זענען אין אַלע קרייזען אויפגענומען־געוואָרען מיט גרויס סימפּאַטיע. מיר האָבען באַקומען הונדערטער בריעף פון רביים און חסידים, פול מיט לויב און אויך הערות אויף די ווערק אונזערע. דאָס האָט אונז באַוואויגען אַרויסצוגעבען די דאָזיגע אַרבייטען אין בוך־פאָרם. ביזן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט מלחמה זענען ערשינען אין בוך־פאָרם די מאָנאָגראַפיעס פון דער ריזשינער גזע, צאַנזער גזע, און דער חוזה פון לובלין.

אָבער צוזאַמען מיטן חורבן פון אייראָפּעאישען אידענטום איז אַלץ געגאַנגען לאיבוד. אַרבייטען פון צענדליגער יאָרען זענען פאַרניכטעט געוואָרען. אָבער מיר האָבען נאָך געהאַט פיעל גרעסערע אבדות, אבדות בנפש, — דאָס טייערסטע און נאָהענסטע, וואָס אַ מענש פאַרמאָגט. מוזען מיר דאָך אָבגעבען אַ שבח והודיה צום אויבערשטען, וואָס מיר זענען ניצל געוואָרען פון דער גזרת הכליה, פון וועלכער גדולים וטובים זענען נישט ניצל געוואָרען.

אין די שרעקליכסטע צייטען, וואָס מיר האָבען איבערגעלעבט, אונטער דעם האָגעל פון די באָמבעס; אויף די וואַנדלונגען אין „קיינעמס־לאַנד״, ווען דער טויט האָט געשוועבט אונז פאַר די אויגען, האָבען מיר אָפט מעורר געווען אויף זיך דעם זכות פון די צדיקים, וועמענס צדקות און מעשים טובים מיר האָבען אויפגעבראַכט און פאַרשפרייט אין פאָלק, און מיר גלויבען, אַז די דאָזיגע זכותים זענען אונז באמת בייגעשטאַנען. . .

דעריבער האַלטען מיר פאַר אַ חוב קדוש ווייטער פאָרצוזעצען די דאָזיגע אַרבייט און פאַרשפרייטען דאָס אור החסידות און געלויבט איז השי״ת, וואָס אויך דאָ, אין אַמעריקאַ, איז אונזער אַרבייט אויפגענומען געוואָרען מיט גרויס סימפּאַטיע, און פון אַלע זייטען האָט מען אונז מעורר געווען אַרויסצוגעבען די חסידישע ווערק, כדי לזכות בהם את הרבים.

דאָס דאָזיגע ספר איז דעריבער דער ערשטער פּרוּוו אויפן אַמעריקאַנער קאָנטינענט, און מיר ווילען האָפען, אַז עס וועט אונז, מיט דער הילף פון אונזערע פריינד, געגעבען ווערען אַ מעגליכקייט איבערצודרוקען די פריהערדיגע ספרים איבער די גדולי החסידות.

עס איז געוואָרען ביי אונז אַ מנהג פון הזכרת נשמות אין די הקדמות פון די ספרים, וואָס ערשיינען אין דער לעצטער צייט. אָבער די רשימה איז אַ צו לאַנגע און אַ בלוטיגע פאַר מיר און איך בין אַלע קרובים מזכיר בדרך כלל. נאָר מחמת כיבוד אב ואם, זאָלען דאָ דערמאָהנט ווערען מיינע עלטערן.

אבי מורי ורבי, הרב החסיד המפורסם, גדול בתורה וביראה, מוה״ר מרדכי ניסן בר׳ אברהם דוד ז״ל, איז נפטר געוואָרען אין וואַרשעווער געטאָ, י״ב טבת תש״ב און געקומען צו קבורה אויפן וואַרשאַווער בית עלמין — ואמי מורתי הצנועה והחסידה מרת דבורה בת ר׳ אליהו ז״ל, האָט געטיילט דעם גורל פון איהרע קינדער און אייניקלעך און אומגעקומען על קידוש השם, הי״ד. תנצב״ה.

ולטוב יזכר כבוד גיסי אדמו״ר הרה״צ מוהר״ר יעקב ישראל טווערסקי, טשערנאָבילער רבי שליט״א, ואשתי היקרה מרת שרה רחל תחי׳ בת מו״ח הרה״ק המפורסם מוהר״ר שלמה שמואל, דער טשערנאָבילער רבי זצלה״ה, ומנחותו כבוד בניו־יאָרק, וחמותי הרבנית הצדיקת מרת בילה טווערסקי תחי׳ וועלכע האָבען אונז מעורר געווען ארויסצוגעבען דאָס דאָזיגע ספר.

וזכות כל הצדיקים והחסידים, תעמוד לנו בזה ובבא.

שמואל ראטשטיין

חתן הרה״ק מוהרש״ש מטשערנאָביל זצ״ל

ניו־יורק, אלול תש״י.

רשימה פון די ווערק פון שמואל ראטשטיין

1. קאנטאניסטען — ווארשע, 1928
2. דער קדוש פון טירנא — לאדז, 1925
3. דורך בלוט און פייער — לאדז, 1930
4. כוואליעס — ווארשע, 1932
5. די גילדענע רויזע — לאדז, 1935

מאנאגראפיעס פון גדולי החסידות:

6. דאס מלכות׳דיגע חסידות — ריזשינער גזע — ווארשע, תרצ״ז
7. צאנזער חסידות — ווארשע, תרצ״ח
8. דער חוזה פון לובלין — ווארשע, תרצ״ט
9. גור, המטרופולין של החסידות בפולין — „היסוד, תל־אביב, תש״ה
10. דער קאזעניצער מגיד
11. דער רבי ר׳ בונם פון פשיסכא
12. דער איד הקדוש
13. דער רבי און זיין משרת — רימאנאווער חסידות —
14. זשידיטשוב־קאמארנער חסידות
15. דער סבא־קדישא פון ראדזימין

16. „אחיעזר״ — תולדות הגאון רבי חיים עוזר מווילנע — 3 אויפלאגעס — תל אביב תש״ב־תש״ח
17. רבי מנחם זמבה הי״ד — תל אביב תש״ח
18. שרה שענירער — 2 אויפלאגעס — תל אביב תש״ה־תש״ח
19. ספר נדודי — „שערים״ תל אביב תש״ד
20. א מצבה פון דריי דורות (אין כתב יד)

דעם בעל־שם־טוב׳ס ערשטער תלמיד...

די לעבענס־געשיכטע פון רבי ישראל בעל שם טוב זצ״ל דערצעהלט דאס דער שעפער פון חסידות איז אלס קינד געווארען א יתום פון זיין פאטער רבי אליעזר און כדי זיך צו דערנעהרען, איז ער א שטיקעל צייט געווען א „בעהעלפער״ ביי א מלמד אין דער שטאדט יאזלאוויץ.

די געשיכטע־שרייבער דערצעהלען, אז שוין דאמאלס איז געווען גרויס זיין השפעה. דער צוקונפטיגער מנהיג ישראל האט צונויפגעזאמעלט זיינע קינדער, געפיהרט זיי איבער דער גאס אין שוהל אריין, געזונגען מיט זיי אויפ׳ן קול, געלערענט זיי נאכזאגען „אמן״ אויף די ברכות, קדושה און „ברכו״ ווי אין כאר, און איינגעפלאנצט אין זייערע יונגע הערצלעך יראת שמים און אהבת התורה.

צווישען די דאזיגע יונגיטשקע תלמידים זיינע זענען אויך געווען די צוויי קינדער פון דארטיגען רב, הגאון רבי צבי הירש מרגליות זצ״ל, — מאיר׳ל און יצחק דוב. דער ערשטער איז אין די עלטערע יאהרען געווען באריהמט אלס דער רב פון לעמבערג און שפעטער אלס רב אין אסטראה, און לאנדס־רב אין אוקראינא, דאס איז דער באריהמטער גאון רבי מאיר מרגליות, מחבר פון „מאיר נתיבים״, „סוד יכין ובועז״, און פיעל אנדערע ספרים, און דער צווייטער איז געווען דער יאזלאוויצער רב, רבי יצחק דוב מרגליות זצ״ל.

די דאזיגע קינדער זענען שטארק צוגעבונדען געווארען צו זייער „בעהעלפער״, דער שפעטערדיגער בעל שם טוב. זיי האבען ממש נישט געקענט לעבען אהן איהם, הגם קיינער האט נישט פארשטאנען, מיט וואס דער דאזיגער בעהעלפער האט געקענט משפיע זיין אויף די קינדער.

די קינדער זענען אויסגעוואקסען אלס עלויים, און זייער נאמען האט געשמ׳ט אויף ווייט און ברייט. אויך דער בעש״ט האט פארלאזען זיין מלומדות און ער איז געווארען שוחט אין פארשידענע דערפער. צום סוף איז ער געווארען שוחט אין דעם דארף קשילעוויץ, נישט ווייט פון יאזלאוויץ.

ווען דעם רב׳ס קינדער, די עלויים, האבען זיך דערוואוסט, אז זייער געוועזענער „בעהעלפער״ געפינט זיך היינט אין א שכנות׳דיגען דארף אלס שוחט, האט זיי אנגעכאפט א שטארקע תשוקה, צו געהן צו איהם. דער עלטערער, רבי יצחק דוב, וועלכער איז שוין געווען א דערוואקסענער בחור,

האָט אָבער נישט געקענט זיך פאַרגינען מפסיק צו זיין פון לערנען אויף עטליכע טעג, און ער האָט דעריבער צוגערעדט זיין יונגערען ברודער אָבצולייגען די נסיעה אויף א יומא דפגרא.

מאיר׳ל האָט אָבער נישט געקענט רוהען. עס האָט איהם ממש געצויגען צו דעם „שוחט״ און ער האָט דערקלערט דעם ברודער, דאָס אויב ער וויל נישט מיטגעהן, וועט ער זיך אליין לאָזען אין וועג אריין.

נישט וועלענדיג לאָזען דעם יונגערן ברודער געהן אליין, האָבען ביידע ברידער זיך געלאָזט אין וועג אריין, נישט נעהמענדיג אפילו רשות פון זייער פאָטער, דעם רב.

אין הויז פון „שוחט״ האָבען זיי פאַרבראַכט עטליכע טעג, אָבער וואָס זיי האָבען דאָרט געטהון און אין וואָס זיי האָבען עוסק געווען, האָבען זיי נישט דערצעהלט קיין שום מענשען, אפילו נישט זייער אייגענעם פאָטער. משמעות, אז דער בעש״ט האָט עס זיי אָנגעזאָגט.

דערווייל איז געוואָרען א מהומה אין שטאָדט, א קלייניגקייט דעם רב׳ס צוויי בחורים, די גרויסע עלויים און בעלי מח זענען פארשוואונדען, און מען ווייסט נישט וואו זיי געפינען זיך. האָט מען ארויסגעשיקט שליחים איבער דער גאנצער סביבה זיי זוכען, אָבער אומזיסט. ערשט אין עטליכע טעג ארום, האָט עמיצער זיך דערמאָהנט, דאָס אין דאָרף קשילעוויץ, ביים שוחט, דרעהען זיך ארום צוויי בחורים׳לעך, אפשר זענען זיי עס די געזוכטע קינדער פון יאזלאָוויטצער רב.

שליחים האָבען זיך געלאָזט אין דאָרף אריין, און טאַקי געפינען דאָרט די בחורים און זיי צוריקגעבראַכט אהיים. דער פאָטער, דער רב, האָט זיי נישט געשטראָפט פאר דער מעשה, וואָס זיי האָבען אָבגעטהון, און אפילו נישט געפרעגט, וואָס זיי האָבען דאָרט געטהון אין דאָרף. אזוי זענען אריבער עטליכע טעג.

ערשט שבת נאָכן שלאָף, בשעת דער רב האָט געלערענט א שיעור מיט זיינע קינדער, האָט ער פלוצלונג מפסיק געווען און א זאָג געטהון:

— זאָגט מיר, קינדער, מיט וואָס האָט עס דער קשילעוויטצער שוחט ביי אייך נושא חן געווען, במה כחו גדול?...

דער עלטערער, יצחק דוב, האָט דערויף גאָרנישט געענטפערט, אָבער דער יונגערער, מאיר׳ל, האָט א זאָג־געטהון:

— טאטע, עס איז מיר באמת שווער צו באצייכנען דעם מהות פון דאָזיגען מענש, און דערפאר שוויגט מיין עלטערער ברודער. אָבער בקיצור וועל איך דיר זאָגען: מעגסט מיר גלויבען, טאטע, אז ער איז קלוגער ווי די גאנצע וועלט, און פרומער ווי די גאנצע וועלט...

ווען דער בעש"ט איז נתגלה געוואָרען, איז דער ערשטער, וואָס איז געפאָרען צו איהם, געווען זיין אמאָליגער תלמיד, רבי מאיר מרגליות.

דער בעש"ט האָט דיביידע ברידער אויסערגעוועהנליך ליעב געהאט. ער האָט זיי ערלויבט אין זיין סידור, כתב־יד, אריינצושרייבען זייערע נעהמען ביי דער ברכה „שומע תפלה". אָבער באזונדערס האָט ער ליעב געהאט דעם יונגערען, מאיר'ל.

איינמאָל האָט דער בעש"ט צו איהם געזאָגט: געדענקסט מאיר'ל, בעת דיין חומש־סעודה, ווען דו ביזט געשטאנען אויפן טיש און געזאָגט די דרשה, און דאָס הויז אייערס איז געווען פול איבער די ברעגעס האָט עפּעס פּאסירט?

— יא, איך געדענק — האָט רבי מאיר געענטפערט — די מאמע איז פּלוצלונג אריינגעקומען, און אראָבגעכאפּט מיך פון טיש אין מיטען די דרשה. שפּעטער האָט זי געזאָגט, אז עפּעס א פאַרשוין, אָנגעטהון אין א פּויעריש פּעלצעל, האָט זיך אוועקגעשטעלט פּונקט אקעגענאיבער דעם קינד און פון איהם קיין אויג נישט אראָבגענומען. און זי האָט מורא געהאט פאר אַן עין הרע, ווייל איך בין געווען זייער א שעהן קינד.

דאָס זענען מיר געווען דער מאן — האָט דער בעש"ט געענטפערט מיט א שמייכעל —. א גרויסע השפעה האָבען מיר דאמאָלס משפיע געווען אויף דיר, און מיר האָבען געוואָלט דיך באשטימען אלס ממלא מקומי, אָבער דיין מאמע האָט מיט איהר אוועקכאפּען דיר א סאך געשטערט.

מיט יאָרען שפּעטער, אלס לעמבערגער רב, פלעגט אויך רבי מאיר פון צייט צו צייט קומען צו זיין רבין. איינמאָל האָט ער מיטגענומען זיין יונגען זוהן, שאול, וועלכער איז שפּעטער געווען דער באריהמטער לובלינער רב רבי שאול מרגליות, כדי דער בעש"ט זאָל איהם בענשען. דער יונגער שאול איז געווען זייער א געראָטען קינד, מען האָט איהם געהאַטען פאר א חכם. ער האָט אויך זיך אויסגעצייכענט מיט זיין וואונדערבארען זכרון און דערצו האָט ער געהאט זייער א שעהנע שטימע צו זינגען. דאָס מתיקות פון זיין זינגען איז געווען אין לשער.

דאָסמאָל, האָט דער בעש"ט א זאָג־געטהון צו רבי מאיר'ן:

— מאירל, איך בעט דיך, לאָז ביי אונז איבער אויף א פּאָר טעג דיין זוהן. מיר נעמען איהם אונטער אונזער השגחה.

עס פארשטעהט זיך, אז רבי מאיר האָט נישט מסרב געווען און איבערגעלאָזט ביי זיין רבין דעם קליינעם שאול.

אין דעם נאָהענסטען זונטאג האָט דער בעש"ט געהייסען שפּאנען

זיין פוהר און מיטנעהמענדיג עטליכע תלמידים און דעם קליינעם שאול, האט ער זיך געלאזט אין וועג אריין.

מען איז געפארען א שטיקעל צייט, ביז מען האט זיך אבגעשטעלט אין א קרעטשמע, וואו עס איז פארגעקומען א גויאישע הוליאנקע... די קרעטשמע איז געווען פול איבער די ברעגעס, און דער פויערשער עולם, וועלכער האט שוין געהאט אריינגעגאסען א שפאר ביסעל משקה איז געווען שיכור און מען האט געטאנצט אויף וואס די וועלט שטעהט...

די באגלייטער האבען געפרובט אבצוהאלטען דעם בעש"ט, מען זאל זיך נישט אבשטעלען אין דער דאזיגער קרעטשמע, ווייל עס איז פארבונדען מיט סכנות נפשות. אבער דער בעש"ט האט ניט געקוקט דערויף, אריין אין קרעטשמע און צוגעקוקט זיך ווי די פויערים לאזען זיך וואוילגעהן.

פלוצלונג רופט זיך אן צו זיי דער בעל שם טוב:

— אייערע זינגערס טויגען צו גארנישט. אט האב איך מיט מיר א בחור'ל זינגט ער שעהן, אז עס איז א מחיה צו הערען. און גלייך הייסט ער דעם יונגען שאול, ער זאל עפעס זינגען פאר די פויערים.

דער קליינער שאול האט גענומען זינגען, און די גויים זענען ממש ארויס פון די כלים פון גרויס התפעלות. זיי זענען צוגעלאפען צום קינד און איהם געקושט און געהאלזט און געבעטען, אז ער זאל נאך זינגען.

נאכדעם ווי דער קליינער האט ווידער געזונגען עטליכע שטיקלעך, האט דער בעש"ט צוגערופען דריי גויאישע יונגלעך, און געפרעגט זיי אויף זייערע נעהמען.

— מיין נאמען איז סערגיי — האט דער ערשטער אבגעענטפערט

— און מיין נאמען איז סטעפאן!

— און מיך רופט מען יאן!

— און איהם רופט מען שאול. געדענקט קינדער די נעהמען און זייט גוטע פריינד...

נאכדעם ווי דער קליינער שאול האט שוין געוואוסט ווער עס איז סערגיי, ווער סטעפאן און ווער יאן, האט דער בעש"ט מיט זיינע באגלייטער זיך צוריקגעקעהרט אהיים.

יאהרען לאנג האט רבי שאול זיך געבראכען דעם קאפ, וואס עס איז געווען די כוונה פון בעש"ט מיט דער דאזיגער נסיעה, מיטן הייסען איהם זינגען פאר די פויערים און מיטן באקענען איהם מיט די שקצים. ערשט מיט א דריי צעהנדליג יאהר שפעטער איז ער דערגאנגען דעם סוד.

רבי שאול איז דאמאלס געווען א גרויסער סוחר, און ער האט געפיהרט גרויסע בריקעס מיט סחורה פון איין ארט צום אנדערען. איינמאל

איז ער דורכגעפאָרען א וואלד, און ער האָט געהאט ביי זיך א גרויסע סומע געלד. זענען איהם באפאלען דריי באנדיטען, צוגענומען דאָס געלד און געבונדען די הענד, מיט דער כונה איהם צו הרג'נען. מיט גרויס תחנונים האָט ער געפועלט ביי די באנדע, אז מען זאָל איהם לאָזען זאָגען ווידוי.

בשעתן זאָגען ווידוי האָט ער זיך געכאפּט, אז די גזלנים זענען איהם קענטליך. ער האָט אָנגעשטרענגט דעם זכרון, ביז ער האָט זיך דערמאָהנט אין דער אויבענדערמאָהנטער געשיכטע.

— מיינע פריינד, איהר דערקענט מיך נישט, אָבער איך דערקען אייך יאָ: אָט איז סערגיי, און דו ביזט סטעפּאן און דיין נאָמען איז יאן. איז עס ריכטיג?...

— יא, עס איז ריכטיג, אָבער ווי אזוי ווייסטו אונזערע נעהמען, מיר האָבען דיך פריהער קיינמאָל ניט געזעהן!

דאָ האָט זיי רבי שאול דערמאָהנט די הולאנקע אין דאָרף, ווען ער האָט פאר זיי געזונגען און זיין רבי האָט זיי געמאַכט באקאנט. די באנדיטען האָבען גלייך באפרייט רבי שאול'ן פון די קייטען, צוריקגעקערט איהם זיין געלד און באגלייט איהם ביז א ישוב.

וועגען דעם זעלבען רבי שאול, דערצעהלט מען א וואונדערבארע געשיכטע, וואָס באווייזט ווי גרויס ער איז געווען שוין אלס יונגער בחור.

די שטאָדט יאזלאוויץ האָט געהערט צו די גיטער פון פירשט פאניאטאווסקי, דער פאָטער פון לעצטען פוילישען קעניג, סטאניסלאוו אויגוסט פאניאטאווסקי. איינמאָל האָט דער פירשט צוזאמען מיט זיין יונגען זוהן, דער שפּעטערער פוילישער קעניג געמאַכט א באזוך אין יאזלאוויץ. עס פארשטעהט זיך, אז מען האָט צוגעגרייט א גרויסען קבלת פנים, און דער יונגער שאול האָט געבעטען זיין פאָטער וועלכער איז דאמאָלס געווען רב אין שטאָדט ער זאָל מיט איהם ארויסגעהן, בייצואוווינען דעם פאראד.

נאָך לאנגע הפצרות האָט רבי מאיר מסכים געווען ארויסצוגעהן מיט זיין קליינעם זוהן, א קוק־צו טהון אויפן פאראד.

ווען דער אלטער פירשט מיט זיין יונגען זוהן האָבען זיך דערנעהנטערט אויף אן אָפענער קארעטע, האָט דער קליינער שאול א זאָג געטהון צו זיין פאָטער, אָנווייזענדיג מיטן פינגער אויפן יונגען פירשט:

— אָה טאטע, דער יונגער פירשט האָט עפּעס א קעניגליכע צורה. עס דאכט זיך מיר ווי א קרוין איז איבער זיין קאָפּ...

דאָס האָט באמערקט דער יונגער פירשט און אָבשטעלענדיג זיך ביי רבי מאירן האָט ער א פרעג געטהון, ווער ער איז און וואָס האָט דער קליינער אָנגעוויזען אויף איהם.

רבי מאיר האָט זיך פאָרגעשטעלט אלס דער יונגער רב פון שטאָדט און אז דאָס האָט זיין קליינער זוהן געזאָגט, אז ער זעהט אויף זיין קאָפּ א קעניגליכע קרוין.

דער פירשט האָט פארצייכענט דעם נאָמען פון רב און פון זיין זוהן ביי זיך אין נאָטיץ־ביכעל. ווען ער איז אויסגעוועהלט געוואָרען אלס קעניג, האָט ער גוט געדענקט די נביאות פון דעם יאזלאוויצער רבס זוהן.

אין יאָהר תקל"ז איז רבי מאיר אויסגעוועהלט געוואָרען אלס לאנדס־רב אין אוקראינא, מיטן זיץ־אָרט אין אסטראה. און היות ווי לויטן געזעץ, האָט ער בעדארפט האָבען א באשטעטיגונג פון קעניג, האָט מען זיך געווענדעט צום קעניג, אז ער זאָל באשטעטיגען די וואהל.

דער קעניג, באקומענדיג די בקשה, האָט זיך גלייך דערמאָנט אין דער פאסירונג מיט יאָרען צוריק אין יאזלאָוויץ. עס פארשטעהט זיך, אז ער האָט גלייך באשטעטיגט די וואהל און ער האָט איהם אויך צוגעשיקט א נאָמינאציע געשריבען אויף פּארמעט, פערזעהן מיטן קעניגליכען הערב און מיט דער אייגענהענטיגער אונטערשריפט פון קעניג. דער דאָזיגער היסטאָרישער דאָקומענט האָט זיך געפינען אין דער משפחה ביז דער לעצטער וועלט־מלחמה.

שפּעטער האָט דער קעניג זיך דערוואוסט, אז רבי שאול איז רב אין לובלין. דער קעניג האָט איהם געשריבען אן אייגענהענטיגען בריעף, און איהם מיט געטיילט, אז ווען ער וועט זיך נויטיגען אין א פערזענליכער טובה, איז ער איהם שטענדיג גרייט צו דיענען.

איינמאָל איז רבי שאול קראנק געוואָרען אויף א געפעהרליכער קראנקהייט, צו וועלכער די לובלינער דאָקטאָרים האָבען נישט געהאט קיין תרופה. איז רבי שאול געפאָרען קיין ווארשא, און געווענדעט זיך צום קעניג, אז ער זאָל ערלויבען איהם באנוצען דעם קעניגליכען דאָקטאָר.

דער קעניג, דערוויסענדיג זיך ווער עס איז דער בריעף שרייבער האָט באפוילען זיין דאָקטאָר, אז ער זאָל היילען דעם רב אויף זיינע, דעם קעניגס הוצאות, ער זאָל איהם באזוכען יעדען טאָג און אויך די רפואות זאָלען געדעקט ווערען פון דער קעניגליכער קאסע...

און ביז זיין לעצטען טאָג איז דער לובלינער רב רבי שאול מרגליות געווען דער פּאציענט פון קעניגליכען לייב־דאָקטאָר...

דער בעש"ט האָט זיך איינמאָל אויסגעדריקט, אז דריי משפחות נקיות זענען פאראן ביי אידען, וועלכע מען קען באטראכטען אלס משפחות מיוחסות. דאָס זענען די משפחות מרגליות, שפירא און הורוויץ.

— און מיר האָבען גוטע פריינד אין אלע דריי משפחות — האָט

דער בעש"ט מוסיף געווען — און דאָס זיינען: רבי מאיר'ל מרגליות, רבי פנחס שפירא, (רבי פנחס קאריצער), און רבי הירשעלע טשארטקאווער, — דאָס איז דער טשארטקאווער רב רבי צבי הירש הלוי הורוויץ, דער פאָטער פון רבין ר' שמעלקע ניקעלשבורגער און רבי פנחס, דער בעל „הפלאה".

רבי מאיר מרגליות דער „מאיר נתיבים" האָט שטענדיג שטאָלצירט דערמיט וואָס ער האָט זוכה געווען צו זיין דער ערשטער תלמיד פון בעש"ט, דאמאָלס ווען ער איז נאָך געווען „בעהעלפער" אין יאזלאוויץ...

דער גרויסער בעל־מקפיד...

דער רבי ר' ברוך פון מעזיבוזש זצ"ל, האָט זיך געהאַלטען פאַר דעם דירעקטען יורש פון זיין גרויסען זיידען דעם בעל שם טוב זצ"ל. ער האָט געגלויבט, דאָס ער האָט באקומען די השפעה דורך זיין מוטער, די צדיקת אָדעל, וואָס האָט פארמאָגט א גאָר הויכע נשמה, און האָט איינגעזאַפּט אין זיך דאָס חסידות פון מקור.

געווען איז ער א פלאם־פייער. צו זיין דבקות און התלהבות איז נישט געווען קיין שיעור, און הגם ער איז געווען א גרויסער קפדן, ער האָט שארף קריטיקירט אלע צדיקי הדור וועלכע האָבען אנדערש אויסגעטייטשט די תורה פון זיין זיידען, דאָך האָבען זיך אלע באצויגען צו איהם מיט גרויס יראת הרוממות, און מקבל געווען באהבה זיינע שארפע ווערטער אויף זייער חשבון.

אין די ערשטע יאָהרען פון זיין נשיאות, איז דער רבי ר' ברוך געווען א גרויסער אָרימאַן. דאָס שטעדטעל מעזשיבוזש איז געווען אָרים און אומבדייטענד, און דערצו האָט זיך נאָך דער הסתלקות פון בעש"ט דער צענטער פון חסידות איבערגעטראָגען קיין מעזריטש, האָט טאקי געהערשט אין זיין הויז גרויס דחקות. זיינע אָנהענגער האָבען איהם דעריבער געבעטען, דאָס ער זאָל זיך באזעצען אין א גרעסערער שטאָדט. אָבער ער האָט נישט מסכים געווען צו פארלאָזען די שטאָדט, אין וועלכער זיין גרויסער זיידע איז נתגלה געווען און וואו ער האָט איבערגעלאָזט זיין אור און זיין קדושה.

— „זאת מנוחתי עדי עד" — האָט דער רבי ר' ברוך זיך געטייטשט — דאָ וועל איך שוין פארבלייבען אויף שטענדיג — „פה אשב כי אויתיה" — דאָ וועל איך זיצען ווייל מיין גלוסטען איז דערצו. וועט איהר דאָך פרעגען: „צדה ברך" — פונוואנען וועט ברוך נעמען פרנסה? — אברך אביונה —

איך וועל בענשען די היגע אָרימעלייט, אז זיי זאָלען ווערען עשירים, — „אשביע לחם" — וועל איך אויך האָבען ברויט...

ווי ווייט די הערצה פון די צדיקי הדור איז געוועזן פאַרן רבין ר' ברוך, באַווייזט, אז קיין שום צדיק האָט נישט געוואגט צו ווערען א מנהיג פון חסידים, ביז וואנען ער האָט נישט באַקומען די הסכמה פון איהם. צווישען אנדערע האָט אויך דער חוזה פון לובלין געהאַלטען ביי איהם א שבת, בעת וועלכען דער רבי ר' ברוך'ל האָט איהם אויסגעפּרובט, צו ער איז א בעל רוח הקודש, און צי ער פאַרשטעהט חסידות. עס פאַרשטעהט זיך, אז דער חוזה האָט מרגיש געווען די דאָזיגע אורות און דער רבי ר' ברוך האָט אויף איהם געזאָגט מיט התפעלות:

— אָה, דער פּאַלאַק זעהט גוט, זעהט גוט!...

ווי שוין געזאָגט איז ער געווען א גרויסער קפדן. ער פלעגט טייל מאָל אריינפאַלען אין אזא הקפדה, אז ער פלעגט ממש שעלטען מיט ביטערע קללות. אין אזא צייט פלעגען די מקורבים אנטלויפען פון הויז, כדי נישט צו דאַרפען הערען די דאָזיגע קללות.

איינמאָל ווען דער רבי האָט זיך שטאַרק צו כעס'ט, איז זיין מקורב ר' לייב ליטשיווער אנטלאָפען פון הויז. ארויסקומענדיג אין דרויסען, איז איהם אקעגענגעקומען אַן אָרימער איד און זיך געפרעגט צו דער רבי ר' ברוך'ל איז אין הויז, ווייל ער דאַרף מיט איהם איבעררעדען א וויכטיגען ענין. ר' לייב האָט געפרעגט דעם אָרימאַן, פון וואנען ער קומט, האָט ער געענטפערט, דאָס ער קומט פון ארץ ישראל.

— מיין עצה איז, אז איהר זאָלט איצט זיך נישט ווייזען פאַרן רבין, ווארום ער איז איצינד אין כעס. בפרט איז גרויס זיין הקפדה אויף דעם מענשען וואָס פאַרלאָזט דאָס הייליגע לאַנד און געהט קיין חוץ לארץ. דעריבער זאָג איך אייך, אז איהר זאָלט צוואוואַרטען, ביז דער רבי וועט זיך באַרוהיגען דאַן וועט איהר אריינגעהן צו איהם.

— רעדט נישט קיין נאַרישקייטען — האָט דער אָרימאַן געענטפערט, — דוקא איצט איז א שעת הכושר צו באַווייזען זיך פאַר איהם. איהר פאַרשטעהט דען זיין כעס?...

און דער איד איז טאַקי אריינגעגאַנגען צום רבין, פאַרבראַכט מיט איהם א לענגערע צייט. שפּעטער ווען ר' לייב איז צוריקגעקומען, האָט איהם דער רבי ר' ברוך געפרעגט:

— לייב, האָסט געזעהן דעם אידען פון ארץ ישראל, האָסט איהם געגעבען שלום?

— יאָ, רבי — האָט רבי לייב געענטפערט, — איך האָב איהם

געזעהן, און איך האָב איהם אפילו געוואַרענט נישט אריינצוגעהן צום רבין.

— אָבער שלום האָסטו איהם געגעבען — האָט דער רבי ר׳ ברוך מיט א שמייכעל געענטפערט — האָסטו געהאַט א זכיה מקבל־שלום צו זיין פון אליהו הנביא...

ווי באוואוסט, איז דער רבי ר׳ ברוך געווען א שטאַרקער בר־פלוגתא אויף די צדיקי הדור. באזונדערס האָט ער קריטיקירט דעם הייליגען באַר־דיטשעווער, רבי לוי יצחק זצ״ל. ער האָט געהאַט אפילו ביי זיך א ספּעציע־לען מענשען, וועלכער האָט ביי יעדער סעודה דערצעהלט פון דער התנהגות פון באַרדיטשעווער, פון איהם חוזק געמאַכט, און דער רבי פלעגט עס אויסהערען מיט א שמייכעל. קאָנטיג, אז דאָס האָט איהם הנאה געטהון...

איינמאָל האָט פאַרבראַכט ביי איהם אויף שבת דער רבי ר׳ משה פון זוויהעל, דער זוהן פון זלאָטשאָווער מגיד. אין מיטען פון שבת׳דיגער סעודה, איז ארויסגעטרעטען דער מקורב, וועלכער האָט געהאַט די אויפגאַבע אָבצושפּעטען פון „קדושת לוי״, און ער האָט גענומען נאָכמאַכען זיינע העוויות, און זיין התנהגות, דערביי האָט דער רבי ר׳ ברוך שטאַרק געלאַכט, און ער האָט געוויזען דאָס עס טהוט איהם הנאה דערפון.

רבי משה זוויהעלער האָט עס אָבער נישט געקענט סובל זיין. ער האָט דערפון געהאַט גרויסע יסורים. ווי וואַגט מען עס אָבצושפּעטען פון אזא צדיק וקדוש ווי עס איז דער הייליגער באַרדיטשעווער און דערצו זאָל דער רבי נישט נור נישט מוחה זיין, נאָר ער זאָל נאָך האָבען דערפון הנאה. ער האָט דעריבער באַשלאָסען, דער זוויהעלער, אז גלייך נאָך שבת, זאָל ער פאַרלאָזען מעזשיבעזש, און מעהר נישט קומען אהער.

שבת צו נאַכט נאָך הבדלה, איז ר׳ משה אריין צום רבין, געזעגנען זיך, ווייל ער האָט באַשלאָסען גלייך אהיימצופאָרען.

— וואָס איז דאָס געאייל, זוויהעלער רבי, איהר זענט דאָך געקומען צו אונז מיט דער כוונה צו פאַרבלייבען לענגער. וואָס האָט איהר אזעלכעס געזעהן ביי אונז, וואָס איהר אנטלויפט פון דאַנען?

— איך וועל אייך זאָגען דעם אמת, — מעזשיבעזשער רבי — האָט רבי משה געענטפערט — זעהענדיג ווי מען מאַכט דאָ ליצנות פון באַרדיטשעווער רב, קען איך דאָ נישט מעהר פאַרבלייבען...

הערענדיג די דאָזיגע דבורים, האָט דער רבי ר׳ ברוך זיך אויפגע־שטעלט פון זיין אָרט און אויסגערופען מיט כעס:

— אויך מיר א גוטער איד, אויך מיר א רבי, אז מען פאַרשטעהט גאָרנישט וואָס מען רעדט! וויסען זאָלט איהר, אז שוין יאָהרען ווי דער שטן שטעהט פאַרן כביכול און איז מקטרג, אז מען דאַרף גאָרנישט משיח

זאָל קומען און דאָס בית המקדש זאָל אויפגעבויט ווערן. דער באַרדיטשעווער רב איז דאָך מיט זיינע תפילות מכוון אַלע כוונות, וואָס דער כהן גדול האָט מכוון געווען אין קדשי קדשים. דעריבער, בכדי מבטל צו מאַכען דעם דאָזיגען קטרוג פון שטן, זענען מיר זיך נוהג אָבצולאַכען פון הייליגען באַרדיטשעווער, כדי צו ווייזען, אַז נישט אַלע האַלטען מיט איהם. אָבער באמת איז אונז גוט באַקאַנט ווי וויט עס זענען זיינע מדרגות...

צו דעם עכסטען שטאַפּעל פון זיין עבדות, האָט דער רבי ר׳ ברוך דערגרייכט ערב שבת פאַרנאַכט בשעתן זאָגען שיר השירים. פריהער פלעגט ער מאַכען גרויסע הכנות צו דער דאָזיגער עבודה. ער פלעגט זיך טובל זיין אין דער מקוה פון זיין זיידען דער בעש״ט, און צוריקקומענדיג פון מקוה פלעגט ער נישט ריידען מיט קיין שום מענשען, נאָר גלייך אַריינגעהן אין זיין חדר מיוחד און נעהמען זאָגען שיר השירים מיט אַזא התלהבות, מיט אַזא ברען, ממש עד כדי כלות הנפש. דערביי האָט קיינער נישט געטאָרט בלייבען אין דעם צימער, ווייל עס האָט פאַרן צוהערער געהייסען, אַז ער שטעלט־איין דאָס לעבען.

איינער איז אָבער געווען, וועלכער האָט באַשלאָסען צו זיין אין דעם צימער און צוקוקען זיך פון דער נאָהענט צום רבין ר׳ ברוכל, בעת ער זאָגט שיר השירים. דאָס איז געווען דער באַריהמטער רבי צבי פון זשידיטשאוו זצ״ל.

און אָט וואָס עס האָט דערצעהלט דער רבי ר׳ הירשעלע זשידיטשאָווער:

— ווען מיר זענען געווען יונג, האָט זיך אין אונז דערוועקט א גרויס חשקות צו הערען דעם רבי ברוכ׳ל זאָגען שיר השירים. בין איך געפאָרען צוזאַמען מיט מיינעם א חבר קיין מעזשיבוזש, וואו מען האָט אונז פיין אויפגענומען, ביז מיר זענען געוואָרען דאָרט גאָר היימיש.

ערב שבת, בשעת דער רבי איז אוועק אין מקוה, האָבען מיר ביידע, איך מיט מיין חבר, אַריינגעכאַפּט זיך אין רבינס צימער און באַהאַלטען זיך אונטער א קליידער־שאַנק. דער רבי איז אָנגעקומען, אָנגעטהון די בגדי־לבן, אַרומגעגאַרטעלט זיך מיטן בעש״טס גאַרטעל און אָנגעהויבען זאָגען „שיר השירים״.

דאָס התלהבות איז געשטיגען מיט יעדער רגע. מיט יעדען פּסוק האָט דער רבי זיך געהויבען העכער און העכער אין די מדרגות. עס האָט נישט לאַנג געדויערט און מיין חבר האָט צו מיר געזאָגט: — הירשל, עס ברענט אין מיר א פייער. מיינע רעיונות זענען צומישט, איך וועל עס נישט אויס־האַלטען! אָבער איך האָב איהם צוגעהאַלטען, און געגעבען א צייכען, דאָס ער זאָל שווייגען, כדי איך זאָל נישט פאַרפעהלען א וואָרט.

ווען דער רבי איז צוגעקומען צום פּסוק „ודגלו עלי אהבה, סמכוני

באשישות, רפדוני בתפוחים, כי חולת אהבה אני״ — האבען מיר געזעהן, ווי ממש א פייער הילט ארום דעם רבין. מיין חבר האט דאן געטהון זיך אריים ארום פון מיינע הענד און אנטלאפען פון צימער...

מיר האבען אבער געהאלטען פלאץ. מיר האבען געהערט די קולות און געזעהן, ווי ביסלעכווייז ווערט דאס גאנצע חדר פול מיט אן אויסטער־ליש אור. אבער מיר האבען זיך כסדר מחזק געווען און באשלאסען פאר־בלייבען ביזן סוף.

אבער עס איז נישט לייכט אנגעקומען. ווען דער רבי האט אויס־גערופען „אני לדודי ועלי תשוקתו״ — האט זיך מיר געדאכטען, דאס איך האב שוין פארלארען מיינע רעיונות און איך בין מעהר נישט אומשטאנד אויפצונעהמען די דאזיגע הימלישע אורות. אבער איך האב צו זיך געזאגט: זאל זיין וואס עס וויל. מיר זענען גרייט אויף מסירת הנפש, אבי צו הערען דברי אלקים חיים פון מויל פון צדיק הדור און אויב די נשמה וועט זיך דערפון אבשיידען פון גוף, בין איך מסכים באהבה צו פארענדיגען מיין לעבען אויף אזא אופן...

ווי נאר איך האב אנגענומען די דאזיגע החלטה, האב איך געפיהלט, דאס א ניי שטראם פון חיות האט גענומען אין מיר אריינשטראמען. מיר האבען באקומען אנדערע השגות, און אנדערע אורות, און מיר האבען אויסגעהאלטען ביזן סוף...

— תמיד, ווען מיר פיהלען, אז מיר פאלען אין דער מדרגה, צוליעב פארשידענע גשמיות׳דיגע סיבות — האט דער רבי ר׳ הירשעלע זשידיט־שאווער מסיים געווען — דערמאהנען מיר זיך די מינוטען ווען מיר האבען געהערט שיר השירים פון מויל פון הייליגען רבין ר׳ ברוכל, און עס ווערט אונז גלייך צוריק ליכטיג אין די אויגען...

בלויז איינער פון די צדיקי הדור איז געווען, צו וועמען דער רבי ר׳ ברוכל האט ארויסגעוויזען ליבשאפט און התקרבות, דאס איז געווען דער מגיד פון קאזשעניץ זצ״ל. און פונקט ווי דער מעזשיבוזשער האט פארעהרט דעם קאזשעניצער מגיד, אזוי פלעגט דער מגיד ארויסווייזען חיבה צום רבין ר׳ ברוכל, און ער פלעגט שטארק מקפיד זיין אויף זיינע חסידים, וועלכע זענען געווען אין דער סביבה פון מעזשיבוזש און האבען איהם נישט באזוכט.

ווי באוואוסט, איז דער קאזשעניצער מגיד געווען זייער א שוואכער מענש. פון צייט צו צייט האט זיך די קראנקהייט ביי איהם פארשטארקט, און עס האט געהאלטען ביי סכנות נפשות. אין אזא צייט האבען די הויז־מענשען געוואוסט, דארף מען שיקען נאכן איד הקדוש, וואס האט זיך

געפינען אין פּשיסכא, ניט ווייט פון קאזשעניץ, און ער פלעגט שוין פועל'ען, אז דער מגיד זאָל זיך מתגבר זיין אויף זיין קראנקהייט.

איינמאָל איז דער מגיד גאָר שטארק פארשלאָפט געוואָרען און דער דאָקטאָר האָט שוין איהם אויפגעגעבען. א שליח האָט געאיילט קיין פשיסכא, און געבראכט דעם איד הקדוש קיין קאָזשעניץ.

אין יענער צייט איז דערהאלטען געוואָרען די ידיעה, אז דער רבי ר' ברוך איז נסתלק געוואָרען.

היות ווי דער איד הקדוש האָט געוואוסט, אז דער מגיד איז שטארק מחבב דעם רבין ר' ברוכל, האָט ער געפרעגט די הויז־מענשען, צי מען האָט געבראכט פארן מגיד די טרויעריגע בשורה.

— חס ושלום, מיר האָבען עס נישט געוואגט צו טהון — האָט דער נאמן־בית אויסגערופען — ווייל מיר האָבען מורא געהאט, דאָס עס וועט איהם שאדען צום געזונט.

הערענדיג דעם דאָזיגען ענטפער, האָט זיך א מילדער שמייכעל באוויזען אויפן פנים פון איד הקדוש, און ער איז גלייך אריין אין חדר פון מגיד, פארבראכט דאָרט א קורצע צייט און איז ארויסגעקומען מיט דער בשורה, אז דער מגיד פיהלט בעסער...

זעהענדיג ווי דער עולם קוקט אויף איהם ווי אויף א בעל מופת, האָט דער איד הקדוש א זאָג געטהון צו זיי:

— איהר זאָלט מיר נישט חושד זיין, רבותי, אז מיר האָבען דאָ געוויזען א מופת. מיר ווייסען נור ווי גרוים עס איז די צוגעבונדענקייט צווישען מגיד און דעם רבי ר' ברוכל, האָבען מיר פארשטאנען, אז דער מגיד שטעלט זיך איין פארן געזונט פון זיין הייליגען ידיד, אזוי אז ער איז ממש גרייט זיין לעבען מקריב צו זיין, אבי דער רבי ר' ברוכל זאָל זיין געזונד. דעריבער, ווען מיר האָבען איהם מיטגעטיילט, אז זיין פריינד געפינט זיך שוין במתיבתא דרקיעא, און אז זיינע באמיהונגען קענען שוין נישט העלפען, האָט דער מגיד נאָכגעלאָזען אין זיינע תפילות, און עס איז איהם בעסער געוואָרען.

אזוי ווייט איז געווען דאָס ליבשאפט און דאָס איבערגעגעבענהייט צווישען די דאָזיגע עמודי החסידות, וועלכע האָבען זיך אזוי גוט געקענט, טראָץ, וואָס די וועלט האָט געהאלטען דעם רבין ר' ברוכל פאר דעם גרויסען בעל הקפדה, און דעם מגיד פון קאזשעניץ פאר דעם גרעסטען נוח לבריות. ווארום יעדער האָט זיך געהאט זיין וועג און זיין שיטה אין חסידות און אין עבודות השם.

דער מגיד און דער דאָקטאָר

עס איז שוין געווען פרייטאָג נאָך האַלבען טאָג, ווען די צוויי שותפים, ר' משה מאכלים פון ווילנא און ר' יחיאל פון ראָוונא, האָבען פארענדיגט די האנדעלס־געשעפטען מיט'ן פריץ פון ראוונא און געשלאָסען מיט איהם א קאָנטראַקט.

ביידע זיינען זיי געווען באריהמטע וואלד־סוחרים און שעהנע אידען. ר' משה מאכלים איז געווען א למדן־מופלג און דערצו אן אָפגעהיטענער איד, א מדקדק במצוות, א גרויסער בעל צדקה און מכניס אורח, און זיין נאָמען האָט געהאט א רוהם אויף ווייט און ברייט. אויך דער צווייטער שותף, ר' יחיאל, איז געווען א למדן, הגם ניט אין דער מאָס, וואָס זיין ווילנער שותף, אָבער דערפאר איז ער געווען די עהרליכקייט אליין. אויף זיין וואָרט האָט מען געטרויט א פארמעגענס. אויך ער האָט געהאט אן אָפענע שטוב, א בית פתוח־לרוחה, און וואנדערענדע אידען, משולחים, מדינה־געהער און סתם אָרימעלייט האָבען געוואוינט ביי איהם, געגעסען און געטרונקען ווי לאנג זיי האָבען געוואָלט.

ר' יחיאל האָט אויך געהאט קינדער תלמידי חכמים, איידעמס אויף קעסט, און דער קול תורה איז קיינמאָל ניט פארשווינגען געוואָרען אין זיין הויז.

יאָהרען לאנג ווי זיי האָבען געפיהרט זייערע מסחרים בשותפות, און זיי האָבען מצליח געווען. עס פארשטעהט זיך, אז זיי זענען געווען נזהר אין די פארשידענע איסורים, וואָס זיינען שכיח אין מסחר, און בפרט זיינען זיי געווען נזהר אין חילול שבת. ווארום זיי האָבען שטרענג אכטונג געגעבען אויף זייערע מענשען, אז אין די וועלדער און אין לאגערען פון געהילץ זאָל אפילו א גוי ניט מחלל שבת זיין אויף זייער חשבון.

שוין לאנג ווי זיי האָבען געפיהרט אונטערהאנדלונגען מיט'ן פריץ פון ראוונא, אָפצוקויפען ביי איהם דעם וואלד. דאָס איז געווען א מסחר אויף א גאָר גרויסע סומע געלט, און דאָך האָבען ניט געפעהלט קיין קונים, ווייל מען האָט געוואוסט, אז ווער עס וועט באקומען דעם וואלד אין זיין רשות, וועט מתעשר ווערען. נאָך לאנגע אונטערהאנדלונגען זיינען ביידע שותפים אָנגעקומען אין ראוונער הויף אין תחילת וואָך, כדי אונטערצושרייבען די קאָנטראַקטען. אָבער דער פריץ האָט זיך ניט געאיילט. היינט האָט ער אויפגענומען געסט, דאָ איז ער אוועק אויף יאגד, און דאָ איז אונטערגעקומען אן אנדער מניעה. ביידע שותפים זיינען געזעסען ווי אויף הייסע קוילען, ווארום דער שבת דערנעהנטערט זיך און לויט'ן פלאן האָבען זיי באדארפט האלטען שבת אין דובנא, אין הויז פון ר' יחיאל'ן. אָבער די מעקלער און

די אלע, וואָס האָבען געדרעהט זיך ארום דעם מסחר, האָבען זיי בשום אופן ניט געלאָזט אָפּפאָרען, אזוי איז עס געקומען דערצו, אז די קאָנטראַקטען זיינען אונטערגעשריבען געוואָרען ערשט פרייטאָג נאָך האַלבען טאָג, און דערצו האָבען זיי באַדאַרפט בלייבען אין שטעטעל אויך אויף נאָך שבת, כדי צו ערליידיגען געוויסע פאָרמאַליטעטען.

ביידע שותפים האָבען זיך דערפון גאָר שטאַרק מצער געווען. וואו וועלען זיי האַלטען שבת אין דער פרעמד, ביי א פרעמדען טיש, וואָסער תענוג וועלען זיי פיהלען פון אזא שבת? באזונדערס האָט זיך מצער געווען ר׳ משה מאכלים, וואָס איז געבליבען שטעקען אין א פאַר איהם גאָר פרעמדער סביבה.

— פאַראַן דאָ, אין ראַוונא, א מגיד — האָט ר׳ יחיאל געטרייסט זיין שותף — און הגם מען זאָגט, אז ער איז אן אָנהענגער פון „כת" (אזוי האָט מען אין דער מתנגד׳ישער וועלט גערופען די ערשטע חסידים), דאָך פראַוועט ער זיינע שבתים מיט גרויס שמחה און פייערליכקייט. וועט מען אפשר האַלטען שבת ביי דעם דאָזיגען מגיד?

— חס מלהזכיר — האָט ר׳ משה אָפּגעענטפערט — האַלטען שבת וועלען מיר אין אן אכסניא, ביי א איד א בעל הבית, און אז מיר וועלען האָבען חשק, וועלען מיר אויף א ווייל אריינגעהן צו דעם מגיד און זעהן ווי ער איז זיך נוהג. ביי אונז אין ווילנא האָט מען ניט גאָר קיין גוטע מיינונג איבער די דאָזיגע לייט...

אזוי איז טאַקע געבליבען. זיי האָבען זיך אויסגעזוכט א באַלעבאַטישע אכסניא, וואו מען האָט צוגעגרייט א שבת כיד המלך. אפילו אורחים האָבען ניט געפעהלט ביים שבת׳דיגען טיש אויף׳ן חשבון פון די שותפים. אזוי האָט מען פאַרבראַכט דעם שבת מיט פיינע סעודות, מיט דברי תורה און ערשט פאַרנאַכט האָט ר׳ משה זיך געלאָזען איבעררעדען פון זיין שותף, וועלכער האָט שוין פון לאַנג נוטה געווען צו חסידות, אז מען זאָל אריינגעהן צום מגיד.

פינסטער איז דאָך סיי־ווי — האָט ר׳ משה ביי זיך געטראַכט — וועט אונז קיינער ניט דערקענען. וואָס זשע קען שאַדען, אז מען וועט זיך אריינכאַפּען אין בית המדרש פון מגיד, זעהן, ווי עס פיהרט זיך דאָרט. אגב וועט ער האָבען אין דער היים, אין ווילנא, וואָס צו דערצעהלען...

נאָך די זמירות, וואָס דער גאַנצער עולם האָט געזונגען מיט התלהבות, האָט דער רבי ר׳ בער, דער מגיד פון מעזעריטש, וועלכער האָט נאָך דאַמאָלסט געוואוינט אין ראַוונא, גענומען זאָגען תורה.

גערעדט האָט ער פון דער התקרבות, וואָס די „טישען" ברענגען

אריין צווישען אידען און אז ביי אביסעל בראנפען, וואָס חסידים טרינקען צוזאמען, ווערען זייערע הערצער אָנגעקניפּט איינס אין אנדערען.

— עסען און טרינקען, א מסיבה פון גוטע פריינט — איז גאָר גרויס. מיר געפינען, אז ר׳ מאיר האָט געלערענט תורה ביי אחר׳ן און עס האָט איהם גאָרניט געשאדט. ער האָט בלויז ארויסגענומען דעם תוך און די קליפּה האָט ער אוועקגעשליידערט. דאגעגען א שטיקעל ברויט מיט א גוי איז א סכנה צו עסען. די חז״ל האָבען גוזר געווען על פּתם משום שמנם, ועל שמנם משום יינם, ועל יינם משום דבר אחר — זעהען מיר דערפון, אז עסען און טרינקען איז מעהר מקרב מענשען ווי לערנען...

דער דאָזיגער תורה־שמועס און בכלל די גאנצע התנהגות, און באַזונדערס די צורה פון הייליגען מגיד, האָט אויף׳ן ווילנער מתנגד געמאכט א שטארקען רושם. עס האָט איהם אָנגעהויבען ציהען צום מגיד ווי דורך א מאגנעט. די עטליכע טעג, וואָס איהם איז אויסגעקומען צו פארווייליען אין שטעטעל, האָט ער טאקע אויסגענוצט צו פארברענגען אין דער סביבה פון מגיד, און ווען ער האָט זיך געגרייט פארלאָזען דאָס שטעטעל, איז ער אריין צום מגיד, בכדי צו געזעגענען זיך.

דער מגיד האָט איהם פריינטליך געזעגענט און צום סוף האָט ער צו איהם א זאָג געטהאָן:

— איך וועל אייך זאָגען א כלל, וואָס איהר זאָלט גוט זיך נעהמען אויף׳ן זינען: איהר זאָלט וויסען, אז ניט בלויז מיט מעדיצינען ווערט א חולה געהיילט. פאראן, אז דער געפעהרליכסטער חולה באקומט א רפואה שלימה אָהן רפואות נאָר צוליב דעם מזל פון דאָקטאָר. ווארום מיט יעדען דאָקטאָר קומט מיט א מלאך, און מיט׳ן גאָר גרויסען דאָקטאָר קומט מיט דער מלאך רפאל אליין, וואָס ברענגט די רפואה צום חולה...

ר׳ משה האָט ניט פארשטאנען, וואָס דער מגיד איז אויסען מיט זיינע ווערטער. אָבער אז ער האָט איהם געהייסען זיי נעהמען אין זכרון, האָט ער זיך די ווערטער פון מגיד גוט איינגעחזר׳ט.

ר׳ משה איז זיך געפאָהרען אהיים, קיין ווילנא, און זיין שותף ר׳ יחיאל איז געפאָהרען קיין דובנא. ר׳ יחיאל איז שפּעטער געוואָרען א חסיד, א פייערדיגער אָנהענגער פון רבין ר׳ בער, און ר׳ משה איז זיך געבליבען א מתנגד, אָבער מיט א געוויסער מאָס דרך ארץ צום מגיד און מיט א גריבלעניש אין מח צו דערגעהן וואָס דער מגיד האָט געמיינט מיט זיין דאמאָלסטדיגען שמועס.

עס זיינען אריבער עטליכע יאָהר און ר׳ משה האָט שוין באלד געהאט פארגעסען פון זיין באזוך ביים מגיד. מאכט זיך, און ר׳ משה ווערט

קראנק אויף אן ערנסטע קראנקהייט. ווי דער שטייגער איז, רופט מען צוערשט דעם רופא, און דערנאָך א גרעסערען דאָקטאָר, וועלכער גיט פארשידענע רפואות — אָבער עס העלפט ניט. די קראנקהייט ווערט וואָס אמאָל שווערער און שווערער, ביז די דאָקטוירים זיינען איהם מייאש.

אין שטאָדט האָט די קראנקהייט פון ר׳ משה׳ן ארויסגערופען א רעש. קינד און קייט האָט דערפון גערעדט. אין אלע שוהלען האָט מען געזאָגט תהילים פאר זיין געזונט. פרומע ווייבער האָבען איינגעריסען, קברים געמאָסטען, די הויז־מענשען האָבען א סך צדקה געטיילט, אָבער די שערי רחמים זיינען געווען ווי פארשלאָסען פאר די תפילות, וואָס מען האָט מתפלל געווען פאר׳ן לעבען פון ר׳ משה מאכלים.

פלוצלונג האָט זיך איבער דער שטאָדט פארשפרייט א ידיעה, אז דער לייב־דאָקטאָר פון קיסר, דר׳ גארדי, ווײלט אין שטאָדט, ווייל ער איז ארויסגערופען געוואָרען צו א גרויסען חולה, צו איינעם פון די שרי המלוכה, וועלכען דער קיסר האָט זעהר געשעצט, און ער האָט מסכים געווען שיקען זיין דאָקטאָר צו היילען איהם.

א דעלעגאציע פון די חשוב׳סטע פערזענליכקייטען פון דער קהלה, צוזאמען מיט די קרובים פון קראנקען, זיינען אוועק צום קייזערליכען לייב־דאָקטאָר און איהם געבעטען, ער זאָל באוויליגען צו באזוכען דעם קראנקען ר׳ משה. ניט אזוי לייכט איז עס אָנגעקומען איהם צו באוועגען, ער זאָל געהן באטראכטען א פריוואטען מענשען. אָבער די השתדלות פון די חשובי הקהלה האָט געהאט ערפאָלג, און דר׳ גארדי איז אוועק אין הויז פון קראנקען ר׳ משה.

אריינקומענדיג אין צימער פון קראנקען, האָט ער געזעהן, ווי ר׳ משה איז שוין א גוסס ר״ל. האָט דער דאָקטאָר זיך ניט געוואָלט אפילו דערנעהנטערען צום חולה, נאָר ער האָט זיך שטארק געבייזערט אויף די מענשען, וואָס האָבען איהם מטריח געווען צו א גוסס.

— וואָס מיינט איהר דען — האָט ער גע׳טענה׳ט — אז איך קען לעבעדיג מאכען א טויטען?..

אָבער איידער ער האָט זיך געקליבען צו פארלאָזען דאָס צימער, האָט ער נאָך אמאָל געוואָרפען א בליק אויפ׳ן חולה און באמערקט א שנוי צום בעסערען. דאָס האָט ארויסגערופען ביי איהם גרויס פארוואונדערונג, און ער האָט זיך שוין דערנעהנטערט צום חולה, באטראכט איהם און גאָרניט ריידענדיג קיין וואָרט, האָט ער פארשריבען א רפואה, נאָך וועלכער איינער פון די שטוב־מענשען האָט געאיילט אין אפטייק.

אָפפארטיגענדיג זיך דערמיט און קלייבענדיג זיך שוין צו פארלאָזען

דאָס צימער, האָט ער ווידער געוואָרפען א בליק אויפ'ן קראַנקען. דאָס מאָל האָט ער שוין באמערקט א באדייטענדע פארבעסערונג. האָט ער באפוילען מען זאָל צוריקרופען דעם שליח וויל דער חולה דאַרף האָבען א גאַנץ אנדערע רפואה.

ווידער האָט ער באטראכט דעם חולה און זיין שטוינונג איז געוואקסען פון מינוט צו מינוט. אזא פאַל האָט ער נאָך ניט געהאט אין זיין רייכער פּראקטיק אלס דאָקטאָר. נעהמט ער און שרייבט אָן א נייעם רעצעפּט, אָבער איידער ער גיט איבער דעם רעצעפּט צום שליח, פאַלט ער ווידער אריין אין ספקות בנוגע דער ווירקזאמקייט פון דער רפואה, ווארום ער זעהט באשייפּערליך, אז דעם חולה ווערט עס בעסער פון רגע צו רגע...

און פּלוצלונג הויבט דער חולה אָן רעדען נאָכדעם ווי ס'זיינען שוין אוועק צוויי וואָכען זינט ער האָט פארלאָרען דעם לשון און ר' משה רופט אוים צום דאָקטאָר:

— הערר דאָקטאָר, אויב איהר ווילט פאר מיר ברענגען א רפואה בעט איך אייך און זיצט א ווייל בײ מיר, וויל ניט דורך מעדיצינען וועט קומען מיין רפואה, נאָר דורך דער אנוועזענהייט פון דעם גרויסען דאָקטאָר. אזוי האָט מיר מיט עטליכע יאָהר פאַרגעזאָגט דער מגיד פון מעזריטש, און איך זעה, ווי דאָס איז מקוים געוואָרען בשלימות...

„מיט יעדען דאָקטאָר קומט מיט א מלאך" — האָט דער מגיד דאַמאָלסט געזאָגט און זיינע ווערטער האָב איך ערשט איצט פארשטאַנען — „און מיט א גאָר גרויסען דאָקטאָר קומט מיט דער מלאך רפאל אליין, וואָס ברענגט די רפואה."

דר. גארדי איז ארוים פון די כלים, הערענדיג די דאָזיגע דבורים. ער האָט זיך פארשריבען דעם נאָמען און דעם אדרעס פון מגיד און ער האָט באשלאָסען איהם צו באזוכען.

ווי נאָר ער האָט זיך באפרייט פון זיינע פליכטען, האָט דער באריהמטער דאָקטאָר געאיילט קיין מעזריטש. דער מגיד האָט אויף איהם געמאכט א געוואַלדיגען רושם. עטליכע טעג האָט ער זיך דאָרט ארומגעדרעהט אלס אומבאקאַנטער, טראכטענדיג, ווי ווייט ער איז אוועק פון אידישקייט, ווי ווייט ער איז פארפרעמדט געוואָרען, לעבענדיג צווישען גויים און געהענדיג אין זייערע וועגען. ענדליך האָט ער געפאַסט מוטה און ער איז אריין צום מגיד און א זאָג געטהאָן:

— איך בין דר. גארדי, דער קייזערליכער לייב־דאָקטאָר. אויף א וואונדערליכען אופן האָב איך זיך וועגען אייך דערוואוסט. און איצט בין איך געקומען צו אייך. איך בעט אייך, רבי, היילט מיר גייסטיג, וועל איך

איך היילען קערפערליך (דער מגיד האט געליטען פון א קראנקען פוס), אבער איהר זאלט וויסען, רבי, איך בין א גרויסער זינדיגער און איך וויים ניט צי פאר אזא מענשען העלפט תשובה...

— תשובה האט איהר שוין לאנג געטאן — האט דער מגיד מיט א שמייכעל געענטפערט — אין די עטליכע טעג, וואס איהר האט זיך ארומגעדרעהט צווישען אונז און הרטה געהאט אויף אייערע פריהערדיגע מעשים, האט איהר דערגרייכט צו א גרויסער מדרגה אין תשובה. איצט קענט איהר טאקע ווערען א עהרליכער איד...

דר. אהרן גארדי איז ניט נאר געווארען א בעל תשובה, נאר אויך א צדיק גמור. זעהר פיעל ווערט וועגען איהם דערצעהלט צווישען חסידים וועגען די גרויסע זאכען וואס ער האט אויפגעטאן. זיין נאמען ווערט דערמאנט ניט נאר אין דער חסיד'ישער ליטעראטור, נאר אויך אין די פארשידענע מאנאגראפיעס פון די גדולי־ישראל אין זיין צייט.

אין נעץ פון טומאה

דרויסען איז פריהלינג. די נאטור איז געווארען באנייט. א שלל פון זון און ליכט האט זיך צעשפרייט איבער'ן שטעטעל, מיט דער כוונה צו פארטרייבען די ווינטערדיגע עצבות, וואס האט אין משך פון לאנגע חדשים אזוי געדריקט אויף'ן געמיט.

אבער די געשעהנישען פון די לעצטע טעג דערלאזען ניט, אז די אידען פון דער שטעטעל מעזריטש זאלען זיך פיהלען פריידיג און זארגלאז. די טרויעריגע געשיכטע מיט איציקל דעם עלוי דריקט ווי א שווערע משא אויף יעדען איינעם.

איציקל דער עלוי איז געווען דער שטאלץ פון שטעטעל. אבער באזונדערס האט זיך אין איהם געשפיגעלט זיין מוטער, פעשע די אלמנה. שווער און ביטער איז איהר לעבען. פאר דער צייט איז זי אלט געווארען און פארוועלקט, הן פון שווערע ארבייט, פון וואשען גרעט אין בעל־הבית'ישע הייזער, שייערען פאדלאגעס און טהאן אנדערע שווערע הויז־ארבייט, און הן פון איהר פינסטערער דאליע, וואס איהר מאן איז פון איהר אזוי פריה אוועקגעריסען געווארען. אבער א טרייסט איז פאר איהר געווען איציקל. זיין לערנען, זיין התמדה, זיין פייערדיגע קאפ און די לויב פון די שטאט־לייט — דאס אלץ האט איהר פארזיסט דאס ביטערע לעבען.

און אָט אזא אומגליק — איציקל איז פארנארט געוואָרען פון די מיסיאָנערען און שוין א וואָך צייט ווי ער געפינט זיך אין א קלויסטער, גרייט זיך צום שמד, רחמנא ליצלן!..

אָבער ווי עס איז געקומען דערצו, אז איציקל, דער עלוי, זאָל האָבען מחזוקות מיט די דאָזיגע חברה, ווי שיקט זיך דאָס, אז ער זאָל זיך ארײנלאָזען אין וכוחים מיט זיי און עס זאָל בכלל קומען צו אזא מצב?

איז די געשיכטע דערפון אזוי: זייט דער מגיד רבי בער האָט זיך באזעצט אין שטעטעל איז דאָס בית המדרש כמעט אויסגעליידיגט געוואָרען. אַלע יונגע בחורים האָבען זיך איבערגעטראָגען אין הויף פון מגיד, וואו עס איז תמיד אזוי פרעהליך און רעש'יג. מענשען קומען און מענשען פאָהרען. אורחים פון דער גאָרער וועלט, אידען לומדים און פשוט'ע אידען, יעדער מיט זיין שטייגער און מיט זיין התנהגות — פאר יונגע בחורים'לאך איז אזא יריד מעהר ווי געוואונשען.

בלויז איינער איז ניט מיטגעריסען געוואָרען מיט'ן שטראָם. איציקל דער עלוי איז ווי א געטרייער שומר, געבליבען זיצען איינער אליין אין שטאָטישען בית מדרש און געלערענט. צו איהם איז ניט דערגאנגען דער גרויסער טומעל, וואָס האָט זיך געשאַפען ארום דעם הויף פון מגיד. זיין פאָטער, א גרויסער למדן און עהרליכער איד, האָט שטארק באקעמפט די „כת", און ער, איציקל, האָט באשלאָסען צו געהן אין זיינע דרכים.

אָבער די איינזאמקייט דריקט. אין דרויסען האָט זיך געשטעלט דער פריהלינג. אין דער נשמה ברויזט עס, ציהט עס אין דעם ליכטיקען דרויסען, און מען דארף האָבען א געוואלדיגען כח, כדי ניט צו ענטפערען אויפ'ן רוף פון דער נאטור, בפרט ווען מען איז איינער אליין, אָהן א חבר, אָהן א פריינט, פאר וועמען דאָס הארץ אָפצורוידען.

האָט איציקל איינמאָל געלייגט אן „עירוב" אויף דער גמרא און אַרויס אין דרויסען. שפאצירט אזוי איבער די האלב־פארשלאָפענע געסלאך פון שטעטעל. אָט איז ער שוין הינטער דער שטאָט, געהט פארביי דעם גלח'ס גאָרטען, פון וואנען עס טראָגען זיך דופטענע ריחות, וואָס פאר'שיכור'ן ממש. געהט ער ווייטער און ווייטער, ווי עס וואָלט איהם עפּעס געשלעפּט ווייט, ווייט... פּלוצלונג וואקסט אויס נעבען איהם אן אלטער גלח, וועלכער באגריסט דעם יונגען עלוי און קניפּט אָן מיט איהם א געשפּרעך.

אין תחילת איז איציקל א דערשראָקענער. זיין בליק בלאָנדזשעט ערגעץ וואו און טראכט ווי אזוי פּטור צו ווערען פון דער אָנשיקעניש. אָבער דער אלטער גלח רעדט אזוי מילד, ווארפט אריין לשון קודש'דיגע ווערטער, וויזט ארויס בקיאות, זאָגט קרומע סברות און די אמביציע ביים יונגען

עלוי צעשפּילט זיך, לאָזט ער זיך מיט איהם אריין אין א וויכוח. ער רעדט מיט פייער, מיט התלהבות ביז זיי קומען אריין אין גאָרטען, זעצען זיך אוועק אויף א באנק, צופוסענס פון אלטען קלויסטער. דער אלטער גלח גלעט זיין האנט, לאַשטשעט איהם און רעדט צו איהם אזעלכע זיסע רייד, און עס דאכט זיך איהם, דעם עלוי, אז עס איז ניטאָ די מינדעסטע סכנה צו פיהרען מיט איהם א וויכוח, דאָס שארפט דאָך דעם מח, פרישט אָפּ, רופט ארויס אינטערעס...

און ווען דער אלטער גלח לאַדעט איהם איין צו קומען א צווייט מאָל אין גאָרטען, כדי פאָרצוזעצען דעם שמועס, זאָגט ער ניט אָפּ, נאָר אדרבא ואדרבא, וואָס קען עס דען שאדען?..

און פּלוצלונג — האָט ווי א דונער זיך געטראָגען איבער׳ן שטעטעל די מורא׳דיגע ידיעה, אז איציקל דער עלוי געפינט זיך דאָרט, אין דעם הויכען אלטערטימליכען קלויסטער, וואָס ענדיגט זיך מיט א שפּיץ ווי א שפּיז און ווארפט תמיד אָן אן אימה אויף יעדען אידען, וועלכער געהט פארביי דעם דאָזיגען מקום טומאה....

דער רב און די פּרנסים ברעכען זיך די קעפּ, זוכען עצות, תחבולות, ווי ארוס ארויסצוראטעווען די צארטע בלום פון די פארדערבליכע הענט. אָבער עצות היינט, עצות מאָרגען, אז דער גלח לאָזט קיינעם ניט צו צו זיך און ניט צום קרבן זיינעם, וועלכער איז פארשפּארט אין העכסטען אָרט פון קלויסטער־טורעם און גרייט זיך צום שמד, רחמנא לצלן...

און דאָ לויפט א טאָג נאָך א טאָג. די אלמנה איז שוין חרוב קראנק, וויל זיך א מעשה אָנטאָן, שכנים שרעקען זיך פאר איהר לעבען.

ליגט זי אויף׳ן בעטעל, פּעשע די אלמנה, פארזונקען אין איהרע מחשבות. עס איז היינט פרייטאָג אויף דער וועלט, באלד וועט קומען דער ליבער שבת קודש און דערנאָך א זונטאָג — דער שווארצער זונטאָג, ווען איהר איציקל וועט אָפּגע׳שמד׳ט ווערען מיט א גרויסע צערעמאָניע. פּלוצלונג פאלט איהר איין א געדאנק, גיט זי זיך א רייס אָפּ פון אָרט, כאפּט א טוך איבער׳ן קאָפּ און לויפט ווי א וואהנזיניגע איבער׳ן שטעטעל, ביז זי קומט אין הויף פון מגיד.

דער מגיד האלט נאָך אין מיטען דאווענען, ער שטעהט איינגעהילט אין טלית און תפילין, ארומגערינגעלט פון זיינע תלמידים און דאווענט מיט התלהבות. מיט אמאָל, א געשריי און א געוואלד, פּעשע רייסט זיך אריין אין בית מדרש מיט א יללה, לויפט צו צום מגיד, פאלט אנידער פאר זיינע פיס און שרייט מיט באנומענע קולות:

— הייליגער רבי, ראטעוועט מיין קינד, מיין כשר קינד, וועלכער

איז פארכאפט געוואָרען פון דער טומאה, ראטעוועט איהם, כל זמן עס איז נאָך ניט שפעט!..

די געשרייען, די געוואלדען און די יללות פון דער אומגליקליכער אלמנה צעשניידט דאָס הארץ. דער גאַנצער עולם שטעהט ווי פארגליווערט, די אויגען זיינען פול מיט טרערען און מען ווארט אויף א וואָרט פון מגיד.

און דער מגיד — ער איז משונה׳דיג בלאס, זיינע הימלישע אויגען בליקען אין דער ווייטקייט און עס זעהט אויס, ווי די געוואלדען פון דער אלמנה ווערען פון איהם ניט דערהערט, דערגרייכען לגמרי ניט צו איהם.

אָבער דאָס דויערט נאָר א ווייל. באלד דערהערט זיך אין דער אלגע־מיינער שטילקייט די ווערטער פון מגיד:

— געה אהיים, אידענע, און גרייט זיך צום הייליגען שבת. דער שבת גופא ברענגט א רפואה, און ניט נאָר פאר חולי הגוף, נאָר אויך פאר חולי הנפש..

געהט די אלמנה אהיים א טרויעריגע, א צעבראָכענע. אין בית מדרש איז מען ממשיך דאָס דאווגען אָבער ניטאָ מעהר די שמחה פון פריהער. א קליינינקייט, א אידישע נשמה, און בפרט אזא נשמה, איז געפאנגען געוואָרען אין דער נעץ פון טומאה!..

פעשע די אלמנה געהט אהיים, גרייט צו דעם שבת, ווי דער מגיד האָט געבאָטען. דאן ווארפט זי זיך ווידער אויפ׳ן בעטל און ווארט אויף דער ישועה.

פרייטאָג־צו־נאכט ביים טיש. די חבריא זיצט צונויפגעדריקט איינער צום אנדערען. שווער צו פארטרייבען די עצבות, וואָס הענגט איבער דער שטאָט אין צוזאמענהאנג מיט די הכנות צו דער שמד־צערעמאָניע, וואָס די גויים גרייטען זיך דורכצופיהרען קומענדיגען זונטאָג. זיצט דער עולם און נעהמט ניט אראָפ די אויגען פון רבין׳ס צורה, וואָס בייט זיך פון מינוט צו מינוט.

דער רבי זאָגט תורה.. „נפש כי תחטא״.. ושמעה קול אלה.. ווי שיקט זיך דאָס, אז א נשמה, א חלק אלקי ממעל, זאָל זינדיגען?.. בפרט אז „ושמעה קול אלה״, אז די שבועה פון בארג סיני ווערט דערהערט יעדע מינוט, יעדע רגע, ווי איז דאָס מעגליך, אז א הייליגע אידישע נשמה זאָל פארכאפט ווערען פון טומאה?..

דער רבי שווייגט. שפארט אָן דעם קאָפּ אויף די הענט, פארזונקען אין די געדאנקען. אין בית מדרש — פחד־פחדים. אלע ווייסען, וואָס דער רבי איז דערמיט אויסען. פיהלען ווי אזוי ער שטרענגט זיך אָן צו ראטעווען דעם „תינוק שנשבה״...

די זעלבע תורה הזר׳ט זיך איבער אויך ביי דער בייטאָגיגער סעודה. ערשט ביי שלש סעודות דערגרייכט די שפּאַנונג ביז צום העכסטן גראַד. גאַנץ שטאָט איז פאַרזאַמעלט. מען וואַרט, מען פיהלט, אז עפּעס וויכטיגעס וועט פאָרקומען.

דרויסען הערשט א שטורם־ווינט און עס קאַפּעט א דינער רעגען, וואָס דרינגט אריין ביז צו די עצמות. דאָס פינסטערניש איז גרויס, ממש מיט די הענט אָנצוטאַפּען...

און פּלוצלונג — א רעש, א מורמלעריי, ווי דער שטורם וואָלט אימיצען געבראַכט צו טראָגען און אריינגעשליידערט אין בית מדרש פון מעזריטשער מגיד. דער עולם קוקט זיך אום, ערשט איציקל איז דאָ, איציקל דער עלוי!

ער שטעהט ביי דער טיר, אין דרייען געבויגען, דער פּנים צו דער ערד און ארום איהם א גרויס געזעמעל. יעדער איינער איז אויסער זיך פון איבערראַשונג, פון פאַרוואונדערונג.

פּלוצלונג דערהערט זיך די שטימע פון רבי׳ן:

— איציקל, קום אהער צו מיר! איציקל געהט מיט געבראָכענע טריט, דער עולם מאַכט א וואַרע, ביז ער קומט צו צום רבי׳ן.

איציקל ברעכט אויס אין ביטער געוויין, וואָס טראָגט זיך איבער׳ן גאַנצען בית מדרש.

— באַרוהיג זיך, מיין קינד, דערצעהל, ווי אזוי דו ביזט אהער געקומען. שעהם זיך ניט, דערצעהל!

און איציקל דערצעהלט: פון פרייטאָג בייטאָג אָן האָבען געפיהלען פון חרטה אָנגעהויבען צו פרעסען מיין האַרץ, אז איך האָב זיך קיין אָרט ניט געקענט געפינען אין דער ענגער צעלע פון קלויסטער. די צורה פון פאַרשטאָרבענעם טאַטען האָט געשוועבט פאַר מיינע אויגען און אויסגעזעהן האָט ער ווי איין שטיק צער...

אָבער דאָס אַלעס איז נאָך גאָרניט געווען לגבי דעם געפיהל, וואָס האָט מיך באַהערשט פרייטאָג צונאַכט. איך האָב זיך פאַרגעשטעלט, ווי אַלע אידען זיצען ביים שבת׳דיגען טיש און פרעהען זיך מיט דער שבת מלכתא און נאָר איך, דער זינדיגער, בין אריינגעכאַפּט געוואָרען אין דער נעץ פון טומאה..

פּלוצלונג איז מיר געקומען אויף׳ן געדאַנק דער פּסוק: „ונפש כי תחטא״... דאָס דאָזיגע וואָרט האָט זיך צוגעקלעפּט צו מיר און געריסען פון מיר לעבעדיגע שטיקער. דאַן האָב איך באַשלאָסען צו אַנטלויפען, צו ראַטעווען די נשמה כל זמן עס איז נאָך ניט שפּעט. איך בין צו צו דער טיר, אָבער זי איז געווען פאַרשלאָסען מיט גרויסע אייזערנע שלעסער.

אין גרויס פארצווייפלונג האָב איך זיך געוואָרפען אויף׳ן בעטעל און אזוי געוואַלגערט זיך דארויף א גאנצע נאכט.

מיט׳ן אָנקומען פון טאָג איז מיר נאָך שווערער געוואָרען אויף׳ן הארץ. איך האָב אויף מיר געבעטען דעם טויט. שפּעטער האָב איך זיך מיישב געווען, אז איך מוז עפּעס אָנטאָן א מעשה, וואָס זאָל זיין א כפּרה פאר מיינע זינד. איך האָב געטראכט פון נעהמען זיך דאָס לעבען, אָבער עס איז ניט געווען מיט וואָס...

ערשט פארנאכט האָט זיך געמאכט א ווינט, א שטארקער ווינט, און דאָס פענסטערעל פון מיין קאָמער האָט זיך געטהאָן א פּראַל־אויף. איך האָב עס באטראכט פאר א סימן, אז דורך דעם דאָזיגען פענסטערל רופט מען מיך.. איך האָב זיך אויפגעהויבען פון בעטעל, אָפּגעזאָגט ווידוי, געקלאפּט זיך „על חטא״ און מיט די ווערטער: „זאָל מיין טויט זיין א כפּרה פאר מיר״ — האָב איך זיך ארויסגעשליידערט פון דעם הויכען טורעם.

. . . אָבער אָנשטאָט צו פאלען אויף דער ערד און צו געפינען דעם טויט, האָט דער ווינט מיך געבראכט צו טראָגען אהער, צום רבין׳ס בית המדרש — רופט אויס איציקל מיט א געוויין — ווייזט אויס, אז אפילו דאָס גיהנום וויל מיך ניט אריינגעהמען! אויך די ערד האָט פארשלאָסען איהר מויל און וויל מיך ניט איינשלינגען. וואָס זשע בלייבט פאר מיר איצט צו טהאָן?

דער מגיד פון מעזריטש לייגט ארויף די האנט אויפ׳ן קאָפּ פון דעם יונגען בחור, ציהט איהם צו צו זיך פאָטערליך און רופט אויס:

— בארוהיג זיך, מיין קינד, אין הימעל האָט מען אָנגענומען דיין תשובה. אחינו אתה!...

אַ מענש־אַ מלאך

דער גרויסער מגיד פון מעזעריטש, רבי בער זצ״ל, האָט געהאט א בן יחיד, רבי אברהם, אויף וועלכען די תלמידים און אָנהענגער פון זיין פאָטער האָבען געקוקט ווי אויף זיין ממלא־מקום און אלס דער ממשיך פון דער שיטה פון הייליגען בעל שם טוב, וועלכע דער מגיד האָט באגרינדעט, באלויכטען און פארשפרייט.

אָבער הגם רבי אברהם איז געווען ראוי לאותה איצטלא, ער איז געווען ניט בלויז דאָס קינד פון מגיד, נאָר אויך זיין גייסטיגער יורש, האָט אָבער זיין התנהגות ארויסגערופען גרויס באאומרוהיגונג ביים פאָטער און פאר־וואונדערונג ביי זיינע תלמידים.

זיין דרך איז געווען א גאנץ אנדערער ווי דעם פֿאטער׳ס. ער איז איינגאנצען געווען אויסגעטהאָן פון דער וועלט. זייענדיג עוסק טאָג און נאכט אין תורה און עבודה, האָט ער דערצו אויך פארבראכט אין סיגופים און תעניתים אין אזא מאָס, וואָס מען האָט עס גאָר ניט געקענט משיג זיין, ווי אזוי דאָס חיות האלט זיך אין איהם.

שוין דערמיט, איז דער זוהן זיך פונאנדערגעגאנגען פון פֿאטער׳ס דרך. ווארום דער גרויסער מגיד האָט, ווי דער בעל שם טוב האָט געלערענט, געהאלטען, אז דינען דעם אויבערשטען, ברוך הוא, דארף מען נישט דוקא מיט אָבזאָגען זיך פון דער וועלט, מיט כסדר׳דיגע תעניתים און מיט קערפּער־ליכע פּייניגונגען, נאָר גראד דער היפך: דוקא מיט עסען און טרינקען, מיט געניסען פון דער וועלט. נישט מיט ענינים וואָס פיהרען צו עצבות, נאָר גראד מיט שמחה...

אָבער מיט זיין התנהגות, האָט דער מגיד׳ס בן יחיד געשאפען דעם איינדרוק, ווי ער וואָלט גאָר קיין בשר ודם נישט געווען, נאָר א מלאך פון הימעל. דערפאר האָט מען איהם א נאָמען געגעבען „דער מלאך", און דער דאָזיגער נאָמען איז איהם שוין פארבליבען אין דער חסידישער וועלט.

דער מלאך האָט זיך געפיהרט לויט דער שיטה פון האר"י הקדוש. זיין נאָהענסטער חבר און פריינד איז געווען איינער פון די חשוב׳סטע תלמידים פון זיין פֿאטער, רבי שניאור זלמן, דער בעל „התניא" זצ"ל. צוזאַ־מען האָבען זיי יאָהרען־לאנג עוסק געווען אין תורה, סיי אין נגלה און סיי אין נסתר, געלערענט חסידות ביים מגיד, און תמיד ווען דער בעל „התניא" האָט זיך געפונען אין מעזריטש, האָט מען זייביידען געזעהן צוזאמען.

די מענשען, וואָס האָבען דעם „מלאך" פערזענליך געקענט, האָבען דערצעהלט, אז עס איז געווען א פחד איהם אָנצוקוקען. זיין אויסזעהן בלויז, זיין בליק, האָט געלייטערט און דערהויבען, געוועקט צו תשובה און מעשים טובים. אָבער ניט צו אָפט האָט מען איהם געזעהן. בכלל האָט ער זיך געהיט צו קומען צווישען מענשען, צו פארברייינגען צווישען זיי. תמיד האָט ער געפּראוועט התבודדות.

ווען ער איז אלט געוואָרען פופצעהן יאָהר, האָט איהם דער פֿאטער חתונה געמאכט. גאנצע צעהן יאָהר האָט ער געוואוינט מיט זיין ערשטער פרוי, און זי אפילו רעכט נישט געקענט, אזוי ווייט איז ער געווען אויסגעטאָן פון דער וועלט. אָבער די פרוי האָט זיך קיין מאָל נישט באקלאָגט אויף איהר מאַן. זי איז געווען גליקליך שוין דערמיט, וואָס זי ווערט אָנגערופען דאָס ווייב פון מלאך...

צעהן יאָהר נאָך דער חתונה איז די יונגע רביצין קראנק געוואָרען.

בלויז א קורצע צייט איז זי קראנק געווען און איז נפטר געוואָרען. דער מלאך איז אַלזאָ געוואָרען אַן אַלמן צו 25 יאָהר. אָבער ער האָט באַשלאָסען מעהר נישט חתונה צו האָבען.

דער דאָזיגער באַשלוס האָט אָבער אויף זיין פאָטער, דעם מגיד, געמאַכט א שווערען איינדרוק. איז דאָך רבי אברהם'לע געווען דאָס איינציגע קינד זיינס, און אויב ער וועט מעהר ניט חתונה האָבען, וועט דאָך איבערגעהאַקט ווערען זיין גזע...

דער גרויסער מגיד האָט גוט געקענט זיין זוהן. ער האָט געוואוסט, דאָס דער מלאך איז א מין אדם השלם, וואָס פאַרמאָגט א הייליג אויסגעאַר־בייטען גוף, וואָס האָט נישט קיין נייגונג צו קיין שום ערדישע באַדערפעני־שען. ער פאַרמאָגט אין זיך א נשמה אָהן דעם מינדסטען פגם, און עס איז ניטאָ קיין אונטערשייד צווישען זיין מדרגה ביים לעבען און דער מדרגה, וואָס א צדיק דערגרייכט אין עולם העליון. אָבער דער מגיד האָט געדענקט די לעצטע ווערטער פון זיין גרויסען רבי'ן, דער בעל שם טוב, וועלכער האָט איהם, אין די לעצטע מינוטען פון זיין לעבען, מבטיח געווען, דאָס אויב משיח וועט אזוי גיך ניט קומען, וועט זיין נשמה נאָכאַמאָל אַראָפּקומען אויף דער וועלט אין איינעם פון זיינע קינדער. און אויב זיין בן־יחיד וועט קיין קינדער נישט ברייגגען — ווי אזוי וועט מקוים ווערען די הבטחה פון רבין?...

האָט דעריבער דער מעזריטשער מגיד איינגע'טענה'ט מיט זיין הייליגען זוהן:

— אברהמ'ניו קרוין, מיר ווייסען דאָך, אז די תורה איז נישט געגעבען געוואָרען צו מלאכים, נאָר דוקא צו א בשר ודם. דאָס איז דערפאַר, ווייל אין הימעל וויל מען, אז דער מענש, דער קרוץ מחומר, זאָל זיך אַרויפ־אַרבייטען, זאָל שטייגען אין עבודות הבורא. דער הייליגער רבי האָט געלערענט, אז דער אויבערשטער, איז מלא כל הארץ כבודו, אומעטום איז ער דאָ, אין יעדער מענשליכער עובדה, אין זיין יעדער תנועה, אין זיין טריט און שריט.

— אומעטום קען מען איהם, כביכול, טאַקע געפינען — האָט דער מלאך דאַרויף געענטפערט — אָבער אין רוחניות'דיגע מעשים, אין מבטל מאַכען דעם יצר — מוז מען איהם געפינען.

זעהענדיג, אז זיינע דבורים האָבען אויף איהם ניט קיין ווירקונג, האָט דער מגיד איינמאָל, בעת א שמועס מיט זיין זוהן, א זאָג געטהאָן שטרענג:

— איך בין אויף דיר גוזר בגזרת כבוד אב, אז דו זאָלסט חתונה האָבען און מעמיד דורות זיין, ווייל אזוי וויל מען אין הימעל...

דער מלאך האָט בשעת מעשה גאָר נישט געענטפערט. אָבער שפּעטער,

אין א צייט ארום, האָט ער איינמאָל א זאָג געטהאָן צו זיין חבר, דעם בעל „התניא":

— דער טאטע לאָזט מיך נישט צורוה און ער וויל מיך דוקא דערוויי־טערען פון דעם ארט, וואו מיר האלטען שוין איצט, צוריקשטויסען צו דער וועלט פון גשמיות. אָבער, סהדי במרומים אז עס איז מיר שווער דאָס צו טהון, און הגם, דאָס איז דער רצון פון טאטען, קען איך אָבער נישט מבטל מאכען דעם רצון פון מיין רוחניות'דיגען טאטען (דער רבונו של עולם) פאר'ן רצון פון ערדישען טאטען...

אָבער פּלוצלונג, ווען מען האָט זיך שוין געהאט מייאש געווען דערפון, איז פלוצלונג באקאנט געוואָרען אין הויף, אז דער „מלאך" האָט געענדערט זיין באשלוס. ער האָט באשלאָסען נאָכצוגעבען און חתונה האָבען א צווייט מאָל.

וועגען דער סיבה פון דאָזיגען געענדערטען באשלוס, זיינען פאראן אין דער חסידישער וועלט פארשידענע השערות. עס ווערט דערצעהלט, אז דער מגיד האָט גע'פועל'ט, אז פון הימל זאָל מען באפעהלען זיין זוהן, ער זאָל מקיים זיין דעם רצון פון דעם פאָטער. אנדערע האָבען באהויפּטעט אז מען האָט איהם, דעם מלאך, מגלה געווען אז זיינע קינדער וועלען מיט זייערע דרכים מעהר דערנעהנטערען דעם הימעל צו דער ערד, ווי ער — די ערד צום הימעל. גענוג איז צו זאָגען, אז אין מעזריטש האָט דער דאָזיגער באשלוס ארויסגערופען גרויס שמחה.

גלייך ווי דער מגיד האָט זיך דערוואוסט, אז זיין זוהן איז שוין מסכים חתונה צו האָבען, האָט ער געשיקט צוויי שליחים, פון די געהויבענע תלמידים זיינע, אין דער שטאָדט קרעמעניץ, וואו עס האָט געלעבט דער מגיד רבי פייבוש, דער מחבר פון „משנת חכמים", כדי ביי איהם צו פועל'ן, ער זאָל מסכים זיין, דאָס זיין טאָכטער גיטעלע, וועלכע איז דאמאָלסט אלט געווען בלויז צוועלף יאָהר, זאָל חתונה האָבען מיט זיין זוהן, דעם מלאך.

היות ווי דער קרעמעניצער מגיד איז געווען א גרויסער אָרימאַן, ער האָט נישט געוואָלט נהנה זיין פון מענשליכע גאָב, און זיין הויז־געזונט האָט געליטען נויט, האָט דער מעזריטשער מגיד באפוילען זיינע שליחים מיטצופיהרען קיין קרעמעניץ פיעל טייערע חפצים, תכשיטים און גרויס־ארטיגע קליידער, כדי די רביצין, וועלכע איז ניט געוואוינט געווען דערצו, זאָל באהערשט ווערען פון חשק חתונה צו מאכען רייך איהר יונגע טאָכטער, און עס זאָל פון איהר זייט ניט זיין קיין מניעה.

די שליחים זיינען אָפּגעפאָהרען קיין קרעמעניץ מיט א גרויס עשירות, מיט א טייערע קאטש, געשפּאנט מיט צוויי פּאָר פערד, און זיי זיינען פאר־

באַהרען צו דער הייזקע וואו עס האָט געוואוינט דער קרעמעניצער מגיד.

ווען די רייכע קאַטש האָט זיך אָפּגעשטעלט פאַר דעם אָרימען שטי־בעל פון מגיד, איז געוואָרען א גרויס צוזאמענלויף. אלע האָבען זיך געוואונ־דערט, ווי עס קומען אזעלכע רייכע אידען צו זייער מגיד, וועלכער איז אויסגעטהון פון דער וועלט, זיצט על התורה ועל העבודה יומם ולילה, און די גאנצע לאַסט פון אויסהאַלטען די שטוב ליגט אויף דער רביצין, די עקרת הבית.

די רביצין האָט די פרעמדע אידען זעהר פיין אויפגענומען און גע־ברענגט וואָס עס האָט זיי געבראַכט צו איהר, אין אָרימען שטיבעל.

— מיר דאַרפען האָבען צו אייער מאַן, דעם מגיד. מיר האָבען צו איהם א גאָר וויכטיגע שליחות, און מיר ווילען איהם זעהן.

— אָבער איך קען נישט מבטל מאַכען מיין מאַן פון לערנען, אויב איך וועל ניט וויסען פריהער וועגען וואָס עס האַנדעלט זיך. שוין געווען פיל שליחים פון גרויסע קהילות, וועלכע האָבען מיין מאַן געוואָלט אויפנעהמען אלס רב, און ווען איך האָב געבראַכט מיין מאַן, כדי אויפצונעהמען די קהל־שע שליחים, האָט ער געהאַט אויף מיר גרויס הקפדה וואָס איך האָב איהם מבטל געווען פון לערנען. דאַריבער זאָג איך אייך, ליבע אידען, טאָמער זענט איהר קהל'שע פאָרשטעהער, איז אומזיסט אייער טרחה.

— מיר זיינען נישט קיין קהל'שע פאָרשטעהער. מיר זיינען גאָר געקומען וועגען א שידוך פאַר אייער טאָכטער, פאַר אייער גיטעלע.

— אויב אזוי, מעג איך דאָך אוודאי וויסען מכח דעם שידוך, איך בין דאָך א מאמע, און מיין מאַן פאַרלאָזט זיך אויף מיר אין אלע וויכטיגע ענינים, וואָס זיינען נוגע דער משפחה.

האָבען די שליחים דערצעהלט אז זיי זיינען געשיקט פון מעזריטשער מגיד, וועלכער בעט אז מען זאָל געבען גיטעלען אלס פרוי פאַר זיין בן־יחיד, רבי אברהמ'ניו.

דערהערענדיג דאָס, האָט די רביצין זיך גאָר שטאַרק צובייזערט און אויסגערופען:

— וואָס רעדט איהר, ווי קענט איהר דאָס פאַרלאַנגען פון אונז. גע־הערט א מעשה. א קינד פון צוועלף יאָהר גאָר חתונה מאַכען מיט א איד אן אלמן, וועלכער איז מעהר ווי צוויי מאָל אזוי אלט ווי זי...

— אָבער עס וועט אייער קינד גוט זיין ווי די גאנצע וועלט. זי וועט האָבען די מערכה פון א בת־מלכה. זעהט, מיר האָבען שוין געבראַכט מיט זיך טייערע מתנות, פון קליידער און צירונג פאַר דער כלה און פאַר'ן גאנצען הויז־געזינד. אחוץ דעם ווייסט איהר דאָך מסתמא ווער עס איז דער מגיד פון מעזריטש, און פון חתן גופא האָט איהר דאָך אויך געהערט!

— מיר געהט דאָס אַלץ נישט אָן, מיין גיטעלע איז נאָך א קינד, און עס איז מיר נישט די נויט איהר חתונה צו מאכען מיט אן אלמן, אפילו ווען ער איז רייך ווי די גאנצע וועלט.

אָבער די שליחים פון דעם מעזריטשער מגיד האָבען נישט געלייגט קיין אכט אויף די רייד פון דער רביצין. זיי האָבען געגלויבט באמונה שלימה, אז קוים האָט דער רבי אהער געשיקט — איז א סימן, אז די צוועלף יעהריגע גיטעלע איז דער זיווג פון מלאך.

— אָבער רביצין, אמת, איהר זענט די מאמע, און קיינער וויל ביי אייך נישט צונעהמען אייער דעה איבער דער צוקונפט פון אייער קינד. אָבער עס איז דאָך, ברוך השם, פאראן א טאטע, וואָס האָט אויך א דעה, און מען דארף הערען וואָס ער זאָגט צו דעם שידוך, בפרט, אז די שליחות פון אונזער רבי'ן האָבען מיר צו איהם, און נישט צו אייך.

— דערמיט זענט איהר גערעכט. איך וועל דעריבער שיקען נאָך מיין מאן, וועלכער געפינט זיך אין זיין לערן שטיבעל, ער זאָל גלייך קומען. אָבער מיר דאכט זיך, אז אויך ער, הגם ער איז אויסגעטאָן פון דער וועלט, וועט מסכים זיין מיט מיר, אז דאָס איז ניט פאר אונז קיין שידוך...

אָבער די רביצין האָט א טעות געהאט. ווי נאָר דער קרעמעניצער מגיד ר' פייבוש האָט דערהערט, אז דער רבי ר' בער וויל זיך מיט איהם משדך זיין און אז דער חתן איז זיין בן־יחיד רבי אברהמ'ניו — האָט ער ממש גענומען טאנצען פון גרויס שמחה און ער האָט אויסגעשריגען:

— איך בין מסכים, איך בין מסכים, און זאָל זיין אין א מזל'דיגער שעה. א קליינינקייט, אזא זכיה, מיט וואָס האָב איך עס זוכה געווען...

דערזעהענדיג די שמחה ביי איהר מאן, האָט שוין די רביצין נישט געוואגט דאָס מויל צו עפענען און זי האָט גענומען צוגרייטען א מאָלצייט פאר די געהויבענע געסט.

די שליחים האָבען ארויסגענומען די טהייערע קליידער און די מתנות פאר דער כלה. זיי האָבען אויך ארויסגענומען די גוטע מאכלים און די טייערע ווייגען. עס איז געפראוועט געוואָרען א קנס־מאָל מיט גרויס שמחה.

די שליחים האָבען פארבראכט אין קרעמעניץ עטליכע טעג, דערנאָך האָבען זיי צוזאמען מיט דער כלה און די מוטער זיך געלאָזט קיין מעזריטש, וואו עס איז געפראוועט געוואָרען די געהויבענע חתונה.

בלויז 12 יאָהר האָט דער מלאך געלעבט נאָך דער חתונה און געבוי־רען צוויי קינדער, פון וועלכע דער עלטערער, רבי שלום שכנא, דער פּראָביש־טשער רבי, איז געווען דער פאָטער פון רבי ישראל פון ריזשין זצ"ל.

דער צדיק און דער קיסר...

רבי לייב שרה'ס, זצ"ל, איז געווען איינער פון די תלמידי הבעש"ט, וועלכער האט נישט נוהג נשיאות געווען אין אנגענומענעם זינען פון ווארט. דער מענש איז געווען א פלא סיי מיט זיין התנהגות און סיי מיט זיינע מופתים. ער איז ארומגענומען געווארען מיט א קייט פון לעגענדעס נאך ביים לעבען און ווען נישט די המלצה בריעף, וואס זענען איהם ארויסגעגעבען געווארען, דערונטער אויך פון גרויסען מגיד פון מעזריטש, וואס זענען אבגעדרוקט געווארען אין די חסידישע ספרים, וואלט מען זעהר ווייניג געוואוסט פון איהם און זיינע מעשים.

זיין אויפגאבע איז געווען פדיון שבוים און הצלת נפשות. צוליעב דעם פלעגט ער ארומרייזען פון ארט צו ארט אויסלייזען די אידישע ארענדארען פון די הענד פון די שלעכטע פריצים. ער האט אויך געהאט די אויפגאבע אויפצוזוכען געהויבענע נשמות און זיי מעלה זיין צו תורה, צו עבדות און צו יראת שמים. און נישט בלויז מיט די פריצים האט ער געהאט עסקים, נישט דערלאזט, אז זיי זאלען שלעכטס טהון אידען, נאר אויך מיט די קיסרים, וועלכע האבען געוועלטיגט אין די לענדער, וואו אידען האבען געוואוינט אין גרעדיכטע מאסען.

קיינמאל איז ער נישט געזעסען אויף אן ארט. תמיד געווען נע־ונד, געוואנדערט פון איין ארט צום צווייטען. לאנג פארברענגט אין די וועלדער, אין די היילען, און עוסק געווען אין זיינע ענינים. דאך אבער, ווען עס האט געדראהט א צרה פאר אן עדה אידען, איז רבי לייב שרה'ס פלוצלונג אויסגעוואקסען, געבראכט די ישועה, און גלייך דערנאך פארשוואונדען.

קליין איז געווען די צאהל פון זיינע תלמידים. אבער די תלמידים זיינע זענען געווען בני עליה. מיט זיי פלעגט ער איבעררייידען פארשידענע הויכע ענינים. און זיי פלעגט ער אויך איבערגעבען אויסצופיהרען געוויסע שליחות'ן לטובת א אידען, אדער א צבור פון אידען.

איינער פון זיינע תלמידים איז געווען דער גאון און צדיק רבי יצחק אשכנזי פון לעמבערג, צו וועמען ער פלעגט קומען פון צייט צו צייט און פארברענגען דארט, נישט ארויסגעהענדיג מפתח הבית. ווארום זיינע דרכים זענען געווען בצנעה, אהן קיין שום פרסום, אזוי אז ווייניג מענשען האבען איהם געקענט.

איינמאל, ערב פסח, איז רבי לייב געקומען קיין בראד, פון וואנען ער האט געשיקט א בריעף צו זיין תלמיד רבי יצחק אשכנזי, דאס ער זאל קומען צו איהם, קיין בראד. רבי יצחק האט איינגעפאקט זיינע מלבושים,

און געלאָזט זיך אין וועג אריין, קיין בראד, כדי מקבל פּנים צו זיין דעם רבין זיינעם.

אויפ׳ן וועג האָט ער אָנגעטראָפען אויף א מדינה געהער אין וועלכען רבי יצחק האָט דערקענט א פארבאָרגענעם צדיק. אזוי שמועסענדיג, האָט איהם רבי יצחק דערצעהלט, דאָס ער געהט באגעגענען זיין רבין, רבי לייב שרה׳ס. האָט דער איד געבעטען, דאָס ער זאָל איהם מיטנעהמען, ווייל ער וויל האָבען די זכיה צו זעהן דעם צדיק נסתר. רבי יצחק האָט איהם צוליעב געטהון, זייענדיג זיכער, דאָס זיין רבי וועט נישט האָבען דערויף קיין הקפדה.

נישט ווייט פון בראד האָט רבי יצחק און זיין באגלייטער דערזעהן, ווי רבי לייב געהט זיי אקעגען. רבי לייב האָט געהאט טענות צו זיין תלמיד. פאַרוואָס ער האָט זיך נישט באנוצט מיט קיין פוהר, נאָר געגאנגען צופוס. מען דארף די כחות אויסנוצען צו וויכטיגערע ענינים — האָט ער גע׳טענה׳ט.

— און ווער איז עס דער איד, וואָס געהט צוזאמען מיט דיר? האָט רבי לייב געפרעגט.

— דעם דאָזיגען אידען האָב איך באגעגענט אויפן וועג, און ער האָט אויסגעדריקט דעם רצון צו באגעגענען דעם רבין, האָט רבי יצחק געענטפערט.

— נאט אייך שלום, רב איד, און געהט מיר לחיים ולשלום — האָט רבי לייב גיך אָבגעפערטיגט דעם אידען, און דאן זיינען זיי ביידע אריין אין וואלד, און דאָרט פארבראכט עטליכע שעה.

רבי לייב איז געווען א גרויסער גברן. ער האָט קיינמאָל נישט געוואוסט פון קיין מידקייט. תמיד, ווען ער האָט באהאנדעלט וויכטיגע ענינים, איז ער געשטאנען אויף די פיס, און נישט געטהון קיין ריהר מיט קיין אבר. אזוי פלעגט ער קענען אָבשטעהען א גאנצע נאכט ביים פענסטער, פארטהון אין זיינע רעיונות, ביז עס איז טאָג געוואָרען און ער האָט זיך גענומען צו זיין טאָג־טעגליכער עבודות.

נאָכן שמועס אין וואלד, זיינען רבי לייב און זיין תלמיד צוריק געגאנגען אין שטאָדט, אוועק אויף דער אכסניא, וואָס האָט זיך געפינען ביי א רייכען אידען. ביידע האָבען אָנגעטהון טלית ותפילין, און ווייטער גענומען שמועסען.

פּלוצלונג האָט זיך געהערט א געשריי, אז דעם בעל הבית טאָכטער איז אוועקגעפאלען, און עס האלט ממש ביי סכנות נפשות. דאָקטאָרים קומען, דאָקטאָרים געהן, אין הויז איז א גרויסע מהומה, און דער קראנקער ווערט ערגער פון מינוט צו מינוט.

אין תחילת האָט דער בעל הבית נישט געוואגט אריינצוגעהן אין צימער פון זיין גרויסען אורח און איהם שטערען אין זיין עבודות, אָבער

זוען עס האָט געהאַלטען גאָר שלעכט, האָט ער געפאסט מוט און אריין אין צימער און מיט גרויס געוויין, געבעטען, אז דער צדיק זאָל דערלאַנגען א ישועה פאר זיין טאָכטער.

— מיין ליבער בעל הבית, איהר זעהט דאָך, אז מיר זענען איצט צו־שטארק פארנומען מיט וויכטיגע ענינים. פאָלגט זשע מיך און געהט צו רבי שמואל דעם קהל שמש, און זאָגט איהם, אין מיין נאָמען, אז ער זאָל מתפלל זיין פאר דער קראנקער.

דער בעל הבית איז געלאָפען אויפזוכען רבי שמואל משמש, אָבער גראד האָט ער איהם נישט געפינען. צוריקקומענדיג אהיים, האָט ער געטראָפען זיין טאָכטער ביי דער ערגסטער שטופע. האָט ער נישט געקוקט אויף קיין זאך און צוזאמען מיט זיין ווייב האָט ער זיך ארייגעריסען אין חדר פון זיין אורח און מיט געוויין און געשריי ערקלערט, אז ער וועט נישט אָבטרעטען ביז דער רבי וועט דערלאנגען פאר איהם א ישועה.

רבי יצחק, וועלכער האָט דאָס אלץ צוגעקוקט, האָט דאן אויסגע־רופען צום רבין:

— רבי, איך קען מעהר נישט האלטען דעם רעיון צוליעב די גע־וואלדען און צוליעב דעם צער פון די אידען:

ערשט דאן האָט רבי לייב אָנגעכאפּט זיך ביי באָרד און פּיאות און א געשריי געטון:

— רבונו של עולם, צוליעב דעם בין איך אהערגעקומען כדי צו הערען די געוואלדען און די קרעכצען, וואָס זאָלען אונז מבלבל זיין? וואָס ווילען זיי פון מיר, וואָס האָבען זיי זיך אויף אונז אָנגעלעגט!...

גלייך דערנאָך איז געקומען די ידיעה, אז די קראנקע פיהלט זיך בעסער, און עס האָט נישט לאנג געדויערט, און זי האָט געהאט די גאנצע רפואה.

איינמאָל איז רבי לייב געקומען אין א דאָרף אין אונגארן, אָנגע־קלאפּט ביים אידישען קרעטשמער, געוועזען איז עס שוין נאָך האלבער נאכט. דער קרעטשמער האָט זיך אויפגעכאפּט פון שרעק, אין תחילת האָט ער נישט געוואָלט עפענען, ערשט ווען רבי לייב האָט געזאָגט ווער ער איז, האָט דער קרעטשמער געעפענט די טהיר און איהם אריינגעלאָזט.

אָברוהענדיג זיך עטוואָס פון וועג, האָט רבי לייב א זאָג געטהון צום קרעטשמער:

— מיר ווייסען, אז איהר זענט ביים היגען פריץ א גרויסער חשוב. מאָרגען גאנץ פריה פאָרט אָב דער פריץ קיין בודאפּעסט צו א וויכטיגער מלוכה־בעראטונג, וואָס איז נוגע דעם כלל ישראל. מיר מוזען דעריבער גלייך זיך מיט איהם זעהן, איידער דער פריץ פאָהרט אָב פון דאנען.

— וואָס זשע פארלאנגט איהר פון מיר, רבי, — האָט דער קרעטשמער געפרעגט אין שרעק.

— מיר פארלאנגען, אז איהר זאָלט געהן צום פריץ, איהם אויפוועקען, און זאָגען איהם, אז ר' לייב שרה'ס ווארט אויף איהם ביים טויער פון זיין הויף, ער מוז איהם שוין זעהן.

— אָבער הייליגער רבי, איהר פארלאנגט פון מיר א זאך וואָס איז פארבונדען מיט סכנות־נפשות. איהר פארשטעהט וואָס דאָס הייסט נעהמען אויפוועקען א פריץ, וואָס איז דערצו א מיטגליד פון קייזערליכען געהיים־ראט, אין מיטען נאכט?

— איהר האָט נישט וואָס צו מורא צו האָבען, ר' איד. איך זאָג אייך צו, אז עס וועט אייך קיין שלעכטס ניט געשעהן און טאָמער האָט איהר מורא פאר אייער לעבען, בין איך אייך מבטיח, אז איהר וועט לעבען ביז הונדערט און צוואנציג יאָהר...

הערענדיג אזא הבטחה האָט דער קרעטשמער מעהר נישט געטראכט, און ער איז גלייך אוועק צום פריץ, אויפגעוועקט איהם, און איבערגעגעבען איהם, דאָס שליחות פון רבי לייב'ן.

דער פריץ, הערענדיג דעם נאָמען ר' לייב שרה'ס, האָט זיך גלייך אויסגעטיוכעט פון שלאָף, מיט גרויס שרעק האָט ער א כאפ־געטהון אויף זיך א מלבוש, און ארויס צום טויער, וואו עס האָט אויף איהם געווארט דער באהאלטענער צדיק.

עס פארשטעהט זיך, אז די ברכה פון צדיק איז מקוים געוואָרען ביים דאָזיגען קרעטשמער. איינער פון די באקאנטע חסידות־פאָרשער, רבי אהרן מארקוס, האָט גוט געקענט דעם דאָזיגען זקן, און ער דערצעהלט, אז ווען ער איז אלט געווען 114 יאָהר, איז זיינער א זוהן, א איד א בן שמונים געוואָרען אן אלמן און נאכאמאָל חתונה געהאט. ווען דער אלטער טאטע האָט זיך דערפון דערוואוסט, איז ער אוועק צו זיין זוהן, דערלאנגט איהם א פאטש און אויסגערופען: — יונגאטש, דו וועסט אויף דער עלטער חתונה האָבען, ברענגען קינדער אויף דער וועלט, און נאָך דיין טויט וועסטו זיי מיר איבערלאָזען מגדל צו זיין? — ניין, דאָס וועט נישט געהן, ווארום בסך הכל האָב איך נאָך צו לעבען בלויז 6 יאָהר...

אויך ביי די פארשידענע בלוט־בלבולים איז רבי לייב שרה'ס געווען דער מציל ומושיע. אין יאָהר תקל"ד האָט א גלח א שונא ישראל פארטראכט א בלבול אויף א אידען, א קרעטשמער. ער האָט אָנגערעדט א שיקסע, ביי וועמען עס איז געבוירען געוואָרען א נישט־געזעצליך קינד, דאָס זי זאָל עס טויטען און עס אריינווארפען אין א קאמער וואָס געהערט דעם קרעטשמער.

די שיקסע האָט אויסגעפיהרט דעם באַפעהל פון גלח, און דערלאַנגט אַן אַנקלאַגע געגען דעם אידען, וועלכער איז גלייך אַרעסטירט געוואָרען און אין דער גאַנצער געגענד האָט גלייך באַהערשט אַ פּאָגראָם־שטימונג, אַזוי אַז קיין איד איז נישט זיכער געווען מיטן לעבען.

אין טאָג פון פּראָצעס האָבען זיך פאַרזאַמעלט גויים אין די צענדליי־גער טויזענדער, בייצוואוינען דעם פּראָצעס און זעהן דעם סוף פון דעם אידען און זיינע מיטהעלפער, די פּני פון דער שכנותדיגער שטאָדט.

ווען די שופטים האָבען זיך געזעצט ביים גרינעם טיש און אויסגע־הערט די „עדות", איז פּלוצלונג ערשינען פאַר די שופטים רבי לייב שרה'ס און געבעטען, אַז מען זאָל ברענגען דאָס טויטע קינד, און ער וועט אויפ־קלערען דעם ענין, ווער עס איז דער שולדיגער אין איהר טויט.

צווישען די ריכטער האָט זיך געפינען איינער אַ פּריץ, מיט וועלכען רבי לייב האָט אַמאָל געהאַט עסקים און ער האָט געהייסען, אַז מען זאָל ערפיהלען דעם פאַרלאַנג פון דעם רבין, ווייל מיט איהם איז נישט גלייך צו פאַרטשעפּען זיך...

מען האָט געבראַכט דאָס קינד און עס אוועקגעלעגט אויפ'ן טיש. רבי לייב איז צוגעגאַנגען, אַ פּאַטש געטהון מיט זיין פאַרטשיילע, און דאָס קינד האָט זיך גלייך אויפגעשטעלט, און דערצעהלט, ווי די מוטער האָט איהר געטויטעט און דער גלח איז געשטאַנען דערביי... גלייך דערנאָך איז דאָס קינד ווידער געווען טויט...

די פּרעסע פון יענער צייט האָט דעם ענין מפרסם געמאַכט און דער פּויבסט קלעמענס דער פערצעהנטער האָט אין צוזאַמענהאַנג דערמיט אַרויס־געגעבען אַן ענציקליקע, אין וועלכער ער פאַרדאַמט די בלוט־בלבולים.

אָבער די קרוין פון די לעגענדעס, וואָס וועבען זיך אַרום דעם דאָזי־גען צדיק, איז די לעגענדע מכח זיין שטרייט מיטן קיסר יאָזעף דער צווייטער פון עסטרייך.

געווען איז עס אין יאָהר תקמ"ד, ווען רבי לייב, וועלכער האָט זיך דאַמאָלסט געפינען אין אַ קליין שטעדטעל אין מאָהליוועער גובערניע, רוסלאַנד, האָט דערהערט, אַז דער קיסר יאָזעף האָט אַרויסגעגעבען אַ באַפעהל איינצו־פיהרען צוואַנגס־שולען פאַר אַלע אידישע קינדער אין זיין קעניגרייך. די צדיקי הדור האָבען עס באַטראַכט פאַר אַ שרעקליכע גזרה, פּונקט ווי שמד ר"ל, ווייל די כוונה פון קיסר, וועלכער איז געווען אַ שונא ישראל, איז טאַקע געווען, מעביר על דת צו זיין דעם אונטערוואַקסענדען דור.

געווען איז עס פרייטאָג נאָכמיטאָג. רבי לייב איז אַהיימגעקומען פון מקוה, און געבעטען דעם בעל הבית פון זיין אכסניא, דאָס ער זאָל איהם

אויסלייזען זיין פערד און וועגעלע און דעם גויאישען שמייסער אויף עטליכע שעה, ווייל ער דארף מאכען א נסיעה נאך פאר שבת וועגען א דבר מצוה.

עס פארשטעהט זיך, אז דער בעל אכסניא האט עס איהם צוליעב געטהון. ארויסקומענדיג אויפן הויפט־וועג, האט רבי לייב צוגעבונדען די אויגען פון בעל עגלה מיט זיין טיכעל, און ער אליין האט גענומען טרייבען דאס פערד...

עס האט נישט געדויערט, און דער פורמאן האט זיך דערזעהן אין דער שטאדט וויען, נעבען דעם קייזערליכען פאלאץ. רבי לייב האט איהם געבעטען צוווארטען, און אליין איז ער אריין אין שלאס, פארבייגעגאנגען אומגעשטערט אלע וואכען, ביז ער איז אריין אין פריוואט־קאבינעט פון קיסר.

ווען דער קיסר האט איהם דערזעהן האט ער אויפגעציטערט און אין שרעק געפרעגט:

— ווער זייט איהר, ווי אזוי זענט איהר דא אריינגעקומען?...

— מיין נאמען איז לייב שרה'ס. איך בין געקומען צו דיר, דו זאלסט תיכף מבטל זיין די גזרה פון צוואנגס־שולען פאר אידישע קינדער, ווארום מיר איז גוט באקאנט דיין כוונה. נישט מיט קיין בילדונג ווילסטו די אידען מזכה זיין נאר מיט דערוויטערען זיי פון אונזער הייליגער אמונה. זאג איך דיר, קיסר, דאס אויב דו וועסט די גזרה נישט מבטל מאכען, וועל איך פון דיין לייב שניידען שטיקער מיט דעם מעסערל, וואס איך האלט אין האנד...

דער קיסר האט זיך געפרובט פארענטפערען, אז ער מיינט בלויז די טובה פון אידען, און ער האט נישט דערביי קיין שום אנדערע שלעכטע כוונות.

— מיר וועסטו נישט דערצעהלען קיין מעשיות, קיסר, — האט רבי לייב שטרענג געענטפערט — ווארום מיר ווייסען גוט דיינע כוונות. געדענק, איך האב דיר געווארענט.

גלייך דערנאך האט רבי לייב פארלאזט דעם קיסר'ס קאבינעט, און מיטן זעלבען בעל־עגלה נאך צוריקגעקעהרט אין דעם שטעדטעל נעבען מאהילעוו, וואו ער איז נאך אנגעקומען פאר ליכט־בענשען. און דער קיסר האט טאקע גלייך אבגעשאפט דאס געזעץ וועגען צוואנגס־בילדונג פאר אידישע קינדער, ערלויבענדיג בלויז דאס אידען קענען עפענען אייגענע שולען פאר זייערע קינדער אויפן חשבון פון דער מלוכה, אויב זיי וועלען עס פארלאנגען.

שפּיז פון הימעל...

„מיר אַלע, די תלמידים פון גרויסען מגיד, האָבען געאַרבייט אויף יראה — האָט אַמאָל געזאָגט דער רב פון לאַדי, רבי שניאור זלמן זצ"ל, — אָבער צו דער העכסטער מדרגה פון יראת שמים האָט דערגרייכט נאָר איינער פון אונז — רבי זושא אַניפּאָליער".

דער רבי ר' זושא, א ברודער פון רבין ר' אלימלך, איז געווען שטאַרק פאַרהייליגט צווישען די גדולי החסידים, וועלכע פלעגען דערמאָהנען זיין נאָמען מיט גרויס יראת הרוממות. „בלויז דאָס דערמאָהנען דעם רבין ר' זושא" — האָט זיך אויסגעדריקט דער ריזשינער זצ"ל — „איז מסוגל צו יראת שמים".

כל ימיו איז ער געווען אויסגעטהון פון דעם עולם. ער האָט קיין זאַך נישט בעדאַרפען און ער איז געווען א מסתפק במועט. אויך אַנדערע צדיקים האָבען זיך אזוי נוהג געווען, אָבער נאָר ביז א געוויסער צייט, ביז זיי זענען געקומען צו דער מדרגה, צו וועלכער זיי האָבען געשטרעבט. דער רבי ר' זושא איז געבליבען דער זעלבער אַלע זיינע יאָהרען.

ער האָט געהאַלטען, אז דער מענש, וואָס דאַרף נהנה זיין פון צדקה, פון מענשליכע גאָב, דאַרף נישט זיין ביי זיך געפאַלען. אדרבה, ער דאַרף זיין פרעהליך, ווייל דורך איהם איז א איד מקיים די מצוה פון צדקה...

וועגען גשמיות האָט ער קיינמאָל נישט געזאָרגט. זיינע חושים זענען נישט געווען דערצו, ווארום תמיד איז ער געווען פאַרנומען מיט לויטער רוחניות.

איינמאָל איז עמיצער פון די שטאָדט־לייט פאַרבייגעגאַנגען די שטוב פון רבין ר' זושא און דערזעהן ווי גרויס עס איז דאָרט דאָס אָרימקייט, עס איז ממש נישטאָ קיין טרוקען ברויט. די קינדער שרייען עסען, און עס איז ניטאָ מיט וואָס זיי צו שטילען דעם הונגער. דער איד האָט דערלאַנגט די רביצין א מטבע, כדי זי זאָל איינקויפען עסענווארג פאַר די קינדער, און אַליין איז ער אוועק אין בית המדרש, מיט דער כונה צו זאָגען מוסר דעם רבין ר' זושא, וואָס ער זאָרגט נישט פאַר פּרנסה.

דער איד האָט געפינען ר' זושא'ן פאַרטיעפט אין לערנען. אָבער ער האָט נישט געקוקט דערויף, איבערגעריסען איהם און אויסגערופען:

— איך פאַרשטעה דיך נישט, זושא. דו זיצט און לערנסט און אין שטוב שרייען און וויינען די קינדער נאָך ברויט. אָבער נאָך מעהר פאַרשטעה איך נישט, וואָס איז מיט דיר נאָך די שמחה?...

— איך וועל אייך זאָגען — האָט דער רבי ר' זושא געענטפערט —

דאָס וואָס די קינדער וויינען איז ריכטיג, ווארום פארוואָס זאָלען זיי נישט וויינען, אז זייער פרנסה דארף קומען דורך זושאן! און דאָס וואָס איך בין בשמחה איז אויך ריכטיג — ווארום מיין שפייזער איז דאָך דער רבונו של עולם — דער שפייזער פון אלע באשעפענישען...

אין דער צייט, ווען ער האָט אָבגעריכט גלות, האָט ער פארבראכט א לענגערע צייט אין דער שטאָדט אסטראה. דאָרט איז ער געווען א שטיקעל משמש אין גרויסען בית מדרש, און זיין פרנסה איז געווען, וואָס ער האָט געגעסען טעג ביי די בעלי בתים. פלעגט ער פאסטען דריי טעג דורכאנאנד, און ערשט אויפן פערטען טאָג פלעגט ער געהן צו א בעל הבית דערכאפּען זיך דאָס הארץ נאָכ'ן לאנגען תענית. איינמאָל האָט ר' זושא באשלאָסען, אז דאָס איז נישט קיין דרך, דאָס הייסט דאָך חסרון אין אמונה, דאָס הייסט דאָך לגמרי נישט האָבען קיין בטחון! און ער האָט אָבגעמאכט ביי זיך, אז מעהר וועט ער נישט געהן צו א בעל הבית בעטען א ביסל עסען. וועט איהם עמיצער ברענגען אין בית המדרש אריין עסען איז הרי טוב אויב נישט — דארף מען נישט...

עס זענען אריבער די דריי תענית טעג. עס איז געקומען דער פערטער טאָג. דער הונגער האָט איהם גענומען פייניגען, עס האָט ממש געהאלטען ביי סכנות נפשות. אָבער ר' זושא האָט נישט געענדערט זיין באשלוס, נישט צו בעטען קיין עסען.

דערצעהלען חסידים, אז אין הימעל איז געוואָרען א גרויסער רעש. מען האָט גענומען זוכען, וועמען מען זאָל מזכה זיין מיט דער מצוה פון דערהאלטען ביים לעבען דעם דאָזיגען צדיק וקדוש, און עס האָט זיך ארויסגעוויזען, אז אין גאנץ שטאָדט, געפינט זיך נישט קיין איינער, וואָס זאָל ראוי זיין צו דער מצוה. איז געבליבען במוסכם, אז מען דארף איהם שפייזען פון הימעל, אָבער אזא מין עסען, אז ר' זושא זאָל נישט מרגיש זיין פון וואנען עס קומט...

נאָכן אויפכאפּען זיך פון א לייכטען דרימעל, האָט ר' זושא דערזעהן, ווי עס שטעהט פאר איהם א שיסעלע קאשע מיט א טעפּעל וואסער. דער רבי ר' זושא האָט געוואשען די הענד, טועם געווען פון דעם מאכל. עס איז איהם גלייך ליכטיג געוואָרען אין די אויגען. ער האָט אין דעם ביסעל קאשע ממש געפיהלט טעם גן עדן...

אזוי האָט זיך געפיהרט א לענגערע צייט. ר' זושא האָט געפיהלט, אז זיינע כחות ווערען איהם מיט יעדען טאָג באנייט. ער דערגרייכט צו אזעלכע מדרגות, צו וועלכע ער האָט אפילו ניט קיין העזה געהאט צו שטרעבען, אָבער ער האָט נישט געוואוסט די אמת'ע סיבה דערפון...

איינמאָל איז צוגעקומען צו איהם א בעל הבית, ביי וועמען ער האָט אמאָל געגעסען א טאָג און א זאָג־געטהון צו איהם:

— וואָס איז די מעשה, זושא, וואָס דו קומסט נישט מעהר צו אונז אין הויז עסען? — מסתמא שעהמסטו דיך צו עסען ביי א פרעמדען טיש. דעריבער האָב איך באשלאָסען יעדען טאָג צו געבען דיר דריי גראָשען, כדי דו זאָלסט קויפען ברויט. אזוי ריידענדיג, האָט דער בעל הבית דער־לאַנגט איהם די ערשטע דריי גראָשען, און יעדען טאָג נאָכן דאווענען, האָט ער איהם געגעבען דריי גראָשען.

גלייך דערנאָך האָט זיך אויפגעהערט באווייזען די קאשע מיטן וואסער אויף זיין לערען טיש ווי ער איז עס געוועהנט געווען אין די לעצטע וואָכען...

דער רבי ר' זושא, ווען ער איז שוין נתגלה געוואָרען, און חסידים זענען צו איהם געפאָרען נאָך ברכות און ישועות, פלעגט טיילמאָל אויס־רעכענען יעדען איינעם זיינע חטאים, אָבער געטהון האָט ער עס אויף אזא אופן, וואָס האָט קיינעם נישט פוגע בכבוד געווען.

איינמאָל האָט פארבראכט אין אניפאָליע דער רבי ר' קלמיש פון קראקא, דער „מאור ושמש" זצ"ל. בעת דער רבי ר' זושא האָט געפרא־וועט טיש, און די חסידים זענען ארומגעזעסען ביי זיין טיש, האָט ער גענו־מען זיך איינקוקען אין די מענשענס פנים'ער און ארויסזאָגען זייערע זינד. א קוק אויף עמיצען, א קרעכץ געטהון און א געשריי: אה, זושא, ווי גרויס זענען דיינע זינד, די און די עברה האָסטו געטהון דעם און דעם טאָג, יענע עברה האָסטו געטהון אין א צווייטען טאָג — און אזוי כסדר.

פלוצלונג איז געפאלען זיין בליק אויף רבי קלמיש'ן. דער רבי האָט געטהון א קרעכץ, א זיפץ און א געשריי:

— אה, זושא, דו ביזט דאָך מזלזל אין נטילת ידים! ווי קומט עס צו דיר, זושא, ווי פאסט עס פאר דיר, אז דו זאָלסט מזלזל זיין אין נטילת ידים?...

נאָכן טיש, איז רבי קלמיש אריינגעגאנגען צום רבין ר' זושא און געזאָגט צו איהם:

— רבי, איך וויים, אז איהר האָט מיך געמיינט. איהר האָט געזעהן אויף מיר, אז איך בין מזלזל אין דער דאָזיגער מצוה. אָבער איך האָב נאָכגעזוכט און נאָכגעטראכט, און איך האָב ביי זיך נישט געפינען דעם דאָזיגען חטא.

— זאָגט מיר, ר' קלמיש, — האָט דער רבי ר' זושא א זאָג געטהון — ווי אזוי זייט איהר זיך נוהג, נאָכן באפען א דרימעל בייטאָג?...

— ווי אזוי זאָל איך מיך נוהג זיין? איך וואש נישט די הענד. אויף קיין שום אָרט ווערט נישט געבראכט דער דין, אז נאָכן שלאָף בייטאָג זאָל מען מחויב זיין נטילת ידים.

— אמת, קיין דין איז עס נישט. אָבער איהר זענט דאָך א חסיד, און מידת חסידות איז, אויך צו וואשען די הענד נאָכן שלאָפען בייטאָג, און דעם דאָזיגען פּגם האָבען מיר ביי אייך געזעהן.

אין דערצייט, ווען דער רבי ר' זושא האָט פארבראכט אין מעזריטש, ביים גרויסען מגיד, און ער איז נאָך געווען לגמרי אומבאקאנט, איז צום מגיד געקומען א גרויסער רב, כדי צו פארברענגען אין הויכע ענינים. צווישען אנדערען האָט דער רב א פרעג געטון דעם מגיד:

— די גמרא זאָגט, חייב אדם לברך על הרעה, כשם שמברך על הטובה — אז מען איז מחויב צו לויבען דעם אויבערשטען פארן שלעכטען, וואָס עס פּאסירט, ר״ל, מיט א מענשען, פּונקט אזוי, ווי ער לויבט דעם אויבערשטען פאר דעם גוטס, וואָס ער האָט מיט איהם געטהון. אָבער איך קען דאָס נישט פארשטעהן, ווי אזוי א מענש, א בשר ודם, זאָל קענען פארן שלעכטען פּונקט אזוי לויבען און דאנקען דעם אויבערשטען ווי פארן גוטען. האָט איהר, רבי, געזעהן אזא מענשען?

— ביי אונז אין בית־המדרש, דרעהט זיך ארום א יונגערמאן, זושא איז זיין נאָמען, וועט ער אייך אויפקלערען דעם ענין — האָט דער מגיד געענטפערט.

דער רב איז אריין אין בית מדרש, און גענומען זוכען רבי זושאן, צו וועמען דער מגיד האָט איהם געשיקט. אָבער זוך היינט — זוך מאָרגען: אז קיינער קען נישט א רבי זושא. ענדליך האָט עמיצער א זאָג געטהון צו איהם:

— אפשר מיינט איהר זושאן דעם געהילף־משמש, אָט דעם, וואָס קעהרט אוים די פּאָדלאָגע פון בית המדרש?...

באין ברירה איז דער רב צוגעגאנגען צו דעם משמש, וועלכער האָט געארבייט מיטן בעזים. דאָס איז געווען אן אויסגעדארטער יונגערמאן, אין צוריסענע מלבושים, וואָס האָבען געוויזען דאָס ער איז אן עני מדוכא, און ער האָט א זאָג געטהון צו איהם:

— זייט זשע מוחל, יונגערמאן, דער הייליגער מגיד האָט מיך געשיקט צו אייך. איך האָב איהם געפרעגט ווי אזוי קען א בשר ודם לויבען דעם אויבערשטען פארן שלעכטען אין דער זעלבער מאָס, ווי ער לויבט פאר גוטס, — האָט ער מיר געזאָגט, אז איהר קענט מיר געבען דערויף א תשובה.

דער רבי ר׳ זושא, הערענדיג די דאָזיגע שאלה, איז א ווײלע געבלי־בען שטעהן מיטן בעזים אין האנד און אויסגערופען:

— איך פארשטעה נישט פאר וואָס דער מגיד האָט געשיקט מיט דער דאָזיגער שאלה צו מיר, צו א מענשען, וואָס האָט אין זיין לעבען נישט געוואוסט פון קיין שלעכטס, וואָס לעבט מיט לויטער חסדים, מיט לויטער גוטס פון טאטען אין הימעל...

דער רב האָט באַטראכט דעם אָבגעריסענעם יונגערמאן, וואָס זאָגט אז ער האָט נאָך אין זיין לעבען פון קיין שלעכטס נישט געוואוסט, און ער האָט פארשטאנען, וואָס דער מגיד איז אויסען געווען מיט זיין שיקען איהם צו רבי זושא׳ן...

דער רבי ר׳ זושא איז אויך געווען א גרויסער בעל מופת, אָבער די מופתים זענען געקומען פון דער מדרגה פון יראה.

אין זיינע צייטען האָט די שטאָדט אניפאליע געהערט צו א רייכען פריץ, א פירשט, וועלכער האָט געהאט א גרויסען אָנזעהן און א מאכט צו טהוען, דאָס וואָס ער וויל. ווי דער שטייגער איז, זענען אין הויף געווען אָנגעשטעלט פיעל אידען, וואָס האָבען געצויגען זייער פרנסה פון הויף.

איינמאָל איז ביי פריץ צוגעגנב׳ט געוואָרען זיין גאנצער אוצר טייערע אידעל־שטיינער, קעניגליכע קרוינען און ירושה־ציהרונג, וואָס האָבען געהאט נישט נאָר א ווערט אלס גאָלד און אידעלשטיינער, נאָר אויך זייער א גרויסען היסטארישען ווערט.

ווען דאָס זוכען דעם אוצר אין הויף מיט דער הילף פון פאָליציי, האָבען נישט געגעבען קיין רעזולטאטען, האָט ער זיך געלאָזט איינריידען פון הויף גלח, א גרויסער שונא ישראל, אז נישט אנדערש, נאָר אידען האָבען גע׳גנב׳ט דעם אוצר.

דער פריץ האָט דעריבער ארויסגעגעבען א באפעהל, אז אויב דער אוצר וועט זיך נישט אָבגעפינען אין משך פון א חודש צייט, ווער ער ארויסטרייבען אלע אידען פון שטאָדט, און צונעהמען זייער פארמעגען, וויל ער איז איבערצייגט, אז אידען ווייסען וואו עס געפינט זיך דער אוצר.

עס פארשטעהט זיך אז די אידען פון שטאָדט זענען געלאָפען צום רבין ר׳ זושא מיט א געוויין, אז עס שטעהט זיי פאָר גירוש, און אז דער רבי זאָל דערלאנגען פאר זיי א ישועה.

דער רבי האָט צוגערופען איינעם פון די בעלי בתים, וועלכער איז געווען א גרויסער חשוב ביים פריץ, און געזאָגט צו איהם:

— הער אויס, פנחס, געה צום פריץ און זאָג איהם אין מיין נאָמען, דאָס ער זאָל אָבלעגען דעם גירוש אויף דריי חדשים, אפשר וועט זיך דער

אוצר דורך דער צייט אָבגעפינען. טאָמער נישט — בין איך איהם מבטיח, אז אויפ'ן נײַנציגסטען טאָג וועט ער צוריק באקומען זיין אוצר און עס וועט קיין האָר נישט פעהלען.

דער פריץ האָט דערצו מסכים געווען. די גירוש־גזרה איז אָבגעלעגט געוואָרען. אָבער די דריי חדשים זענען אויך אריבער — דער אוצר האָט זיך נישט אָבגעפינען.

אויפ'ן נײַנציגסטען טאָג, האָט דער רבי באפוילען צום פריץ, דאָס ער זאָל צונויפזאמלען אלע זיינע הויף־משרתים, די פאראָבקעס, פון גרויס ביז קליין, ווארום ער קומט אין הויף אויפזוכען די גנבה.

צו דער באשטימטער צייט זענען אלע געווען פארזאמעלט, אויס־געשטעלט אויפ'ן הויף און געווארט אויפ'ן רבין. ווען דער רבי איז געקומען, האָט ער נאָכאמאָל איבערגעפרעגט צי קיינער פעהלט נישט. דער פריץ מיט זיין פארוואלטער האָט נאָכאמאָל איבערגעקוקט די מענשען, און אויסגעפינען, אז עס פעהלט טאקע א שמייסער, וועלכער פאַרעט זיך אין שטאָל. מען האָט געבראכט דעם שמייסער, און דער רבי האָט זיך אוועקגעשטעלט נעבען איהם, נישט אראָבנעהמענדיג קיין אויג פון דעם שגץ, און ער האָט אָנגע־הויבען זאָגען:

„ובכן תן פחדך על כל מעשיך ואימתך על כל מה שבראת!"...

ווי נאָר דער רבי האָט געענדיגט די דאָזיגע ווערטער, האָט דער שמייסער זיך אָנגעהויבען טרייסלען פאר פחד, צו שרייען מיט א יעמערליך געשריי, זייענדיג זיך מודה, אז ער האָט דעם אוצר גע'גנב'ט און באהאל־טען אין פערד־שטאָל...

אזוי ארום איז דער רבי ר' זושא מיט'ן כח פון זיין יראה אומשטאנד געווען ארויסצורופען יראה ופחד ביי אלע באשעפענישען.

דרשה־געשאַנק

געווען איז עס אין די צייטען פון רבי'ן ר' אלימלך פון ליזענסק זצ"ל. אין יענע צייטען איז דער עקאָנאָמישער מצב ביי אידען אין פוילען און גאליציע געווען זעהר א שווערער. דאָס אָרימקייט איז געווען גרויס. דער דלות האָט געפייפט אין א גרויסער צאָל אידישע שטיבער, — דער עול הפרנסה איז ממש געווען בקריעת ים־סוף.

נישט ווייט פון ליזענסק האָט זיך געפונען א אידישע קרעטשמע,

וואָס האָט געהערט צו א רייכען אידען. ער האָט אויך געהאַלטען אין ארענדע די בראנפען־ברענעריי פון פריץ, און עס איז איהם זעהר גוט געגאנגען.

אין דער דאָזיגער קרעטשמע האָט געארבייט א אידישער בחור, זעהר אן עהרליכער, וועלכער איז געווען די „רעכטע" האַנט פון בעל הבית. איינמאָל האָט דער בחור פארבראַכט אין ליזענסק אין שליחות פון זיין בעל הבית, האָט ער זיך אריינגעכאַפּט אין הויז פון רבי׳ן ר׳ אלימלך, כדי מקבל צו זיין פון איהם א ברכה, ווייל ער איז שוין געווען א בחור אין די יאָהרען און עס האָט זיך נאָך אַלץ ניט געמאַכט קיין שידוך.

איבערלייענענדיג דאָס בקשה־קוויטעל פון בחור, וועלכען מען האָט גערופען בענטשע, רופט זיך אָן צו איהם דער רבי:

— בענטשע, ווי איך הער ביזטו א גרויסער חשוב ביי דיין בעל הבית, איז אפשר וואָלסטו געקענט פועל׳ן, ער זאָל אריינגעמען אלס דינסט־מיידעל אן אָרימע יתומה, וואָס וואַלגערט זיך ביי מיר אין הויז? זי איז אן עהרליך אידיש קינד, און זי וועט זיך גאַנץ גוט אויסטויגען צו דער ארבייט.

— אָה, רבי, איהר האָט גראד געטראָפען. מען דאַרף טאַקע ביי אונז א דינסט־מיידעל צו דער ארבייט און אַז איך וועל זאָגען דעם בעל הבית, אַז איהר, רבי, האָט אָנגעבאָטען דאָס מיידעל, — וועט ער אוודאי מסכים זיין.

דער רבי האָט געהייסען אריינרופען די יתומה, בלומא, און געזאָגט צו איהר:

— געה מיט דעם דאָזיגען בחור, און גאָט וועט מצליח זיין אייערע וועגען. דער עיקר איז, אַז איהר זאָלט זיין עהרליכע אידישע קינדער, איהר זאָלט געהן בדרך הישר....

ביידע האָבען אפילו נישט פארשטאַנען, וואָס דער רבי איז דערמיט אויסען, אָבער זיי האָבען קיין שאלות נישט געפרעגט. ביידע האָבען זיי געגלויבט אין די ווערטער פון רבי׳ן און געוואַרט אויף א ישועה.

דער בחור האָט דערצעהלט דער יתומה, אַז זייער בעל הבית איז א רייכער מאַן, אן איש־בטוח, דערפאַר פירט ער זיך, אַז ער נעמט ביי איהם נישט די שכירות גלייך נאָכ׳ן יאָהר, נאָר ער זאַמעלט זיך עס ביי איהם, כדי עס זאָל זיך אָנזאַמלען א ביסעל געלט, מיט וועלכען ער זאָל קומען צו א תכלית. ער האָט דעריבער אויך איהר געראַטען, אַז זי זאָל זיך איהר שכירות זאַמלען ביים בעל הבית, אויף וואָס זי האָט מסכים געווען.

ביידע האָבען זיי שווער און ביטער געארבייט עטליכע יאָהר. פּלוצלונג איז דער קרעטשמער אראָב פון דער מערכה, געוואָרען א יורד, ער האָט געמוזט אויפגעבען די קרעטשמע. וועגען אָבגעבען דעם חוב דעם בחור און

דער יתומה, האָט קיין רייד נישט געקענט זיין. ביידע זיינען דעריבער אוועק ארבייטען אין אן אנדער פּלאַץ. וואו זיי האָבען באקומען שכירות צו פופציג גילדען א יאָהר.

אין א יאָהר ארום האָט בענטשע דערקענט צווישען א חברה אָרימע־לייט, וואָס געהען איבער די הייזער, זיין געוועזענעם בעל הבית. דאָס האַרץ האָט איהם פארקלעמט. ער האָט זיך דערמאָנט, אז ערשט מיט א קורצער צייט צוריק איז ער געווען א שעהנער בעל הבית, א רייכער מאַן, און איצט איז ער נעבעך געקומען צו אזא מדרגה. ער האָט דעריבער א זאָג געטאָן צו איהם:

— זאָגט מיר ר׳ יחיאל, צי קענט איהר זיך נישט אָבזוכען א פּרנסה, אז איהר זאָלט נישט דארפען וואנדערען איבער דער מדינה אלס א פושט־יד?

דער געוועזענער עושר האָט שטארק אָבגעקרעכצט און אויסגערופען:

— וואָס זאָל איך טאָן, מיין קינד, אז עס איז פון מיין פריהערדיג עשירות גאָרניט געבליבען. דער אלטער פּריץ איז געשטאָרבען. דער יונגער איז א גרויסער שונא ישראל, און ער האָט ביי מיר אלץ צוגענומען. דערצו בין איך נאָך א בעל חוב. פונדעסטוועגען, ווען איך וואָלט מיר געקענט צונויפשטעלען א הונדערט גילדען, וואָלט איך ווידער געפּרובט מזל, איך וואָלט אין שטעטעל געעפענט א קראָם, און איך וואָלט אפשר, מיט דער הילף פון השי״ת, זיך מתפרנס געווען בכבוד, אָבער וואו נעמט מען די הונ־דערט גילדען?

ביי בענטשען אין קאָפּ האָט אויפגעבליצט א געדאנק. ער האָט דאָך מיט עטליכע טעג צוריק אָבגענומען ביי זיין נייעם בעל הבית פופציג גילדען שכירות און אויך בלומא האָט באקומען אזא סומע. וואָלט אפשר א יושר געווען אויסצולייהען דעם געוועזענעם בעל הבית דאָס דאָזיגע געלט?

— ווארט צו א וויילע, ר׳ יחיאל, איך וועל אייך באלד זאָגען א תשובה. גיך איז בענטשע ארייגעלאָפען אין דער קאָך־שטוב, וואו בלומא איז געווען פארפאָרעט אין דער ארבייט. ער האָט איהר אוועקגערופען אין א זייט, דערצעהלט איהר פון דער באגעגעניש מיט זייער פריהערדיגען בעל הבית און אז מיט זייערע הונדערט גילדען קען מען דעם אידען ראטעווען...

אויסהערענדיג דעם דאָזיגען פארשלאָג האָט בלומא אָבגעענטפערט:

— אמת, בענטשע, אז דו ביזט א גוטהארציגער, און אויך איך וואָלט מיט׳ן גאנצען הארצען מסכים געווען צו העלפען אונזער בעל הבית, וואָס איז געוואָרען א בעטלער. אָבער פארגעס נישט, דאָס איך בין שוין א מיידעל אין די יאָהרען, און דערצו אן עלענדע יתומה, און אָהן א ביסעל געלט, וועל

איך פארזיצען און עס וועט זיך קיינער אויף מיר נישט אומקוקען. איז אויב דו וועסט מיר געבען תקיעת כף, מיט מיר חתונה צו האָבען אָהן געלט, בין איך גרייט אָבצוגעבען דאָס געלט, בכדי צו ראטעווען דעם פריהערדיגען בעל הבית.

ערשט איצט האָט בענטשע זיך געכאפט, אז אייגענטליך, האָט דער רבי פון ליזענסק איהם גע'שדכנ'ט דאָס מיידעל, און ער האָט זיך געוואונדערט, פארוואָס ער האָט דערפון ביז איצט נישט געטראכט. אָהן שום וואקלעניש האָט ער מסכים געווען צו די רייד פון דער יתומה. זיי האָבען געשלאָסען א התקשרות. בענטשע האָט גענומען די הונדערט גילדען און זיי אוועקגעטראָגען ר' יחיאל'ן.

ר' יחיאל איז געווען טיף גערירט פון דער גוטהארציגקייט פון די דאָזיגע אָרימע קינדער, וועלכע האָבען איהם אוועקגעגעבען אלץ וואָס זיי האָבען פארמאָגט, נישט איבערלאָזענדיג זיך קיין פּרוטה. מיט טרערען אין די אויגען האָט ער זיי געדאנקט און געוואונשען, אז דער הימעל זאָל זיי באגליקען.

ווידער האָבען חתן־כלה אָבגעארבייט אין שענק א לענגערע צייט, ביז זיי האָבען זיך מיישב געווען, אז מען ווערט עלטער און מען דארף קומען צו א תכלית. האָבען זיי זיך באפרייט פון דער ארבייט געקויפט א פערד און וועגעלע, אנגעהויבען פירען האָלץ פון וואלד אין שטעדטעל אריין, מיט דער האָפנונג, אז ווען זיי וועלען פארדינען אביסעל געלט אויף א שטיבעל, וואו צו וואוינען, וועלען זיי שטעלען א חופּה.

אין הימעל האָט דאָס התנהגות פון די דאָזיגע אָרימע קינדער געמאכט א גרויסען רושם. אזא מסירות נפש בכדי צו ראטעווען א אידען, אזוי פיעל כח ביי צדקה, — האָט נאָך קיינער נישט ארויסגעוויזען.

דער רבי אלימלך, וועלכער האָט דאָס אלץ געזעהן ברוח הקודש, האָט באשלאָסען צוצואיילען די חתונה און טאקע אליין אנטייל צו נעהמען אין דער שמחה.

אין יענע טעג האָט זיך בענטשע געכאפּט אז עס איז שוין צייט חתונה צו האָבען. ער האָט וועגען דעם איבערגערעדט מיט זיין כלה און זי האָט זיך גענומען גרייטען צו איהר חופּה.

מיט אכט טעג שפּעטער, שבת צונאכטס נאָך הבדלה, האָט דער רבי געהייסען שפּאנען פערד און וואָגען, מיטגענומען א מנין פון זיינע געהויבענע תלמידים, און געהייסען פאָהרען אין א נאָהענסטער קרעטשמע.

אָנגעקומען אין קרעטשמע, איז געוואָרען א רעש. א קליינינקייט, דער רבי ר' אלימלך איז געקומען. די אורחים, וואָס האָבען זיך דאָרט געפונען, האָבען גענומען ארומשמייען ארום דעם רבי'ן, אָבער דער קרעטשמער גופא,

וועלכער איז געווען זעהר א פּראָסטער מענש, האָט נישט ארויסגעוויזען דעם מינדעסטען אינטערעס פאר זיין גרויסען גאסט.

צווישען די אורחים האָט זיך אויך געפונען דער בחור בענטשע מיט זיין כלה. זיי זיינען נאָר וואָס געקומען פון שטעדטעל, כדי פארטאָג צו ברענגען אין שטעדטעל אריין א וועגעל האָלץ. בענטשע האָט זיך שטארק דערפרעהט מיט׳ן רבי׳ן, וועלכען ער האָט שוין א צייט נישט געזעהן. ער האָט איהם דערצעהלט, וואס עס האָט מיט זיי פּאסירט ביז היינטיגען טאָג.

— עס איז אלץ גוט און וואויל, — האָט דער רבי א זאָג געטאָן, — אָבער עס איז מיר א וואונדער פארוואָס איהר האָט ביז איצט ניט געשטעלט קיין חופּה, כדי צו פאָהרען צוזאמען ווי מאן און ווייב און נישט ווי חתן־כלה, דעריבער בין איך מיט מיינע מענטשען געקומען אהער און מיר וועלען טאקע גלייך אויפ׳ן אָרט מסדר קידושין זיין צווישען אייך!

עס פארשטעהט זיך, אז חתן־כלה האָבען מסכים געווען צו שטעלען א חופּה, בפרט אז זיי האָבען זיך שוין געגרייט דערצו און באזונדערס ווען דער רבי אליין וועט זיין דער מסדר קידושין. דער רבי האָט צוגערופען דעם קרעטשמער און באפוילען צו קאָכען פיש, און צוגרייטען א חופּה־וועטשערע.

דער קרעטשמער האָט זיך שטארק צעלאכט פון דעם רבינ׳ס רייד, אז ער געהט פראווען א חתונה פון א בחור מיט א מיידעל, וועלכע ער קען גאָרנישט. אָבער ווען דער רבי האָט איהם געגעבען געלט אין פאָראויס, האָט ער גענומען צוגרייטען אלץ וואָס מען דאַרף. דערביי האָט ער נישט פארפעלט צונויפרופען זיינע פריינד, די דאָרפסלייט, אז זיי זאָלען זיך אויך פרעהליך מאכען פון דער דאָזיגער שפּיל...

בקיצור, מען האָט געשטעלט א חופּה, מען האָט זיך געוואשען צו דער סעודה. די תלמידים האָבען געזונגען זמירות און די גאנצע צייט איז דער קרעטשמער מיט זיינע פריינד געשטאנען און געוויילט זיך, געלאכט אויפ׳ן קול, געטריבען ליצנות און חוזק געמאכט פון דעם רבי׳ן...

פאר׳ן בענטשען, האָט רבי נפתלי, דער שפּעטערער ראָפּשיצער רבי, זיך אויפגעשטעלט און גענומען רופען דרשה־געשאנק:

— איך גיב דאָס דאָזיגע דאָרף אלס דרשה־געשאנק, — האָט דער רבי ר׳ אלימלך אויסגערופען.

א שטורם פון געלעכטער איז געווען דער ענטפער פון קרעטשמער מיט זיינע מענשען אויף די דאָזיגע ווערטער.

— איך גיב די וואסער־מיהל פון שכנות׳דיגען דאָרף — האָט א צווייטער תלמיד א זאָג געטאָן.

— איך זיר טוויזענט רייניש במזומן — האָט א דריטער תלמיד אויסגערופען.

— און איהר, בעל הבית, — האָט דער ראָפּשיצער זיך געווענדעט צום קרעטשמער, — איהר גיט עפּעס דרשה־געשאנק?

— וואָס איך קען אייך געבען, וועט איהר נישט קענען אוועקטראָגען! — האָט דער קרעטשמער געענטפערט מיט חוזק.

— אויב אזוי גיב איך אלס „מתנה" דעם פּאָר פּאָלק די דאָזיגע קרעטשמע מיט דער בראנפען־ברענעריי אויף עולמות...

עס פארשטעהט זיך, אז די דאָזיגע „מתנה" האָט נאָך מעהר געלעכטער ארויסגערופען ביים קרעטשמער און ביי זיינע פריינד.

נאָכ'ן בענטשען האָט דער רבי מיט זיין חבריא זיך צוריקגעקערט קיין ליזענסק און דאָס פּאָר־פאָלק, נישט קענענדיג מעהר איבערהאלטען פון דעם ליצנות, האָט זיך אויך געלאָזט צום וואלד מיט זייער פערד און וועגעלע.

צוקומענדיג צום וואלד, האָט זיך צו זיי דערטראָגען א שטימע, וואָס רופט הילף. בענטשע האָט גלייך זיך געלאָזט לויפען אין דער דאָזיגער ריכטונג, געזוכט א ווייל ביז ער האָט געפונען א יונגען מענש זינקען אין בלאָטע, מאכענדיג די גרעסטע אָנשטרענגונגען צו באפרייען זיך פון זומפּ.

מיט גרויס מיה איז עס איהם געלונגען ארויסצושלעפּען דעם מאן פון בלאָטע, צופיהרען איהם צום פיהרעל, אָבמונטערען מיט א ביסעל שטארקען בראנפען.

קומענדיג צו זיך, האָט דער מאן דערצעהלט, וואָס עס האָט מיט איהם פּאסירט: ער איז דער זוהן פון אייגענטימער פון דעם דאָרף און פון נאָך דערפער, און מאָרגען פּראוועט מען זיין חתונה מיט דער טאָכטער פון א פּריץ פון א שכנות'דיג דאָרף. לכבוד דער חתונה זיינען זיך מיט עטליכע טעג צוריק צונויפגעפאָהרען חשוב'ע געסט און מחותנים און מען האָט זיך משמח געווען אויפ'ן גרויסען אופן.

— היינט, ערב דעם „שלוב", האָט די שמחה דערגרייכט דעם העכסטען פּונקט. און וועלענדיג איבערראשען די געסט האָב איך באשלאָסען צו לאָזען זיך אויף יאגד, בכדי צו כאפּען פרישע פייגעל און מהנה זיין די געסט. איך האָב געכאפּט א רייטפערד, געלאָזט זיך איינער אליין אין וואלד אריין. איך בין געפאָהרען א שטיקעל צייט, אָבער פּלוצלינג האָב איך דערפיהלט, ווי די ערד שפּאלט זיך אונטער מיר און איך הויב אָן זינקען צוזאמען מיט מיין פערד. איך האָב גענומען שרייען נאָך הילף, אָבער אומזיסט. ביז גאָט האָט אייך צוגעשיקט און איהר האָט מיך געראטעוועט!

בענטשע האָט א טרייב געטאָן דאָס פערד זיינס אין דער ריכטונג

צום הויף, וואו מען האָט זיי מקבל פּנים געווען מיט גרויס פרייד, ווייל שוין א גאנצען טאָג, ווי מען האָט דעם יונגען פּריץ ארומגעזוכט און אלע זיינען געווען ארומגענומען מיט גרויס טרויער און פארצווייפלונג.

נאָך דער ערשטער פריידיגער באגעגעניש, האָט דער יונגער פּריץ דערצעהלט ווי אזוי דער איד האָט, איינשטעלענדיג זיך דאָס לעבען, געראַ־טעוועט איהם פון א זיכערען טויט. דער אלטער פּריץ האָט געהאלזט און געקושט דעם רעטער פון זיין זוהן און ער האָט איהם מיט זיין פרוי פאַר־געשטעלט פאר זיינע מחותנים און געסט.

נאָכדעם ווי אלע געהויבענע פּריצים האָבען איהם געדריקט די האנט און געדאנקט פאר זיין טאט, האָט דער פּריץ אויסגערופען:

— אלס דאנקבארקייט שענק איך דעם דאָזיגען אידען, דאָס דאָרף אלס מתנה!

— און איך פון מיין זייט, שענק די קרעטשמע מיט דער בראנפען ברענעריי, — האָט די פּריצה'טע צוגעגעבען.

— און איך, דער פאָטער פון דער כלה, שענק איהם די וואסער מיהל, וואָס געפינט זיך אין מיין דאָרף!

— און איך, די מוטער פון דער כלה, שענק טויזענט רייניש באַר געלט!

גלייך האָט מען געלאָזט שרייבען דאָקומענטען אויף אלע מתנות און עס איז ארויסגעגעבען געוואָרען א באפעהל צו אלע פארוואלטער און אָנגעשטעלטע, אז פון איצט אָן איז דער איד בענטשע דער בעל הבית איבער דעם האָב און גוטס.

ווען דער קרעטשמער האָט באקומען די „בשורה" אז ער מוז פאַר־לאָזען די קרעטשמע, איז ער געלאָפען קיין ליזענסק. אָבער דער רבי האָט איהם גאָרניט געקענט העלפען.

— לאַ־די, וואָס דו האָסט נישט געהאָלפען די דאָזיגע קינדער, — האָסטו זיי נאָך פארשאפט בזיונות — האָט דער רבי געענטפערט, — דו האָסט אויף דיר אליין געבראכט דאָס אומגליק...

דאָס פאָר פאָלק האָט זיך געעלטערט אין גרויס נחת, און זייערע קינדער און קינדס־קינדער זיינען געווען גרויסע גבירים און בעלי צדקה ביז צו אונזערע צייטען.

דער רבי ר׳ שמעלקע פון ניקעלסבורג

איינער פון די פארהייליגסטע געשטאלטען אין דער וועלט פון חסידות איז געווען דער ניקעלשבורגער רב, רבי ר׳ שמואל שמעלקע הלוי איש הורוויץ זצ״ל.

געשטאמט האט ער פון גרויסען יחוס. זיין פאטער איז געווען דער בארימטער גאון און צדיק רבי הירש, דער טשארטקאווער רב, און זיין ברודער איז געווען דער פראנקפורטער רב רבי פנחס, דער בעל „הפלאה״ — איינער פון די גאוני הדור און פון די פייערדיגסטע קעמפער געגען די רעפארמער אין דייטשלאנד.

ביידע ברידער, פונקט ווי זייער גרויסער פאטער, זיינען נישט געווען קיין חסידים אין זייערע יונגע יאהרען. ביידע זיינען זיי געווען גרויסע גאונים און בעלי השפעה, פארנעהמענדיג רבנות - שטעלען אין פארשידענע קהלות. דער רבי ר׳ שמעלקע איז דארונטער אויך געווען רב אין דעם פוילישען שטעטעל ריטשעוואל, וואו עס איז אויך געווען רב, דער בארדיטשעווער רב, רבי לוי יצחק זצ״ל, וועלכען מען האט פון דארט ארויסגעטריבען, מיט גרויסע בזיונות, ערב שבת פארנאכט...

קענטיג, אז אין דאזיגען שטעטעל איז שוין געווען באהאלטען א ניצוץ פון חסידות, ווייל פלוצלינג האט דעם רב אנגעכאפט א חשק צו פאהרען קיין מעזריטש, צום גרויסען מגיד, בכדי צו לערנען ביי איהם חסידות.

צוריקקומענדיג פון מעזריטש, האט איהם זיין ברודער געפרעגט, וואס ער האט דארט געלערענט אזעלכעס, וואס איז פאר איהם פריהער געווען אומבאקאנט. דער רבי ר׳ שמעלקע האט דערויף געענטפערט:

— פריהער, איידער איך האב פארבראכט ביים מגיד, האב איך עוסק געווען אין תעניתים און אין סיגופים צו פייניגען דעם גוף, כדי ער זאל קענען סובל זיין די נשמה: אבער איצטער, נאכדעם ווי איך האב איינגעזאפט אין מיר דעם אור, וואס שיינט אין מעזריטש, — דאנק איך גאט, וואס די נשמה קען סובל זיין דעם גוף. ווארום די נשמה מיינע האט באקומען אזא תיקון, אזא התעוררות, אז זי האלט זיך אין איין רייסען אין די הויכע הימלען. און דאס איז דער פשט פון פסוק „ונתתי משכני בתוככם,״ — הגם איך, כביכול וועל רוהען אין אייך, פונדעסטוועגען, „ולא תגעל נפשי אתכם״, — וועט די נשמה אייך נישט פאר׳מיאוס׳ען — זי וועט בלייבען אין אייער גוף...

שפעטער איז אויך רבי פנחס געווארען אן אנהענגער פון חסידות, און די דאזיגע צוויי ברידער האט דער רבי ר׳ בער באשלאסען צו שיקען

קיין מערב, כדי דאָרט צו פאַרשפּרייטען דאָס אור פון הייליגען בעל שם טוב. דעם רבי'ן ר' שמעלקע קיין ניקעלשבורג אין מעהרען, און דעם רבי'ן ר' פּנחס קיין פראַנקפורט, אין דייטשלאַנד.

איינגאַנצען פינף יאָהר איז רבי שמעלקע געווען רב אין ניקעלשבורג, דאַרונטער עטליכע יאָהר אויך דער רב הכולל פון גאַנץ מעהרען, און הגם ער האָט דאָרט געהאַט גרויסע מחלוקות, רדיפות, איז דאָך די השפּעה, וואָס ער האָט דאָרט איבערגעלאָזט געווען אַ דורות'דיגע.

די כראָניקער פון יענער צייט שילדערען איהם אַלס אויסערגעוועהנ־ליכע פּערזענליכקייט, אַלס עניו, אַלס גוט־האַרציגען, און גלייכצייטיג אַלס תקיף בדעתו, וועלכער איז געווען ריקזיכטלאָז ווען עס האָט זיך געהאַנדעלט אין די עיקרי הדת. דערצו איז ער געווען אַ גרויסער בעל מופת, הגם ער האָט זיך באַמיהט די דאָזיגע מופתים איינצוהילען אין טבעיות.

איינער פון די כראָניקער דערצעהלט, דאָס איידער דער רב איז גע־קומען קיין ניקעלשבורג בכדי צו פאַרנעמען די כסא הרבנות, האָט אין שטאָט און אומגעגענט געהערשט אַ מורא'דיגע טרוקעניש. מען איז פּשוט אויסגעגאַנגען פאַר אַ ביסעל וואַסער. אין די שוהלען און אין די בתי מדרשים האָט מען כסדר מתפּלל געווען אויף רעגען. אויך, להבדיל, די נישט־אידען האָבען איינגעריסען וועלטען, אַז ער זאָל געהן רעגען. און הערענדיג, אַז עס דאַרף אָנקומען צו דער אידישער קהלה אַ גרויסער רב, האָט אַ דעלעגאַציע פון דער שטאָדט־פאַרוואַלטונג זיך געגרייט איהם מקבל פּנים צו זיין, און גלייכצייטיג בעטען ביי איהם דאָס ער זאָל מתפּלל זיין אויף רעגען. אָבער ווי נאָר די קאַרעטע מיט'ן נייעם רב האָט זיך באַוויזען, האָט זיך געטהון אַ לאָז אַראָפּ אַזאַ שלאַקס ־רעגען, — ממש אַ מבול, אַזוי אַז דער גאַנצער עולם איז זיך צעלאָפען און עס איז ניט געווען ווער עס זאָל מקבל פּנים זיין דעם נייעם רב...

ווי געזאָגט, האָט דער רבי ר' שמעלקע געהאַט אַ סאַך געגנער אין שטאָט. און ווי איבעראַל זיינען עס געווען די תלמידי חכמים, די שעהנע אידען, די פּני, וועלכע זיינען געווען מתנגדים און נישט גורם געווען אַ חסידישען רב. פונדעסטוועגען זיינען זיי געקומען צום קבלת פּנים, אָבער זיי האָבען נישט געוואָגט צו פאַרנעמען זייערע פּלעצער אויבען אָן, צוליעב דעם ביטול, וואָס זיי האָבען געהאַט צום נייעם רב. דער רב אָבער האָט זיי שטאַרק מכבד געווען, געזעצט זיי דוקא אויבען־אָן, געשמועסט מיט זיי פיעל מעהר ווי מיט זיינע אָנהענגער, וועלכע האָבען איהם געבראַכט אויף דער כסא הרבנות. און ווען איינער פון די „פּני" האָט איהם אויפמערקזאַם געמאַכט, דאָס אויב דער רב טראַכט, אַז דערמיט וועט ער באַוועגען זיינע

געגנער צו האַלטען מיט איהם, האָט ער אַ טעות — האָט דער רב גענענט־פערט, אַז דאָס איז כלל נישט זיין כונה. „אמת, די סתם בעלי בתים האָבען איבערגעוואויגען אַז מיר זאָלען אויסגעוועהלט ווערען אלס רב אין אייער שטאָט, אָבער דערפאַר טאָר מען נישט איבערדרעהען דעם סדר העולם און זעצען סתם בעלי בתים בראש, און די תלמידי חכמים מדחה זיין. אַזוי האָט זיך אויך נוהג געווען משה רבנו, וועלכער האָט געזאָגט: „לא חמור אחד מהם נשאתי" — קיין איין „חמור" פון זיי האָב איך נישט אויפ־געהויבען, דערפאַר ווייל ער האָט געהאַלטען מיט מיר, ולא הרעתי את אחד מהם — איך האָב זיך נישט גע'חבר'ט (לשון רעות) מיט איינעם פון זיי, — פון די המון־מענשען...

דער רבי ר' שמעלקע איז אחוץ זיין גדלות בתורה געווען אַ בקי אין אַלע וועלטליכע חכמות. ער האָט געקענט אַלע פילאָזאָפישע שיטות. מען דער־צעהלט, אַז גלייך ווי ער איז געקומען קיין ניקעלשבורג האָט ער גע'דרשנ'ט זיבען שבתים דורכאַנאַנד, אַ שבת נאָך אַ שבת, אָנהויבענדיג יעדע דרשה מיט אַרומריידען אַ חכמה פון די שבע חכמות, ביי וואָס ער האָט אַרויסגעווי־זען געוואַלדיגע בקיאות, אויסרעכענדיג די פאַרשידינע שיטות, דיפערענ־צירונגען צווישען די חכמי האומות אין דער באַטרעפענדער חכמה. ערשט ווען ער איז פאַרטיג געוואָרען דערמיט, האָט ער אָנגעהויבען מיט פלפול און דרוש, אויפווייזענדיג אַז אונזערע חכמים האָבען בעסער פאַרשטאַנען די דאָזיגע חכמה ווי די חכמי האומות, און זיי האָבען מרמז געווען זייער שיטה אין דער חכמה מיט אויסטייטשען אַ פסוק אָדער מיט אַ קורצען מאמר חז"ל.

אַזוי האָט ער זיך געפירט גאַנצע זיבען וואָכען, און דאָס התפעלות פון דעם עולם איז געוואַקסען. דאָס האָט ער געטון, ווייל אין שטאָט האָט שוין געהערט דער גייסט פון דער בערלינער השכלה, די רעפאָרמער האָבען שוין געהאַט אַ סך אָנהענגער אין יענע מקומות און דער רב האָט מיט זיינע דרשות בדעה געהאַט צו צוקלאַפּען די טענה, אַז תורה מיט וויסענשאַפט האָט נישט קיין געמיינזאַמעס.

נאָכ'ן פאַרענדיגען די זיבעטע דרשה, וואָס האָט ענטהאַלטען די זיבעטע פון די שבע חכמות, האָט דער רבי ר' שמעלקע אויסגערופען צו זיין עדה:

— שלמה המלך זאָגט אין קהלת „טוב לשמוע גערת חכם מאיש שומע שיר כסילים" — עס איז גוט צו הערען דאָס געשריי פון אַ חכם, פון אַ מאַן, וואָס פאַרשטעהט דאָס געזאַנג פון די נאַראָנים. איז דאָך נישט פאַר־שטענדליך דער אויסדרוק „מאיש שומע שיר כסילים". עס איז דאָך גענוג געווען עס זאָל שטעהן: „טוב לשמוע גערת חכם מלשמוע שיר כסילים" — נאָר שלמה המלך האָט דערמיט באַוואָרענט אַ גרויסע זאַך. וואָרום אויב

די היינטיגע „מאָדערנע“ מענשען הערען א מוסר־דרשה פון א רב א בטלן, זיינען זיי איהם מבטל, זאָגענדיג: וואָס פאַרשטעהט ער, דער בטלן, אחוץ גמרא מיט תוספות, אחוץ א פשט׳ל און א מאמר חז״ל. האָט ער עפּעס א ידיעה אין חכמת הטבע, אין וועלט־זאַכען, און די נייע דערגרייכונגען פון דער וויסענשאפט? וואָלט ער אַרויסגעגאנגען פון זיינע ד׳ אמות של הלכה און וואָלט געהאט א ידיעה וועגען די וועלטליכע חכמות, וואָלט ער נישט גע׳דרשנ׳ט וועגען אזעלכע „נאַרישקייטען“, ווי קדושה, צניעות, מצוות מעשיות און אמונה בשם. אָבער דער רב וואָס שטעהט דאָ פאַר אייך, רבותי, האָט אייך געוויזען, אז ער פאַרשטעהט די וועלטליכע חכמות, ניט וועניגער ווי די נייע חכמים, און דאָך קומט ער צוריק צום עיקר, אז ראשית חכמה איז יראת ד׳. און דאָס מיינט מען טאַקי „טוב לשמוע גערת חכם“ — עס איז גוט צו הערען דאָס געשריי פון א חכם, „מאיש שומע שיר כסילים“ — פון א מענשען, וואָס פאַרשטעהט אויך דאָס לידעל פון די נייע חכמים.

ווי באַקאַנט האָט פון דער זעלבער שיטה, מיט א צייט שפּעטער, גע־האַלטען איינער פון די גדולי החסידות אין פּוילען — דער רבי ר׳ בונם פון פּשיסכא זצ״ל.

פונדעסטוועגען, האָט דער רבי ר׳ שמעלקע געהאט גרויסע רדיפות פון די שטאָט־לייט. עס האָט נישט געהאָלפען זיין חכמה, זיין ענויות, זיין ידיעה אין וועלט־זאַכען. זיינע געגנער האָבען איהם פּשוט פאַרביטערט דאָס לעבען, און ער האָט באַשלאָסען צו פאַרלאָזען דאָס רבנות. אָבער היות ווי ער איז געשיקט געוואָרען קיין ניקעלשבורג דורך זיין רבי׳ן, דער מגיד פון מעזריטש, האָט ער נישט געוואָלט פאַרלאָזען דאָס רבנות אָהן דער צושטי־מונג פון דעם רבי׳ן. ער האָט דעריבער געשיקט א שליח מיוחד קיין מעז־ריטש, צוזאַמען מיט א בריעף, אין וועלכען ער האָט געשילדערט זיין לאַגע, און געבעטען א הסכמה צו פאַרלאָזען די מחלוקה־שטאָט.

דער גרויסער מגיד, לאַ־די וואָס ער האָט נישט מסכים געווען דערצו, נאָר ער איז ספּעציעל אַראָפּגעקומען קיין ניקעלשבורג, אין באַגלייטונג פון א גרופּע פון זיינע תלמידים, איינצושטילען די מחלוקת.

צווישען די גרויסע מעלות, מיט וועלכע דער רבי ר׳ שמעלקע האָט זיך אויסגעצייכענט, דאַרף מען דערמאָנען זיין כח אין נגינה. ער איז געווען דער ערשטער מנהיג החסידות, וואָס האָט געקענט מיט א ניגון משפיע זיין אויף די מענשען, צו וועלכע מען האָט מיט קיין אנדער מיטעל נישט געקענט צוקומען. חסידים האָבען געזאָגט, אז ווער עס האָט געהערט דאַווענען דעם רבי׳ן ר׳ שמעלקע איז נישט אַוועק פון דער וועלט אָהן תשובה. נאָך יעדע תפילה זיינע איז דער דיל פון דער שוהל נאַס געווען פון טרערען, וואָס

זיינען געפּלאַסען פון די אויגען פון די מתפּללים, ווי פון א קוואַל.

חסידישע ספרים ברענגען, אז די ניגונים, וועלכע דער רבי ר׳ שמעלקע האָט געזונגען, זיינען געווען אָהן שום פריהערדיגע הכנות, מען האָט געפיהלט ווי זיי קומען פון די הויכע עולמות.

ער האָט אויך שטארק מהדר געווען מקיים צו זיין מצות מילה, סיי אלס סנדק און סיי אלס מוהל. אפילו אין לעצטען טאָג פון זיין לעבען האָט ער נאָך אָנטייל גענומען אין צוויי ברית׳ן, וואו ער האָט מל געווען די קינדער, און אהיימקומענדיג פון די דאָזיגע ברית׳ן האָט ער **צונויפגערופען** זיינע תלמידים און געזאָגט צו זיי: איהר זאָלט וויסען אז היינט איז מיר געוואָרען 52 יאָהר, מיין נאָמען איז שמואל, און אין מיר געפינט זיך די נשמה פון שמואל הנביא, און אזוי ווי ער האָט געלעבט בלויז 52 יאָהר, איז משמע, אז היינט איז ביי מיר דער לעצטער טאָג...

בעת׳ן דאָזיגען שמועס, אין לעצטען טאָג פון זיין לעבען, האָט ער צוגעגעבען: די וועלט האָט מיך גערופען שמעלקע, און דערפון האָב איך א סך געליטען. וואָלט מען מיך גערופען שמואל — וואָלטען מיר געהאט אלע מדרגות פון שמואל הנביא; היינט אז מען האָט מיך גערופען שמעלקע — בין איך געבליבען א שמעלקע...

פאר דער פטירה האָט ער אויך צעטיילט זיין גאנץ פארמעגען, זיינע מלבושים און חפצים צו אָרימע לייט, נישט איבערלאָזענדיג אין הויז קיין פּאָדעם. בלויז די ספרים זיינע האָט ער צעטיילט צווישען די תלמידים זיינע, און באפוילען זיי, גלייך נאָך די ימי אבל צו פארלאָזען די שטאָט און די מדינה, ווייל אין די דאָזיגע מדינות איז נישטאָ קיין אָרט פאר חסידות.

אין דער חסידישער וועלט איז דער רבי ר׳ שמעלקע זעהר פארעהרט און זיין נאָמען ווערט דערמאָנט מיט יראת הרוממות. דער צאנזער רב האָט זיך איינמאָל אויסגעדריקט, אז אין הימעל איז מען מעניש דעם יעניגען, וואָס דערמאָנענדיג דעם ניקעלשבורגער, זאָגט ער בלויז ר׳ שמעלקע און נישט „רבי ר׳ שמעלקע״...

ביי א צווייטער געלעגענהייט האָט דער צאָנזער רב געזאָגט: ווען עס זאָל עמיצער קומען און מיר דערצעהלען, דאָס ער האָט אליין געזעהן ווי דער רבי ר׳ שמעלקע איז פארבייגעגאנגען א בית הקברות און ער האָט אויס־גערופען „יחיו מתיך, נבלתי יקומון, הקיצו ורננו שוכני עפר״, און אלע מתים זיינען ארוים פון זייערע קברים, — וואָלט איך געגלויבט, וואָרום ער איז עס געווען בכח צו טהון מיט זיין תורה, חכמה און צדקות.

אזוי וייט פארעהרט איז געווען דער רבי ר׳ שמעלקע פון ניקעלש־בורג צווישען די גדולי החסידות.

רבי מיכלי זלאטשאווער

איינער פון די הויפט־זיילען פון חסידות אין דער ערשטער תקופה נאָכ׳ן בעל שם טוב זצ״ל, איז געווען דער מגיד פון זלאטשאָוו, רבי יחיאל מיכל זצ״ל, וועלכער איז אויך געווען באקאנט מיט׳ן נאָמען רבי מיכלי זלאטשאָווער.

געשטאמט האָט ער פון א מיוחס׳דיגע פאמיליע, וועלכע האָט גע־צויגען איהר יחוס ביז דוד המלך. זיין פאָטער רבי יצחק פון דראָהאביטש זצ״ל, איז געווען איינער פון די גדולי הדור. אין תחילת איז ער געווען א געגנער פון בעש״ט און פון זיין נייער שיטה, ווארום ער האָט איהם חושד געווען, דאָס ער באנוצט זיך מיט קבלה מעשית און מיט שמות. נאָכדעם אָבער ווי ער האָט זיך באגעגענט מיטן בעל שם טוב, און ער האָט זיך איבער־צייגט, אז ער איז ווייט פון באנוצען זיך מיט שמות הקדושים, איז דער דראהאביטשער געוואָרען איינער פון זיינע הייסע אָנהענגער, און ער האָט אויך זיין געראָטענעם זוהן מיכעלע, געבראכט צום בעל שם טוב, און ער איז געוואָרען איינער פון זיינע נאָהענסטע תלמידים.

דער דראהאָביטשער האָט אין די לעצטע יאָהרען פון זיין לעבען געוואוינט אין דער שטאָט אסטראה, וואו ער איז געווען מגיד אין בית המדרש פון רבי יוזפא, — א גרויסער למדן, עושר און בעל צדקה, וועלכער האָט מחזיק געווען פיעל תלמידי חכמים. רבי יצחק איז געווען א גרויסער אָרי־מאַן, און א הצנע לכת. דאָך האָט מען איהם באטראכט ווי א קדוש און די כראָניקער פון זיין צייט דערצעהלען וועגען איהם אויסטערלישע מופתים.

איינמאָל איז קראנק געוואָרען די טאָכטער פון גביר ר׳ יוזפא און די דאָקטוירים האָבען איהר מייאש געווען. האָט ר׳ יוזפא צונויפגערופען אלע תלמידי חכמים, וואָס האָבען געלערענט אין זיין בית המדרש, צוטיילט צווישען זיי א סך צדקה, און געבעטען, אז זיי זאָלען מתפלל זיין פאר זיין טאָכטער.

רבי יצחק, באקומענדיג זיין חלק, האָט ער גלייך אהיימגעשיקט, מיט א שליח, דאָס געלט צו זיין ווייב, און איהר אָנגעזאָגט, דאָס זי זאָל אָנגרייטען א סעודה כיד המלך, מיט פיש און פלייש און משקה לרוב, פונקט ווי אויף שבת און יום טוב...

נאָכ׳ן דאווענען, איז רבי יצחק אהיימגעגאנגען פראווען די רייכע סעודה, צו וועלכער ער איז קיינמאָל נישט געוואוינט געווען אין א וואָכען־טאָג. דערנאָך איז ער צוריקגעקומען אין בית מדרש, און צוריקגעקערט צו זיין עבודות.

דאָס דאָזיגע התנהגות האָט ארויסגערופען גרויס פארוואונדערונג ביי אלעמען. ס'טייטש, אלע תלמידי חכמים פאסטען און זענען עוסק אין תפילות פאר'ן געזונד פון דער קראנקער, און רבי יצחק פראוועט גאָר א יום־טוב'דיגע סעודה? — אָבער עס האָט קיינער נישט געוואגט איהם אי־בערצופרעגען, ווייל מען האָט איהם געהאלטען פאר אן איש קדוש.

ווען די קראנקע איז געזונט געוואָרען, האָט רבי יוזפא געפראוועט א סעודת הודאה, צו וועלכער ער האָט איינגעלאדען אלע תלמידי חכמים, דארונטער אויך ר' יצחק'ן. ערשט ביי דער סעודה, האָט ר' יוזפא געפרעגט ר' יצחק'ן, פארוואָס ער האָט זיך נוהג געווען אנדערש ווי יעדער איינער און ער האָט אין דעם קריטישען טאָג גאָר געפראוועט א סעודה.

— איך וועל אייך זאָגען, ר' יוזפא, — האָט ר' יצחק געענטפערט — ווען איך וואָלט געפאסט פונקט ווי אלע אנדערע, וואָלט עס אין הימעל נישט געווען קיין חידוש, ווארום ווען פאסט דען נישט יצחק? אָבער אז מען האָט אין הימעל געזעהן, דאָס יצחק פראוועט אין א וואָכען־טאָג א יום־טוב'־דיגע סעודה, מיט פיש און פלייש און מיט ווייז — האָט עס געמאכט א גרויסען רושם און אלע האָבען געפרעגט: וואָס איז פלוצים געשעהן מיט יצחק'ן, וואָס ער לאָזט זיך אזוי וואוילגעהן? — איז געקומען דער ענטפער, אז דער גביר ר' יוזפא'ס טאָכטער איז א מסוכנת, און ער האָט געטיילט צדקה צו תלמידי חכמים, און פאר דעם געלט פראוועט עס יצחק א געהויבענע סעודה. ממילא איז עס געווען א זכות פאר דער קראנקער און זי איז געהאָלפען געוואָרען...

דער זלאטשאָווער מגיד האָט נישט נאָר אליין געפיהרט א רוחניות'־דיגען לעבען, דערווייטערענדיג זיך פון אלע הבלי העולם, נאָר ער האָט דאָס זעלבע פארלאנגט פון זיינע תלמידים און אָנהענגער. געפיהרט האָט ער פונדעסטוועגען א מלכות'דיגען שטאָט. זיין הויף איז געווען דער רייכסטער הויף אין דער גאנצער מדינה. געקליידעט איז ער געווען פירשטליך און יעדען טאָג איז זיין טיש געווען געגרייט ווי צו א שמחה, מיט די בעסטע מאכלים און משקאות, אָבער נהנה געווען האָט ער דערפון כמעט ווי גאָרנישט.

זיין שלאָף־צימער איז געווען אויסגעשטאָטעט ווי ביים רייכסטען פריץ, אָבער געשלאָפען איז ער אויף דער הארטער פאָדלאָגע, און דאָס נאָר בלויז צוויי שעה אין מעת לעת. פון זיין גאנץ עשירות האָט ער נישט נהנה געווען אפילו דאָס מינדעסטע.

חסידים דערצעהלען, אז איינמאָל האָט ער אויף א פראגע פון א גרויסער פערזענליכקייט וועגען זיין רייכען שטאָט, געענטפערט, אז דאָס טהוט ער, כדי עס זאָל אָנהאלטען דער „לא יסור שבט מיהודה" — דער

מלכות'דיגער שטאט זאל נישט אויפהערען פון די קינדער פון דער דוד־דינאסטיע, פון וועלכער ער שטאמט. אבער ווי קען מען דערפון געניסען, ווען אידען זענען אין גלות, און צוזאמען מיט'ן כלל ישראל איז אויך די שכינה אין גלות!..

פונדעסטוועגען, איז דער מגיד נישט געזעסען אין זיין הויף און געווארט, אז דער עולם זאל קומען צו איהם. ער פלעגט פארען פון ארט צו ארט, פון שטאט צו שטאט. אומעטום פלעגט ער פארזאמלען ארום זיך די מאסען, און זיי מעורר געווען צו תשובה, צו מעשים טובים.

איינמאל, דערצעהלט די חסידישע אגדה, האט דער רבי ר' אלימלך, פארענדיג הינטערוועגס באגעגנט א אידען, וואס האט געשפרייזט מיט גיכע טריט, טראגענדיג א פעקעל אויף די פלייצעס.

דער רבי ר' אלימלך האט געהייסען אבשטעלען זיין פוהר און צוגערופען דעם אידען, אז ער זאל ארויפגעהן אויף דער פוהר און מיטפארען א שטיקעל וועגס.

ווען דער פרעמדער איד האט זיך אביסעל אבגערוהט, האט איהם דער רבי ר' אלימלך א פרעג געטאן?

— וואוהין געהט עס א איד?

— איך געה קיין זלאטשאוו, צום מגיד ר' מיכלי, — האט דער איד געענטפערט.

— אזוי, צום זלאטשאווער מגיד געהט איהר? — הערט זשע, וואס עס האט מיט מיר פאסירט: ווען איך בין געווען א יונגערמאן, האב איך געהערט, אז דער זלאטשאווער מגיד איז געקומען אין א שכנות'דיגער שטאדט, נישט ווייט פון אונז, וואו ער איז מעורר די שטאדט־לייט צו תשובה. האב איך איינגעשפאנט די פיס און געלאזט זיך לויפען אין דער דאזיגער שטאדט, כדי מקבל פנים צו זיין דעם מגיד.

אנקומענדיג אין שטאדט, זעה איך דאס אלע גאסען זענען ווי אויסגעשטארבען, מען זעהט ניט קיין לעבדיגען נפש; די קראמען זענען פארהאמערט, ווי עס וואלט געווען יום כיפור און נישט א פראסטער וואכענטאג. האט עס מיך זעהר געוואונדערט און איך האב מיר געבראכען דעם קאפ, וואס עס האט עפעס פאסירט אין דער דאזיגער שטאדט.

היות ווי איך האב געטראגען מיט זיך א פעקעל, און מיט א פעקעל איז נישט גלייך אריינצוקומען אין בית־מדרש אריין, — האב איך געעפענט א טיר פון א שטוב, כדי דארט איבערצולאזען דאס פעקעל. אבער די שטוב איז געווען ליידיג. מען האט דארט נישט געזעהן קיין לעבעדיגען נפש. בין איך אריין אין א צווייטער שטוב — ווידער דאס אייגענע. די שטוב איז

אָפּען, הפקר, אָבער קיין לעבעדיגער נפש איז נישטאָ. ענדליך בין איך אריינ־געקומען אין א הויז, וואו עס איז געלעגען אויפ׳ן בעט א איד א זקן, וועלכער האָט זיך נישט געקענט ריהרען פון אָרט און איך האָב איהם געפרעגט, וואָס עס האָט עפּעס פּאסירט אין שטאָט.

— איהר ווייסט נישט, וואָס עס האָט פּאסירט? — רבי מיכלי זלאטשאווער איז געקומען, און ער האָט געמאכט ביי אונז א נייעם יום כפור. גאנץ שטאָט, קינד און קייט, ווער נאָר עס קען געהן אויף די פיס, איז פאר־זאמעלט אין דער גרויסער שוהל, און דער מגיד רעכענט אלעמען אויס די חטאים און עוונות, וואָס מען איז באגאנגען פון געבורט ביז הייניגען טאָג. איהר הערט דען נישט די געוויינען, וואָס טראָגען זיך פון דער שוהל, — דאָס טוט דאָך דער עולם תשובה אויף די חטאים!...

— הערענדיג דאָס — האָט דער רבי ר׳ אלימלך צוגעגעבען, — האָט מיך באהערשט אזא פּחד, אז איך האָב מיך מיישב געווען און אנטלאָפען פון שטאָט, מורא האָבענדיג, אז דער מגיד זאָל מיר אויך נישט פאָרוואָרפען די חטאים, וואָס איך בין באגאנגען אלע מיינע יאָהרען...

— שטעלט זשע זיך פאָר ר׳ איד, — האָט דער רבי אלימלך אויס־פיהרט — מיט יאָהרען צוריק, ווען איך בין נאָך געווען א יונגערמאן, וואָס האָט נאָך נישט געהאט טועם געווען דעם טעם פון חטא, האָב איך געציטערט און געפלאָטערט צו באווייזען זיך פאר׳ן זלאטשאווער מגיד, — מכל שכן נאָך איצט, ווען יאָהרען זענען אוועק מיט זינד. ווי זשע האָט איהר נישט קיין פּחד צו ווייזען זיך פאר׳ן דאָזיגען איש־קדוש?...

דער זלאטשאווער מגיד איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט פאר־שפּעטיגט מיט׳ן דאווענען, — נישט געדאווענט תפילה בזמנה. דאָס האָט ארויסגערופען גרויס התנגדות צו איהם. איינער פון די גדולי הדור האָט איהם אפילו געפרעגט, ווי ער וואגט עובר צו זיין אויפ׳ן זמן תפלה, האָט ער געענט־פערט, אז פּונקט ווי דער שבט דן, איז געווען דער מאסף לכל המחנות, און ווער עס האָט עפּעס פארלאָרען אויפ׳ן וועג, אין דער מדבר, האָט עס דער שבט דן אויפגעהויבען און צוריקגעבראכט, — אזוי איז ער א מאסף פון אלע תפילות. ער זאמעלט צונויף די אידישע תפילות, וואָס ווערען צוליב פארשידענע טרדות געדאווענט אָהן כוונה, און ער איז זיי מעלה, כדי זיי זאָלען נישט פארלאָרען ווערען...

דער זלאטשאווער מגיד איז געווען שטארק נזהר אין פאָלגענדע דריי זאכען: ער איז קיינמאָל נישט געזעסען נעבען א ווארימען אויבען זיך אָנצו־ווארעמען, ווייל א ווארימער אויוון ברענגט צו עצלות. ער האָט קיינמאָל נישט צוגעבויגען דעם קאָפּ צום לעפעל עסען — נאָר דעם לעפעל צום מויל,

און ער האָט קיינמאָל נישט אָנגערירט מיט די הענט די פארבאָרגענע קער־פער־טיילען. דערביי האָט ער צוגעגעבען, אז ווער עס איז אימשטאנד נזהר צו זיין אין די דריי זאכען, איז א באוויז, דאָס ער שטאמט פון די זרע המלוכה (פון מלכות בית דוד).

דער זלאטשאווער מגיד, האָט איבערגעלאָזט פינף זיהן, וועלכע מען האָט גערופען „די חמשה חומשי תורה". דאָס זענען געווען רבי יוסף פון יאמפאָל, רבי יצחק פון ראדוויל, רבי בנימין זאב פון זבאראזש, רבי משה פון זוויהעל און רבי מרדכי פון קרעמעניץ. יעדער איינער פון די קינדער פון מגיד האָט ממשיך געווען די עבודות פון זייער פאָטער און פארשפרייט תורה און חסידות אין פאָלק.

דער זלאטשאווער מגיד איז געווען שטארק פארהייליגט צווישען די צדיקי הדור. איינער פון די גדולי החסידות האָט עדות געזאָגט אויף איהם, אז ער האָט פאר זיין דור געלייסטעט אזוי פיל ווי שמעון בן יוחאי פאר זיין דור.

זיין תלמיד, רבי מרדכי פון נעסכיז זצ"ל, האָט זיך אויסגעדריקט, אז ווען ער וואָלט געהאט דאָס טישעל פון זיין רבי'ן, וואָלט ער אימשטאנד געווען דערלאנגען אלע ישועות פאר אידענס וועגען. אָבער ווי נעמט מען דעם מגיד'ס טישעל?...

זיין זוהן און ממלא מקומו, רבי יצחק ראדווילער, האָט איינמאָל באקומען א שטארקע תשוקה צו פאָרען קיין ארץ ישראל. ער האָט שוין געמאכט אלע הכנות צו דער נסיעה און זיינע חסידים זענען געקומען גע־זעגענען זיך מיט איהם.

אין דער לעצטער נאכט פאר זיין אָפּפאָהר, איז איהם דער פאָטער גע־קומען צו חלום און געזאָגט צו איהם: מיין קינד, הער, וועל איך דיך זאָגען פשט אין א פסוק אין דער תורה. עס שטעהט אין פסוק: „ויאמר יהודה לתמר כלתו, שבי אלמנה בית אביך, עד יגדל שלה בני".

ויאמר יהודה — מיינט מען כביכול, דעם רבונו של עולם, ווייל אין וואָרט יהודה איז פארהאן דער שם. לתמר כלתו — מיינט מען די כנסת ישראל, שדמתה לתמר. שבי אלמנה — זיץ ווי אן אלמנה אין גלות, עד יגדל שלה — של"ה איז די ראשי תיבות פון המחזיר שכינתו לציון, און די סופי תיבות פון יתגדל ויתקדש שמיה...

הערענדיג די דאָזיגע הימלישע תורה, האָט רבי יצחק ראדווילער גלייך אָבגעזאָגט זיך פון די נסיעה אין הייליגען לאנד, אייזעהענדיג, אז עס נאָך נישט געקומען די צייט דערצו...

רבי נחום טשערנאָבילער

אין מזל פון אָרימקייט האָט אַלע זיינע יאָהרען געלעבט דער מגיד פון טשערנאָביל, רבי מנחם נחום זצ"ל, באַקאַנט אין דער חסידישער וועלט אַלס דער „מאור עינים". אויפ'ן נאָמען פון זיין ספר וואָס געהערט צו די קלאַסישע ספרים אין חסידות.

פון זיין פריהסטער יוגענד איז ער געווען א גרויסער עובד ד'. און דערצו איז ער געווען א הצנע-לכת. עס האָט איהם קיינער נישט געקענט, און ער האָט מיט קיינעם נישט געהאַט קיין מחזקות. ער האָט עוסק געווען בתורה בקדושה וטהרה, אין דער גרעסטער דחקות. כדי צו שטילען זיין דורשט נאָך תורה, האָט ער געוואַנדערט פון שטאָדט צו שטאָדט, באַזוכט די גרעסטע גדולים אין ליטא, באַקענט זיך מיט זייערע שיטות אין לערנען, אָבער דאָס אַלץ האָט איהם נישט באַפרידיגט. ער האָט אַלץ געפאָרשט, געגישטערט, געזוכט א דרך אין עבדות השם.

ווען עס איז צו איהם דערגאַנגען די ידיעה וועגען דעם נייעם גרויסען ליכט, וואָס איז אויפגעגאַנגען אויפן אידישען הימעל, דאָס ליכט פון חסידות, — האָט רבי נחום באַשלאָסען צו געהן קיין מעזשיבוזש, כדי קענען צו לערנען די דאָזיגע נייע שיטה און איהר באַגרינדער.

אָנגעקומען קיין מעזשיבוזש איז ער גראד אין א יומא דפגרא, בעת דער בעל שם טוב איז געזעסען ביים טיש, מיט זיין חבריא, און געפּראַוועט א סעודה. רבי נחום האָט זיך, ווי אַן אָרימאַן אריינגעשלייכט אין בית המדרש, און אוועקגעשטעלט זיך אין א זייט. דער בעל שם טוב האָט איהם אָבער גלייך באַמערקט און ער האָט א זאָג געטאָן צו איהם:

— ליטוואַק, געה וואַש דיך, וועסטו עסען צוזאַמען מיט אונז!

רבי נחום איז אָבער געווען אין א גרויס פאַרלעגענהייט. זיין מלבוש, וואָס ער האָט געטראָגען, איז געווען שטאַרק צוריסען, און אוועקזעצען זיך ביים טיש אין אויבער-מלבוש, איז דאָך נישט קיין דרך ארץ, איז ער א ווייל געשטאַנען און ניט געריהרט זיך פון אָרט ביז דער בעל שם האָט איהם א צווייטען מאָל גערופען. ערשט דאַן האָט ער זיך אוועקגעזעצט ביים ברעג פון טיש.

דער בעל שם האָט איהם שטאַרק מחבב געווען. ער האָט איהם אַנדערש נישט גערופען ווי: „מיין ליטוואַק". און רבי נחום איז אַזוי לאַנג געזעסען אין מעזשיבוזש, ביז ער איז געוואָרען א תלמיד-מובהק פון הייליגען בעל שם טוב.

שפּעטער האָט איהם זיין רבי אהיימגעשיקט קיין אוקראַינא. פון

וואנען ער האָט געשטאַמט, כדי דאָרט צו פאַרשפּרייטען חסידות. רבי נחום האָט זיך באַזעצט אין שטעדטעל טשערנאָביל, וואו ער איז באַשטימט געוואָרען אַלס מגיד מיט א שכירות פון 25 קאָפּיקעס א וואָך. עס פאַרשטעהט זיך, אז אפילו אויף הויצער האָט עס נישט געסטייעט, און געלעבט האָט ער דערפון, וואָס איינער, אן עושר האָט שטילערהייט, אָהן זיין ידיעה, געשטיצט די רביצין מיט א רובל א וואָך.

געוואוינט האָט ער אין א קליין שטיבעל. ער האָט אפילו נישט פאַרמאָגט קיין לייטיש מלבוש. ער מיט די רביצין האָבען פאַרמאָגט איין פּעלץ פאַרן ווינטער. ווען דער מגיד האָט בעדאַרפען געהן אין בית מדרש, האָט ער אָנגעטאָן דעם פּעלץ, און ווען זיין ווייב האָט בעדאַרפט געהן אויפ׳ן מאַרק, האָט זי אָנגעטאָן דעם פּעלץ.

אָבער זיין נאָמען איז וואָס אמאָל געוואָרען מעהר באַריהמט. מיט זיינע דרשות האָט ער געמאַכט אן איבערקערעניש אין יענע מקומות, און די צאָל פון זיינע אָנהענגער זענען געוואָרען וואָס אמאָל אַלץ גרעסער. עס פאַרשטעהט זיך, אז די חסידים האָבען נישט געקענט צוקוקען צו דער אָרימקייט וואָס האָט געהערשט אין הויז פון זייער באַליבטען רבין, און זיי האָבען זיך באַמיהט צו ווירקען אויף איהם, אז ער זאָל געניסען פון דעם, וואָס זיי ווילען איהם מהנה זיין. אָבער אומזיסט זענען געווען זייערע באַמיאונגען. ער האָט נישט געוואָלט אראָבגעהן פון זיין דרך.

גאַנץ אָפט, ווען ער פלעגט אין א ווינטער נאַכט ארויסגעהן צום טייך, וואָס האָט זיך געפונען אין שטעדטעל, כדי זיך טובל צו זיין אין דעם אייזקאַלטען וואַסער, האָט ער מיטגענומען זיין רביצין, צו היטען דעם פּעלץ, וואָרום טאָמער גנב׳ט מען איהם דעם פּעלץ, וועט ער ח״ו דאַרפען אָנקומען לידי מתנת בשר ודם...

געפיהרט האָט ער זיך, אז די אָרימעלייט האָט ער באַזונדערס שטאַרק מקרב געווען, און די עשירים האָט ער זייער גיך אָפּגעפּאַרטיגט. ווען עס זענען געקומען צו איהם צוויי אידען, איינער אן עושר און דער צווייטער אן אָרימאַן, האָט ער זיך מיטן אָרימאַן ארומגעכאַפּט, ווי ער וואָלט געווען זיין לייבליכער־ברודער, געפרעהט זיך מיט איהם, און שפּאַצירט מיט איהם איבערן בית מדרש, אויסגעפרעגט זיך וועגען אַלע זיינע דאגות און נויטען. דערביי איז געשטאַנען דער עושר אין א זייט און צוגעקוקט זיך מיט קנאה צו דער התקרבות, וואָס דער מגיד ווייזט ארויס צו דעם אָרימאַן. ווען עס איז ענדליך געקומען די צייט, וואָס ער האָט דעם נגיד אויפגענומען, האָט ער איהם אויסגעהערט שטעהענדיג אויף איין פוס, געגעבען איהם אן עצה און

גלייך אָבגעזעגנט, ווי ער וואָלט נישט וועלן האָבן קיין צו גרויסע מחזקות מיט דעם גביר...

קיין געלד האָט ער ביי קיינעם נישט גענומען. אָבער ער האָט אויך נישט מוותר געווען אויף די מתנות, וואָס די רייכע חסידים זיינע האָבן איהם געבראַכט. ער האָט זיי געשיקט אויף באַשטימטע ערטער, געהייסען זיך נאָכפרעגען אויף א געוויסען־אָרימאַן און געגעבען איהם א סומע געלד, וויפיל ער האָט באַשטימט. טיילמאָל האָט ער אפילו גענומען גאָר גרויסע סומען ביי די גבירים. ווארום פיעל אָרימע לייט זענען שוין געווען אויף זיין קאָפּ; דער האָט בעדארפען האָבען אויף א נדן פאר א טאָכטער — א בוגרת, א צווייטער האָט בעדארפען אויף חתונה־הוצאות, א דריטער האָט זיך גענויטיגט אין שכר־לימוד פאר די קינדער — דאָס אַלץ האָבען געדעקט זיינע רייכע חסידים, אָבער ער האָט געוואָלט אז די גבירים אליין זאָלען געבען די צדקה מיט זייערע אייגענע הענד.

ער האָט געהאַלטען, אז רחבות, א ברייטער שטאט, און א שיינע היים, פיהרט צו גאוה, צו זעלבסטצופרידענקייט, וואס איז א גרויסער שטער אין עבודות הבורא. דער אָרימאַן האָט קלענערע טרדות ווי דער עושר, און זיין מח מיט זיינע חושים זענען מעהר מסוגל צו תורה, צו יראת שמים.

פלעגט ער אזוי פאָהרען מיט זיין אָרים וועגעלע פון שטאָדט צו שטאָדט, פון דאָרף צו דאָרף, ווי די פארצייטיגע מגידים האָבען זיך געפיהרט. געהאַלטען דרשות, פארשפרייט חסידות, און מחזיר למוטב געווען די זינדיגע, ער פלעגט אויפזוכען א זינדיגען, פארברענגט מיט איהם א צייט, געוויינט און געקלאָגט פאר איהם, ער זאָל רחמנות האָבען אויף זיין זינדיגער נשמה, און ער האָט איהם נישט אָבגעלאָזט ביז ער איז געוואָרען אן אמת׳ער בעל תשובה.

וואָס אמאָל איז זיין נאָמען געוואָרען מעהר באַריהמט, און די צאָהל פון זיינע אָנהענגער איז געוואקסען. דאָס געלד, וואָס ער האָט צונויפגעזאַמעלט אויף זיינע נסיעות, האָט ער צוטיילט אויף צדקה, און אליין האָט ער דערפון נישט געוואָלט געניסען. איינמאָל איז ער געקומען אין שטעדטעל, וואו עס איז נישט געווען קיין מקוה. די רייכע פלעגען פאָרען זיך טובל זיין אין א שכנות׳דיגער גרויסער שטאָדט, אָבער די אָרימע פלעגען, אין די ווינטער־חדשים, צוהאקען דאָס אייז פון טייך און דאָרט זיך טובל זיין, און שטעלען אין סכנה זייער לעבען. רבי נחום, דערהערענדיג דאָס, איז ער ממש אויפגעציטערט געוואָרען. גלייך איז ער אוועק צום גביר פון שטאָדט און באפוילען איהם צו מאכען א מקוה פאר זיין געלד. עס פארשטעהט זיך, אז דער גביר, וועלכער איז דערצו געווען א גרויסער קמצן, האָט אין תחילת

נישט געוואָלט הערען דערפון, אויסצוגעבען אזא גרויסע סומע געלד, וואָס עס האָט בעדאַרפען קאָסטען אויסצובויען די מקוה. דער טשערנאבילער מגיד האָט מיט איהם לאנג איינגעטענה'ט, אָבער ער האָט גאָרנישט געקענט פועל'ן. ווען ער האָט שוין געהאַלטען ביי אוועקגעהן מיט גאָרנישט, האָט דער מגיד צו איהם א זאָג־געטאָן:

— וואָלט איהר אפשר געוועז א בעלן אָבצוקויפען ביי מיר מיין חלק עולם הבא?...

דער גביר איז געבליבען שטעהן א צוטומעלטער און א פרעג־געטאָן:

— וואָס הייסט אָבקויפען ביי אייך אייער חלק עולם הבא?

— דאָס הייסט, פשוט: איך בין גרייט, כתוב וחתום, צו פארקויפען אייך מיין חלק עולם הבא, בתנאי, ווען   ור וועט פאר אייער געלד אויפ־בויען א מקוה...

דער גביר האָט נישט לאנג געטראַכט און א זאָג־געטאָן:

— מסכים, רבי!

מען האָט געבראַכט דעם סופר פון שטאָדט, וועלכער האָט אָנגעשריבען א שטר־מכירה, אז רבי מנחם נחום, דער מגיד פון טשערנאביל פארקויפט דעם גביר זיין חלק עולם הבא, פאר דער מקוה, וואָס ער וועט אויפבויען פאר זיין געלד.

די דאָזיגע געשיכטע האָט געמאַכט א גרויסען רושם אין שטאָדט און פון אַלע זייטען איז מען געקומען צו איהם מיט טענות: היתכן, רבי, אזא קארגען גביר שענקט איהר אוועק אייער עולם הבא, פארוואָס קומט עס איהם?

— וואָס האָט איהר זיך עפּעס אויף מיר אָנגעלייגט, — האָט דער מגיד זיך אויף זיי אָנגעבייזערט. זאָגט מיר כ'בעט אייך, ווען וואָלט אזא אָרימאַן ווי איך געקענט מקיים זיין די מצוה פון דער תורה „ובכל מאדך", — אז מען דאַרף דיענען דעם אויבערשטען מיטן גאנצען פארמעגען. יעדער איד איז דאָך מצווה געוואָרען די דאָזיגע מצוה, און איך האָב נישט קיין אנדער פארמעגען ווי דאָס ביסעל עולם הבא, וואָס מיר האָבען שווער און ביטער אויסגעהאָרעוועט. האָב איך דאָס דאָזיגע „פארמעגען" מיינס פארקויפט פאר א מצוה, כדי מקיים צו זיין וואָס איך זאָג מיטן מויל עטליכע מאָל יעדען טאָג...

רבי נחום האָט געהאַט צוויי קינדער, רבי משה און רבי מאָטעלע. איינמאָל האָט עמיצער אָנגעטראָגען דעם פאָטער א רכילות, אז רבי משה פיהרט זיך ווי א נגיד, און אז אין זיין הויז געפינט זיך א קליידער־שאַנק מיט עטליכע טהירען, מיט פארשידענע באפוצונגען און באַציהרונגען, א שטייגער ווי ביי די פריצים. רבי נחום'ן האָט עס שטאַרק פארדראָסען, און

ער האָט זיך אויסגעדריקט זייער שאַרף געגען זיין זוהן. עס האָט נישט לאַנג געדויערט און רבי משה איז, יונגערהייט, נפטר געוואָרען.

שפּעטער האָט מען דערציילט דעם מגיד, אז אויך זיין זוהן רבי מאָטעלע פיהרט זיך ווי אן עושר. ער האָט טייערע כלים אין הויז און בכלל פיהרט ער א נגידיש לעבען. רבי נחום האָט באשלאָסען אליין זיך איבער־צוציינגען דערין, און ער איז אריין צו זיין זוהן אין הויז.

— מען זאָגט אויף דיר, מאָטעלע, אז דו האָסט דיר איינגעקויפט טייערע גאָלדענע און זילבערנע כלים. איך וויל זיי זעהן, מיין קינד!

רבי מאָטעלע האָט ארויסגענומען די אלע ווערטפולע כלים, וואס ער האָט פארמאָגט און זיי אוועקגעשטעלט אויפן טיש, פארן פאָטער.

רבי נחום האָט יעדע זאך גענוי באטראכט און צום סוף האָט ער א זאָג־געטאָן:

— מאָטעלע, מיין קינד, זאָג מיר, צו וואָס טויג דיר דאָס אלץ?...

— איך וועל דיר זאָגען טאטע. די גמרא דערצעהלט, אז רבנו הקדוש איז געווען א גרויסער עושר און בשעת דער פּטירה האָט ער אויפגעהויבען זיינע צעהן פינגער און ער האָט מעיד געווען, אז ער האָט פון זיין עשירות נישט נהנה געווען אפילו מיטן קלענסטען פינגער. פרעגט זיך, צו וואָס האָט ער בכלל בעדארפען דאָס עשירות, אז ער האָט סיי ווי נישט נהנה געווען דערפון? — נור ווי עס ווייזט אויס, איז מעהר רבותא יאָ צו פאר־מאָגען א סך, צו זיין רייך, און דאָך נישט נהנה צו זיין דערפון, איידער צו זיין אן אָרימאן און נישט שטעהן פארן דאָזיגען נסיון...

און רבי מאָטעלע האָט טאקי נאָך דער הסתלקות פון זיין פאָטער, ווען ער איז באשטימט געוואָרען אלס ממלא מקומו, אויפגעבויט אין טשער־נאביל א גרויסען און רייכען חסידישען הויף, איינגעפיהרט „מעמדות", וואָס די רייכע חסידים פלעגען יעדעס יאָהר אריינטראָגען פאר די גרויסע הוצאות פון הויף, פאר אויסהאלטען די יושבים און פאר די קאָלאָסאלע סומען, וואָס איז פון טשערנאבילער הויף ארויסגעגאנגען פאר צדקה. צענדליגער טויזענטער חסידים האָבען געשטראָמט פון אלע מקומות אין דרום־רוסלאנד און געלערענט תורה, חסידות, אידישקייט און מידות טובות ביי זייער גרויסען רבין.

דער טשערנאבילער מגיד רבי מאָטעלע זצ"ל האָט איבערגעלאָזט אכט זיהן, וועלכע זענען אלע געווען מנהיגי ישראל און גדולי החסידות. פון זיין ערשטער פרוי, וועלכע איז געווען די טאָכטער פון רבי אהרן הגדול פון קארלין, זענען איהם געבוירען געוואָרען דריי זיהן: זיין ממלא מקומו רבי אהרן, דער אלטער טשערנאבילער צדיק, וועלכער איז נאָך ערצויגען געוואָרען

דורך זיין זיידען דער „מאור עינים", דער צווייטער זוהן איז געווען רבי משה קראסטשאווער און דער דריטער זוהן איז געווען רבי יעקב ישראל פון טשערקאס.

פון דער צווייטער רביצין, וועלכע איז געווען אן אייניקעל פון בעל שם טוב, זענען איהם געבוירען געוואָרען פינף זיהן: רבי נחום מאקאראָווער, רבי אברהם דער טריסקער מגיד, רבי דוד'ל טאלנער, רבי יצחק סקווערער, און רבי יוחנן ראכמיסטריווקער, זכר כולם לברכה.

געהאָלפען געוואָרען דורך אַ מעשה

די מעשה וואָס מיר געהען אייך דאָ דערצעהלען שטאמט פון טשערנאבילער הויף. עס איז א געשיכטע וועגען א פרומער אידישער פרוי, וואָס האָט געוואָלט ראטעווען איהר קראנק קינד, איז אריינגעפאלען אין די הענט פון א טערקישען אָפיציר, וועלכער האָט זי גענומען געפאנגען אין זיין הארעם, און עס איז מיט איהר געשעהן א נס און זי איז ארויס פון זיינע הענד אן אומבאפלעקטע.

עס איז א שטוינענדיגע מעשה מיט א מוסר השכל און געקומען איז עס צו רייד צוליב דער פאָלגענדער פאסירונג.

דער רבי ר' שלום שכנא פון פראבושטש, דער פאָטער פון ריזשינער זצ"ל, איז אלס קינד פאר'יתום'ט געוואָרען פון זיין גרויסען פאָטער, רבי אברהם המלאך זצ"ל. וועלענדיג פארלייכטערען דעם עול פון דער יונגער אלמנה, איז גלייך נאָך דער פטירה פון מלאך געקומען קיין אניפאליע, וואו די אלמנה האָט געוואוינט, דער בארימטער רבי נחום טשערנאבילער, דער „מאור עינים" זצ"ל, וועלכער איז געווען א ידיד־נאמן פון דעם „מלאך" און גענומען צו זיך דעם קליינעם שלום. דערביי האָט ער דער מוטער מודיע געווען, דאָס אויב מען וועט אין הימעל מסכים זיין, וועט ער איהם חתונה מאכען פאר זיין אייניקעל חוה, די טאָכטער פון זיין טאָכטער.

די אלמנה האָט גלייך דערצו מסכים געווען. שווערער איז געווען מיט דעם קליינעם שלום גופא. הערענדיג, אז די מוטער האָט איהם בדעה צו שיקען אין טשערנאבילער הויף, האָט ער א זאָג געטאָן צו ר' נחום'ען:

— איך פאָהר מיט אייך, נאָר בתנאי, איך זאָל נישט האָבען קיין שטערונג אין מיין התנהגות. איך זאָל מיך קענען נוהג זיין ווי אזוי איך וויל.

פון דעם דאָזיגען דרייסטען תנאי איז דער טשערנאבילער שטארק נתפּעל געוואָרען און ער האָט דערצו גלייך מסכים געווען.

רבי שלום שכנא איז אויסגעוואקסען, זיין נאָמען איז געוואָרען בארימט. אָבער ער איז אַזוי צוגעבונדען געוואָרען צו זיין עלטער־שווער, אַז ער האָט באשלאָסען נישט צו פארלאָזען דעם טשערנאבילער הויף כל זמן רבי נחום לעבט.

ר׳ שלום שכנא האָט זיך שפּעטער גענומען פיהרען אויף א גאַנץ אַנדערען שטייגער ווי די אלע גוטע אידען אין זיין צייט. ער האָט זיך געקליידעט מאָדערן, מיט רחבות, מיט גדלות, ער האָט זיך פארשאפען א קאטש מיט א פּאָר פערד מיט א קוטשער — מעשה פריץ.

חסידים האָבען אפילו געמורמעלט. נישט פארשטאַנען דעם דרך, בפרט ווען דער אלטער רבי איז געווען אזא געגנער פון רחבות פון מותרות. דאָך האָט קיינער נישט ערלויט זיך צו רעדען א שלעכט וואָרט אויף׳ן רבינ׳ס באליבט אייניקעל.

טרעפט זיך אזא מעשה: געווען איז עס ערב סוכות. אין טשערנא־בילער הויף איז מען שטארק פארנומען מיט די הכנות צום גרויסען יום טוב. דערינטער איז ר׳ שלום געווען פארנומען מיט אויסציהרען די סוכה, ווייל ער איז געווען א גרויסער מהדר אויף נוי סוכה. פּלוצלונג דערטראָגט זיך איבער׳ן הויף א געשריי און געוויין. עטליכע מענשען לויפען אריין צום רבי׳ן מיט א שטורם, ער זאָל מתפּלל זיין פאר א מקשה לילד, פאר א פרוי וואָס געהט שווער צו קינד, ווייל איהר לעבען איז אין גרויס געפאר.

הערט אויס דער טשערנאבילער די בקשה און ענטפערט:

— הערט, ליבע אידען, ביי אונז דארף עס לאנג נעמען מיט די הכנות צו דער תפלה און דערווייל איז דאָך גרויס די סכנה, געהט זשע דעריבער אריין צו מיין ר׳ שלום׳ניו, ער געפינט זיך איצט אין סוכה, און זאָגט איהם, אַז מיר האָבען געשיקט צו איהם, דאָס ער זאָל דערלאַנגען א ישועה פאר דער מקשה לילד.

ר׳ שלום שכנא, וועלכער איז נאָך דאמאָלס געווען א יונגערמאַן, האָט אין תחילת גענומען מדחה זיין דעם ענין. ער האָט ערקלערט, אַז ער איז נאָך יונג, ער האָט זיך קיינמאָל מיט רבי׳סטווא נישט אָבגעגעבען. דע־ריבער וואָלט גלייכער געווען, אַז זיי זאָלען צוריקגעהן צום עלטער־שווער, צום טשערנאבילער, וועלכער איז דאָך בארימט אלס פועל ישועות.

זיינען די קרובים פון דער אומגליקליכער פרוי צוריקגעלאָפען צום טשערנאבילער און דערצעהלט איהם, אַז זיין אייניקעל ר׳ שלום שכנא

איז זיי מדחה בקש און דערווייל איז די סכנה זעהר גרויס. יעדע מינוט שפּילט א ראָליע.

— געהט נאָכאמאָל צו איהם, און זאָגט איהם, אז איך בין אויף איהם גוזר, דאָס ער זאָל אויס׳פּועל׳ען א ישועה פאַר דער מקשה לילד, — האָט דער טשערנאָבילער שטרענג א זאָג געטאָן.

דאָ האָט שוין ר׳ שלום שכנא נישט געהאט קיין עצה און א זאָג געטאָן צו די קרובים פון דער פרוי:

— אז איהר האָט זיך דוקא פאַרלעגט אויף מיר, הערט זשע אויס א מעשה, וואָס איך וועל אייך דערצעהלען, אָבער הערט אויס מיט קאָפּ, ווייל דאָס איז זעהר א וויכטיגע מעשה:

די שטאָדט סטאמבול איז אלע מאָל באקאנט געוועזן אלס הפקר־שטאָדט. דאָס פּריצות איז דאָרט זעהר גרויס. אָנהויבענדיג פון סולטאן ביז די קלענערע דינער זיינע, האָט יעדער איינער אויסגעהאַלטען א הארעם. פלעגען טערקען לאָקערען אויף איינזאמע פרויען, זיי פאנגען, ברענגען אין זייער הארעם, פייניגען און שפּעטער פאַרלאַנגען גרויסע סומען אלס אויס־קויף־געלד.

צוליב דעם פלעגען יונגע פרויען זיך היטען אליין ארויסצוגעהן אין שטאָדט, איבערהויפּט ביינאכט, אָהן א געהעריגע שמירה.

מאכט זיך, אז ביי א יונגע, פרומע אידישע פרוי איז פאַרשלאָפט געוואָרען א קינד. דער מאן איז נישט געווען אין הויז, און זי האָט באדאַרפט געהן ברענגען א רפואה. אָבער זי האָט קיין שמירה נישט געהאט. האָט זי לאַנג געטראכט ביז זי האָט באשלאָסען, אז סוף כל סוף איז דאָך סטאמבול נישט קיין וואַלד, נאָר א שטאָדט מיט מענשען, וועט זי ריזיקירען און געהן זיך פאַרשאפען די רפואה פאַר איהר קינד.

איז די פרוי געגאנגען און איינגעקויפט די רפואה און געלאָזט זיך צוריק אהיים. אָבער דאן איז זי באמערקט געוואָרען פון א טערקישען אָפיצער, וועלכער איז געפאָהרען אין א קארעטע. דער אָפיצער איז איהר נאָכגעפאָהרען, און ווי נאָר זי איז אריין אין א טונקעלער גאס, איז ער ארויסגעשפּרינגען פון דער קארעטע, א כאפּ געטאָן די פרוי, אריינגעשליידערט אין דער קארעטע און אָבגעפאָהרען אין זיין היים, וואָס האָט זיך געפונען אזש אויפן צווייטען עק שטאָדט אין אן איינזאמער סביבה.

די פרומע אידישע פרוי האָט געוויינט און געקלאָגט, געבעטען זיך רחמים ביים אָפיצער ער זאָל איהר באפרייען, ווייל אין דער היים וואַרט א קראנק קינד אויף דער רפואה. אָבער אומזיסט. ער האָט איהר אָבגעפיהרט אין זיין הויז, וואָס האָט זיך געפונען אין א גאָרטען. און היות ווי דער

אפיצער האָט געהערט צו דער לייב־וואך פון סולטאן, און גראד אין יענער נאכט האָט ער געהאט שמירה, האָט ער דער געפאנגענער פרוי פארשפארט אין א דאך־שטיבעל, וואָס האָט זיך געפונען אין טורעם, פארשליסענדיג די טיר און מיט זיך גענומען דעם שליסעל. דאן איז ער אוועק אין פאלאץ פון סולטאן, זייענדיג זיכער, אז דער פויגעל, וואָס ער האָט געפאנגען, וועט שוין נישט אנטלויפען פון דער שטייג.

בלייבענדיג אליין אין דאך־שטיבעל, האָט די פרומע פרוי ערשט רעכט באגריפען אין וואָס פאר א געפאר זי געפינט זיך, און גענומען מתפלל זיין צום רבונו של עולם, אז ער זאָל איהר באווייזען א נס, ארויסראטעווען פון דאָרט, און איהר צוריקברענגען אהיים אן אומבאפלעקטע.

נאָכ'ן תפילה טאָן האָט זי זיך גענומען ארומקוקען וואו זי געפינט זיך און זי איז געקומען צום באשלוס, אז זי וועט אראָפשפרינגען פון דעם גאניק, וואָס רינגעלט ארום איהר געפענגניש ביים שפיץ פון טורעם און גאָט וועט איהר העלפען, אז זי וועט ארויס גאנץ, וועט זי זיך געפינען אין גאָרטען, פון וואנען עס וועט זיין לייכטער צו אנטלויפען.

אזוי האָט זי באשלאָסען צו מאכען דעם געפערליכען שפרונג פון דעם הויכען גאניק. אָבער וועלענדיג זיך שיצען פון א קלאפ, האָט זי געזוכט עפעס א ווייכע זאך, איינצוהילען זיך דערמיט, ביז זי האָט אינטערן אויוען געפונען א ווייכען דיוואן אין וועלכען זי האָט זיך טאקע ארומגעהילט דאן איז זי ארונטערגעשפרונגען פון דעם הויכען טורעם.

און גאָט האָט איהר געהאָלפען. זי איז אָבגעקומען בלויז מיט א לייכטען קלאפ און עס האָט איהר גאָרנישט געשאדט. גיך האָט זי זיך אריבערגעכאפט איבער דעם פלויט, וואָס האָט ארומגעצאמט דעם גאָרטען, אהיימגעלאָפען צו דעם מאן, וועלכער האָט אויף איהר געווארט מיט גרויס צער און עגמת נפש. זי האָט איהם דערצעהלט, וואָס עס האָט מיט איהר פאסירט און די נסים וואָס דער אויבערשטער האָט מיט איהר געטאָן, און אלס באווייז האָט זי איהם געצייגט דעם דיוואן, מיט וועלכען זי האָט זיך ארומגעהילט בעת'ן אראָבשפרינגען פון טורעם.

דער מאן האָט אויסגעהערט די דאָזיגע כמעט אומגלויבליכע געשיכטע און געוואלדיגע ספיקות האָבען גענומען פרעסען זיין הארץ. ער האָט נישט געגלויבט אז מען זאָל זיך קענען אזוי ארום ראטעווען. ער האָט געטראכט פארשידענעס און ער האָט זיך נישט געקענט בארוהיגען.

דאָס עגמת נפש האָט איהם נישט אָבגעלאָזט אויך אויף צומאָרגענס און כדי זיך אביסעל צוצושטרייטען איז ער ארויס צום ברעג ים, וואו ער האָט זיך געדרעהט א שטיקעל צייט פארזונקען אין זיינע שווערע געדאנקען.

דערנאָך האָט ער געדונגען א שיפעל, ארויסצופאָהרען אויפ'ן ים, כדי ארויס־צושלאָגען זיך פון קאָפּ די שלעכטע מחשבות.

פאָהרענדיג איבער'ן ים, האָט ער זיך דערנעהנטערט צו א צווייט שיפעל, אויף וועלכען עס איז געפאָהרען א טערקישער אָפיצער. ביידע האָבען זיך באגריסט און איבערגעשמועסט. פלוצלינג האָט דער אָפיצער א זאָג געטאָן: איך זעה דאָך, אז דו האָסט א גרויס עגמת נפש, וואָס פייניגט דיך, אויך איך לייד פון א אויסטערלישע פאסירונג, וואָס עס האָט מיט מיר פאסירט. לאָמיר זשע זיך אויסריידען איינער פאר'ן אנדערען די הערצער, וועט אונז אפשר לייכטער ווערען.

דער איד האָט דערצו מסכים געווען, און דער אָפיצער האָט גענומען דערצעהלען, וואָס עס האָט מיט איהם נעכטען אָוועגט פאסירט: ער האָט געפאנגען א אידישע פרוי און איהר פארשלאָסען אין א הויכען טורעם, ווייל ער האָט באדארפט געהן אין פאלאץ פון סולטאן, וואו ער האָט געהאט דינסט. אָבער צוריקקומענדיג אהיים האָט ער דערזעהן, אז דער פויגעל איז אנטרונען פון דער שטייג. וואָלט נאָך נישט געווען גרויס דער אומגליק. האָט די פרוי אָבער מיטגענומען מיט זיך א טייערען דיוואן, אין וועלכען עס איז איינגענייהט א גאנצער אוצר מיט דימאנטען און איידעל־שטיינער, — דאָס גאנצע פארמעגען וואָס איך האָב גע'ירשנ'ט פון מיינע רייכע עלטערען, איז געווען באהאלטען אין דעם דיוואן — און דערויף טרויער איך זעהר.

ווי דער איד האָט דאָס דערהערט, איז ער געוואָרען מלא שמחה. ער האָט זיך מעהר ניט געזאמט און אבשיד גענומען פון אָפיצער, גיך געלאָזט זיך אהיים, געעפענט דעם דיוואן און ווירקליך געפונען דאָרט א גרויסען אוצר. ערשט איצט האָט ער זיך בארוהיגט און געוואוסט, אז זיין ווייב איז נישט פאראומרייניגט געוואָרען און דער אויבערשטער האָט מיט איהר געטאָן א גרויסען נס. דאָס פּאָר פּאָלק האָט גלייך פארלאָזט סטאמבול, באזעצט זיך אין ארץ ישראל און דאָס עשירות האָט זיך נישט אָבגעטאָן פון זיי און פון זייערע קינדער.

דערמיט האָט רבי שלום שכנא פארענדיגט די געשיכטע.

ענדליך האָט אימיצער פון די קרובים א זאָג געטאָן:

— הייליגער צדיק...

— וואָס שטעהט איהר נאָך, דאָס קינד איז שוין מיט מזל געבוירען געוואָרען. די געווינערין האָט טאקע געהאט גרויסע נסים, אָבער אלץ איז שוין אריבער בשלום!

אין דעם מאָמענט איז מען געקומען צולויפען אין הויף אָנזאָגען די גוטע בשורה, אז די פרוי איז שוין געהאָלפען געוואָרען.

— די דאָזיגע מעשה — האָט רבי נחום טשערנאָבילער צוגעגעבן, — איז א זיכערע סגולה פאר א מקשה לילד, אויפגעבונדען צו ווערען בנקל, ווייל זי ענטהאלט סודות, שמות און צירופים....

דער טשאָרטקאָווער רבי און זיין יראת שמים

פאר דער הסתלקות פון ריזשינער צדיק זצ"ל, האָט ער איטליכען פון זיינע קינדער איבערגעגעבן אן אנדער מדרגה אין אידישקייט, און זיין זוהן רבי דוד משה'ן, דעם באריהמטען טשאָרטקאָווער רבין, האָט ער איבער־געגעבן די מידה פון יראת שמים...

דערפאר האָט מען דעם אלטען טשאָרטקאָווער נישט אנדערש גערופען, ווי „דער בעל־יראה". מען האָט אמאָל דערצעהלט דעם הייליגען ריזשינער, אז עמיצער א גדול האָט זיך בשעת הדוה אויסגעדריקט, אז פון זיינע קינדער וועט מען דערגעהן, ווי גרויס איז זייער פאָטער, — האָט דער ריזשינער א שמייכעל געטהאָן און געזאָגט:

— און פון מיינע קינדער וועט מען דערגעהן ווי גרויס עס איז אונזער פאָטער אין הימעל!...

דער טשאָרטקאָווער רבי איז געווען באריהמט מיט זיין צדקות און עבדות. יעדער דבור זיינער, יעדע תנועה, האָט אויסגעדריקט יראה. עס איז געווען געגנוג איין בליק צו טהאָן אויפ'ן טשאָרטקאָווער, אז מען זאָל באקומען יראת שמים אין אזא מאָס, אז עס זאָל ארומנעהמען אן אימה ופחד פאר דעם באשעפער — האָבען אלטע חסידים דערצעהלט.

זיין עבדות איז געווען למעלה מן הטבע. ער האָט ממש ניט גערוהט, נישט בייטאָג, נישט ביינאכט. תמיד האָט ער געלערענט, געדאַווענט, פאר־שלאָסען אין זיך, כמעט שטענדיג זיך מתבודד געווען, און קיין מחזקות נישט געהאט מיט קיינעם, אפילו נישט מיט זיינע נאָהענטע.

גאנץ אָפט פלעגט עס טרעפען, אז ער איז נישט געשלאָפען עטליכע נעכט דורכאנאנד, זייענדיג פארטהאָן אין זיינע הויכע ענינים. ער האָט דאָ־מאָלסט פשוט נישט געפיהלט די נויטווענדיגקייט פון שלאָפען. בכלל האָט ער קיינמאָל נישט געפיהלט קיין מידקייט, וואָרום אפילו „נאָרמאל" איז ער געשלאָפען נישט מעהר ווי צוויי שעה אין מעת לעת. די צוויי שעה זיינען געווען — פון האלב נאָך 5 ביז האלב נאָך 7 אין דער פריה. אין די דאָזיגע צוויי שעה זיינען שוין אין כלל געווען דאָס אויסטהאָן און דאָס אָנטהאָן

די מלבושים. אָבער אפילו פון שלאָף האָט מען גאנץ אָפט געהערט דעם קרעכץ, וואָס ער האָט קיינמאָל נישט ארויסגעלאָזט פון זיי מויל:

— הארציגער טאטע, הייליגער פאָטער, הייליגער האר פון דער גאנצער וועלט!...

געבוירען געוואָרען איז דער טשארטקאָווער דעם 2טען טאָג שבועות, פון יאָר תקפ"ז, אין מיטען פון דער יום־טוב־סעודה, בשעת זיין פאָטער דער ריזשינער, איז מיט זיינע חסידים געזעסען ביים טיש און געפראוועט די יום־טוב'דיגע סעודה, איז מען געקומען צו לויפען און אָנגעזאָגט דעם רבין, אז עס איז ביי איהם געבוירען געוואָרען א זוהן.

ס'איז גלייך איינגעטראָטען אן אויפלעבונג. דער ריזשינער האָט מפסיק געווען פון זיין תורה־שמועס און אָפגעענטפערט אויף די מזל־טוב וואונשען פון עולם. אָבער דאָס האָט געדויערט בלויז עטליכע מינוט. באלד האָט דער רבי ווידער פאָרגעזעצט די תורה, ווי די בשורה וואָלט איהם נישט איבערראשט.

אָבער די חסידים זיינען געווען גוט אויפגעלעגט, און נאָכ'ן „טיש" זיינען עטליכע חסידים פון זיינע מקורבים צוגעגאנגען צום רבין און געבעטען משקה.

האָט דער רבי אן ערנסטער א זאָג־געטהאָן:

— איהר מאָהנט משקה ביי מיר? — גיכער דארפט איהר מיר געבען משקה. איך האָב אייך אראָפגעבראכט א נשמה, וואָס וועט מקרב זיין אידען לאביהם שבשמים!...

שוין פון זיין פריהערסטער יוגענט האָט זיך דער שפּעטערער טשארט־קאָווער ארויסגעוויזען פאר א ירא־שמים און בעל מדרגה, און חסידים האָבען וועגען דעם דערצעהלט אָהן א שיער פאקטען און עפּיזאָדען. איינס פון זיי וועלען מיר דאָ דערצעהלען:

ווען רבי דוד משה איז אלט געווען 7 יאָהר, האָט אויסגעבראָכען אין מיטען נאכט א גרויסע שרפה אין ריזשינער הויף. די הויז־מענשען זיינען אלע געשלאָפען. עס איז געוואָרען א בהלה. דער ריזשינער גופא איז ארויסגעקומען אויפ'ן הויף און דאָס ערשטע האָט ער זיך געפרעגט צי אלע קינדער זיינען דאָ?

ווען מען האָט איהם געענטפערט, אז מען האָט די קינדער ארויס־גענומען פון די בעטען, האָט ער א זאָג געטהאָן:

— ברענגט זיי אלע אהער, דאָ צו מיר!

אָבער ווען מען האָט געבראכט די קינדער, האָט זיך ארויסגעוויזען, אז דער קליינער דוד משה'ניו פעהלט.

ס'איז געוואָרען א געוואלד און געשריי. מען האָט זיך געלאָזט לויפען צו דעם פליגעל פון דער הויז, וואו עס האָט זיך געפונען זיין צימער. איינער פון די משמשים האָט זיך אריינגעריסען און געטראָפען דאָס קינד ליגען אויפ'ן בעטעל א וואכענדיגען.

— הערסט נישט, אז דאָס הויז ברענט, פארוואָס ראטעוועסטו זיך נישט? — האָט דער משמש אויסגערופען א דערציטערטער.

דער קליינער האָט דערויף נישט געענטפערט. ער האָט בלויז אָנגעוויזען מיט דער האנט, אז ער ווייסט, אָבער עס מאכט נישט אויס, ער קען געהן...

— דאָס לעבען איז דאָך אָבער אין סכנה, קום לאָמיר זיך ראטעווען — האָט דער משמש א זאָג־געטהאָן און דערנעהענטערט זיך צום בעט, כדי א כאפ־צו־טהאָן דאָס קינד.

דער שפּעטערדיגער טשארטקאָווער האָט אָבער נישט געלאָזט זיך נעהמען, און ער האָט בלויז אויפגעהויבען די אויגען צום הימעל, אז דער אויבערשטער וועט העלפען.

אזוי לאנג ווי עס האָט געדויערט דאָס אמפערניש צווישען זיי, איז באקאנט געוואָרען, אז דאָס פייער איז איינגעשטילט געוואָרען, און אז דעם טייל פון הויז דראָהט נישט קיין געפאהר.

ווען דער משמש האָט שפּעטער איבערגעגעבען דעם ריזשינער דעם אינצידענט, וואָס ער האָט געהאט מיט'ן קליינעם דוד משה'ן, האָט דער ריזשינער מיט א שמייכעל אָפּגעענטפערט:

— ביי אייך איז עס א פלא? — ביי מיר איז עס אָבער גאָרנישט קיין פלא. ס'איז דאָך פאראן א בפירוש'ער פסוק: „רצון יראיו יעשה" — און מיין דוד משה'ניו איז דאָך א בעל יראה! ...

אָבער אחוץ א בעל יראה איז ער אויך געווען א בעל רחמים. קיינמאָל האָט ער נישט אָפּגעזאָגט א בקשה פון וועלכען־עס־איז איד, אפילו ווען ער האָט געוואוסט, אז דער מאן וועט דערפון נישט האָבען קיין נוצען. ער פלעגט אָבער צוגעבען: „מיין דעה איז אזוי, אָבער ווען דו ווילסט דוקא, מוז איך דיר צוליב טהאָן, ווייל איך קען דיך נישט מצער זיין"...

דער טשארטקאָווער רבי האָט געטייטשט: „כל המרחם על הבריות מרחמים עליו מן השמים", —אז דאָס געהט ארויף אויף דעם מענשען, אויף וועלכען מען איז זיך מרחם. ווען א בשר ודם איז זיך מרחם אויף א בריה, דערוועקט ער דערמיט רחמנות און לייטזעליגקייט אין הימעל צו דעם מענשען, ווייל די מליצי יושר זאָגען צום רבונו של עולם: מה־דאָך א בשר ודם, וואָס

איז פול מיט קנאה און שנאה איז זיך מרחם אויף איהם, דארף מען דאָך אין הימעל אוודאי רחמנות האָבען אויף דער דאָזיגער בריה!...

— אלס קינד האָב איך מקבל געווען אויף זיך — האָט ער אמאָל בעת א שמועס א·זאָג געטהאָן — נישט מצער צו זיין קיין שום באשעפעניש.

— און ווען א גוי איז מצער א אידען, און דער איד קומט זיך קלאָגען פאר אייך אויף די צרות וואָס דער גוי טהוט איהם אָן, וואָס טהוט איהר דאן? — האָט עמיצער פון די מקורבים א פרעג געטהאָן.

— בין מתפלל צום הייליגען באשעפער, אז דער איד זאָל געהאָלפען ווערען און דער גוי זאָל איהם נישט קענען טהון קיין שלעכטס. אָבער אז דער גוי זאָל באקומען אן עונש, — דאָס נישט. זאָל דער רבונו של עולם טהאָן דאָס, וואָס ער וויל...

אויך די הייליגע ברידער האָבען פון איהם שטארק געהאלטען. דער אלטער סאדאגורער רבי רבי אברהם יעקב האָט זיך אויף זיין ברודער דעם טשארטקאָווער אויסגעדריקט:

— איך האָב אזא הייליגען אידען נישט געזעהן. די וועלט האָט גאָרנישט קיין השגה, וואָס זי פארמאָגט. איך קען אייך נאָר זאָגען, אז וויפיעל האָר פון דער באָרד ער נעהמט אָן, אזוי פיעל יחודים מאכט ער...

איינגאנצען אויסגעטהאָן פון דער וועלט איז דער טשארטקאָווער געווען אין די תשובה-טעג. ער האָט נישט געגעסען, נישט געטרונקען, רק עוסק געווען אין תשובה. איינמאָל, זיינען אריבער עטליכע טעג, און דער רבי האָט נישט געגעסען און געשלאָפען. איז די רביצין צוזאמען מיט זיין באריהמטען חסיד, רבי נחום שותק ע"ה, אריין אין זיין צימער און געוויינט פאר איהם, אז ער זאָל עפּעס עסען און אביסעל זיך צושפארען, ווייל עס זיינען שוין אריבער עטליכע טעג זינט ער האָט גאָרנישט געגעסען און נים געשלאָפען.

האָט דער טשארטקאָווער מיט אליכטען שמייכעל א זאָג געטאָן:

— מיר געפינען דאָך אין דער תורה, אז ווען מען איז באמת דבוק (באהאָפטען) אין טאטען אין הימעל, קען מען זיך באגעהן אָהן עסען און שלאָפען פערציג טעג און פערציג נעכט...

דער טשארטקאָווער איז געווען אן איידעם פון באריהמטען רבי אהרן טשערנאָבילער זצ"ל. א געוויסע צייט האָט ער געגעסען קעסט אין טשער־נאָבילער הויף. אָבער אויך דאָרט האָט ער זיך געפיהרט אויף זיין שטייגער און ער האָט זיך נישט געלאָזט באאיינפלוסען פון דער נייער רבישער סביבה.

אין ריזשין איז געווען א מנהג, אז דער רבי האָט געזאָגט ביי סליחות די תפילה „עננו" אלס שליח צבור. אזוי האָט זיך אויך נוהג געווען דער

טשארטקאָווער. אָבער ער האָט געזאָגט מיט א קוים־דערהערבארער שטימע. דעריבער האָט זיך דעם עולם שטארק געשטופּט נעבען איהם און עס איז ממש געווען סכנות נפשות. איינמאָל איז פון דער גרויסער ענגשאפט פאר־חלש׳ט געוואָרען זיין בן יחיד און ממלא מקומו, רבי ישראל, און עס איז נישט מעגליך געווען איהם צו דערמונטערען. ס׳איז געוואָרען א טומעל, אָבער דער רבי האָט נישט מפסיק געווען פון זיין תפילה, וואָס האָט געדויערט דריי שעה. ערשט שפּעטער, ווען ער האָט גומר געווען די תפילה, האָט ער געפרעגט, וואָס דער בן יחיד מאכט.

דער טשארטקאָווער איז אויך געווען א גרויסער חובב ציון. אלס נשיא פון כולל פון רבי מאיר בעל הנס, האָט ער איבערגעשיקט געוואלדיגע סומען פאר די אָרימעלייט אין ארץ ישראל. ער פלעגט אויך שיקען מענשען זיך באזעצען אין הייליגען לאנד און זיי אויסהאלטען מיט אלע הצטרכות.

אין די לעצטע יאָהרען האָט דער אלטער טשארטקאָווער געפיהלט זיך זעהר שוואך, און ער האָט איבערגעגעבען די הנהגה צו זיין זוהן, רבי ישראל זצ״ל, וועלכער האָט שוין פיעל עוסק געווען אין כלל ישראל ענינים. אָבער מכח אלע וויכטיגע פראגען האָט דער יונגער רבי זיך מיישב געווען מיט זיין פאָטער.

אין דער נאכט פון הושענא רבה פון יאָהר תרס״ד, האָט מען געפיהלט, אז עס דערנעהנטערט זיך די צייט פון הסתלקות פון אלטען טשארטקאָווער רבין.

ער האָט אָבער נישט אויפגעהערט עוסק צו זיין אין זיינע ענינים, הגם די דאָקטוירים האָבען ערקלערט, אז יעדע מינוט קען קומען די פּטירה.

ארום אכט אין אָוונט האָט ער באפוילען, אז מען זאָל איהם איבער־טהאָן אין נייע וועש און וואשען איהם די הענט, ווייל ער גרייט זיך צו זיין אייביגען וועג.

נאָכדעם האָט ער צוגערופען זיין בן יחיד, איהם געבענשט און אויסגערופען:

— דו זאָלסט קומען מיט אלע אידען קיין ארץ ישראל!...

באלד דערנאָך האָט ער אָנגעהויבען זאָגען די תפילה „נשמת כל חי תברך את שמך״. אזוי האָט ער געזאָגט גאנץ „נשמת״ כסדר. זיין שטימע איז אָבער וואָס אמאָל געוואָרען שוואכער און שוואכער, אָבער די מענשען, וואָס זיינען געשטאנען נעבען זיין בעט האָבען נאָך גענוג דייטליך געהערט יעדעס וואָרט.

אזוי האָט ער געזאָגט די תפילה ביז ער האָט אויסגערופען: „לדוד ברכי נפשי את ד׳״ — און ער איז אנטשוויגען געוואָרען אויף אייביג אין טאָג פון דוד המלך׳ס אושפיזא מיט די ווערטער „לדוד ברכי נפשי את ד׳״.

נגלה און נסתר...

איינער פון די מערקווירדיגסטע פערזענליכקייטען אין דער חסידישער וועלט, אין דער ערשטער תקופה פון חסידיזם, איז געווען דער גאון און מקובל רבי יצחק אייזיק הכהן — דער קאָרעצער רב זצ"ל, מחבר פון באריהמטען קבלה־ספר „ברית כהונת עולם".

רבי יצחק אייזיק איז געווען אן אייניקעל פון גרויסען צדיק און מקובל רבי נפתלי כ"ץ זצ"ל, דער מחבר פון „סמיכת חכמים". רבי נפתלי איז געווען איינער פון די אנערקענטסטע גדולים אין זיין צייט. זיין גאונות האָט געהאַט א רוהם אין דער לומדישער וועלט און די צאָהל פון זיינע תלמידים איז געווען זעהר גרויס. אין די עלטערע יאָהרען, וואוינענדיג אין פראנקפורט, האָט ער זיך אינגאנצען איבערגעגעבען דעם לימוד פון קבלה, און ער האָט אויך עוסק געווען אין קבלה־מעשית, (פּראקטישע קבלה) באווייזענדיג גע־וואלדיגע מופתים.

איינמאָל, בעת דער דאָזיגער גאון האָט עוסק געווען אין קבלה, איז אויסגעבראָכען א שרפה אין זיין הויז, און דאָס פייער האָט זיך פארשפּרייט מיט געוואלדיגער שנעלקייט. איין גאס נאָך דער אנדערער איז פארכאַפּט געוואָרען פון דעם פייער, און רבי נפתלי איז געשטאנען צווישען די פלאַמען מיט א ספר אין דער האנט, און אָנגעצייכענט וואו דאָס פייער זאָל געהן און וואו עס זאָל זיך אָפּשטעלען...

א האלבע שטאָדט איז דאמאָלס אוועק מיט'ן רויך, און רבי נפתלי האָט ערקלערט, אז דער עונש איז אויף זיי געקומען צוליעב עובר זיין אויף געוויסע עבירות. די פארביטערונג פון די געליטענע לגבי דעם גאון איז אָבער געווען אזוי גרויס, אז זיי האָבען דערלאנגט געגען איהם א מסירה צו דער מאכט, באשולדיגענדיג איהם אין ארויסרופען די שרפה. נאטירליך זענען נישט געווען געגען איהם קיין באווייזען, וואָס זאָלען דינען אלס באשולדיגונג. אויסער דעם האָבען אפילו די נישט־אידישע ריכטער געציטערט פאר איהם. זיי האָבען בלויז פארלאנגט פון גאון־מקובל, דאָס ער זאָל פארלאָזען די שטאָדט, וואו די פארביטערונג פון די מאסען געגען איהם איז גרויס.

רבי נפתלי האָט מסכים געווען צו פארלאָזען פראנקפורט און באשלאָ־סען עולה צו זיין קיין ארץ ישראל. אויפ'ן וועג קיין ארץ ישראל האָט דער דאָזיגער גאון און מקובל זיך אָבגעשטעלט אין סטאמבול, וואָס איז דאמאָלס געווען אן עיר ואם בישראל. פּלוצלונג איז ער קראנק געוואָרען און ער האָט מעהר נישט געקענט פאָרזעצען די נסיעה. עס האָט נישט געדויערט לאנג,

און דער גאון איז נפטר געוואָרען, און ער איז געקומען צו קבורה אויפ'ן בית עלמין אין סטאמבול.

די חסידישע אגדה דערצעהלט, אז ווען דער בעל שם טוב איז פאַר־בייגעפאָרען דער דאָזיגער שטאָדט, אויפ'ן וועג קיין ארץ ישראל, איז ער אוועק אויפ'ן קבר פון רבי נפתלי כ"ץ. דאָרט האָט מען איהם מגלה געווען, אז עס איז נאָך נישט געקומען די צייט, ער זאָל עולה זיין קיין ארץ ישראל און עס איז גלייך דאָס ער זאָל זיך צוריקקערען אהיים. אָבער דער בעל שם טוב האָט נישט געקוקט דערויף און ווייטער ממשיך געווען די נסיעה. ווען ער האָט זיך געפונען אויפ'ן אָפענעם ים, איז דאָס זעגעל־שיפעל מיט וועלכען ער איז געפאָרען, צובראָכען געוואָרן און אונטערגעגאנגען, דאן האָט ער פארשטאנען, אז אין הימעל איז מען נישט מסכים צו זיין נסיעה.

ארויסגעקומען צוריק אויף דער יבשה, איז דער בעל שם פרייטאָג פארנאכט און אלס לויב צו השי"ת וואָס ער איז ניצל געוואָרען האָט ער געזאָגט דאָס קאפיטעל תהילים ק"ז — „יאמרו גאולי ד'". זייט דאמאָלס איז א מנהג ביי חסידים צו זאָגען דאָס דאָזיגע קאפיטעל תהילים ערב שבת פאר תפילת מנחה.

דער פאָטער פון רבי יצחק אייזיק, — רבי יואל, איז אויך געווען א גרויסער גאון און מקובל, און א גאנצע רייהע שטעדט האָבען איהם געוואָלט האָבען אלס מרא דאתרא. די וואהל איז געפאלען אויף דער גרויסער און חשוב'ער שטאָדט סטאניסלאוו, אין גאליציען, וואו עס פלעגען פארנעמען דאָס כסא הרבנות באריהמטע גדולי תורה. די קהלה האָט ארויסגעשיקט נאָך זייער רב אן עקסטרא קאוטש מיט א בעל־עגלה — א גוי, כדי צו ברענגען דעם רב, מיט זיין פאמיליע.

ווען די שליחים פון דער קהלה מיט דער קאוטש זענען געקומען צו רבי יואל'ן, האָט ער ערקלערט, אז דער בעל עגלה געפעלט איהם נישט. די שליחים פון דער קהלה האָבען איהם אָבער בארוהיגט, ערקלערענדיג אז זיי קענען איהם פאר אן אָרענטליכען גוי, וואָס לעבט כל ימיו צווישען אידען, און אז עס איז נישטאָ קיין חשש צו פאָרען מיט איהם.

— אויב אזוי, האָט דער רב ערקלערט — וועל איך דערוויילאליין פאָרען מיט אייך. די פאמיליע מיינע וועט קומען שפעטער. און אזוי איז טאקע געווען. דער געוועהלטער רב מיט די קהלה־שליחים האָבען זיך געלאָזט אין וועג אריין.

אויפ'ן וועג פאָרענדיג, האָבען זיך אין דעם מח פון דעם גוי'אישען בעל עגלה גענומען ענטוויקלען בייזע געדאנקען. עס האָט איהם פארדראָסען דעם גרויסען כבוד, וואָס די שטאָדט האָט פאָרגעברייט פאר'ן רב, און ער

האָט באשלאָסען, אז דער רב זאָל נישט קומען קיין לעבעדיגער קיין סטאניסלאוו.

גראד זענען זיי דורכגעפאָרען נעבען א טייך און א וועלדעל. געווען איז עס זמן מנחה. דער רב איז אריין אין וואלד דאווענען. דאן האָט דער גוי ארויסגענומען א האק און אונטער דראָהונג פון טויט האָט ער געבונדען די קהלה־פאָרשטעהער. דערנאָך האָט ער געכאפּט דעם רב, פארשטופּט איהם דאָס מויל און אריינגעוואָרפען אין טייך...

אָבגעטאָן די דאָזיגע רציחה, האָט דער גוי אויסגעשפּאנט א פערד פון דער קאָטש און אנטלאָפען.

אין עטליכע שעה ארום האָבען פארבייפאָרער באפרייט די אידען פון זייערע פעטליעס. זיי האָבען זיך געלאָזט צום טייך, ראטעווען דעם רב, אָבער דער רב איז שוין געווען טויט.

גרויס איז געווען דער טרויער אין דער קהלה, די שטאָדט האָט דאן באשלאָסען צו ברענגען די יונגע אלמנה און איהרע קינדער, אויסצוהאלטען די משפּחה ביז די קינדער וועלען דערוואקסען ווערען.

אזוי ארום איז רבי יצחק אייזיק געקומען קיין סטאניסלאוו. ער איז דאמאָלס אלט געווען בלויז 12 יאָהר, אָבער ער האָט שוין גע'שם'ט פאר אן עלוי. דער יונגער בחור'ל איז אוועק צו די ראשי הקהל און געבעטען, מען זאָל איהם ערלויבען מספּיד צו זיין דעם פאָטער אין דער גרויסער שוהל.

צום הספּד איז געקומען גאנץ שטאָט. דער יונגער עלוי האָט אָנגע־הויבען זיין הספּד מיט די ווערטער: „ואתא מיא וכבא לנורא" עס איז געקומען א וואסער און פארלאָשען דאָס פייער וואָס האָט געברענט אין דעם צדיק. דאן האָט ער צוויי שעה צייט געדרשנ'ט אין הלכה אין דער סוגיא פון „אבדתו ואבידת רבו". שפּעטער איז ער ווידער איבערגעגאנגען צו אגדה און עס איז נישט געווען איין מענש אין דער שוהל, וואָס זאָל נישט האָבען פארגאָסען טרעהרען בעת דעם דאָזיגען הספּד, פון דעם 12 יאָהריגען בחור'ל, דער יתום.

גלייך נאָך דעם דאָזיגען הספּד האָבען איהם מסמיך געווען דער באַ־ריהמטער לעמבערגער רב, רבי חיים כהן ראפּאפּאָרט און נאָך אנדערע גדולים. צו דרייצען יאָהר האָט ער חתונה געהאט און צו פערצען יאָהר איז ער אויס־געוועהלט געוואָרען אלס רב אין דער חשוב'ער קהל קארעץ, — די שטאָדט פון רבי פּנחס קארעצער זצ"ל.

זייענדיג רב אין קארעץ, א שטאָדט וואָס איז געווען פול מיט לומדים און גאונים, האָט זיך צו דעם יונגען רב דערטראָגען די ידיעה וועגען דער גדלות פון מעזריטשער מגיד, דער גרויסער רבי ר' בער זצ"ל. ער איז גלייך

געפֿאָרען קיין מעזריטש, וואו דער מגיד האָט איהם אויפגענומען מיט גרויס חיבה און שמחה. עטליכע שעה האָבען זיי פארבראכט ביחידות, און פארלאָזט דאָס חדר פון מגיד האָט דער יונגער קארעצער רב אלס חסיד, אלס אָנהעננער פון דער שיטה פון בעל שם און זיין תלמיד — דער מגיד.

רבי יצחק אייזיק האָט נאָך פארבראכט איז מעזריטש א קורצע צייט. און ווי ווייט עס איז געווען די פארעהרונג פון דעם מגיד פאר׳ן יונגען תלמיד זיינעם, באווייזט דער פאקט, דאָס יעדעס מאָל, ווען רבי יצחק אייזיק איז אריינגעקומען, האָט זיך דער מגיד פאר איהם אויפגעשטעלט.

אָבער נישט נאָר אין נגלה איז ער געווען גרויס. פונקט ווי זיין גרויסער זיידע, רבי נפתלי, און זיין טראגיש אומגעקומענער פאָטער רבי יואל, האָט ער פיל עוסק געווען אין קבלה. זיין ספר „ברית כהונת עולם״ וואָס איז ערשינען נאָך זיין פטירה, ווערט באטראכט אלס איינער פון די טיפסטע קבלה־ספרים, פון וועלכען עס האָבען געלערענט די שפעטערע מקובלים און זיך פארטיפט אין זיינע אויספיהרונגען, לערנענדיג פשט אויף יעדען וואָרט און אויף יעדען חידוש, וואָס ווערט אין דעם דאָזיגען הייליגען ספר ארויס־געבראכט.

חסידים דערצעהלען, אז דער בארימטער רבי הירש רימאנאָווער זצ״ל, האָט זיך איינמאָל פארטיפט אין „ברית כהונת עולם״. דער ענין ביי וועלכען ער האָט זיך אָבגעשטעלט האָט דעם רימאנאָווער אזוי פארכאפט, אז דריי טעג צייט, איז ער אינגאנצען געווען אויסגעטאָן פון דער וועלט. די שטוב־מענשען האָבען זיך באמיהט, אויף פארשידענע אופנים, צוריקצו־ברענגען איהם צו דער ווירקליכקייט, — אָבער אומזיסט. ערשט נאָך דריי טעג, איז דער רימאנאָווער געקומען צו זיך און געזאָגט:

— אווא, אזא השגה האָט ער געהאט, דער „ברית כהונת עולם״, אזוי ווייט האָט ער דערגרייכט, און ער איז דאָך אזוי יונג געווען!...

רבי יצחק אייזיק האָט זיך קיינמאָל נישט באנוצט מיט קבלה מעשית, ווייל עס איז פאראן א צוואה פון רבי נפתלי כ״ץ, צו זיינע קינדער, אז זיי זאָלען מעהר נישט באנוצען זיך מיט שמות און השבעות. צוליב דעם האָט ער זיך אויך אָבגעזאָגט צו פראווען מופתים, ווייל מען קען עס אויסטייטשען, אז ער באנוצט זיך דערצו מיט קבלה־מעשית. בלויז אין גאָר וויכטיגע פאלען, האָט רבי יצחק אייזיק געגעבען זיינע א ברכה אָדער א סגולה, און דער מענש איז געהאָלפען געוואָרען.

רבי יצחק אייזיק האָט געלעבט בקדושה ובטהרה. פון דער וועלט האָט ער גאָרנישט נהנה געווען, און טעג און נעכט האָט ער עוסק געווען בתורה, סיי בנגלה און סיי בנסתר. ער האָט געהאט א הימלישע צורה, אזוי

אז עס פלעגט אָנפאַלען א פחד, אויף יעדען איינעם, וואָס האָט באַדאַרפט זיך ווענדען צו איהם.

אויף דער וואַנט פון זיין לערן־צימער איז געווען אויפגעהאַנגען א גרויסע אויפשריפט מיט פאָלגענדען אינהאַלט:

„צו ריידען מיט'ן רב, אין גשמיות'דיגע ענינים, — לצורך הגוף, — איז ערלויבט נאָר אין א גאָר דרינגענדען ענין, דאגעגען, אין גייסטיגע ענינים, — לצורך הנשמה, — איז ערלויבט אין יעדער אנגעלעגענהייט, ווייל דער וועג איז ווייט און דער יצר הרע איז שטאַרק"...

עס פאַרשטעהט זיך, אז די דאָזיגע אויפשריפט האָט אַלעמען אָבגעשראָקען. גאַנץ אָפט זענען אריינגעקומען צום רב אין הויז, אידען לומדים, בכדי צו שמועסען אין לערנען, אָדער סתם בעלי בתים, צו פרעגען אַן עצה, און וואַרפענדיג א בליק אויף דער דאָזיגער אויפשריפט און אויף דער הייליגער צורה פון רב; וועלכער האָט אויסגעזעהן ווי א מלאך אלקים, האָבען זיי זיך גלייך צורקגעצויגען מיט גרויס פחד.

פונדעסטוועגען, איז דער דאָזיגער גאון און צדיק געווען צובראָכען ביי זיך כחרס הנשבר. אַלע זיינע יאָהרען האָט ער געהאַלטען אין איין תשובה טאָן. צוויי מאָל אין טאָג, באַגינען און שפּעט אין דער נאַכט, האָט ער אָנגעטאָן זיינע תכריכים, וועלכע ער האָט געהאַט תמיד ליגען נעבען זיך, און מתפּלל געווען מיט גרויס בכיות און צובראָכענקייט...

אָנהויב יאָהר תקמ"ח, ווען עס זענען געקומען די פּאָרכטיגע טעג, האָט רבי יצחק אייזיק פאַרלעגט א גאָר גרויסע עבודה ביים דאַווענען, ביים שופר בלאָזען און ביי די איבעריגע מצוות, וואָס זענען פאַרבונדען מיט די ימים נוראים. אפילו די נאָהענטע מענשען, די חסידים און די מקורבים, וועלכע האָבען איהם געקענט מיט זיין עבודות, וואָס האָט זיך אויסגעצייכענט מיט גרויס מסירות נפש, — ממש עד כדי כלות הנפש, — האָבען זיך דערשראָקען. ווארום מען האָט איינגעזעהן אז די התנהגות זיינע אין די דאָזיגע טעג איז אנדערש ווי שטענדיג.

אזוי האָט עס אָנגעהאַלטען ביז דעם ערשטען טאָג סוכות. א גאַנצע נאַכט, די ערשטע סוכות נאַכט, איז ער געזעסען אין סוכה און עוסק געווען בתורה, נישט צוטוענדיג קיין אויג אויף א רגע. ווען עס איז טאָג געוואָרען, האָט דער צדיק געאיילט אין מקוה, און מיט גרויס שמחה געבענשט אתרוג.

זייענדיג מקיים די דאָזיגע מצוה, האָט ער א זאָג געטאָן צו זיינע תלמידים, וואָס האָבען זיך נעבען איהם געפונען:

— געלויבט איז דער בורא, וואָס מיר האָבען שוין אַלעס מתקן

געווען. מיר האָבען שוין מעהר נישט וואָס צו טאָן אויף דער עולם..
אין דעם זעלבען טאָג איז דער צדיק נסתלק געוואָרען, אין עלטער פון פינף און דרייסיג יאָהר.

ר' אייזיק'ל קאַלעווער — דער שעפער פון חסידישער נגינה

עס איז באוואוסט ווי גרויס עס איז דאָס אָרט פון נגינה אין דער וועלט פון חסידות. חסידים לייגען אריין אין נגינה גרויס דבקות און השתפכות הנפש און גלויבען, אז מיט א ניגון קאָן מען מתקן זיין דאָס, וואָס מען קען מיט אנדערע מיטלען נישט מתקן זיין...

יעדער חסידישער שטאַם האָט זיך זיינע שיטות נישט נאָר אין חסידות, נאָר אויך אין נגינה. עס איז פּאָפּולער דער חב"ד'ישער ניגון, דער ראָפּשיצער ניגון. פון מאָדזשיץ איז דאָך שוין אָפּגערעדט. אין די פריהער־דיגע דורות האָבען די רביים פון צאנז און פון ראדאמסק צווישען אנדערען געלערענט מיט זייערע תלמידים א דרך אין חסידות דורך א ניגון.

אָבער דער באגרינדער פון חסידישער נגינה איז געווען א מערקוויר־דיגער צדיק, פון די ערשטע תלמידים פון הייליגען בעל שם טוב און זיינע נאָכפאָלגער — רבי אייזיקל קאַלעווער זצ"ל.

געהאלטען האָט ער זיך תמיד אין א זייט. מיט קיינעם האָט ער נישט געהאט קיין מחזקות. די חסידים האָבען איהם כמעט נישט געקענט, ווייל ער איז געווען א שטילער פון דער נאטור, וואָס האָט זיך שטענדיג אויסבאַ־האלטען, געזוכט התבודדות, איינזאמקייט, עס האָט איהם געצויגען צו דער נאטור, צו די פעלדער און וועלדער, וואו עס אזוי רוהיג און שטיל און ברייט און קיינער שטערט דיר נישט צו דינען דעם אויבערשטען ווי דיין הארץ גלוסט.

ענטדעקט האָט איהם דער באריהמטער רבי לייב שרה'ס און ער האָט איהם מקרב געווען צו חסידות, ווייל בלויז יחידי סגולה האָבען געוואוסט, אז דער דאָזיגער אונגארישער יונגערמאַן, אייזיקל פון שטעטעל קאַלעוו, באזיצט א גאָר הויכע נשמה, פארשטעהט אזוי גוט ווי צו דינען דעם אויבער־שטען און משפיע צו זיין אויף די מאסען, אז זיי זאָלען מרגיש זיין אז עס איז דאָ א בורא, וואָס ווייסט אלץ, הערט אלץ און זעהט אלץ...

באזעצט האָט ער זיך, נאָכדעם ווי ער האָט זיך דערנעהנטערט צו חסידות, אין זיין געבורטס־שטעטעל קאַלעוו און עס האָט נישט לאנג גענומען

און זיין נאָמען איז באַקאַנט געוואָרען איבער דער גאַנצער מדינה אַלס מערקווירדיגער צדיק און בעל מדרגה.

רבי אייזיקל האָט זיך געהאַט אַ ספּעציעלע הנהגה: שטענדיג איז ער געווען אַ פאַר׳חלומ׳טער, אַ פאַרטראַכטער, ווי ער וואָלט כלל נישט געווען אויף דעם עולם, ווי ער וואָלט געשוועבט אין די עולמות העליונים. דערביי האָט זיין פּנים אויסטערליש געלויכטען און מען האָט מורא גע־האַט צו קוקען אין זיין ליכטיגער צורה.

געווען איז ער אַ קדוש וטהור. פון דער וועלט האָט ער קנאַפּ־וואָס נהנה געווען. קוים וואָס די נשמה צו דערהאַלטען. אפילו אום שבת האָט ער מעהר נישט ווי געוואַשען זיך און בלויז טועם געווען פון די שבת׳דיגע מאכלים. ער פלעגט אָבער זעהר אַ סך שמועסען ביים טיש, זאָגען תורה, און דווקא אויף מאַדיאַריש, — די שפּראַך פון המון, כדי מען זאָל איהם בעסער פאַרשטעהן און ער זאָל אויסאיבען זיין השפּעה אויף די ברייטע מאַסען.

אָבער דער עיקר האָט ער גע׳שמ׳ט אַלס גרויסער מנגן, אַלס שעפּער און באַגרינדער פון חסידישער נגינה. זיין זינגען האָט געהאַט אין זיך אַזוי פיל מתיקות, אַזוי פיעל בענקשאַפט און השתפּכות הנפש, אַזעלכע ריהרענדע טענער און קלאַנגען, אַז עס האָט ממש אַרויסגעבראַכט פון די כלים, פון גלייכגעוויכט און פאַרטראָגען אין דער אונענדליכקייט. אפילו דעם גרעסטען אפּיקורס איז דער קאַלעווער מיט זיינעם אַ ניגון אימשטאַנד געווען צו ברענגען צו תשובה, צו חרטה, — צוריק צום מקור.

שבת פאַרנאַכט, צו שלוש סעודות, פלעגען זיך אין זיין בית המדרש פאַרזאַמלען מאַסען מענשען צו הערען זיינע זמירות, און נישט נאָר אידען, נאָר אויך גוים, פון דער אינטעליגענץ ביז צו דעם פּשוט׳ען פּויער, ביז דעם אונוויסענדען מאַדיאַר. אַלע האָבען זיי זיך געטוליעט איינער צום אַנדערען אונטער די פענסטער פון רבי אייזיקל׳ס בית המדרש, איינגעזאַפּט אין זיך די באַצויבערענדע קלאַנגען, אונטערגעברומט די אָריגינעלע ניגונים אין די דורך איהם ספּעציעל פאַרפאַסטע לידער אין דער אונגאַרישער שפּראַך. און ווען מען האָט נאָכ׳ן בענשען אָנגעצינדען אַ ליכט, האָט מען געקענט באַמערקען, אַז די פּאַדלאָגע, דער דיל, אויף וועלכער דער עולם איז געשטאַנען, איז פייכט פון טרערען, וואָס מען האָט פאַרגאָסען אין דער פינסטער...

זיינע פּזמונים זיינען בליץ־שנעל פאַרשפּרייט געוואָרען איבער׳ן גאַנ־צען לאַנד. אומעטום האָט מען זיי געזונגען מיט גרויס באַגייסטערונג און התלהבות, מיט דבקות ביז צום פאַרגעסען זיך. ווען מען הויבט אָן זינגען אַ קאַלעווער ניגון, אָדער אפילו בלויז אַ תנועה, פאַלט אַריין דער אונגאַרי־שער איד אין אויסטערלישער דבקות. און נישט נאָר אַ חסיד, נאָר אויך אַ

מתנגד, א משכיל, אן אויפגעקלערטער, א פארטגעשריטענער, — אלע ווערען זיי מיט געריסען, ווען מען זינגט א קאלעווער ניגון.

עס איז נישט געמאלט קיין שמחה ביי אידעז אין אונגארן, בעת וועלכער מען זאל נישט זינגען א קאלעווער ניגון. מען גלויבט, אז מיט'ן זינגען א ניגון פון רבי אייזיקל איז מען ממשיך זיין נשמה, וואס ציהט דארט וואו מען זינגט א ניגון און ער איז א מליץ יושר פאר די בעלי שמחה, אז עס זאל זיין מיט מזל און מיט גליק...

איינס פון זיינע שירים, וואס איז נאך ביז היינטיגען טאג געוואלדיג פאפולער איבער גאנץ אונגארן און ווערט געזונגען אין א יום טוב אדער ביי א פייערליכער געלעגענהייט איז דאס לידעל „סאלא קאקאש מאר" — וואס באדייטעט: „דער האן האט געקרעהט".

אין דעם דאזיגען זמר ווערט געשילדערט ווי דער מארגענשטערן איז שוין אויפגעגאנגען, און מען דארף אויפשטעהן צו עבודת הבורא, צו לויבען דעם באשעפער. דאן ווערט געגעבען אן אפשאצונג איבער די גבורות הבורא, זיין אלמאכט און זיינע חסדים מיט זיין פאלק. אין דעם ליד ווערט געבראכט צום אויסדרוק די בענקשאפט פון יעדען איד צום הייליגען באשעפער, די תשוקה צו ציון, און די האפנונג צו דער גאולה שלימה און בנין בית המקדש.

ווי געזאגט, פלעגט רבי אייזיקל שעפען באגייסטערונג אין די וועלדער, אויף די פעלדער, אויף דער שויס פון דער נאטור, בבחינת „שאו מרום עיניכם וראו מי ברא אלה". ער פלעגט גאנץ אפט פארלאזען די שטאט, אוועק אין וואלד איינער אליין, שפאצירען דארט שעה'ן לאנג, באטראכטען דעם צויבער פון דער בריאה, איינהערען זיך צום געזאנג פון נאכטיגאל, צום שארך פון די בוימער, צו דעם פליסטערען פון דעם ווינט און צום קלאפען פון די בלעטער און צווייגען, און דערפון האט ער געשעפט באגייסטערונג. ער פלעגט זיך איינהערען צו דעם געזאנג פון א פאסטוך, צום פייפען פון זיין פייפעל, און גאנץ אפט פלעגט ער עס גלייך איבערזינגען, שאפען דערפון א חסידישען ניגון, א קאלעווער זמר.

פון א פאסטוך־ליד, וואס ער האט אמאל געהערט אויף א לאנקע, אין וועלכער דער פאסטוך האט אויסגעדריקט זיין בענקשאפט צו זיין געליבטער, האט רבי אייזיקל קאלעווער געמאכט א וואונדערבארען אטעם־פארכאפענדיגען זמר'ל, וואס ווערט פון אלעמען געזונגען מיט גרוים התלהבות. דער זמר האט פאלגענדען אינהאלט:

גלות, גלות, ווי גרויס ביזטו,
שכינה, שכינה, ווי ווייט ביזטו,
וואלט די שכינה נעהנטער געווען

וואָלט מען אונז פון גלות באפרייט
און מיר וואָלטען זיך צונויפגעקומען.

רבי אייזיקל קאַלעווער איז, לויט דער חסידישער אגדה, געווען איינער פון די צדיקים, מיט וועלכע דער „חוזה" פון לובלין האָט זיך אָפּגערעדט מיחד צו זיין יחודים אין א סדר־נאכט, כדי איינמאָל פאר אלע מאָל מקרב צו זיין די גאולה און ברענגען משיח'ן. אָבער דער שטן האָט זיך ארייגעלייגט און נישט דערלאָזט דערצו, צעשטערענדיג די סדרים ביי די דאָזיגע צדיקים. און איינס פון די מניעות איז געווען, וואָס ביים קאַלעווער האָבען זיך פארזאמעלט זעהר פיעל דאָרפס־לייט, וואָס האָבען אפילו קיין אידיש וואָרט נישט פארשטאנען, און כדי זיי צו קענען מסביר זיין די נסים פון יציאת מצרים, האָט דער רבי אָפּגעריכט דעם סדר אין דער מאַדיארישער שפּראַך.

רבי נפתלי ראָפּשיצער זצ"ל האָט זיך באטראכט אלס ממשיך פון דעם קאַלעווער אויפ'ן געביט פון נגינה. ער האָט אין א קאַלעווער ניגון געפיהלט דעם אמת'ן טעם און מכוון. ווען עמיצער פון זיינע אונגארישע חסידים פלעגט איהם ברענגען אן אומבאקאנטען ניגון אָדער זמר'ל פון קאַלעווער, איז עס ביי איהם געווען א גרויסע שמחה.

א ראָפּשיצער ניגון האָט אין זיך א באזונדערע מתיקות און די גוטע אידען פון די פריהערדיגע דורות האָבען שטארק מהדר געווען נאָך א ראָפּשיצער ניגון.

פון ראָפּשיץ איז דער ענין נגינה איבערגעגאנגען קיין צאנז און צו די שפּעטערע צדיקים, ביי וועמען נגינה איז געווען אן עבודה קדושה, פיעל מיט הויכע כוונות און יחודים.

אין צאנז איז געווען איינגעשטעלט אן עקסטרא קאפּעלע פון זינגער, וועלכע האָבען באגלייט די תפילות. צווישען די צאנזער זינגער זיינען געווען בארימטע מנגנים און קאָמפּאזיטאָרען, גרויסע חזנים מיט א רוהם, פלעגען קומען קיין צאנז איינהערען זיך צו א צאנזער ניגון, איבערנעמען א קאָמפּאזיציע.

ווען עס האָט עמיצער פון די מנגנים פארפאסט א נייעם ניגון, האָט ער איהם נישט געטאָרט זינגען פריהער, איידער ער האָט איהם פאר'ן צאנזער רב פאָרגעזונגען. די מנגנים האָבען לויט'ן אופן ווי אזוי דער רבי האָט זיך צוגעהערט צום דעם ניגון געוואוסט, ווי אזוי דער רבי באציהט זיך דערצו. גאנץ אָפט פלעגט דער רבי ערקלערען, אז דער ניגון געפעהלט איהם נישט. דעם דאָזיגען ניגון פלעגט מען מעהר נישט זינגען. טיילמאָל האָט ער געהייסען אויסבעסערען א ניגון, צוגעבען אָדער אראָפּנעמען אייניגע פאלען.

דער צאנזער רב, רבי חיים, פלעגט אויך הנאה האבן פון גוטע חזנים. בארימטע חזנים מיט זייערע משוררים פלעגן דעריבער אפט קומען קיין צאנז כדי מהנה צו זיין דעם צאנזער. אבער די מאדערנע חזנים, וואס זינגען לויט נאטען, מיט א קאמערטאן, האט דער צאנזער נישט געוואלט הערן. זייער זינגען — האט דער צאנזער געזאגט — קומט נישט פון היכל הנגינה, פון זייער שורש נשמה, נאר פון נאטען...

אין פוילען האט ממשיך געווען די עבודה פון נגינה דער אלטער ראדאמסקער רבי ר׳ שלמה הכהן זצ״ל. חסידים האבן דערצעהלט, אז ווער עס האט געהערט דעם ראדאמסקער דאוונען האט זיך געקענט פארשטעלען ווי אזוי די מלאכים זינגען שירה. מיט זיין מתיקות פון זינגען און דאוונען, האט ער אויפגעהויבען נשמות, געריינינגט און באזייטיגט פון זיי יעדע אומריינקייט.

דער אלטער ראדאמסקער פלעגט אויך פאהרען קיין צאנז און קיין קאזמיר, וואו מען האט געלייגט א סך געוויכט אויף נגינה.

דער דירעקטער יורש פון צאנזער חסידות און נגינה, איז געווען באבאוו און פון קאזמיר איז געווען מאדזשיץ.

אין באבאוו איז נגינה געווען א גרויסע עבודה. דער רבי אליין רבי בן־ציון האלבערשטאם הי״ד האט מחבר געווען ניגונים, וואס חסידים פלעגן זיך איינ׳חזר׳ן אין איבערזינגען מיט גרויס באגייסטערונג. באבאוו האט געהאלטען, אז נגינה איז איינס פון די מיטלען, מיט וואס מען קען דערהאלטען די מאסען ביי חסידות, ביי תורה און ביי אידישקייט.

מאדזשיץ האט געשאפען א נייע שיטה אין נגינה, די מאדזשיצער נגינה איז נעהנטער צו אריענטאלישער נגינה. דעם שטאם־פאטער פון דער מאדזשיצער גזע, רבי יחזקאל פון קאזמיר, האט געשטרעבט צו פארען קיין ארץ ישראל, כדי איינצוזאפען זיך דעם ארץ ישראל ניגון וואס שוועבט אין דער לופט און ווארט אויף זיין תיקון, אבער די זאך איז נישט אויסגע־פיהרט געווארען. זיין זוהן און ממלא מקומו, רבי שמואל אליהו פון זוואלין איז געווען א געוואלדיגער מנגן, אבער האט געהאלטען, אז דאס דור איז נישט ראוי צו הערען זיין ניגון. האט ער דעריבער געשוויגען... ערשט זיין איינקעל, רבי ישראל פון מאדזשיץ, האט ארויסגעבראכט דעם מאדזשיצער ניגון אין רשות הרבים און אין זיינע ווענען געהען זיינע קינדער און נאכ־פאלגער ביז׳ן היינטיגען טאג.

א גרויסער מנגן, מחבר פון ניגונים, און גאר אריגינעלער בעל־תפילה איז געווען דער איינקעל פון אלטען זוואלינער — דער לעצטער רבי פון זוואלין רבי חיים ירחמיאל הי״ד וועלכער איז אומגעקומען פון די נאצים ימ״ש.

אזוי ציהט זיך דער חסידישער ניגון פון בעל שם טוב און פון זיין תלמיד, וואָס האָט דער וועלט מזכּה געוועזן מיט'ן אָריגינעלען חסידישען ניגון — רבי אייזיקל קאלעווער זצ"ל.

רבי מאיר'ל פּרעמישלאנער און זיין תיקון...

אין דעם דאָרף יאלקאָוויץ, אין מערב־גאליציען, האָט מיט יאָהרען צוריק געהאלטען אין פּאכט א שענק און א בראַנפען־ברענעריי, אן איידעלער איד, א תלמיד חכם און א ירא־שמים מיט'ן נאָמען ר' נחום.

ר' נחום יאלקאָוויצער איז געוועזן א שם־דבר אין דער גאנצער געגענד. ערשטענס איז ער געוועזן גאַנץ אנדערש ווי אלע ישוב'ניקעס, וועלכע זיינען מורא'דיגע עם־הארצים, נישט געקענט קיין שייטעל עברי און נישט געוואוסט פון קיין אידישקייט. ר' נחום איז אָבער געוועזן א איד א חסיד, פון די גאָר געהויבענע חסידים, אן עוסק בתורה, און געפיהרט האָט זיך ביי איהם אין הויז נישט ערגער ווי ביי א גאָר פרומען אידען אין שטאָט.

דערצו איז ר' נחום געוועזן א גרויסער מכנים־אורח, ער האָט ליעב געהאט מהנה צו זיין א אידען, און ווען א וואנדערענדער איד איז פארביי־געגאַנגען דאָס דאָרף, האָט ער געוואוסט, אז ביי ר' נחום'ן אין קרעטשמע קען מען שטהען ווי לאנג מען וויל — עסען און טרינקען, לערנען און דאווענען מיט מנין, און אז דער בעל הבית גיט נאָך א שעהנע נדבה, ווען מען פארלאָזט זיין הויז.

עס פארשטעהט זיך, אז קיין אָרימע לייט האָבען דאמאָלסט ניט געפעהלט. דאָס אָרימקייט און דאָס דחקות ביי אידען איז געוועזן זעהר גרויס, און ווען א איד האָט באדארפט חתונה מאכען א קינד און נישט געהאט אויף די חתונה־הוצאות, האָט ער קיין אנדער ברירה נישט געהאט ווי ארויסצולאָזען זיך איבער דער מדינה, אַנקלאַפּען אין די טהירען פון די גוטהארציגע אידען און צונויפזאמלען אביסעל געלד אויף דעם סאמע נויטיגסטען.

האָבען זיך דעריבער אין הויז פון ר' נחום יאלקאָוויצער תמיד געפונען עטליכע אורחים, וועלכע דער בעל הבית און זיין הויז־געזינד האָבען באהאנדעלט ווי טייערע, אַנגעלעגטע געסט. און עס איז קיין חידוש נישט, וואָס עס האָט די מדינה־געהער אזוי געצויגען צו ר' נחום'ען.

איינמאָל איז געקומען צו ר' נחום'ען אין קרעטשמע א וואנדערענ־דער איד, מיט צעריסענע מלבושים און א נעבעכדיגען אויסזעהן — דער־

גאנצער צער הגלות איז געלעגן אויסגעגאסען אויף זיין צוקנייטשט, אויס־געמאטערט פנים. ר' נחום האט איהם דערלאנגט שלום־עליכם, צוגעפיהרט איהם צום טיש, געהייסען איהם געבען א גוטע, זאטע סעודה, און נאכדעם ווי דער אורח האט אפגעגעסען צו זאט, אפגעבענשט, האט ער זיך געקליבען צו געהן זיין וועג.

— וואס איילט איהר זיך אזוי, ר' אורח, פארוואס זאלט איהר נישט בלייבען נעכטיגען ביי אונז, וועט איהר זיך אביסעל אויסרוהען, קומען צו זיך — איהר וועט דאך גארנישט פארזאמען!

— ניין, בעל־הבית לעבען, איך אייל מיך שטארק, עס איז א וויכטיגער ענין, וואס איך מוז זיך איילען. יעדע מינוט איז א שאד.

— אויב אזוי, וועל איך אייך נישט פארהאלטען. געהט אייך לחיים ולשלום און דא האט איהר א מטבע, אויף צידה לדרך.

דער איד האט אבער דאס געלט נישט געוואלט נעהמען. ערקלערענדיג, אז ער נויטיגט זיך נישט אין קיין געלט. ר' נחום האט געטראכט אז די נדבה, וואס ער האט איהם געוואלט געבען איז צו קליין פאר איהם, האט ער ארויסגענומען נאך א מטבע און עס דערלאנגט דעם וואנדערער.

— איך בעט אייך, בעל הבית, זייט מיך ניט מפציר, אז איך זאל ביי אייך נעהמען געלט, ווייל באמת בין איך א גרויסער עושר, און איך דארף חס ושלום נישט אנקומען צו קיין נדבות...

ר' נחום האט באטראכט דעם משונה'דיגען ארימאן, וואס זאגט, אז ער איז גאר אן עושר און דערביי האט ער געטראכט, אז דער איד מוז נעבעך זיין נישט ביי די קלארע געדאנקען.

— איהר מיינט געוויס, אז איך רייד אזוי, ווייל מיינע געדאנקען זיינען ביי מיר נישט קלאר, אדער סתם אזוי צוליב גאוה, צוליב א גרויסקייט־מאניע, — טא הערט, וועל איך אייך דערצעהלען ווער איך בין און וואס עס האט מיט מיר פאסירט:

— איך שטאם פון אונגארן. נישט ווייט פון בודאפעסט פארמאג איך א גרויס גוט. שייך צו זאגען וואס איך פארמאג אלץ. — הייזער, פעלדער, וויינגערטנער, גאנצע דערפער מיט הונדערטער דינער און ארבייטער; דערצו פיהר איך גרויסע געשעפטען מיט תבואה און וויין. אין בודאפעסט האב איך א קאנטאר, וואו עס ארבייטען צעהנדליגער מענשען, וואס זיינען ביי מיר אנגעשטעלט.

איינמאל איז פון מיין הויז פארשוואונדען געווארען א גרויסע סומע געלט. איך בין געווען זיכער, אז עמיצער פון מיינע מענשען, מיינע משרתים, האט דאס געלט גע'גנב'עט. היות ווי מיט עטליכע וואכען פריהער איז אין

מיין הויז אָנגעקומען א דינסט־מיידעל, אן אָרימע יתומה, וועלכע איך האָב רעכט ניט געקענט, איז געפאַלען דער חשד אויף דער דאָזיגער יתומה. איך האָב גענומען מיט איהר איינ׳טענה׳ען, ריידען מיט גוטען און מיט בייזען, אָבער זי האָט געלייקענט שטיין און ביין, געשוואָרען זיך מיט אַלע שבועות, אז זי ווייסט נישט פון וואָס צו זאָגען.

זעהענדיג, אז מיט גוטען וועל איך ביי דער גנב׳טע גאָרנישט מאַכען, האָב איך איהר איבערגעגעבען אין די הענט פון דער פּאָליציי און, ווי דער שטייגער איז, האָט מען זי ביי דער אויספאָרשונג געשלאָגען מכות רצח, זי זאָל זיך מודה זיין אין דער גנבה. אָבער אויך די ביטערע קלעפּ האָבען נישט געהאָלפען. זי האָט אַלץ געהאַלטען אין איין לייקענען.

פון די באַקומענע קלעפּ איז דאָס מיידעל שווער קראַנק געוואָרען און, נאָך דעם ווי זי האָט זיך אָפּגעמאַטערט עטליכע וואָכען, איז זי געשטאָרבען.

אין עטליכע טעג ארום נאָך איהר טויט, האָט זיך די גנבה אָפּגעזוכט. עס האָט זיך ארויסגעוויזען, אז נישט די יתומה, נאָר אן אנדערער האָט עס גע׳גנב׳עט, און דער אומשולדיגער טויט פון דער יתומה האָט איהם, דעם ריכטיגען גנב, געצוואונגען זיך מודה צו זיין...

מיך האָט דאָס געוויסען שרעקליך אָנגעהויבען פּייניגען. איך האָב אויף זיך גענומען קוקען ווי אויף א מערדער, וואָס האָט גורם געווען צום פריהצייטיגען טויט פון א יונגע אידישע טאָכטער און דערצו א יתומה.

נישט האָבענדיג קיין רוה אויפ׳ן הארצען, בין איך געפאָהרען קיין פּרעמישלאַן, צום רבין, ר׳ מאיר׳ל, און געבעטען ער זאָל מיר ארויסגעבען א תשובה, וואָס זאָל מכפר זיין אויף מיינע זינד.

דער רבי ר׳ מאיר׳ל איז שטאַרק אויפגעבראַכט געוואָרען פון דער דאָזיגער געשיכטע. א לענגערע צייט האָט ער ארומגעשפּאַנט איבער זיין צי־מער א צוקאָכטער, ענדליך האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און צו מיר געזאָגט:

— דו קענסט דיר אויסקלייבען איינס פון די דריי תשובות (תיקונים), וואָס איך וועל דיר פאָרלעגען: די ערשטע תשובה איז, אז דו זאָלסט מסכים זיין צו שטאַרבען פאַר דער צייט, דאַן וועט דער טויט זיין דיר א כפּרה פאַר דיינע זינד און דו וועסט זוכה זיין צו עולם הבא: די צווייטע תשובה איז, אז דו וועסט אויף זיך נעהמען יסורים אויף דריי יאָהר צייט, אין משך פון דער דאָזיגער צייט וועסטו ליגען צו בעט און דיינע ליידען וועלען זיין גאָר גרויס, ווי די חז״ל זאָגען, אז „יסורים ממרקין עונותיו של אדם״, און די דריטע תשובה איז, אז דו זאָלסט אויף זיך נעהמען גלות אויף דריי יאָהר צייט, זאָלסט זיין נע־ונד, ווי דער דין זאָגט, ווען מען הרג׳ט א מענש בשוגג..

היות ווי אַלע דריי תשובות זיינען געווען אַזוי הארב, אז איך האָב

זיך נישט געקענט דערויף דעצידירען, נישט איך האָב חשק געהאַט אַזוי יונג צו שטאַרבען, נישט איך האָב געוואָלט מקבל זיין אויף זיך יסורים, און אוודאי האָב איך נישט געקענט זיך אַנטשליסען צו ווערען **א מדינה־**געהער, א נע־ונד'ניק אויף דריי יאָהר צייט. האָב איך געענטפערט דעם רבין, אז איך וועל ביי זיך אין דער היים באַשליסען וועלכע פון די תשובות איך נעהם אויף זיך.

איך בין אַהיים געקומען, צוריק גענומען זיך צו מיינע געשעפטען, און נישט געלעגט קיין אַכט אויף די רייד פון צדיק.

עס זיינען קוים אַריבער עטליכע טעג, און איך האָב אָנגעהויבען פיהלען א שווערען קאָפּ־וועהטאָג. איך האָב עס קיינעם נישט דערצעהלט, רעכענדיג, אַז דער מחוש וועט אַריבער. אָבער איך האָב א טעות געהאַט. נאָך עטליכע טעג האָב איך זיך מעהר נישט געקענט האַלטען אויף די פיס. די מיטלען, וואָס מיין דאָקטאָר האָט מיר געגעבען, האָבען קנאַפּ וואָס גע־האָלפען. עס איז פאָרגעקומען א קאָנסוליע, און עטליכע דאָקטוירים האָבען פעסגעשטעלט, אַז מיין לעבען איז אין סכנה.

דאַמאָלסט האָב איך פאַרשטאַנען, אַז דער פּרעמישלאַנער האָט פאַר מיר אויסגעקליבען דעם טויט אלס כפרה פאַר מיין זינד. איך האָב אָבער ניט געוואָלט אַזוי יונג זיך שיידען פון דער וועלט. האָב איך גלייך געלאָזט שיקען א דעפּעשע קיין פּרעמישלאַן און געבעטען דעם צדיק, דאָס ער זאָל מתפּלל זיין, אַז איך זאָל געזונט ווערען, פאַרזיכערענדיג דערביי, אַז ווי נאָר איך וועל קומען צו זיך, קום איך גלייך קיין פּרעמישלאַן און וועל מקבל זיין אויף זיך אַליץ, וואָס דער רבי וועט באַפעהלען.

און כך־הוא. ווען איך בין געזונט געוואָרען, בין איך ווידער געפאָה־רען קיין פּרעמישלאַן און מיט טרעהרען אין די אויגען געזאָגט צו איהם:

— הייליגער צדיק, צו שטאַרבען האָב איך נאָך צייט, איך בין דאָך ערשט אין די מיטעלע יאָהרען; יסורים האָב איך שוין געליטען, צוזאַמען מיט טויט־שרעק: ווייל איך שוין בעסער מקבל זיין אויף זיך גלות. איך בין גרייט צו זיין פאַרוואָגעלט פון מיין היים דריי יאָהר צייט, ווי איהר האָט אויף מיר גוזר געווען, און איך בעט אייך, איהר זאָלט מיר אַרויסגעבען א סדר, ווי אַזוי זיך נוהג צו זיין אין דער צייט פון מיין אָפּריכטען גלות.

— הער־זשע, מיין קינד, ווי אַזוי מען ריכט אָפּ גלות. קודם כל טהו־אויס דיינע נגיד'ישע מלבושים, די מלבושי־כבוד, וואָס דו טראָגסט אויף זיך, און די דאָזיגע מלבושים, צוזאַמען מיט דיין געלד, לאָז איבער ביי מאיר'ל, וועלכער וועט זיי שוין באַזאָרגען צו דיר אַהיים. דו וועסט אָנטהאָן די קליידער פון אַן אָרימאַן, פון א מדינה־געהער און דו וועסט אָנהויבען

דיין גלות. דאָרט וואו דו וועסט טאָגען זאָלסטו נישט נעכטיגען, און דאָרט וואו דו וועסט נעכטיגען זאָלסטו נישט טאָגען. קיין עסען און קיין געלט זאָלסטו ביי קיינעם נישט בעטען, אפילו ווען דער הונגער וועט דיר שטארק דערקוטשען, נאָר ווען מען וועט דיר אליין געבען צו עסען אָדער אפשר א פרוטה, מעגסטו עס נעהמען. נאַטירליך טאָר מען אין דערהיים נישט וויסען וואו דו געפינסט זיך. דו טאָרסט ניט אין משך פון דער צייט קומען אהיים. אויף א פוהר טאָרסטו נישט פאָהרען סיי זומער און סיי ווינטער, — אזוי זאָלסטו זיך פיהרען גאנצע דריי יאָהר, פון היינטיגען טאָג אָן. אָבער בייס סוף פון יעדען יאָהר זאָלסטו קומען צו אונז קיין פרעמישלאָן, כדי מאיר׳ל זאָל אויף דיר א קוק טהאָן, ווי דו זעהסט אויס...

און וואָס שייך דיין עשירות — האָט דער רבי צוגעגעבען — זאָג איך דיר צו, אז עס וועט פון דיין פארמעגען נישט געמינערט ווערען. דיין עשירות וועט נאָך וואקסען. דיין ווייב און דיינע קינדער וועלען דיר אָפּהיטען טריישאפט, און זיי וועלען גלויבען, אז דו וועסט צוריקקומען אהיים.

— עס פארשטעהט זיך, אז איך האָב אויף זיך מקבל געווען אלץ, וואָס דער הייליגער צדיק האָט אויף מיר גוזר געווען — האָט דער איד ערקלעהרט — און עס זיינען שוין אריבער גאנצע צוויי יאָהר, ווי איך בין פארוואָגעלט פון מיין היים.

אָבער שטעלט זיך פאָר מיין צער, ווען איך האָב נאָך צוויי יאָהר גלות זיך געלאָזט קיין פרעמישלאָן, איז צו מיר דערגאנגען די ידיעה, אז דער צדיק געפינט זיך נישט מעהר צווישען די לעבעדיגע. איצט ווייס איך ניט וואָס צו טהאָן? און היות, ווי איך האָב געהערט, אז אין צאנז געפינט זיך א גרויסער צדיק, האָב איך באשלאָסען צו געהן צום דאָזיגען צדיק און פרעגען איהם אן עצה, וואָס איך האָב ווייטער צו טהאָן.

— דערפאר קען איך ביי אייך קיין נדבה נישט נעהמען, ר׳ נחום, ווייל איצט בין איך נישט קיין נע־ונד׳ניק, איצט געה איך צום הייליגען צאנזער.

— אויב איהר זייט איצט נישט קיין נע־ונד׳ניק, מעגט איהר דאָך פאָהרען מיט א פוהרל, און נישט געהן צו פוס, ווייל דער וועג איז דאָך ווייט, אגב, דארף איך אויך פאָהרען קיין צאנז, וועלען מיר פאָהרען זאלבעצוויים.

אויסהערענדיג די דאָזיגע אויסטערלישע געשיכטע, האָט דער צאנ־זער רב אויסגערופען:

— מיר האַלטען, אז דו האָסט שוין גענוג געליטען, אז עס איז שוין צייט צו פאָהרען אהיים. אָבער אויפ׳ן וועג זאָלסטו זיך אָפּשטעלען אין פרעמישלאָן, געהן אויפ׳ן קבר פון הייליגען פרעמישלאָנער, און זאָלסט

זאָגען, אז איך, חיים צאנזער, האלט, דאָס צוויי יאָהר גלות מיט אזוי פיעל צער, יסורים און שברון לב, איז גענוג, איבער־גענוג!...

דער רייכער נע־ונד'ניק האָט מקיים געווען דאָס, וואָס דער צאנזער האָט איהם באפוילען און מיט גרויס שמחה איז ער אהיים געפאָהרען בשלום.

דער טראַגישער פסק דין...

דאָס איז געווען אין די לעצטע יאָהרען פון באריהמטען רבי מאיר'ל פרעמישלאנער זצ"ל. דער דאָזיגער צדיק הדור, וועלכער איז געווען פארעהרט אין די ברייטע חסיד'ישע קרייזען און מען האָט איהם באטראכט אלס דעם גרעסטען בעל רוח הקודש אין זיין צייט, איז געווען אלט און שוואך, דערצו האָט ער דורכגעמאכט א שווערע קראנקהייט און די דאָקטוירים האָבען געזאָגט, אז די טעג זיינע זיינען געצעהלטע.

פלעגען אין יענע טעג אָפט קומען קיין פרעמישלאן רביים און רבנים, די אָנגעזעהנסטע פערזענליכקייטען און סתם פארעהרער פון דאָזיגען צדיק, כדי איהם מבקר חולה צו זיין און מקבל זיין פון איהם א ברכה. געקומען זיינען זיי, די צדיקי הדור, ווי דער שטייגער איז געווען אין יענע צייטען, מיט בוידען און וועגלעך, און די שטאָט־לייט פלעגען די חשוב'ע געסט אָפּ־ווארטען אויף'ן שייד־וועג און הארציג באגריסען די חשובים, וועלכע זיינען געקומען מבקר חולה זיין זייער באריהמטען רבי'ן.

די דאָזיגע וויזיטען פון די צדיקי הדור זיינען ביים רבי'ן געווען שטארק אָנגעלייגט, ער פלעגט זיך מיט יעדען גאסט אָפּשליסען אויף לאנגע שעה'ן, שמועסען איבער ענינים, וואָס ריהרען אָן ברומו של עולם. שפעטער פלעגט מען פראווען א סעודה לכבוד דעם גאסט, און טאקע ביים רבין'ס בעט, ווייל עס איז איהם שווער געווען אראָפּצוגעהן פון בעטעל מחמת שוואכקייט.

אין די טעג, ווען עס איז געקומען א גרויסער אורח, האָט דער אלטער רבי ממש אויפגעלבט. דאגעגען אין די טעג, ווען עס זיינען ניט געווען קיין באזוכער, איז ער געווען צוגעלעגט און שוואך, מען האָט געזעהן בחוש, אז ביי איהם ווערט מקוים דאָס וואָס די חז"ל זאָגען, אז ווער עס איז מבקר א חולה, נעהמט ביי איהם צו א זעכציגסטעל פון זיין קראנקהייט...

פלעגט דער פרעמישלאנער רבי אָפט פרעגען דעם שמש זיינעם, צי עס איז ניט געקומען אימיצער א גרויסער אורח, צי מען ערווארט ניט קיין

גאסט. אָפטמאָל פלעגט ער ארויסשיקען מענשען אויף'ן שייד־וועג אויסצו־קוקען אַן אורח.

איינמאָל, אין אַ טאָג ווען קיין אורחים זיינען ניט געווען, און דער רבי האָט לייכט געדרעמעלט אויף זיין בעטעל, כאַפּט ער זיך אויף אַן אויפגעלייגטער, אַ מונטערער, און גיט אַ זאָג צום משמש:

—געה שנעל ארויס אין גאַס, זוך איבער אַלע אכסניות און ווער מיר געוואויר, ווער עס איז דער חשוב'ער אורח, וואָס איז געקומען אין שטאָט אריין אונז באַזוכען.

דער שמש האָט גלייך דערפילט דעם רבינ'ס באַפעהל, ארויס אין גאַס, אוועק איבער די קליינע צאָל אכסניות, וואָס האָבען זיך געפונען אין שטעטעל און צוריקגעקומען אָהן אַ פּאָזיטיווע תשובה.

— רבי — האָט דער משמש אַ זאָג געטהאָן — איך בין די גאַנצע שטאָט אויסגעלאָפען, אומעטום געזוכט און גענישטערט, קיין איין אכסניא ניט דורכגעלאָזט און קיינעם ניט געטראָפען. ניט געקומען קיין שום אדם חשוב קיין פּרעמישלאַן.

— אָבער מאיר'ל זאָגט, אַז עס איז יאָ געקומען, דאריבער בעט איך דיך, אַז דו זאָלסט ווידער אמאָל ארויסגעהן אין גאַס און גוט נאָכפרעגען, ווייל מיר פיהלען, אַז אַ גרויסער געטליכער מאַן קומט קיין פּרעמישלאַן, מיר זיינען מרגיש, אַז אַ גרויס אור פארשפרייט זיך איבער אונזער שטאָט...

דער שמש איז ווידער ארויס איבער דער שטאָט. דאָס מאָל האָט ער זיך שוין לענגער אָפּגעשטעלט, באַטראַכט אַלע אורחים, איינגעקוקט זיך אין די פּנים'ער פון די פרעמדע אידען, וואָס האָבען געווײלט אין שטאָט, אָבער ער האָט אין קיינעם ניט דערקענט דעם אדם־חשוב, דאָס גרויסע אור, וואָס דער רבי האָט מרגיש געווען.

אַ פארשעהמטער איז דער משמש צוריקגעקומען און ווידער געזאָגט, אַז ער האָט קיינעם ניט אויסגעפונען.

— איך האָב געטהאָן דאָס מייניגע, רבי, אָבער ווען איהר זיינט מרגיש אַ גרויסען מענשען, מוז ער זיין פון די ל"ו צדיקים און די דאָזיגע לייט האָבען אַ טבע ניט ארויסצוגעבען זיך ווער זיי זיינען, טאָ וואָס קען איך העלפען?

אָבער דאָ האָט שוין דער פּרעמישלאַנער אויסגערופען מיט הקפּדה:

— איך זאָג דיר, אַז אַ גרויסער גאון און צדיק איז אָנגעקומען קיין פּרעמישלאַן, אַ מפורסם'דיגער צדיק. מאיר'ל נאַרט זיך ניט. ווען מאיר'ל זאָגט, אַז אַ צדיק און אַ גדול בתורה איז אָנגעקומען אין שטאָט — איז עס ריכטיג. לויף נאָך אמאָל ארויס אין גאַס. איך האָף, אַז דאָס מאָל

וועסטו שוין טרעפען. אָבער דו זאָלסט גלייך צוריקקומען מיט א תשובה, ווייל מיר זיינען זייעהר נייגעריג צו וויסען, ווער עס לייכט אזוי שעהן אין די עולמות עליונים?...

ארויסגעהענדיג אין גאס, האָט דער משמש אָנגעטראָפען אויף א בויד, וואָס איז נאָר וואָס אָנגעקומען פון ווייט, ווייל די בויד איז געווען פארדעקט מיט א דיקער שיכט פון שטויב און די פערד זיינען געווען פאר־מאטערט. דער משמש איז גלייך צוגעלאָפען צו דער בויד און דערוואוסט זיך, אז מיט'ן דאָזיגען בוידעל איז אָנגעקומען דער צאנזער רב, רבי חיים זצ"ל.

ער איז גלייך אריינגעלאָפען צום רבי'ן און אָנגעזאָגט איהם, אז ענדליך האָט ער ערפארען ווער עס איז דער אורח, אויף וועלכען דער רבי האָט זיך אזוי שטארק נאָכגעפרעגט. דאָס איז דער צאנזער רב.

דערהערענדיג, אז דער צאנזער רב האָט צוליב איהם געמאכט אזא וויטע נסיעה און געקומען מבקר חולה זיין, איז דער פרעמישלאנער געוואָרען מלא שמחה.

— א וואו — האָט צו זיך גערעדט דער אלטער צדיק — אזוי ליכטיג, אזוי הייליג, אזוי גרויס!... — און ווענדענדיג זיך צום משמש, האָט דער רבי ארויסגערופען:

— האָב ניט קיין פאראיבעל, וואָס מאיר'ל איז דיך אזוי שטארק מטריח, געה אריבער צום צאנזער רב און זאָג איהם, אז מאיר'ל האָט געבעטען ער זאָל מוחל זיין און תיכף אריבערקומען צו אונז. ער איז אודאי מיעד פון טלטול הדרך, ער וויל זיך אודאי אָפּרוהען פון לאנגען וועג, אָבער מאיר'ל איז דאָך אזוי משתוקק איהם צו זעהן, אז יעדע מינוט איז א שאָד. בעט איהם, אז ער זאָל גלייך אריבערקומען. זאָג איהם, אז מאיר'ל וואָלט מצד הדין באדארפען געהן צו איהם מקבל שלום זיין אָבער מאיר'ל איז דאָך אזוי אלט און שוואך, — מאיר'ל האָט קיין כח ניט...

דערהערענדיג, אז דער הייליגער פרעמישלאנער איז אזוי שטארק משתוקק איהם צו זעהן, האָט דער צאנזער רב געכאפּט דעם כאלאט מיט'ן שטעקען און איז גלייך געלאָפען צום הויז פון אלטען צדיק.

גרויס איז געווען די שמחה, וואָס האָט ביידע צדיקים באהערשט בעת דער דאָזיגער באגעגעניש. לכבודו האָט דער פרעמישלאנער אויפגעהויבען זיך פון זיין געלעגער, אוועקגעזעצט זיך צום טיש, וואָס איז גלייך אָנגעפיעלט געוואָרען מיט'ן שעהנסטען כיבוד און זיי האָבען זיך אריינגעלאָזט אין הויכע שמועסען, וועלכע דער ארומיגער עולם האָט ניט געקענט פארשטעהן און תופס זיין.

— איך קוק דאָך אייך שוין אויס אזוי לאנג, צאנזער רב, איך

האָב דאָך שוין יאָהרען לאנג געגלוסט אייך צו זעהן, פארברייינגען מיט אייך, דורכשמועסען זיך און אָט האָב איך דערצו זוכה געווען. איהר ווייסט ניט ווי אזוי איהר האָט מיך מחיה געווען מיט אייער איצטיגען באזוך.

אין מיטען פון א לעבהאפטען שמועס גיט א זאָג דער פּרעמישלאנער רבי צו זיין גאסט:

— צאנזער רב, מען האלט דאָך אייך פאר דעם „בית דין הגדול" אין היינטיגען דור און אז השי"ת האָט מיר געהאָלפען און איך האָב זוכה געווען מקבל פנים צו זיין ביי מיר אין הויז דעם בית דין הגדול פון דור, ווילען מיר פאר אייך האלטען א דין־תורה.

דער צאנזער רב האָט דארויף גאָרניט געענטפערט. אָבער רבי מאיר'ל האָט דאָס שווייגען באטראכט אלס צייכען פון הסכמה און ער האָט דאריבער גלייך גענומען מסדר זיין זיינע טענות:

— זאָגט מיר, צאנזער רב, איך פרעג אייך, איז עס א יושר, איז עס רעכט, איז עס גלייך, אז מאיר'ל זאָל ווייטער ארומוואלגערען זיך און מוטשען זיך אין אזא ענגע דירה? איז דען שוין ניט די העכסטע צייט, אז מאיר'ל זאָל זיך אריבערקלייבען אין א שעהנערער, גערוימערער און ליכטיגערער דירה?...

און נאָך א קורצען שווייגען האָט דער פּרעמישלאנער רבי צוגעגעבען מיט טרערען אין די אויגען:

— פּסקנ'ט, צאנזער רב, זאָגט ארויס אייער וואָרט. מיט אייער פּסק־הלכה איז מען אין הימעל מסכים!...

דער צאנזער רב האָט אין תחילת ניט תופס געווען די אמת'ע כוונה פון פּרעמישלאנער. ער האָט געהאלטען, אז דער אלטער צדיק מיינט עס פּשוט, בגשמיות, און ער האָט דאריבער אָהן שום נאָכטראכטען געענטפערט:

— אודאי דארף דער פּרעמישלאנער רבי וואוינען אין א ברווח'דיגער, שעהנערער דירה און אודאי זיינען מיר דערצו מסכים.

— אזוי, איהר האלט אויך אזוי, איהר זיינט אויך צו מיר מסכים? א יישר כח אייך, צאנזער רב, אזוי בלייבט די הלכה, דער בית דין הגדול פון דור האָט אזוי גע'פּסקנ'ט...

ערשט איצט האָט דער צאנזער רב געכאפּט זיך, וואָס דער פּרעמישלאנער איז אויסען געווען מיט זיין שאלה. אז ער האָט גאָר געמיינט אריבערצוגעהן פון עולם השפל אין עולם העליון. ער האָט דאריבער באלד צוריקגעכאפּט, אויסרופענדיג:

— מיין כונה איז אָבער בלויז אין עניני גשמיות, אויף דער וועלט.

איך האָב געפּסקנ'ט, אז דער פּרעמישלאַנער רבי דארף האָבען א שעהנערע דירה בגשמיות...

— כבר הורה זקן — האָט רבי מאיר'ל אנטשידען — דער בית דין הגדול פון דור האָט אזוי געפּסקנ'ט און אזוי בלייבט עס!...

און אין א קורצער צייט ארום איז רבי מאיר'ל פּרעמישלאַנער נסתלק געוואָרען.

אלס דער בית דין הגדול פון דור האָט באצייכענט דעם צאנזער רב ניט קיין אנדערער ווי דער ריזשינער צדיק, רבי ישראל'טשע זצ"ל. און פּאָרגעקומען איז עס ביי פאָלגענדע אומשטענדען:

דער צאנזער רבי איז איינמאָל געקומען אויף א באזוך קיין סאדאגורע, וואו דער ריזשינער האָט דאמאָלסט געוואוינט, נאָכדעם ווי ער האָט גע־מוזט אנטלויפען פון רוסלאנד צוליב די רדיפות מצד דער מאכט. דער ריזשי־נער האָט לכבוד דעם גאסט געפּראוועט א גרויסע סעודה און דערביי האָבען ביידע צדיקים פארבראכט אין הויכע שמועסען.

צווישען אנדערען איז באריהרט געוואָרען אן ענין, וועגען וועלכען די צדיקי הדור זיינען צייט געווען מחולק. דער ריזשינער האָט זיך געהאט זיין שיטה און דער צאנזער — זיין שיטה. דער ריזשינער האָט געב־ראכט ראיות פון גדולים, באזונדערס פון האר"י ז"ל און פון בעל שם טוב, כדי רעכטצופערטיגען זיין שיטה. אָבער דער צאנזער האָט ניט געוואָלט נאָכגעבען און ער האָט זיך געהאלטען ביי דאָס זייניגע.

ווען ביידע גרויסע מתווכחים זיינען אנטשוויגען געוואָרען, האָט זיך אנגערופען איינער פון די קינדער פון ריזשינער און געזאָגט:

— מיר ווילען האָבען, אז די צדיקי הדור זאָלען דורכקומען צווישען זיך און פעסטשטעלען א פּסק־הלכה פאר אלעמען. מיר קענען ווייטער ניט בלייבען אין ספקות.

— איהר הערט, צאנזער רב, די וועלט וויל וויסען א קלאָרע זאך, מיין קינד איז גערעכט. נו, זיינט איהר מיט אונז מסכים?

אָבער דער צאנזער האָט דארויף גאָרניט געענטפערט און שטיל געשוויגען. אָבער ווען דער ריזשינער איז ווידער צוגעשטאנען צו זיין גאסט, ער זאָל זיך ארויסזאָגען קלאָר ווי עס בלייבט — האָט ער ענדליך אָפּגעענטפערט:

— וואָס איז שייך צו זאָגען הסכמות? דער ריזשינער רבי איז א בר־סמכא, ער דארף ניט קיינעמס הסכמות...

דער ריזשינער איז אָבער פון דער דאָזיגער תשובה ניט געבליבען צופרידען און ער האָט א זאָג געטהאָן:

— מיר ווילען אָבער, אז איהר זאָלט מיט אונז מסכים זיין, ווייל איהר זיינט דער בית דין הגדול אין דעם דור!...

דער „חוזה“ פון לובלין און דער לייפניקער רב

דער באריהמטער גאון ר׳ ברוך תאומים־פרענקעל, לייפניקער רב, באקאנט אלס דער „ברוך טעם“, אויפ׳ן נאָמען פון זיין באריהמטען ספר, האָט געהאט זעהר א גראָטענעם זוהן מיט׳ן נאָמען ר׳ העשעל. דער יונגער העשעל איז געווען דער שטאָלץ פון זיין פאָטער. געהאט האָט ער א שאַר־פען מח, א שנעלע תפיסה, דערצו איז ער געווען דער גרויסער בקי און חריף און דער גאון האָט אויף זיין זוהן געלעגט גרויסע האָפנונג.

דער יונגער העשעל איז דערצו אויך געווען א בעל רגש און א בעל טובה. צו די בחורים פון זיין טאטענ׳ס גרויסע ישיבה איז ער געווען נישט נאָר א חבר, נאָר ממש ווי א ברודער. ווען ער האָט זיך דערוואוסט, אז עמיצען פון זיינע חברים פעהלט עפעס, נויטיגט זיך אין א זאך, האָט ער נישט גערוהט, ביז ער האָט איהם באזאָרגט מיט אלעם נויטיגען. דערפאַר האָבען איהם אלע ליעב געהאט אהבת נפש. ביים פאָטער איז ער ממש געווען דאָס אויג אין קאָפּ, און די ישיבה־לייט ווי אויך די שטאָדט־מענשען האָבען איהם ליעב געהאט ווי דאָס לעבען.

ר׳ העשעל איז אָבער דערצו געווען א ברויזענדע נאַטור. שטענדיג ארומגעיאגט א פאַרטראַכטער. זיין הארץ האָט נישט געוואוסט פון קיין רוה. א פאַרטיפטער אין זיך האָט ער געפיהלט ווי עס איז איהם ענג אין זיין סביבה, אין היימישען שטעדטעל, עס האָט איהם געצויגען אין דער גרויסער וועלט אריין, ווי עס וואָלט איהם געטריבען צו א גרויסען ציעל.

ווי אזוי ר׳ העשעל דעם רב׳ס האָט זיך אין דעם מתנגד׳ישען שטעד־טעל, וואו קיין חסיד איז נישט געווען אויף קיין רפואה, זיך באקענט מיט חסידות — בלייבט א סוד. אָבער א פאקט איז געווען, אז דער יונגער גאון האָט אין געהיים, בחדרי־חדרים, געלערענט חסידות, נתפעל געוואָרען פון דעם דאָזיגען דרך אין אידישקייט און עס האָט נישט לאנג גענומען און ר׳ העשעל איז געוואָרען אן אנדערער מענש. ער האָט גענומען דאווענען מיט התלהבות, לערנען אויף א גאנץ אנדערען שטייגער ווי פריהער, ערשט זיין התנהגות — בקיצור, א חסיד ווי אלע חסידים.

אין מתנגד'ישען שטעדטעל איז מען אָבער אויף אזעלכע ענינים נישט געווען קיין מבינים. דאָרט האָט מען געמיינט, אז דער דרך החסידות באשטעהט נאָר אין דאווענען נוסח ספרד, און זאָגען „הודו" פאר „ברוך שאמר" און ווייל ר' העשעל האָט אלץ געדאווענט לויט'ן אשכנז'ישען נוסח, ממילא האָט ער נישט דערוועקט צו זיך דעם מינדעסטען חשד. אלא וואָס ער דאווענט אביסעל לענגער, מיט מעהר התלהבות, איז עס נישט קיין וואונדער, איז ער דאָך עפּעס העשעל דעם רב'ס, דאָס עהרליכע פרומע קינד, וואָס ווייקט זיך אין תורה און פרומקייט...

אָבער לאנג פארבלייבען אין מתנגד'ישען שטעדטעל האָט ער נישט געקענט. ר' העשעל האָט געפיהלט, אז עס פעהלט איהם א רבי, ער נויטיגט זיך אין חברים, וואָס זאָלען איהם פארשטעהן, ביי וועמען ער זאָל קענען לערנען. און דאָס האָט איהם אין לייפניק לגמרי געפעהלט.

ר' העשעל האָט געוואוסט, אז זיין פאָטער איז א גרויסער מתנגד צו חסידות, אז דער פאָטער רודפ'ט חסידים אָהן רחמנות. ער האָט אויך געוואוסט, אז דער טאטע, וועלכער האָט איהם שטארק ליעב וועט גאָרנישט קענען איבערשמערצען, הערענדיג, אז זיין זוהן איז געוואָרען א חסיד. ער האָט זיך דאריבער ניט געקענט אנטשליסען צו פארלאָזען דעם טאטענ'ס הויז, וויסענדיג ווי גרויס עס וועט זיין דעם פאָטער'ס צער.

א וואָך נאָך א וואָך איז אריבער. די תשוקה צו פאָהרען קיין לובלין, וואו עס האָט דאמאָלס פארשפּרייט חסידות, רבי יעקב יצחק הלוי, דער „חוזה", איז געוואָרען שטארקער און שטארקער. ביז ער האָט איינמאָל אין א בין השמשות צונויפגענומען זיינע חפצים און אָהן א זיי־געזונט געלאָזט זיך אויפ'ן וועג קיין לובלין.

ווען דער לייפניקער רב האָט זיך דערוואוסט וועגען דער „מעשה נורא", איז איהם געוואָרען זעהר טרויעריג אויפ'ן הארצען. אין תחילת האָט דער גרויסער גאון צוואויינט ווי א קינד און ער האָט אויסגערופען: „אויף מיר איז מקוים געוואָרען דער פסוק: „הנני מקים עליך רע מתוך ביתך"... ענדליך האָט ער זיך געשטארקט, אויסגעטאָן די שיך, געלאָזט זיך קריעה רייסען און געזעצט זיך אויף דער ערד אין טרויער נאָך זיין טייערען זוהן, זיין העשעלען, וועלכער איז נעבעך ארויס לתרבות רעה, ר"ל...

אין הויז פון רב, אין דער ישיבה, האָט מען מעהר ניט געטאָרט דערמאָהנען העשעל'ס נאָמען. אָבער אין דער זעלבער צייט אין העשעל גע־זעסען אין לובלין און געארבייט אין חסידות, דער חוזה האָט איהם שטארק מקרב געווען. אסך מיט איהם פארבראכט אין לערנען און אויך צווישען די חסידים איז ר' העשעל דעם לייפניקער רב'ס זוהן געווען שטארק חשוב,

שוין דערפאַר, וואָס מען האָט געוואוסט וואָסערען שווערען קרבן ער האָט געבראַכט פאַר חסידות.

צעהן יאָהר צייט האָט ר' העשעל פאַרבראַכט אין לובלין. אין לייפּניק האָט מען שוין כמעט פאַרגעסען, אז עס איז געווען א העשעל, אז מען האָט זיין נאָמען נישט געטאָרט דערמאָנען! אזוי ארום האָט ער ווי אויפגעהערט צו עקזיסטירען.

איינמאָל רופט אריין דער „חוזה" זיין תלמיד ר' העשעל'ן צו זיך אין חדר און ווייזט איהם א שווערען תוספות. ר' העשעל פאַרטיפט זיך אין דעם תוספות, באַמיהט זיך צו געפינען א תירוץ אויף דער הארבער קשיא, אָבער אומזיסט. תוספות איז זעהר שווער. נישטאָ קיין תירוץ — רופט אוים ר' העשיל א רעזיגנירטער, נאָך א לאַנגען נאָכטראַכטען.

שמייכעלט דער רבי א ווײלע און הויבט אָן זאָגען א תירוץ אויף דער קשיא. און דער תירוץ איז דאָך טאַקע מניה וביה, א גאונישער קנייטש און דער תוספות איז פאַרענטפערט. ר' העשעל איז אויסער זיך פון התפעלות. זיין הארץ איז פול מיט יראת הרוממות פאַר זיין הייליגען רבי'ן, וועלכער איז דערצו אויך דער גאון הדור.

אָפּגעפרעהט זיך מיט'ן תירוץ אויף תוספות קשיא, רופט זיך אָן צו איהם דער רבי פון לובלין:

— הער מיך אוים, העשעל, שוין צייט איבערצובעטען זיך מיט'ן טאַטען. ווי לאַנג איז דער שיעור צו פראווען א ברוגז? צעהן יאָהר, — גענוג. כיבוד אב איז דאָך גאָר א גרויסע מצוה! — פאָהר זשע אהיים לחיים ולשלום און לאָמיר הערען בשורות טובות.

ווערט ר' העשל גאָר שטאַרק נתפעל פון דער געשיכטע. סטייטש ווי פאַרט מען עס אהיים קיין לייפּניק, אז דאָרט האָט מען איהם אינגאַנצען פאַרלייקענט, אפילו שבעה געזעסען, קריעה געריסען זיך. ווי קען מען עס אזוי פּלוצלונג ארײנפאַלען אין הויז און א זאָג-טאָהן: טאַטע אָט בין איך דאָ!

נאָר אז דער רבי הייסט איז דאָך נישט שייך. נעהמט ר' העשל צונויף זיינע חפצים, געזעגענט זיך מיט זיינע פריינד און קערט זיך צוריק, נאָך צעהן יאָהר, קיין לייפּניק.

וואָכען לאַנג האָט געדויערט די נסיעה פון לובלין קיין לייפּניק. אין משך פון דער צייט האָט זיין מח פיבערהאַפט געאַרבייט. ווי אזוי וועט ער עס זיך פאָרשטעלען פאַר'ן טאַטען, וועלכער האָט איהם פאַרלייקענט פאַר א זוהן? — אָבער דער באַפעהל פון רבי'ן האָט גובר געווען אלע חששות ביז ער איז ענדליך אָנגעקומען קיין לייפּניק און איז אריין אין דעם גרויסען בית המדרש, וואו עס האָט זיך אויך געפונען דעם טאַטענס גרויסע ישיבה.

גראַד איז דער רב געזעסען ביים שיעור, אַרומגערינגעלט פון זיינע תלמידים. מיט פרייד האָט ר׳ העשל פעסטגעשטעלט אַז די ישיבה איז זיך צעוואַקסען און אַז צווישען די תלמידים געפינען זיך גדולים בתורה.

במשך פון די צעהן יאָהר איז נאַטירליך, אַז דער אויסזעהן פון ר׳ העשל דעם רב׳ס האָט זיך פאַרענדערט. ער האָט באַקומען אַ לאַנגע באָרד, מיט געדיכטע לאַנגע, חסידישע פיאות, געטראָגען האָט ער אַ פויליש־רבניש׳ען טראַכט, אַזוי אַז אַריינקומענדיג אין בית המדרש האָט איהם קיינער נישט דערקענט.

ר׳ העשל געהט צו נעהנטער צו זיין פאָטער, הערט זיך אַ ווייל איין ביי וועלכען ענין מען האַלט און צו זיין שטוינונג שטעלט ער פעסט, אַז גראַד האַלט מען ביי דעם זעלבען ענין, וועגען וועלכען דער רבי האָט מיט איהם געפיהרט אַ שמועס, איידער ער האָט איהם באַפוילען צוריקצוקעהרען זיך צום פאָטער.

פּלוצלונג נעמט מען לערנען דעם שווערען תוספות. ר׳ העשל ווערט נבהל ונשתומם. דאָס הייסט רוח הקודש — טראַכט ער זיך, און מיט גרויס שפּאַנונג הערט ער זיך איין ווי אַזוי דער טאַטע לערענט דעם תוספות און וואַרט מיט אומגעדולד, וואָס עס וועט ווייטער פאַרקומען.

און אָט פרעגט עמיצער פון די תלמידים די זעלבע קשיא, וואָס דער רבי פון לובלין האָט איהם געפרעגט. די קשיא מאַכט אַ שטאַרקען רושם אין דער ישיבה. דער ראש ישיבה שטרענגט זיך אָן, קנייטשט זיין הויכען שטערען, אָבער די קשיא איז פעלזען־פעסט. נישטאָ אויף איהר קיין תירוץ.

די צייט ציהט זיך ווי פעך. עס איז שוין אַ האַלבע שעה, אַ גאַנצע שעה. גאַנצע שטויסען מיט ספרים ווערען אָנגעוואָרפען. פאַרשידענע סברות ווערען אַרויסגעבראַכט. אָבער דער ראש ישיבה איז זיי אַלע מדחה. דער רב איז שוין פאַרמאַטערט, גרויסע טראָפּענס שווייס פליסען פון זיין געזיכט אָבער קיין תירוץ איז אַלץ נישטאָ. פאַרשטעהט דאָך שוין ר׳ העשל די כוונה פון רבי׳ן, וואָס ער איז אויסען געווען מיט דער קשיא און מיט זיין תירוץ אויפ׳ן שווערען תוספות, מאַכט ער זיך קוראַזש, געהט צו נעהנטער צום פאָטער און רופט אויס:

— לייפניקער רב, איך ווייס אַ תירוץ!

דער רב רייסט אָפּ די אויגען פון זיינע ספרים, הענגט זיי אויף דעם „אורח״, וועלכער מאַכט נישט קיין שהיות און זאָגט שוין דעם תירוץ אויף דער הארבער קשיא.

דער רושם איז אַן אויסערגעוועהנליכער. דער רב איז געוואַלדיג נתפּעל. ער איז ממש אַרויס פון די כלים. ער שפּרינגט אויף פון זיין אָרט, כאַפּט אָן

די האנד פון דעם פרעמדען און ווייסט נישט וואס צו טאן מיט איהם פון גרויס התפעלות. אויך די ישיבה לייט רינגלען איהם ארום מיט גרויס יראת הכבוד און קענען פון איהם זייערע אויגען נישט אפרייסען.

— אבער ווער זיינט איהר, יונגערמאן, ווי רופט מען אייך, פונוואנען זייט איהר, וואו האט איהר עס געלערענט? — רופט אויס דער רב ווי נישט מיט זיין קול.

— דו דערקענסט מיך נישט, טאטע, איך בין דאך דיין זוהן, דיין יהושע העשל, און דאס האט מיך מיין רבי, דער רבי פון לובלין, געשיקט צו דיר מיט'ן דאזיגען תירוץ אויף תוספות קשיא...

פאטער און זוהן זיינען ארויפגעפאלען איינער אויפ'ן אנדערען, גע־קושט זיך געהאלזט און געוויינט פון שמחה. באלד האט מען צעוויסען געטאן אין רב'ס הויז און די מאמע מיט די שוועסטער זיינען געקומען צו לויפען, און די שמחה האט זיך באזונדערס פארשטארקט. אויך די ישיבה בחורים, די אלטע גוטע פריינד האבען זיך אויפריכטיג געפרעהט מיט'ן צוריק־קער פון זייער גוטען פריינד און בעל טובה, נאך וועלכען זיי האבען שטי־לערהייט געבענקט.

נאך דער דאזיגער געשיכטע האט דער לייפניקער רב אנגעהויבען קוקען מיט גאר אנדערע אויגען אויף חסידים און חסידות. ער האט זיך גענומען אויספרעגען וועגען דעם לובלינער'ס התנהגות, וועגען זיין סדר אין לערנען, וועגען זיין שיטה און געבעטען דעם זוהן, ער זאל איהם איבער־זאגען די חידושים פון זיין רבי'ן.

עס פארשטעהט זיך אז ער האט אויפגעגעבען די מחלוקה מיט חסידים און ווען מען האט איהם פארגעשלאגען אלס איידעם פון זיין טאכטער א חסידישען בחור'ל, וועלכער איז דערצו גאר א גרויסער למדן, ראוי צו זיין א גדול הדור, האט עס איהם מעהר נישט געקימערט זיין חסידות, און ער האט גלייך מסכים געווען צו דעם שידוך.

און דער דאזיגער חסידישער בחור'ל, וואס איז געווארען דער איידעם פון לייפניקער רב, דער בעל „ברוך טעם", איז עס געווען דער שפעטערדיגער בארימטער צאנזער רב, רבי חיים האלבערשטאם זצ"ל.

דער מלאכים־ניגון...

געווען איז דאָס אין א פרייטאָג־צונאכטס, פון די מיוחס'דיגע שבתים, אין בית המדרש פון הייליגען חוזה אין לובלין. דער רבי פון לובלין זצ"ל איז געזעסען ביים טיש ארומגערינגעלט פון זיינע תלמידים, וועלכע זיינען געזעסען ארום איהם מיט גרויס פחד. ארום דעם טיש האָבען זיך געשטופּט סתם חסידים און ישטאָדט־לייט, וואָס פלעגען אָפט קומען צו די „טישען" פון רבי'ן. די מקורבים האָבען געפיהלט, אז דער רבי איז עפּעס נישט מיט אלעמען. זיין אויסזעהן, זיין התנהגות, זיין פארטראכטען זיך פון צייט צו צייט, און אפילו זיין בליק, דאָס אלץ האָט געוויזען, אז דער רבי איז פארקאָכט אין הויכע ענינים; אז זיין מחשבה איז ווייט פון דעם עולם הגשמיות און אפילו פון דעם פרייטאָג־צו־נאכטיגען טיש, וואָס איז מעין עולם הבא...

פון צייט צו צייט איז דער רבי אריינגעפאלען אין אן אויסטערלישער דבקות. די דאָזיגע שנויים, וואָס מען האָט באמערקט ביים רבין אין דעם דאָזיגען פרייטאָג־צו־נאכטס האָבען געוויזען, אז עפּעס וואָס דארף פאָרקומען ביי דער איצטיגער סעודת־שבת.

אזוי האָט עס אָנגעהאַלטען ביי דעם גאנצען „טיש". מען האָט דער־לאנגט די שבת'דיגע מאכלים אָבער דער רבי האָט קנאַפּ־וואָס נהנה געווען פון זיי. מען האָט געזונגען זמירות ווי תמיד, אָבער דער רבי האָט ווי נישט געהערט דאָס געזאנג. זיינע ליכטיגע אויגען האָבען מאָדנע געבליקט אין דעם חלל פון גרויסען בית המדרש, ווי ער וואָלט געקוקט ווייט, ווייט פון דעם אָרט, וואו ער געפינט זיך.

ווען מען האָט שוין געהאַלטען ביים בענשען האָט דער רבי פּלוצלונג ארויפגעלעגט די האנט אויפ'ן טיש, און אויף דעם האנט — דעם קאָפּ און איז געבליבען אזוי אָנגעשפּארט ווי ער וואָלט געכאַפּט א דרימעל.

דאָס האָט נאָך מעהר דעם עולם איבערראשט. אזעלכעס האָט מען אין לובלין קיינמאָל נישט געזעהן. דאָס אָנשפּארען זיך אין מיטען טיש און בלייבען אזוי אין אזא דרימעלדיגען צושטאנד, האָט נאָכמעהר איבערצייגט, אז דער ענין איז נישט פשוט, אז עפּעס איז געשעהן. אנדערע האָבען זיך שטילערהייט געשושקעט: דער רבי האָט אוודאי עלית נשמה...

דער דאָזיגער מצב האָט נאָך מעהר פחד ארויסגערופען ביי די נאָהענטע מקורבים, ביי די גדולי התלמידים. זיי האָבען דאָך דעם רבין גוט געקענט, און געוואוסט, אז פון גרויס דבקות קען מען קומען עד כדי כלות הנפש. עס איז פאר זיי נישט געווען קיין סוד, אז צופיעל מתקרב זיין זיך צום שורש, איז פאר א בשר ודם גאָר געפעהרליך. משל למה הדבר דומה? —

צו א קליין פלעמעל פון א ליכטעל, וואָס מען דערנעהנטערט צו א גרויסען פלאַם. פאַראייניגט זיך דאָס קליינע פלעמעל מיט'ן גרויסען פלאַם, און דאָס קליינע פלעמעל הערט אויף צו עקזיסטירען... אזוי האָבען די תלמידים, וועלכע זיינען אליין געווען גדולים, געוואוסט אז די נשמה פון א צדיק, וואָס גאַרט און לעכצט צו וואַרימען זיך אין ליכט פון דער שכינה, קען פלוצלונג פאַרלאָזען דעם ערדישען גוף און זיך מעהר נישט צוריקקעהרען צו דער דאָזיגער וועלט...

אָבער וואָס האָבען זיי געקענט טאָן כדי אָפּצוהאַלטען זייער רבין דערפון? ברעכט מען זיך די קעפּ, שושקעט מען זיך אין דער שטיל, איז מען זיך מיישב, אָבער מען קען זיך צו גאָרנישט דערטראַכטען. זיצט מען און מען וואַרט. א שעה נאָך.א שעה געהט פאַרביי און מען וואַרט אַלץ, אז דער רבי זאָל קומען צו זיך, אויפוואַכען זיך פון זיין דרימעלדיגען צושטאַנד און מען זאָל צוטרעטען צום בענשען. אָבער דאָס געשעהט נישט. דער רבי איז אַלץ אין זיין פאַרגליווערטען צושטאַנד, דעם קאָפּ אָנגעשפּאַרט אויפ'ן טיש. מען בויגט זיך צו, דער רבי אָטעמט ווי ער וואָלט לייכט געדרימעלט, און דער אָטעם איז זעהר שוואַך; עס דאַכט זיך אויס, אז ער ווערט שוואַכער און שוואַכער. דער פּחד און די צומישונג ביים עולם שטייגט פון מינוט צו מינוט.

אָבער סתם שווייגען און גאָרנישט טאָן איז דאָך נישט קיין דרך, מען מוז דאָך פאָרט עפּעס טאָן! — האָט מען באַשלאָסען צו זינגען א זמר, און דוקא אויפ'ן הויכען קול. אפשר וועט דערפון דער רבי ערוואַכען.

נישט אזוי לייכט איז געפאַלען דער דאָזיגער באַשלוס. נישט מיט קיין לייכטען געמיט האָבען די גדולי התלמידים דערצו מסכים געווען. עס איז דאָך נישט קיין דרך־ארץ ווען דער רבי דרימעלט, איבערצורייסען איהם מיט זינגען. דער רבי קען אפילו דערויף שטאַרק מקפּיד זיין. אָבער ווען עס איז פאַרהאַן א חשש פון סכנות נפשות איז דאָך נישט שייך!

האָט דער גאַנצער עולם זיך צוזאַמענגעגאָסען אין א ניגון. יעדער האָט זיך געשטאַרקט און באַמיהט צו זינגען מיט מעהר דבקות, מיט מעהר התלהבות, אין תחילת שטילער, פאַרזיכטיגער, שפּעטער שטאַרקער, שטורמי־שער, און די הערצער האָבען דערביי געקלאַפּט...

אָבער אויך דער ניגון האָט נישט געהאַט קיין פּעולה. אומזיסט די באַמיהונג. מען האָט פאַרענדיגט איין ניגון, מען האָט אָנגעהויבען א צווייטען ניגון. טייל האָבען צוגעפּאַטשט מיט די הענט, אָבער דער רבי איז אַלץ נים געקומען צו זיך...

האָט מען שוין אָנגעהויבען רעדען אויפ'ן קול. וואָס טוט מען פאָרט, ווי אזוי וועקט מען אויף דעם רבין פון אזא שלאָף? חסידים פאַרלאָזען זייערע

פּלעצער, הויבען אָן שפּרייזען איבער'ן בית מדרש, דעם עולם איז צוקאָכט, צוטומעלט, מען קען זיך נישט דערטראכטען וואָס מען זאָל טאָן. און די שעה'ן שטעהען נישט אויף אָן אָרט. שוין העכער דריי שעה ווי דער רבי געפינט זיך אין אזא צושטאנד און ווער קען וויסען, ווי לאנג עס קען נאָך דויערען. אלע ווילע געהט צו אָן אנדערער, שטרענגט אָן דאָס געהער און שטעלט פעסט, אז דאָס אָטעמען ווערט שוואכער און שוואכער. וואָסער עצה גיט מען זיך פאָרט?

אָבער קיין עצה איז נישטאָ. די גרויסע תלמידים האָבען גע'פּסקנ'ט, אז מען קען נישט און מען טאָר נישט צוגעהן צום רבין און איהם וועקען. ערשטענס, איז עס דאָך נישט קיין דרך ארץ. און אפילו ווען עמיצער וועט זיך יאָ איינשטעלען, וועט עס דען העלפען? אז דער מעכטיגער געזאנג פון גאנצען עולם האָט נישט געהאָלפען איהם אויפצואוועקען פון אזא שלאָף, וועט א ריהר ביי דער האנט יאָ העלפען? — בלייבט דאָך איבערצוואוואר־טען און צו זעהן, וואָס עס וועט פאָרקומען.

און אזוי איז טאקע געבליבען. די טיש־זיצער האָבען זיך צוריקגעזעצט אויף זייערע ערטער. דער ארומיגער עולם, האָט זיך געשטעלט ארום טיש, יעדער פארנומען זיין פּלאַץ. אלעמענס אויגען זיינען געווען אָנגעהאנגען אין דעם רבי'ן, אויפגעפּאסט אויף יעדען מינדסטען שארך, אויף יעדער קלענס־טער באוועגונג. ווייל באשלאָסען האָט מען, אז מען טאָר נישט פארלאָזען דעם טיש כל זמן דער רבי וועט נישט קומען צו זיך, מעג עס דויערען ביז טאָג. אגב, האָט מען דאָך נאָך נישט געבענשט ברכת המזון...

אזוי האָט עס געדויערט ביז 2 אזייגער נאָך האלבער נאכט. פּלוצלונג האָט דער רבי געמאכט א באוועגונג און אויפגעכאַפּט זיך. אויפגעהויבען דעם קאָפּ און גענומען ארומקוקען זיך אויף די תלמידים, אויף דעם ארומי־גען עולם, איבער'ן בית המדרש. זיין פנים האָט אויסטערליש געלויכטען און אויסגעדריקט אונגעהויערע שמחה, א שטילע שושקעריי איז אריבער צווישען דעם עולם. מען האָט זיך נעהנטער צונויפגעדריקט און געוואַרט, וואָס עס וועט דאָ פאָרקומען.

דאָס האָט געדויערט א קורצע ווילע. באלד האָט זיך געהערט דעם רבינ'ס שטימע. ער האָט אָנגעהויבען זינגען: „לא' אשר שבת מכל המעשים", דעם שבת־הימן פון דעם שחרית־דאווענען, מיט א לגמרי אומבאקאנטען ניגון, א ניגון וואָס האָט געהאט אזעלכע וואונדערבארע טענער, וואָס מען האָט נאָך ביז איצט נישט געהערט. און געזונגען האָט עס דער רבי מיט אזא התלהבות, מיט אזא מתיקות, אז עס האָט אלעמען אָנגעצונדען, דערהויבען. באלד האָט דער גאנצער עולם אויפגעכאַפּט דעם ניגון, פריהער געברומט

שטילערהייט און שפּעטער מיטגעזונגען אויפ'ן קול. דאָס געזאַנג איז געוואָרען אַלץ מעכטיגער און שטאַרקער. עס האָט זיך געדוכט אַז אַלץ אַרום זינגט מיט: די ווענט, דער סופיט, די טישען, די שבת'דיגע לייכטער, וואָס זיינען אויפ'ן טיש געשטאַנען. — אַלץ האָט זיך צוזאַמענגעגאָסען אין אַ געזאַנג אָפּצוגעבען דעם בורא אַ שבח פאַר דער טייערער מתנה, פאַר'ן שבת, מיט וואָס ער האָט מזכה געווען זיינע קינדער.

אַזוי האָט עס געדויערט אַ לענגערע צייט. שפּעטער האָט מען גע־בענשט און דער רבי האָט זיך צוריקגעצויגען אין זיין חדר, צו וועלכען עס האָבען געהאַט אַ צוטריט בלויז יחידי סגולה און פון זיי האָט מען טאַקע זיך דערוואוסט וואָס עס האָט פּאַסירט:

אַרויסגעוויזען האָט זיך, אַז דער רבי האָט זיך באמת געפונען אין אַ גרויסע סכנה.

ווי ער האָט שפּעטער איבערגעגעבען, האָט דער רבי פּלוצלונג דער־הערט ווי די מלאכים פון דער פמליא של מעלה זינגען דעם זמר „לאַ' אשר שבת מכל המעשים", און דאָס מתיקות פון דעם ניגון איז געווען אַזוי שטאַרק — ממש חוץ לדרך הטבע. פון מינוט צו מינוט האָט זיך דער ניגון געשטאַרקט. נישט נאָר וואָס ער האָט נישט אויפגעהערט, נאָר ער איז געוואָ־רען שאַלענדיגער און מעכטיגער. נייע כיתות מלאכים זיינען געקומען און אָנגעשלאָסען זיך אין די זינגענדיגע, אַזוי כסדר און כסדר אָהן אַ סוף, אָהן אַ גבול.

„ווער ווייסט, וואָס עס וואָלט מיט מיר געשעהן — האָט דער רבי פון לובלין אויסגעפיהרט -- ווען עס קומט נישט צו אַן אַלטער מאַן, ווען איך האָב קיינמאָל נישט געזעהן און וועקט מיך אויף מיט די ווערטער:

— וואָס ביזטו אַזוי פאַרטראַכט, האָסט גאָר פאַרגעסען, אַז דו האָסט נישט געבענשט?...

„ערשט דאַן האָב איך זיך אויפגעכאַפּט און גענומען זינגען דעם ניגון מיט'ן זמר, וואָס האָט זיך אין מיר אַזוי שטאַרק איינגעקריצט אין זכרון".

דעם דאָזיגען הייליגען ניגון האָט מען אָבער נישט געוואַגט איבערצו־זינגען ביי געוועהנליכע מסיבות. אַ קליינינקייט, דער ניגון פון די מלאכים! בלויז ביי גאָר פייערליכע מאָמענטען האָט מען איהם געזונגען. אַזוי האָט מען דעם ניגון געזונגען אויף דער גרויסער „אוסטילער חתונה", וואו עס זיינען געווען פאַרזאַמעלט 400 צדיקים מיט'ן אַפּטער רב, דער „אוהב ישראל" בראש. און דער „אוהב ישראל" האָט דאַן געזאָגט פאָלגענדע תורה:

מיר זאָגען אין דעם זמר: ויום השביעי משבח ואומר, מזמור שיר ליום השבת, לפיכך, יפארו ויברכו לאַ' כל יצוריו — און דער זיבעטער טאָג,

דער שבת לויבט און זאָגט: מזמור שיר ליום השבת, דעריבער, באשיינען און לויבען גאָט אלע באשעפענישען". וואָס הייסט עפּעס דער שבת'דיגער טאָג לויבט גאָט, און וואָס איז מען אויסען מיט'ן „לפיכך"?

דער ענין דערפון איז, וואָס קיין שום נברא האָט נישט געהאט די דרייסטקייט און די וואגעניש צו לויבען דעם בורא פאר'ן שבת, מיט וואָס ער האָט אונז מזכה געווען. ערשט ווען דער שבת אליין האָט גענומען לויבען און זאָגען „מזמור שיר ליום השבת", האָט עס אריינגעגעבען א כח אין די באשעפענישען פון דער וועלט צו קענען לויבען דעם בורא פאר דער טייערער מתנה, פאר'ן שבת.

אין יענעם פרייטאָג־צו־נאכט האָט זיך אין לובלין אויך געפונען דער שפּעטערדיגער ראפּשיצער רבי, רבי נפתלי זצ"ל, וועלכער איז געווען שטארק דבוק אין זיין גרויסען רבין. דער ראָפּשיצער איז, ווי באוואוסט, געווען א גרויסער יודע־נגן, און אין ראפּשיץ האָט מען גרויסע כחות אריינגעלייגט אין נגינה. און ווען דער ראפּשיצער האָט אָנגעהויבען נוהג נשיאות זיין, האָט ער איינגעפיהרט ביי זיין טיש, יעדען פרייטאָג צונאכט, פאר'ן בענשען, צו זינגען דעם שבת־הימן „לא' אשר שבת מכל המעשים", מיט דעם דאָזיגען מלאכים־ניגון, וואָס ער האָט אליין געהערט פון זיין רבין דעם היילינען חוזה.

אויך דער צאנזער, וועלכער איז געווען א תלמיד מובהק פון ראפּשי־צער, האָט אָנגעהאלטען דעם דאָזיגען מנהג: צו זינגען דעם דאָזיגען זמר פאר'ן בענשען, אָבער דאָס נאָר אין די געהויבענע שבתים, א שטייגער אין א שבת־יום־טוב, א יומא דהילולא אָדער אויף א „פרעהליכען שבת" ווען עס איז פאָרגעקומען א שמחה ביי זיינס א קינד.

דער בעל־עגלה וואָס לייכט...

חברה בעלי־עגלות האָבען נישט געקענט פארשטעהען די סיבה פון דער ענדערונג, וואָס איז פּלוצלונג אריינגעטרעטען אין זייער חבר, יוחנן בעל־עגלה.

יוחנן בעל־עגלה איז געווען א שם־דבר אין שטעדטעל. איז ער דאָך געווען דער ראש פון בעל־עגלה'שען צעך; פאר איהם זיינען פאָרגעקומען אלע „דין תורות", וועגען די סכסוכים וואָס זיינען פאָרגעקומען צווישען אייגענע חברה, און זיין פסק איז געווען חשוב'ער ווי דעם אלטען רב'ס פסק, ווייל דער רב, אז ער האָט ארויסגעגעבען א פסק, איז עס געווען בלויז ווי אפּעלירט צו די צדדים, אז זיי זאָלען מקיים זיין דעם פסק, לויט'ן דין פון דער תורה,

אָבער יוחנן, אז ער האָט ארויסגעטראָגען א פסק, — האָט ער אויך געקענט מקיים פסק זיין...

געווען איז ער א איד א גברן, שוין אין די מיטעלע פופציגער, אָבער כח האָט ער, ברוך השם, געהאט פאר צעהן יונגעלייט. א משא פון צעהן פוד, איז ביי איהם געווען א געלעכטער, און ארויסצוהויבען א שווערען וואָגען מיט סחורה פון א בלאָטע, איז ביי איהם געווען א לייכטע אָנשטרענגונג. ער האָט בלויז פריהער באדארפען איינגעצען דעם האלז מיט א ביסעל משקה..

ווארום ליעב האָט ער געהאט דעם ביטערען טראָפּען — אהבת נפש.. געטרונקען האָט ער תמיד ספירט. ווען עס איז פאָרגעקומען ביי איהם א „דין־תורה" האָט געמוזט שטעהען אויפ'ן טיש א „האלבער שטאָף", און א געבראָטען גענזעל. דאָס גענזעל האָט ער צוגערוקט צו די בעלי דינים, און דעם בראנפען האָט ער צוגערוקט צו זיך. דערפאר האָט זיין פּרצוף־פּנים עדות געזאָגט, אז ער איז גאָרנישט קיין נזיר. די קנייטשען פון זיין פּנים, וואָס איז תמיד געווען רויט, ווי נאָך א הייסער באָד, די שופר־נאָז, וואָס איז געווען באצירט מיט וואָרצלען און מיט פליטערלעך, האָבען עדות געזאָגט, אז יוחנן איז קיינמאָל נישט ניכטער, חס ושלום.

דאָס אלעס האָט גורם געווען, אז יוחנן איז געווען א פרעהליכער איד. דאָס הארץ זיינס איז תמיד אויסגעגאנגען פאר אביסעל שמחה. וואו נאָר א שמחה אין שטעדטעל, א חתונה, צי א ברית, אָדער ביי אַן אנדערער געלעגענהייט, איז יוחנן געווען א מחותן. און האָט ער זיך אביסעל דערוואָרימט, איז ארויס פון די כלים. האָט ער פארקאַשערט די פּאָלעס, פון זיין שווערע טוכענע קאַפּאָטע, וואָס האָט שוין לאנג פארלאָרען די ערשטע קאָליר, און געלאָזט זיך אין א טאנץ, אזש פונקען זיינען געפלויגען...

און אז אין שטעדטעל האָבען זיך געיאווועט די ערשטע חסידים, געמאכט אַן אייגענע קלויז, וואו זיי האָבען געדאווענט מיט געזאנג און מיט שמחה, וואו מען האָט יעדען טאָג נאָכ'ן דאווענען געמאכט א „לחיים" און יעדען אווענד געגעסען וועטשערע בחברותא, איז עס יוחנן גאָר שטארק געפעלען. ער האָט איינגעפונען, אז די דאָזיגע אויסגעווייקטע יונגעלייט, הגם זיי פראווען ווילדע שטיק, זיינען זיי דאָך אָבער א פרעהליכע חברה, און פרעהליכקייט האָט ער ליעב — דאָס חיות. פלעגט ער יעדען אווענד, ווען ער איז געווען פריי, צוקומען צום קלויז פון די „לובלינער", שטעהען אונטער'ן פענסטער, צוהערען זיך צו א זמר, קוקען אין די שיינענדיגע געזיכטער פון די בטלנים, און ער האָט דערפיהלט, דאָס עס קומט אין איהם פאָר אן ענדערונג, ער ווערט אביסעל איידעלער, ריינער, דערהויבענער...

און אז די „שעהנע" בעלי־בתים, די שוהל־אידען, די דאזארעס, די

פרנסים האָבען גענומען רודפ'ן די חסידים, פייניגען זיי, אָנטהאָן זיי צרות. האָט יוחנן בעל־עגלה זיך איינגעשטעלט פאר זיי ווי אן אייגענער. ער איז אוועק צום ראש הקהל, רבי שכנא, און איהם ערקלעהרט פראָסט און פשוט:

— הערט, וואָס איך זאָג־אייך, ר' שכנא, קוים טשעפּעט איהר די דאָזיגע יונגעלייט, — האָט איהר מיט מיר צו טהון. ווארום איך פארשטעה ניט פארוואָס מען האָט זיך אויף זיי פארלעגט. זיי פאַרברייינגען און פראווען א סעודה'לע, — זעה איך דערין נישט קיין בייז... און טאָמער וועט איהר נישט אָבשטעהן, זאָג איך אייך, אז בלוט וועט זיך גיסען! ...

נאָך אזא שארפע התראה, האָט מען די חסידים געלאָזט צורוה. אָבער קיינער האָט נישט געקענט פארשטעהען, וואָס עס האָט באוואויגען דעם ראש פון בעל עגלה'שען צעך זיך איינצושטעלען פאר די חסידים. און אמווע־ניגסטען האָבען עס פארשטאַנען די חברים זיינע פון צעך, די בעלי־עגלות, וואָס זיינען מיט איהם אלע יאָהרען געווען היימישע, גוטע ברידער. אָבער חוזק מאכען פון איהם, אָפּשפּעטען אין די אויגען — דאָס האָבען זיי נישט געוואגט. מיט יוחנן בעל עגלה הויבט מען זיך נישט אָן...

דאָס הייפעל חסידים אין שטעדטעל האָבען אויך מכיר־טובה געווען דעם דאָזיגען בעל עגלה, און ווען זיי האָבען באדארפט פאָרען צום רבי'ן, קיין לובלין, זיינען זיי נישט געפאָרען מיט קיין אנדערן, נאָר מיט יוחנן דעם בעל עגלה.

און תמיד ווען יוחנן האָט זיך געגרייט צו אזא נסיעה, האָט ער זיך געפיהלט גאָר געהויבען. ער האָט מיט זיינע הארט־הויטיגע הענד אויסגעגלעט זיין לאַנגע באָרד, אויסגעקלאפּט זיין קוטשמע, געוואָרען עטוואָס ערנסט און פייערליך, און ארומגעקוקט זיך אויף זיינע חברים מיט א געוויסען שטאָלץ, ווי ער וואָלט געזאָגט: דרך ארץ, שקצים,—חסידים פיהר איך, חסידים צו זייער הייליגען רבי'ן...

און ווען דער בעל עגלה'שער עולם פלעגט קוקען אויף איהם מיט אן איראָנישען שמייכעל, לאכען אין זיך און נישט אראָבלאָזען קיין אויג פון איהם און זיינע פארשוינען, פלעגט דער בעל עגלה זיך אין איהם דערוועקען, און פלעגט אויסשרייען מיט זיין גראָבען פאר'שיכור'טען קול:

— וואָס גלאָצט איר אזוי מיט אייערע שליפיעס, ווי די אויגען וואָלטען אייך ארויס פון די לעבער! שטעהן און קוקען, א שטייגער, ווי זיי וואָלטען קיינמאָל נישט געזעהן ווי חסידים פאָרען צום רבין... אייך אויף צופיקעניש וועל איך אַליין אויך ווערען א חסיד. מען וועט מיך מעהר נישט רופען „יוחנן בעל עגלה", נאָר „יוחנן חסיד", נו, וואָס וועט איהר דאמאָלס זאָגען?..

געווען איז עס איינמאָל, בעת א נסיעה קיין לובלין. די חסידים, וואָס

האָבען זיך געהוידעלט אין יוחנן׳ס בויד, האָבען זיך געפיהלט שטאַרק אויפגעלעגט. אין דרויסען איז געשטאַנען א שעהנער זומער־טאָג. די לעדיגע אָבגעשניטענע תבואה־פעלדער, האָבן דערצעהלט פון רחבות, וואָס מען קען מיט׳ן אויג נישט אויפכאַפּען. דער הימעל אין דער־הויך איז געווען ריין און בלוי, און די חסידים, פאַרשטעלענדיג זיך דעם פרעהליכען שבת נחמו וואָס איז פאר זיי פאַרגעברייט אין לובלין, האָבען געזונגען איין זמר נאָכ׳ן אנדערען. געשמועסט די תורה פון זייער רבין און פון צייט צו צייט גע־מאכט א „לחיים״, זייענדיג אויך מכבד זייער בעל עגלה.

ווען עס איז געוואָרען פאַרנאַכט, איז געגעבען געוואָרען א באַפעהל, און יוחנן האָט אָבגעשטעלט די בויד. עולם האָט געוואַשען די הענד אין טייכעל און אוועקגעשטעלט זיך דאַווענען מנחה. יוחנן, ווי דער שטייגער איז געווען, האָט אין עטליכע מינוט אָבגעזאָגט די שמונה עשרה, א מורמעל געטהאָן דעם „עושה שלום״, אויסגעשפּיגען ביי „עלינו״, און שוין איז ער געווען פערטיג. ער טהוט זיך א קוק אום אויף זיינע פּאַסאַזשירען, ערשט זיי זיינען זיך צוקראַכען איבער׳ן וועלדעל. יעדער שטעהט אונטער א בוים, און דאַווענט מיט אזא התלהבות, ווי יום כיפור ביי נעילה. דער עולם דאַווענט לאַנג, און דער ווינט בלאָזט אונטער, ווי ער וואָלט נאָכגעזאָגט „ברוך הוא וברוך שמו״, און „אמן״ אויף זייערע ברכות. דער בעל עגלה שטעהט ביי די פערד און טראַכט וועגען זיינע פּאַסאַזשירען. אָט זיינען זיי פרעהליך, אויפגעלעגט, ווי ער גלייכט עס, און אין א ווײַלע אַרום, זיינען זיי אזוי טיעף ערנסט, דורכגעדרונגען מיט תשובה. די טיעפע קרעכצען און דאָס זיפצען פון די דאַווענער, דרינגט אריין אין זיין הארצען, און ער קען זיך גאָרנישט קיין אָרט געפינען. ער טראַכט ביי זיך: אָט די דאָזיגע יונגעלייט וואָס האָבען אין זייער לעבען קיין טעם פון אן עבירה נישט פאַרזוכט, פונדעס־וועגען זיינען זיי אזוי צובראָכען און טוען תשובה אלע טאָג, וואָס זאָל נאָך זאָגען, אזא זינדיגע נשמה ווי עס איז יוחנן דער בעל עגלה!...

און ווידער זיצען די פּאַרשוינען אין דער בויד, צוזאַמענגעדריקט איינער צום אנדערען, ווי איין גוף, איין נשמה. ווידער דערצעהט מען מעשיות פון רבין, פון הייליגען בעל שם טוב, פון גרויסען מגיד און פון רבין רבי אלימלך. יוחנן ליגט צו אן אויער, כאַפּט אויף א וואָרט, און פיהלט, אז עפּעס ברויזט אין איהם...

ווען די בויד האָט זיך דערנעהנטערט צו לובלין, האָט יוחנן פּלוצלונג אָבגעשטעלט די בויד און געווענדעט זיך צו זיינע פּאַסאַזשירען:

— האָט ניט קיין פאַראיבעל, און זייט נישט בייז אויף מיר, וואָס איך שטער אייך אין אייערע שמועסען. אָט א . מען שוין באלד אין לובלין,

באלד וועט איהר זיין ביים רבין, בעט איך אייך, טהוט מיר א טובה און נעהמט מיט א קוויטעל, מיינס א קוויטעל צום רבין. עס געהען דאך אזעלכע הייליגע טעג, באלד הויבט מען אָן בלאָזען שופר, זאָל ער אויך אין מיר גערענקען!...

די חסידים קוקען זיך אָן איינער דעם אנדערען מיט גרויס פארוואונ־דערונג און דער אלטער ר' פסח רופט־אויס:

— דו דארפסט נישט, יוחנן, בעטען ביי קיינעם קיין טובה. צום רבין קען יעדער איד אָנקומען. נישטאָ ביי אונז קיין שיינע אידען, קיין יחסנים, קיין נגידים. ביים רבין ביזטו אזוי חשוב ווי מיר אלע...

— יאָ, איך ווייס, — האָט יוחנן זיך פארענטפערט. — אָבער איך האָב עפּעס מורא אליין צו קומען פאר'ן הייליגען צדיק. איך שרעק מיך עפּעס. דאריבער בעט איך אייך, טהוט מיר א טובה, און נעהמט מיט מיינס א קוויטעל..

— גיב אהער, יוחנן, דאָס קוויטעל, איך וועל עס מיטנעמען און דערלאַנגען דעם רבין, — האָט א יונגער חסיד אויסגערופען.

יוחנן איז געוואָרען מלא שמחה. זיין פּנים האָט זיך מיט אמאָל אויס־געלייטערט. פרעהליך האָט ער א שמיץ געטהאָן זיינע „ליבען", און געטריבען זיי אין שטאָדט אריין און אזוי טרייבענדיג די פערד, האָט ער דערלאַנגט זיין קוויטעל דעם יונגען חסיד. ער איז ווייטער געפאָרען, אונטערברומענדיג זיך א פרעהליך ניגונ'דעל, ביז ער האָט זיך אָבגעשטעלט ביים טורם, וואָס פיהרט אין אידען־געטאָ, און א זאָג געטהון:

— אָט האָט איהר לובלין, און לאָמיך זיך זעהן מיט די פּאָר גילדען. רבותי!

יעדער האָט איהם דערלאַנגט די געלד, וואָס יוחנן האָט אראָבגעלאָזט אין דער טיפער בוזעם־טאש. די חסידים האָבען זיך געאיילט אין געסעל, וואָס פיהרט צום רבינ'ס בית מדרש. יוחנן האָט אוועקגעשטעלט זיין בויד מיט די פערד אין אן אריינפאָר־הויז, און געלאָזט זיך אין שטאָדט.

אין דעם פאָדער־הויז, וואָס פיהרט אין חדר פון הייליגען חוזה, שטעהט א לאַנגע רייהע פון נאָר־וואָס געקומענע חסידים, שלום צו נעהמען פון זייער רבין. יעדער האלט א בקשה־קוויטעל אין האנד און די הערצער קלאַפּען ווי מיט האמערס. זיי ווייסען, אז דער רבי זייערער האָט אָפענע אויגען, ער זעהט אלץ, און דערפאר איז גרויס דער פּחד.

צווישען דעם עולם שטופּען זיך אויך יוחנן בעל עגלה'ס פארשווינגען, און צוזאמען מיט זיי, דער יונגערמאן, וואָס האלט אין האנד יוחנן'ס קוויטעל.

ווי נאָר דער חוזה נעהמט דאָס קוויטעל פון דעם בעל עגלה אין האנד, באווייזט זיך א לייכטער שמייכעל אויף זיין הייליגער צורה און ער רופט אויס:

— דער דאָזיגער נאָמען ליכט מיר אין די אויגען!...

בליץ־שנעל פארשפרייט זיך דער דאָזיגער ענטפער צווישען דעם היימי־שען עולם. איינער קוקט אָן דעם אנדערען, און מען קען גאָרנישט פארשטעהען, וואָס אזוינס האָט עס פאסירט מיט זייערען בעל עגלה, וואָס ער ליכט אזוי אין די אויגען פון רבי'ן, נישט אנדערש, ער איז עפּעס א באהאלטענער צדיק.

— עט, לאָז געמאך, יוחנן איז א פשוט'ער איד, אָבער ער האָט געמוזט טהון א גוטע זאך — האָט ר' פסח א זאָג געטאָן. — קומט לאָמיר געהן, אויסגעפינען איהם. איך וועל שוין ביי איהם דערגעהן.

אין איינער פון די זייטיגע געסלעך, האָבען זיי איהם געפונען. עפּעס א שמחה דאָרט אין הייזקע. דער עולם איז פרעהליך, און יוחנן איז צווישען זיי. ער איז אינגאנצען א צופלאַמטער, א זינגענדיגער און טאנצענדיגער. קוים וואָס ער האָט באמערקט זיינע היימישע פארשוינען, וואָס זיינען איהם געקומען זעהן.

— וואָס איז מיט דיר דערמעהר, יוחנן, ווי קומסטו טאנצען אויף א פרעמדער שמחה? — האָט ר' פסח איהם א פרעג געטהון.

— איך האָב צו דער שמחה א שטיקעל שייכות, ר' פסח, ווארום ווען איהר זענט אוועק צו אייער רבין, איז מיר געוואָרען טרויעריג אויף דער נשמה, בין איך אוועק זוכען אביסעל שמחה. האָב איך גראָד אָנגעטראָפען אויף א חתונה פון א יתום מיט א יתומה. אָבער איידער מען געהט צו דער חופה, מאכט זיך א טומעל. דער חתן וויל נישט געהן צו דער חופה, באשר ובכן, מען האָט איהם צוגעזאָגט א טלית און מען גיט נישט. נישט געבליבען קיין געלד אויף צו קויפען א טלית...

„האָט יוחנן לאנג נישט געטראכט, ארייגעלייגט די האנד אין בוזעם־טאש און ארויסגענומען דאָס געלד, וואָס איך האָב פון אייך באקומען פאר דער נסיעה און אוועקגעלייגט אויפ'ן טיש: „אָט האָסטו, חתן, געלד אויף א נייעם טערקישען טלית, און כלי זמרים, אויפגעשפּילט זאָל ווערען! וואָס דען, לאָזען פארשעהמט בלייבען א כלה א יתומה?"

ערשט איצט האָבען די חסידים פארשטאַנען, פארוואָס יוחנן'ס נאָמען האָט געלויכטען אין די אויגען פון הייליגען חוזה...

אַראָפּגעריסען די שליפעס...

אין דער חסידישער וועלט איז בארימט די אוסטילער חתונה. וועגען דער דאָזיגער חתונה איז שוין געשריבען געוואָרען א גאנצע ליטעראַטור.

באמת איז עס געווען אן אויסערגעוויינליכע ערשיינונג, צו וועלכער די חסי־דישע וועלט האט זיך שטארק געגרייט. עס האבן זיך אין דער חסידישער וועלט געהאט אנגעזאמעלט א רייהע פראבלעמען, וועלכע אן אספה פון אלע גדולי החסידות האבן באדארפען באהאנדלען און אמפאסיגסטען דערצו האט מען געהאלטען דעם דאזיגען צוזאמענקום.

די דאזיגע חתונה האט פארבונדען צוויי גרויסע רביישע משפחות. רבי דן, דער איידעם פון בארימטען אפטער רב, רבי אברהם יהושע העשיל זצ"ל, באקאנט אלס דער „אוהב ישראל", האט זיך משדך געווען מיט רבי יוסף פון הרובישוב, דער זוהן פון גרויסען רבי מרדכי'לע פון נעסכיזש זצ"ל. רבי דן, דער איידעם פון אפטער רב, איז געווען א זוהן פון רבי'ן ר' יצחק פון ראדוויל, א זוהן פון רבי יחיאל מיכל פון זלאטשאוו, באקאנט אלס דער זלאטשאווער מגיד זצ"ל.

דאס שטעדטעל אוסטילא, וואו די חתונה איז פארגעקומען, איז געלעגען אין א גוטער געאגראפישער לאגע און די גוטע אידען פון רוסלאנד, פוילען און גאליציע האבען געהאט א זעלטענע געלעגענהייט זיך צונויפצוטרעפען.

זיינען זיך טאקע צונויפגעפארען קיין אוסטילא לכבוד די צוויי גרויסע מחותנים, דער אפטער רב און דער נעסכיזשער רבי, עטליכע הונדערט צדיקים, און טויזענטער חסידים, כדי צו כאפען א בליק אויף דעם צדיק הדור, וועלכער איז שוין דאן געווען א זקן־מופלג און דער גרעסטער חסי־דישער אויטאריטעט.

אויף דער דאזיגער חתונה האט מען אויך געזאלט נעמען א שטעלונג צו דער פשיסכער חסידות וואס איז אוועק אויף א גאנץ אנדערע וועגען, וועלכע דער רוב פון די חסידישע גדולים האבען ניט גורס געווען. און כדי צו רעכטפערטיגען זיין שיטה, האט דער רבי ר' בונם פון פשיסכא געשיקט צו דער חתונה פינף פון זיינע גדולי התלמידים, וועלכע זאלען איהם פארענטפערען, אויב עס וועלען פאלען אויף איהם קשיות. פשיסכא האט געשיקט א דעלעגאציע, וואס איז באשטאנען פון א למדן, א חסיד, א חכם, א נגיד און א בעל לשון.

אלס למדן און גדול בתורה, איז געפארען רבי איטשע מאיר ווארשא־ווער — דער שפעטער וועלט־בארימטער גערער רבי, בעל חידושי הרי"מ זצ"ל. אלס חסיד איז געפארען — רבי פייוועלע גריצער, דער באגרינדער פון אלעק־סאנדער חסידות. אלס חכם — רבי זושא פלאצקער, וועלכער האט פארציי־כענט די תורה־שמועסען פון זיין רבי'ן, און שפעטער ארויסגעגעבען די ספרים פון פשיסכער. אלס נגיד איז געפארען רבי ישכר הורוויץ — דער

איידעם פון בארימטען רבי בערקע און זיין ווייב טעמעריל און אלס „בעל לשון" — רבי אליעזר בער גראבאוויצער.

אָבער ניט די דאָזיגע געשיכטע, ווי אזוי מען האָט גע'משפט פשיסכער חסידות, און ווי אזוי די פשיסכער דעלעגאציע האָט פארטיידיגט די שיטה פון זייער רבי'ן, זיינען מיר דאָ אויסען צו דערציילען. דאָס ווערט דערצעהלט באריכות אין אונזער ספר איבער גערער חסידות. מיר ווילען דאָ דערציילען אן עפיזאָד וועגען דער גרויסער חכמה פון אפטער רב, און ווי אזוי ער האָט פארהיטען אידען פון אן אומגליק.

ווי שוין געזאָגט, זיינען זיך צו דער חתונה צונויפגעפאָרען טויזענ־טער אידען פון ווייט און ברייט. א חוץ אלע אידישע איינוואוינער פון אוסטילא און די ארומיגע שטעדטלאך, וועלכע האָבען אלע אוועקגעלייגט זייערע עסקים און זיינען געקומען באטייליגען זיך אין דער שמחה.

האָט טאקע דאָס שטעדטעל אויסגעקוקט ווי א גרויסער יאריד. מען האָט אויפגעשטעלט ריזיגע שאלאשען, (אזעלכע מינים באראקען, סוכות), וואו די שמחה האָט געזאָלט פאָרקומען. אין צענדליגער הייזער האָט מען צוגעגרייט די מאָלצייטען צו דער חתונה און צו די שבעת ימי המשתה. א האלב טוץ קאפעלעס, פון די בארימטעסטע כלי זמרים אין זייער צייט, האָבען פרייליך געמאכט דעם עולם, ערשט בדחנים, פרייליך־מאכער און סתם פארשטעלטע, חסידישע פורים־שפילער, וועלכע האָבען זיך געגרייט משמח צו זיין אויף דער גרויסער חתונה.

עס פארשטעהט זיך, אז די געהויבענע געסט פון ווייט זיינען געקומען מיט עטליכע טעג פריער און מען האָט פאר זיי צוגעגרייט די בעסטע אכסניות. די דאָזיגע אכסניות זיינען גיך באלאגערט געוואָרען פון חסידים, אייגענע און פרעמדע, וואָס האָבען געשטרעבט צו כאפען א בליק אויף דעם און יענעם גרויסען רבי'ן, הערען פון איהם א וואָרט, א תנועה, אָדער סתם זיך צוקוקען צו זיין התנהגות.

באזונדערס האָט מען זיך געגרייט אויפצונעמען דעם זקן־שבחבורה, דער „אוהב ישראל", ווארום לכבודו, זיינען זיך צונויפגעפאָרען דער גרעסטער טייל פון די גוטע אידען און געסט.

ווי דער שטייגער איז געווען אין יענע יאָהרען, האָט מען צו יעדער חסידישער חתונה צוגעגרייט „חסידישע קאָזאקען", וואָס האָבען געטראָגען מונדירען פון אמת'ע קאָזאקען, געריטען אויף פערד, און געמאכט פארשידענע קונצען. די דאָזיגע קאָזאקען, האָבען זיך געפירט ווי אמת'ע קאָזאקען. געריטען איבער דער שטאָדט אונטער א קאָמאנדע, זיי האָבען אויך באנוצט די רוסישע שפראך אין זייערע באפעלען, און דער עולם האָט געקוואָלען און

געשמאַלצען זיך פון נחת, צוזעהענדיג די „גבורות" פון די היימישע קאַזאַקען...

צו דער אוסטילער חתונה זיינען מאָביליזירט געוואָרען די „קאַזאַקען!" פון הונדערטער שטעדט און שטעדטלעך. עס פארשטעהט זיך, אז די „קאַזאַ־קען האָבען זיך ניט געלאָזט בעטען, און זיי זיינען געקומען אין די מאסען. חסידישע יונגעלייט, וואוילערנער, קעסט־איידעמס, צוקונפטיגע רבנים, שוחטים און בעלי בתים, האָבען זיך אויסגעפוצט אין די קאַזאַקען מונדירען, פאראדירט מיט די שטיקעס, און דורכגעפירט פארשידענע איבונגען. בראש פון דער גווארדיע איז געשטעלט געוואָרען א „קאַזאַקען־גענעראל", וועלכער האָט באשטימט א רייהע „קאַזאַקען־אָפיצערען", אלץ ווי עס פירט זיך ביי אמת'ע קאַזאַקען.

דער פריץ, פון שכנות'דיגען פריצישען הויף, צו וועלכען עס האָט אויך געהערט דאָס שטעדטעל אוסטילא, האָט זיך געפילט גאָר געהויבען פון דעם כבוד, וואָס מען האָט איהם אָנגעטאָן, אויסקלייבענדיג זיין שטעדטעל אלס דאָס אָרט פון דער גרויסער חתונה. ער האָט דאריבער ניט נאָר ארייגעשיקט אין חסידישען הויף מחנות עופות און אנדערע שפייז צו דער חתונה, נאָר ער האָט אויך אויסגעליהען אלע פערד פון זיינע שטאלען, פאר די „קאַזאַקען", וועלכע האָבען דאָך געמוזט האָבען פערד אויף וואָס צו רייטען. וואָרום וואָס פאר א פנים האָט עס א קאַזאַק אָהן א פערד?

דער דאָזיגער פריץ האָט אויך ארויסגעשיקט זיין רייכע קאָטש, צו ברענגען דעם אפטער רב. ער האָט אויך ארויסגעגעבען א באפעל, אז אויפ'ן הויפט־שאָסעי, וואָס פירט קיין אוסטילא, זאָלען זיך אין באשטימטען טאָג פארזאמלען אלע פויערים פון די דערפער, די גויים פון די שטעדטלאך, און עמפאנגען מיט גרויס כבוד דעם גרויסען אידישען פירער, דעם אלטען אפטער צדיק.

און דער דאָזיגער טאָג איז געקומען. געווען איז עס מיט א צוויי טעג פאר'ן יום החתונה. האָבען זיך פון פרימאָרגען אָנגעהויבען זאמלען די פויערים און די גויים אויף די פעלדער ארום דעם וועג. ערשט איז ארויס־געקומען די גאנצע אידישע באפעלקערונג און די גרויסע צאָל חתונה געסט, כדי מקבל פנים צו זיין דעם אפטער רב, ווען ער וועט אָנקומען אין דער גרויסארטיגער פריצישער קאָטש.

ווען דער גאנצער עולם איז געווען פארזאמעלט, זיינען אָנגעקומען ווי א שטורעם צו רייטען די „קאַזאַקען". זיי האָבען זיך געטראָגען שטאָלץ אויף זייערע פריצישע פערד, און אָנגעהויבען מאכען פארשידענע קונצען פאר'ן המון, וואָס האָבען ארויסגערופען גרויס שמחה און צופרידענהייט ביי אלעמען. באזונדערס האָט זיך אויסגעצייכענט מיט זיינע קונצען א „קאַזאַקען־

אַפּיצער״ מיט׳ן נאָמען תנחום. דאָס איז געווען בסך הכל אַן אָרימער מלמד, א מטופל מיט א פולע שטוב מיט קינדער, וועלכע האָבען געמאָנט עסען. אָבער דאָס האָט איהם ניט קאַליע געמאַכט זיין געמיט. תמיד איז ער געווען א פריילּיכער, און אויפגעלייגטער, ארייגגעבראַכט שמחה אויף יעדער חסידישער מסיבה און אַלע האָבען איהם ליב געהאַט ווי דאָס לעבען. וואָרום א חוץ דעם איז ער געווען א פייערדיגער חסיד, א גרויסער עובד ד׳, זיין הארץ האָט געפלאַמט פאַר אידישקייט.

עס פארשטעהט זיך, אז פאר׳ן אמט פון א קאָזאַק, איז תנחום געווען ווי אָנגעמאָסטען. האָט טאַקע דער „קאָזאַקען-גענעראַל״ איהם באשטימט פאר אַן אָפּיצער, און אָנגעטאָן איהם א פּאָר אפּיצערען שליפעס, ווי דער שטייגער איז.

עס איז איבעריג צו זאָגען, אז תנחום איז ניט געווען קיין נזיר פון א ביסעל משקה. בפרט אין אַזא טאָג. האָט ער דאַריבער פאר׳ן ארויספאָר צום פאראַד מקבל פנים צו זיין דעם אַפּטער רב, געמאַכט א שפּאָרע כוסה. וואָס האָט איהם אריינגעבראַכט אין א געהויבענער שטימונג.

ארויסקומענדיג אויפ׳ן שייד-וועג, וואו די מאַסע האָט זיך געהאַט פארזאַמעלט, כדי אָפּצוואַרטען דעם אַפּטער רב, האָט תנחום זיך פּלוצלונג ארומגעזעהן, אז ביי סאַמע אויבען-אָן שטעהט א קרייז, א הילצערנער צלם, איינער פון די, מיט וועלכע עס זיינען געווען פארלעגט אַלע פּוילישע וועגען. דערצו איז דער דאָזיגער צלם געווען גאָר אַן אַלטער, כמעט א היסטאָרישער, און איז ביי די גוים געווען באַזונדערס פארהייליגט.

ווען תנחום האָט דערזעהן דעם צלם, איז ער געוואָרען מלא-כעס. ער האָט געטראַכט ביי זיך: ווי קומט עס א צלם אויפ׳ן פּלאַץ, וואו מען איז מקבל פנים דעם הייליגען אַפּטער? און ניט לאַנג-טראַכטענדיג, האָט ער געכאַפּט זיין פארזשאַווערטע שווערד און דערלאַנגט מיט איהר א קלאַפּ אויפ׳ן צלם, וועלכער איז תיכף צושאָטען געוואָרען אויף שטיקלאך, ווייל דער הילצערנער קרייז איז שוין געווען פארפוילט און פארפראַכניעט.

וואָס עס האָט זיך דאַמאָלסט אָפּגעשפּילט צווישען די גוים, איז איבעריג צו זאָגען. דער המון האָט זיך גלייך געוואָלט לאָזען אויף די אידען און עס וואָלט אויסגעבראָכען א שחיטה. אָבער דער אַלטער גלח מיט׳ן פּריץ האָבען באַרוהיגט דעם המון, און דער גלח האָט ערקלערט, אז מען דאַרף צוּוואַרטען אויפ׳ן אָנקומען פון אַלטען צדיק, ביי וועמען ער איז זיכער צו גע-פינען גערעכטיגקייט פאַר דער גרויסער עולה, וואָס דער איד, איז באַגאַנגען.

תנחום, דער „קאָזאַקען-אָפּיצער״, וועלכער האָט זיך ארומגעזעהן, אז

ער האָט איבערגעכאַפּט די מאָס האָט זיך גלייך אויסגעמישט מיט'ן עולם און שטארק חרטה געהאט אויף זיין טאט.

עס האָט ניט לאַנג געדויערט און דער אפּטער רב איז אָנגעקומען. ווי נאָר די קארעטע האָט זיך דערנעהנטערט, איז זי ארומגערינגעלט געוואָרען פון דעם פריץ, דער אַלטער גלח און די פּני פון די דערפער. דער גלח האָט גענומען דאָס וואָרט, און דערציילט דעם רבי'ן וואָס פאר א אָפּערווייליגקייט די קריסטליכע באפעלקערונג האָט ארויסגעוויזען כדי מקבל פנים צו זיין איהם ווי געהעריג. דער פריץ האָט געשיקט נאָך איהם זיין פּריוואטען קאָוטש, אויסגעליהען די פערד פאר די „קאָזאקען", באזאָרגט די חתונה מיט כל טוב, און לסוף, האָבען אידען באצאָלט מיט אזא אונערהערטער זאך, ווי פארניכטען אן אלטען פארהייליגטען צלם. דערביי האָט ער צוגעגעבען, אז דער קריסט־ליכער המון איז שטארק אויפגעבראכט, און עס האָט געקענט געשעהן דאָס ערגסטע, נאָר ער מיט זיין איינפלוס האָט זיי דערפון אָפּגעהאלטען, זייענדיג זיכער, אז דער ערליכער רבי, וועט ווי געהעריג באשטראָפען דעם זינדיגען, און קיין אונשולדיגע זאָלען ניט ליידען.

דער אפּטער רב, אויסהערענדיג די טרויעריגע געשיכטע, האָט גע־הייסען צו זיך צורופען דעם „קאָזאקען־גענעראל".

— גענעראל, דו ווייסט, ווער עס האָט געטאָן די דאָזיגע מעשה נבלה?

— האָט דער רבי שטרענג געפרעגט.

— יאָ, רבי, איך ווייס. דאָס איז תנחום, דער „קאָזאקען־אָפּיצער".

— געה ברענג איהם גלייך אהער צו מיר. ער מוז זיין שטראָף באקומען!

עס האָט ניט לאַנג געדויערט און דער „גענעראל" איז צוריקגעקומען פירענדיג מיט זיך דעם „אָפּיצער" תנחום, וועלכער האָט געציטערט ווי א פיש אויף דער יבשה.

— דו ווייסט אָפּיצער, וואָס פאר א פארברעכען דו האָסט געטאָן, און וואָס פאר א שטראָף עס קומט דיר דערפאר? — האָט דער אלטער רבי שטרענג אויסגערופען, אין דער געגענוואָרט פון גלח און די קריסטליכע פּני.

תנחום, איז געשטאנען מיט אן אראָפּגעלאָזטען קאָפּ און געשוויגען.

— גענעראל, — האָט דער רבי מיט דער זעלבער שטרענגקייט א רוף געטאָן: רייס איהם תיכף אראָפּ די שליפעס, מיט די מעדאלען. ער איז דעגראדירט! ער איז אוים אָפּיצער! מיר האָבען אויסגעקליבען פאר איהם די גרעסטע שטראָף — דעגראדאציע...

דער „קאָזאקען־גענעראל" האָט אויף א פייערליכען אופן אראָפּגעריסען די שליפעס ביי תנחום'ען, און איהם אונטער א וואך תיכף אוועקגעשיקט פון זיך.

דער גלח מיט'ן פריץ, זיינען געווען אויסער זיך פון התפעלות, פון דעם רבין'ס גערעכטע שטראף... דער גלח האט שפעטער פאר דעם המון געהאלטען א דרשה, אין וועלכער ער האט געלויבט דעם רבין'ס יושר און צדקות...

— איך האב געוואוסט, אז דער אלטער צדיק איז א רעכטפערטיגער מענש און דערצו זעהר א שטרענגער, אבער אויף אזא הארבען פסק דין, האב איך זיך ניט גערעכט...

א דין־תורה מיט א נפטר...

בשעת רבי איציקל האמבורגער זצ"ל, דער זיידע פון ראפשיצער צדיק איז נאך געווען מרא דאתרא אין דער גרויסער און בארימטער קהלה בראד, איז דארט פארלאפען א געשיכטע וואס האט יאהרען לאנג געהאט אן אבקלאנג אין דער גאנצער מדינה.

בראד איז, ווי באקאנט, געווען די ערשטע גרויסע גרעניץ שטאדט אויף דער אמאליגער רוסיש־עסטרייכישער גרעניץ. דורך דער דאזיגער שטאדט פלעגען אפט פארבייפארען און פארוויילען פיעל אידישע סוחרים פון רוסלאנד, וואס זיינען געפאהרען קיין אויסלאנד לשם מסחר. דורך בראד פלעגט מען פאהרען קיין לייפציג אויף דעם וועלט־יאריד און דורך דער דאזיגער שטאדט האבען זיך אויך „געשווארצט" די עמיגראנטען און די אומגליקליכע אידען, וואס זיינען אנטלאפען פון די רוסישע פאגראמען.

פארשטעהט זיך, אז בראד איז דעריבער געווען א ברויזענדע און קאכיגע שטאדט. יעדע וואוינונג איז פארוואנדעלט געווארען אין אן אכסניא, א האטעל, וואו די רוסישע אידען האבען געזאמעלט כחות פאר די וויטע נסיעות, וואס זיינען אין יענע צייטען אזוי שווער אנגעקומען.

איינמאל, אין אן ערב שבת, איז אנגעקומען קיין בראד א אידישער סוחר פון ווילנא, אויפ'ן וועג קיין לייפציג. דער דאזיגער סוחר איז געווען א איד א למדן און זעהר א פרומער. דערצו איז ער געווען א גרויסער בעל בטוח — די עהרליכקייט גופא, און אזוי ווי עס האט זיך געמאכט שפעט, האט ער באשלאסען צו האלטען שבת אין בראד.

דער איד האט געהאט ביי זיך שעהנע עטליכע טויזענד רובעל, כדי דערמיט איינצוקויפען סחורה. האט ער דעריבער זיך נאכגעפרעגט אויף אן עהרליכען בעל אכסניא, וועמען ער זאל קענען אנפארטרויען אזא סומע געלד. האט מען איהם אנגעוויזען אויף א האטעל אייגענטימער, א איד א

ירא שמים, א גמרא־איד, וועלכער פלעגט זיצען טאָג און נאכט און לערנען און דאָס ווייב האָט געפיהרט דעם האָטעל, וואָס האָט געבראכט פרנסה בשפע.

דער סוחר איז אוועק אין האָטעל, און פארלאנגט אויפגענומען צו ווערען דורך דעם אייגענטימער, ווייל ער דארף מיט איהם דורכריידען א וויכטיגען ענין.

ווען דער סוחר איז אריין אין צימער, האָט ער געטראָפען דעם בעל הבית זיצען ביי א „טור אורח חיים" און ער האָט געשמאק געלערנט. עס האָט זיך צווישען זיי ביידען אנטוויקעלט א שארפער תורה־שמועס פון וועלכען ביידע האָבען גרויס הנאה געהאט. צום סוף רופט זיך אָן דער סוחר:

— בעל הבית־לעבען, איך האָב ביי זיך א גרויסע סומע געלד, און עס ווערט דאָך שבת, נעמט פון מיר צו דאָס געלד און אי"ה שבת צו נאכטס נאָך הבדלה וועט איהר מיר צוריקקערען דעם פקדון.

דער בעל הבית האָט צוגענומען דאָס פעקעל מיט דעם געלד און דער סוחר איז אריין צו זיך אין צימער כדי זיך פארצובערייטען לכבוד שבת.

פרייטאָג צונאכטס, נאָך האלבער נאכט, איז דער סוחר פלוצלונג אויפ־געוועקט געוואָרען פון א גרויס געוואלד, וואָס האָט זיך געטראָגען פון גאנץ האָטעל. האָט דער סוחר געכאפט עפעס אויף זיך און ארויס פון זיין צימער.

דאָ האָט זיך דער סוחר דערוואוסט, אז דער בעל הבית איז פלוצלונג אוועקגעפאלען, באקומען א הארץ־שלאַג, מען האָט ארויסגערופען דאָקטוירים, אָבער זיי גיבען אויף יעדע האָפנונג. עס האָט נישט לאנג גענומען און דער בעל הבית האָט אויסגעהויכט די נשמה...

עס איז איבעריג צו שילדערען דעם צער פון דער פאמיליע און פון דעם גאנצער שטאָדט, צוליב דעם פלוצלינגען טויט פון בעל אכסניא, וועלכער איז געוועזן איינער פון די שעהנסטע בעלי בתים אין שטאָדט. אויך דער סוחר איז באהערשט געוואָרען מיט דעם דאָזיגען צער. ערשט מיט עטליכע שעה פריהער האָט ער מיט איהם אזוי געמיטליך פארבראכט, געשמועסט אין לערנען און איצט, — נישטאָ איהם. אויסער דעם האָט דעם סוחר אָנגעהויבען טיאָכקען אין הארצען די עטליכע טויזענט רובעל, פרעמד געלד, אָנגעבאָרגט ביי א האלבער שטאָדט. ווער ווייסט, צי ער וועט נישט האָבען דערפון קיין עגמת נפש. אָבער איצט איז דאָך שבת. און דער צער איבער דער פלוצלינגער פטירה איז דאָך אזוי גרויס, ווי קען מען עס ריידען וועגען אזעלכע וואָכעדיגע ענינים?..

אויך שבת צו נאכטס האָט דער סוחר נישט געהאט קיין הארץ צו ריידען מיט דער אלמנה און איהרע קינדער וועגען דעם פקדון. ערשט נאָך דער לויה האָט ער זיך געווענדעט צו זיי און געבעטען, מען זאָל איהם צוריק־

קערען דאָס פּעקעל געלד, וואָס ער האָט געגעבען פרייטאָג פאַר נאַכט צו באהאלטען זייער מאַן און פאָטער.

ווי דערציטערט איז אָבער דער סוחר געוואָרען הערענדיג, אז זיי ווייסען נישט פון וואָס צו זאָגען. דער פאָטער האָט זיי מיט קיין איין וואָרט נישט דערמאָנט וועגען דעם דאָזיגען געלד און אין קאסע געפינט זיך ניט אפילו א פערט־חלק פון דער סומע, וואָס דער סוחר מאָנט...

דער סוחר האָט זיך אָנגעהויבען רייסען די האָר און שרייען מיט באנומענע קולות, אז ער איז אומגליקליך, ממש אָבגעשאָכטען אָהן א מעסער. פרעמד געלד, נדנים פון אָרימע יתומות, ווי אזוי וועט ער אהיימקומען אָהן דעם געלד? עס בלייבט איהם איבער נישט אנדערש נאָר ער זאָל זיך א מעשה אָנטאָן.

אָבער די יורשים ווייסען באמת נישט פון וואָס צו זאָגען. מען זוכט, מען נישטערט, מען לאָזט נישט דורך קיין ווינקעלע, — אָבער קיין שפּור פון דעם געלד איז נישטאָ.

הויבט מען שוין אָן פארדעכטיגען די געשיכטע. אויף א ליטוואק קען מען אלץ גלויבען... ווארום דער נפטר האָט דאָך דאָס געלד מיט זיך אין קבר נישט מיטגענומען. אָבער דער סוחר ספּאזמירט, פאלט אין חלשות, הערט נישט אויף מרעיש־עולמות צו זיין: מיין געלד און מיין געלד!

געקומען צו זיך, לויפט דער סוחר צום בראָדער רב, צום בארימטען רבי איציקל הורוויץ, און דערצעהלט איהם די געשיכטע.

וואָס טוט א רב אין אזא פאל? — פאָדערט ער אויף די אלמנה מיט די יתומים לדין. ביידע צדדים זיינען מסדר זייערע טענות. ביידע וויינען און קלאָגען. דער סוחר איז גרייט צו שווערען, אז ער האָט דאָס געלד איבערגעגעבען דעם נפטר און די יורשים זיינען גרייט צו שווערען, אז דער נפטר האָט זיי דאָס געלד נישט איבערגעגעבען און אפילו מיט איין וואָרט נישט דערמאָנט דערפון.

וואָס זאָל א רב פּסק'נען ביי אזא פאל? — פּסק'נט ער אז די יורשים זיינען מחויב א שבועה דאורייתא, אז דער טאטע האָט נישט איבערגעלאָזט ביי זיי דעם פּקדון.

די יורשים זיינען גרייט צו שווערען אפילו הונדערט שבועות, אז זיי ווייסען דאָך נישט פון קיין פּותר און פון קיין חלום!

ווען עס איז שוין אלעס גרייט צו דער שבועה, ערקלערט פּלוצלינג דער סוחר, אז אלס אָבגעהיטענער איד קען ער נישט דערלאָזען צו א שבועה דאורייתא. פארפאלען. עס איז איהם געשעהן א ביטער אומגליק און וואָס וועט איהם שוין העלפען די שבועה?...

אָבער פון בראד קען ער מעהר נישט אוועק. ער איז דאָך געבליבען אָהן א פּרוטה, וואו זאָל ער געהן און וואו זאָל ער קומען. דער רב האָט אפילו פאַרגעלעגט איהם צו לייהען א ביסעל געלד אויף רייזע הוצאות אהיים, אָבער עס קען עס ביי זיך נישט פּועל'ן. מען וועט דאָך איהם אין ווילנא בשוט צערייסען אויף שטיקער. ווער וועט איהם דען גלויבען א וואָרט פון דער גאנצער געשיכטע?...

איז דער סוחר פארבליבען אין בראד, ביים רב אין הויז. טאָג איין, טאָג אויס וויינט ער זיך אויס די אויגען פאר'ן רב, בעט רחמים, אז גאָט זאָל רחמנות האָבען אויף איהם, אויב נישט וועט ער ממש נישט אויסהאלטען..

עס לויפען פארביי א פּאָר וואָכען. פון דעם סוחר איז געוואָרען א תל. הויט און ביינער. אלע האָבען געזעהן, אז דער מענש געהט איין, און עס וועט נישט לאנג נעמען און ער וועט אויסגעהן ווי א ליכט. דער רב האָט זיך געבראָכען דעם קאָפּ, געטראכט ווי אזוי איהם צו העלפען, ביז ער האָט איינמאָל ווען א גרויס רחמנות האָט איהם באהערשט, א זאָג געטאָן צום סוחר.

— איך האָב פאר אייך אן עצה, איך וועל מזמין זיין דעם נפטר לדין, און מען וועט איינמאָל פאר אלעמאָל דערגעהן דעם אמת.

— וואָס, א דין־תורה מיט א מת? — איז דער סוחר אויפגעשפּרונגען, אזש האָר און נעגעל האָבען זיך ביי איהם קאפּויר געשטעלט.

— שרעקט אייך נישט, מיין פריינד, ווארום עס איז אויך פאר דער טובה פון נפטר. אויך דאָרט ליידט ער פון דער געשיכטע אויב איהר זייט גערעכט, דעריבער אויב איהר זייט מסכים, וועל איך באשטימען א בית דין און מזמין זיין דעם נפטר לדין.

— הייליגער רבי, איך זאָג אייך באמונה שלי, אז ווען עס וואָלט געווען מיין אייגען געלד, וואָלט איך דערצו נישט מסכים געווען. איבער די הייזער וואָלט איך באדיי געגאנגען, און נישט מטריח געווען א נפטר. אָבער עס איז דאָך פרעמד געלד, שווערע אויסגעהאָרוועטע פרוטות פון אָרימע לייט, — מוז איך דערצו מסכים זיין...

דער רב רופט אריין דעם שמש און זאָגט צו איהם...

— געה תיכף אויפ'ן בית עלמין, צום קבר פון בעל אכסניא און זאָג איהם, אז מיר, דאָס בית דין פון בראד, איז איהם מזמין לדין אויף מאָרגען צוועלף דעם זייגער בייטאָג.

דער שמש בלייבט שטעהן א פארציטערטער, קוים וואָס ער האלט זיך אויף די פיס.

— וואָס האָסטו מורא, — האָט דער רב אויסגערופען, — אז מען הייסט דיר געהן, געהט מען, ווייסטו דען נישט, אז דער נפטר האָט נישט

קיין מנוחה אויפ'ן עולם האמת, אז ער האָט אפשר נאָך מעהר צער ווי דער געליטענער? — געה זשע און טו ווי מען הייסט דיר!

אויף צומאָרגענס, צוועלף בייטאָג, איז פאָרגעקומען דער דין תורה. דער רב און זיינע דיינים זיינען געזעסען אין טלית און תפילין. עס איז אויך פארצויגען געוואָרען א מחיצה אין א ווינקעל פון דער בית דין שטוב...

דער רב מיט די דיינים האָבען שטיל געשעפטשעט א תפילה און דער רב האָט דאַן אויסגערופען צום סוחר:

— איצט זייט מסדר אייערע טענות!

מיט א געבראָכענער שטימע האָט דער סוחר מסדר געווען זיינע טענות, דערצעהלט ווי אזוי ער האָט זיך געטראָפען מיט'ן בעל אכסניא, וואָס ער האָט געשמועסט מיט איהם, און ווי אזוי ער האָט איהם איבערגעגעבען דאָס פעקעל מיט'ן געלד.

אָבגעזאָגט דאָס זייניגע, איז דער סוחר אוועק אין א ווינקעל און זיך שטיל פאנאנדערגעכליפעט.

— און וואָס זאָגט איהר דערצו? — האָט דער רב זיך געווענדעט צו דער זייט פון דער מחיצה.

א מורא'דיגע שטילקייט האָט געהערשט אין בית דין שטוב. נישט מען האָט אימיצען געהערט און נישט מען האָט אימיצען געזעהן. אָבער א מילדער שמייכעל האָט זיך באוויזען אויף די ליפען פון רב. זיין הייליגע צורה האָט זיך אלע ווייל געביטען, ווי ער וואָלט זיך צוגעהערט צו אן אינטערעסאנטען געשפרעך.

ענדליך האָט דער רב א זאָג געטאָן צום סוחר:

— דער נפטר זאָגט, אז איהר זייט כשר גערעכט, און ער איז אייך מפייס פאר'ן צער, וואָס ער האָט אייך פארשאפט. ער זאָגט, אז היות ווי עס איז שוין געווען שפעט צו ליכט־צינדען, האָט ער שוין דאָס געלד נישט באוויזען איבערצוגעבען דער פרוי, און ער האָט עס איבערגעלאָזט אין דעם ספר, אין וועלכען ער האָט געלערנט. געהט זשע, זייט מוחל. אריבער צו דער אלמנה און זאָגט איהר, זי זאָל ארויסנעמען פון שאנק דעם „טור אורח חיים", און אויפמישען הלכות שבת, וועט זי דאָרט געפינען אייער געלד... זאָגט זיי אויך, אז דער נפטר האָט געבעטען, דאָס זיי זאָלען אייך מפייס זיין פאר'ן צער און עגמת נפש, וואָס איהר האָט געליטען.

און אזוי איז טאקע געשעהן. אין „טור" האָט מען געפונען די גאנצע סומע געלד. קיין פרוטה האָט נישט געפעלט.

אויף דער עצה פון רב, אין דער סוחר אוועק אויפ'ן בית עלמין, אויפ'ן קבר פון דעם בעל אכסניא, און איהם מוחל געווען אין דער געגענ־

ווארט פון א מנין אידען. ער האָט אויך איבערגעלאָזט א שעהנע סומע לצדקה און איז א גליקליכער אָבגעפאָהרען קיין לייפציג.

די דאָזיגע אויסטערלישע געשיכטע האָט מפרסם געמאכט אין יענע מקומות דעם נאָמען פון רבי איציקל הורוויץ זצ"ל, דער זיידע פון דער ראפשיצער גזע.

דער „איד הקדוש" און די בעלי־עגלות

ר' משה גדליה דער בעקער פון דער שטאָדט אפט האָט קיין גרויס נחת פון זיין איידעם נישט געהאט.

קיין למדן איז ר' משה גדליה נישט געווען. קוים, וואָס ער האָט א פרשה חומש־רש"י מיט א פרק משניות געלערענט, אָבער א גרויסער עהרליכער איד איז ער געווען, פאר א תלמיד חכם, פאר אן בן תורה האָט ער זיך אינגאנצען מבטל געווען, באדינט איהם ווי א געוועהנליכער משרת. ערשט א בעל צדקה, א מכניס אורח — בקיצור, ר' משה גדליה איז געווען א שם־דבר אין אפט.

ווען שיינדעלע, זיין טאָכטער, איז אונטערגעוואקסען, מען האָט איהר אָנגעהויבען ריידען שידוכים, האָט ר' משה גדליה דוקא געזוכט א בחור א תכשיט, א בן תורה, אן עלוי, א מתמיד, וועלכער זאָל עסען ביי איהם אין הויז עטליכע יאָהר קעסט, זיצען על התורה ועל העבודה, און ער זאָל אויסוואקסען א למדן, מיט וועמען לייטען זאָלען איהם מקנא זיין.

האָט איהם איינמאָל א שדכן געבראכט א בחור פון שטעטעל פשיסכא און פאר איהם דעם בחור אזוי שטארק מפליא געווען, אז עס האָט איהם דעם קאָפּ פארדרעהט. אזוי ארום איז יעקב יצחק געוואָרען זיין איידעם.

אָבער באלד נאָך דער חתונה, האָט זיך איהם ארויסגעוויזען אז ער איז „ארייגעפאלען". ער פירט זיך גאָרנישט ווי קיין מענש, דער יונגער איידעם זיינער; שטענדיג פאר'מוח'ט, פארטראכט, פארטאָן, הערט נישט וואָס מען רעדט צו איהם, און די גאנצע שטוב געהט איהם אָן ווי דער פאר־איאָהריגער שניי. מיט איהם, מיט'ן שווער זיינעם, האָט ער נישט קיין מחזקות; אויף זיינע טענות ענטפערט ער מיט א ברום, מיט א נו; מיט אן עי... ווי ער וואָלט נישט געטאָרט מפסיק זיין אין מיטען פון א דאווענען. גאנץ אָפט ווערט ער פארשוואונדען אויף גאנצע טעג פון הויז, און מען ווייסט נישט וואו ער געהט און קומט. ביינאכט שלאָפט ער בלויז א שעה־צוויי און געהט

אין בית מדרש אריין, וואו ער פארבלייבט ביז טאָג. וואָלט ער כאָטש גערע־דענט, ווי אַלע קעסט יונגע לייט, — דאָס אויך נישט. מען זעהט איהם קיינמאָל ניט עפענען א אידיש ספר. מען הערט נישט פון זיין מויל קיין וואָרט תורה. נאָר ער שפּאַנט איבער'ן גרויסען בית המדרש אראָפּ און ארויף, א צופלאַמטער, א צוקאָכטער, ווי נאָך א הייסע מקוה, און מוח'ט זיך.

און אז ער שטעלט זיך דאַווענען, געדויערט עס ימים ושנים. אָנהויבען הויבט ער אָן מיט'ן ערשטען מנין, ווי נאָר עס הויבט אָן שאַריען אויפ'ן טאָג. דורך דער צייט דאַווענען אָב עטליכע מנינים, מען לערנט א פּרק משניות, א בלאַט גמרא, און ער, יעקב יצחק, שטעהט אלץ אין זיין ווינקעל, דעם טערקישען טלית איבער'ן קאָפּ אריבערגעצויגען, און דאַווענט. רבונו של עולם, פארוואָס דאַווענט ער אזוי לאַנג?...

ר' משה גדליה וואָלט שוין לאַנג א סוף געמאַכט צו זיין התנהגות. ער וואָלט געזאָגט: אהין אָדער אהער, ווילסטו זיין א מענש ווי אַלע מענ־שען, — איז הרי טוב, אויב נישט, גיב דיין ווייב א גט און געה דיר צו אַלדע גוטע יאָהר. לאָזט אָבער נישט די טאָכטער. שיינדעלע האַלט פאַר איהר מאַן שטאָל און אייזען...

— מיש דיך נישט, טאַטע, ער ווייסט וואָס ער טהוט. וואַרט, האָב געדולד, וועסט נאָך האָבען פון איהם נחת. ווען אָבער דו ווילסט אונז מעהר נישט האַלטען אויף קעסט, — וועט אויך זיין רעכט, וועל איך זוכען אר־בייט אין שטאָדט, וואשען גרעט, שארען פּאָדלאָגעס, אבי איהם נישט צו שטערען אין זיין עבודות. לאָז איהם צורוה, טאַטע...

איז ער דאָך, ר' משה גדליה, א טאַטע, דריקט ער און שווייגט. זאָל ער זיך מאַכען צו לייטיש געלעכטער? וועט ער דען קענען צוקוקען ווי זיין שיינדעלע איז א דיענסט ביי פרעמדע מענשען? — זאָגט ער צו זיך: זאָל מיינס אריבערגעהן. אָבער קיין נחת האָט ער נישט...

א שווערע ווינטער־נאַכט האָט זיך געשטעלט. פון תחילת נאַכט האָט געבושעוועט א זאַווערוכע, און אָנגעיאָגט א שניי — א מענש די הויך. עס איז ממש א סכנה געווען דעם קאָפּ ארויסצושטעקען אין דרויסען. דער ווינט האָט געוואָיעט און אָנגעוואָרפען אן אימה. טהיר און טויער זיינען פארהאַקט און פאררינגעלט. דער עולם ליגט אונטער די וואַרימע פערענעס און הערט זיך צו צו דער „מוזיק", וואָס שפּילט זיך אָפּ אין דרויסען.

ר' משה גדליה מיט זיינע בעקער־געזעלען פאָרען זיך אין דער וואַרי־מער, באַלויכטענער בעקעריי, גרייטען צו פריש געבעקס פאַר די שטאָדט מענ־שען אויף צו מאָרגענס. אָבער ר' משה גדליה'ן איז נישט דער קאָפּ צו דער

ארבייט. דער איידעם איז תחילת נאכט ארוים פון שטוב און נישט מען הערט פון איהם און מען זעהט איהם. איינמאָל האָט ער שוין צוגעשיקט א יונג צום בית מדרש, זעהן, צי ער געפינט זיך דאָרט. דער יונג איז צוריקגעקומען, דערצעהלט, אז ער האָט קיינעם נישט געטראָפען. בלויז א יאָהרצייט ליכט ברענט, וואָס בעלייכט זעהר ווינציג דעם גרויסען בית מדרש, אָבער ער האָט קיינעם נישט געזעהן זיצען און לערנען.

— שוטה, ער לערנט ניט, דער תכשיט, ער לערענט קיינמאָל ניט, אָדער ער שטייט ביי דער ספרים־שראנק, פארטיפט אין א ספר, אָדער ער שפרייזט איבער'ן בית מדרש אראָפּ און ארויף.

בלייבט שטעהן דער בעקער־יונג, ווייסט נישט וואָס צו ענטפערען. אין בית מדרש איז ער נישט אריינגעגאנגען. עס האָט איהם עפּעס געשראָקען...

— נו, געה שוין צו דער ארבייט. מען קען דיר שיקען נאָכ'ן מלאך המות, וואָלט דער מת קיינמאָל נישט געשטאָרבען. איך וואָלט דיך בעדארפען שיקען א צווייט מאָל, נאָר איך האָב אויף דיר רחמנות. אזא וועטער — אן עבירה א הונט ארויסצויאָגען...

אין דער זעלבער צייט האָט אויפ'ן שאָסיי, וואָס האָט געפיהרט קיין אפּט, געשפּאנט א וואָגען, פול אָנגעלאָדען מיט סחורות פאר די אפּטער סוחרים און קרעמער. דער שווער־אָנגעלאָדענער וואָגען געפיהרט פון צוויי פערד ווי די לייבען, האָט צוליב דעם שניי־שטורם זיך פארקירעוועט אין א זייט, פארזונקען אין טיעפען שניי. דער בעל עגלה מיט'ן שמייסער ווענדען אָן אלע זייערע כחות און בעל עגלה'שע חכמות, כדי ארויסצושלעפען דעם וואָגען פון דעם טיעפען שניי, אָבער אומזיסט, די פערד זיינען שוין פארמאטערט. א פארע יאָגט פון זייערע פארשוויצטע קערפּערס, און אויף יעדען געשריי פון בעל־עגלה און א שמיץ מיט דער בייטש, דרעהען זיי מיט די פערדישע קעפּ, אָבער דעם וואָגען ריהרען פון אָרט — זיינען זיי ניט אימשטאנד.

שטעהען אזוי,ביידע בעל עגלות, קלאפּען די הענד איינער אין דער אנדערער, און ווייסען נישט וואָס צו טאָהן מיט די פער'עקשנ'טע פערד.

די בעלי עגלות, איינגעהילט אין די לאנגע שעפּסענע פעלצען, שווערע באשליקעם אויף די קעפּ און א וועלט מיט שמאטעם אויף די באשטיוועלטע פיס, פּרובען אונטערשטופּען דעם וואָגען, שמייסענדיג דערביי די פערד, אָבער, — א נעכטיגער טאָג. די פערד זיינען ווי צוגעשמידט צו די ערטער, כאָטש צו־האַק זיי אויף שטיקער, וועלען זיי זיך נישט ריהרען פון אָרט.

שטעהען זיי אזוי ביידע א לענגערע ווייל און טראכטען וואָס צו טהון. אָבער וואָס העלפט דאָס טראכטען, אז מען דארף האָבען כאָטש נאָך א פּאָר אויסגערוהטע פערד, עטליכע געזונטע טרעגער, אפשר וועט מען מיט מען בשות־

פות'דיגע כחות אימשטאנד זיין ארויסצושלעפען דעם שווערען וואָגען, וואָס זינקט ביז'ן דער העלפט אין שניי.

נאָך א לאנגען טראכטען איז ביי זיי געבליבען במוסכם, אז דער שמייסער שפאנט איין די פיס, לויפט אין שטאָדט אריין, וואָס איז א פינף וויאָרסט וויט, כדי צו ברענגען פון דאָרט הילף.

דער שמייסער לאָזט זיך אין וועג אריין און דער בעל עגלה קריכט צוריק ארויף אויף דעם וואָגען, הילט זיך ארום אין די שמאטעס און דערעס אוןווארט אויף דער הילף, וואָס דער יונג וועט ברענגען פון שטאָדט.

דער שמייסער קריכט אין די טיפע שנייען. צו גליק האָט זיך די זאווערוכע אָבגעשטעלט און די לבנה, א פולע, א פריינדליכע, האָט זיך באוויזען, כדי צו באלייכטען איהם דעם וועג, ער זאָל נישט בלאָנדזשען.

נאָך א צוויי שעה לויפען, דערגרייכט ענדליך דער בעל עגלה די שטאָדט אפט. אָבער, א פרעמדער, ווייסט ער נישט וואו־איין, וואו־אויס. אלע לאָדענס פון די הייזער זיינען פארקלאפט. שטיל איז אין שטאָדט ווי אויף א בית עולם. ער באשליסט אויפצוזוכען א הויז, פון וואנען עס זעהט זיך ארוים ליכט, דאָרט וועט ער אָנקלאפען און פרעגען זיך אויף א בעל עגלה, אויף טרעגער.

אזוי זוכענדיג, דערגרייכט ער דאָס שטאָדטישע בית מדרש. דאָרט לייכט עפעס א יאָהרצייט ליכט, און עס הערט זיך א נאָגענדיג ברומען פון אינעווייניג. דער שמייסער ווייסט, אז קיין הילף האָט ער פון דאָרט נישט צו דערווארטען. אָבער אָנווארימען אביסעל זיינע געפרוירענע אברים, וועט ער דאָך קענען, און פרעגען זיך אויף א בעל עגלה קען מען דאָך אויך.

די טהיר פון בית מדרש עפענט זיך מיט א סקריפ, און יעקב יצחק, דעם בעקער'ס איידעם, שטעהענדיג ביי עמוד, רייסט אָב די אויגען פון דעם אָפענעם ספר, מעסט אָב דעם מאָדנעם פארשוין וואָס שלייכט זיך אריין אין בית מדרש.

— שלום עליכם א איד, פונוואנען קומט עס א איד אין אזא שפעטער שעה? — פרעגט ר' יעקב יצחק דעם אורח.

— א שמייסער בין איך, אונזער וואָגען מיט סחורה פאר די היגע סוחרים איז געבליבען זינקען אין טיפען שניי. האָב איך געלאָזען מיין בעל הבית ביים וואָגען און געקומען אין שטאָט אריין שאפען א פאָר פערד און עטליכע טרעגער.

... און דער בעל עגלה ווערט דאָרט געפרוירען אויפ'ן פעלד, און די פערד זיינען שוין מיעד און מאט, — האָט ר' יעקב יצחק איבערגע'חזר'ט די

רייד פון שמייסער. א געוואלדיג רחמנות האָט איהם ארומגענומען סיי לגבי דעם בעל עגלה און סיי לגבי די פערד. טראכט ער א ווײלע, און זאָגט צום שמייסער:

— קום, לאָמיר געהן העלפען דעם וואָגען ארויסשלעפּען פון שניי. איך קען זיך אויף די זאכען. איך בין ברוך השם א בעל־כח... וואָס קוקסטו מיך אָן מיט אזעלכע ווילדע בליקען? — קום לאָמיר געהן צו דעם וואָגען. וועסט זעהן, עס וועט געהן א גאנג...

אין מאדנע, עפּעס די רייד פון דעם יונגערמאן, פון דעם וואוילער־נער, איבערצייגען איהם, דעם שמייסער, און געטריבען פון אינסטינקט, לאָזט ער זיך אין וועג אריין, צו דעם וואָגען פון זיין בעל עגלה, און נאָך איהם — דער בית־מדרש'ניק...

צוקומענדיג צום וואָגען, קריכט ארונטער דער בעל עגלה פון דער הויך, נעמט ארום דעם פרעמדען פּארשוין מיט א בליק פון ביטול און שרייט אוים צום שמייסער:

— שלימזל, ווּעמען האָסטו מיר געבראכט ארויסצושלעפּען דעם וואָגען פון טיפען שניי, ביזט פון זינען אראָב? א־נו פּרואוו, יונגערמאָן, אונטער־צושטופּען דעם וואָגען...

— קריכט ביידע ארויף אויף דער קעלניע, טרייבט די פערד ווי מען דארף, — דאָס איז דאָך אייער פאך, און איך וועל אייך ארויסהעלפען פון אונטען, פּרואווט, וואָס קען עס דען שאדען?...

אין דער אמת'ן, וואָס קען דען שאדען צו פּרואווען? גיבען דער בעל עגלה מיט זיין שמייסער א שפּרונג ארויף אויף'ן וואָגען, א ציה די לייצעס, די פערד גיבען א שלעפּ דעם וואָגען, און גלייך זיינען זיי אויפ'ן שאָסיי.

— יאָגט אונטער די פערד, יאָגט אונטער, זיי וועלען געהן, — שרייט דער יונגערמאן פון אונטען. און זיי געהן, דער וואָגען פאָהרט, עס געהט ווי א מזמור, און עס דויערט נישט לאנג, און זיי דערזעהן זיך אין די ערשטע געסלעך אין דער שטאָדט אפּט.

ערשט איצט דרעהען זיך אוים די בעל עגלות, צו כאפּען א בליק אויפ'ן העלפער און רעטער זייערען, אָבער פון דעם יונגערמאן איז נישטאָ קיין שפּור.

אוועקגעשטעלט דעם וואָגען אין אן ארייַנפאָר־הויז, כאפּען זיך ביידע אריין אין א בעקעריי, כדי זיך אָנצוווארעמען. ר' משה גדליה דערקענט גלייך, אז מיט זיי האָט עפּעס פּאסירט און זיי דערצעהלען איהם די געשיכטע מיט דעם וואונדערליכען פּארשוין, וואָס האָט זיי געראטעוועט.

— און וואו האָט איהר איהם געלאָזען דעם וואונדערליכען יונגערמאן,

פארוואָס האָט איהר איהם אָבגעלאָזען, שלימזלדיגע בעל־עגלות, אזא מענשען לאָזט מען אָב, סתם אזוי, אָהן א זייט־געזונט?...

מיט אמאָל עפענט זיך די טיר און דעם בעקער'ס איידעם קומט אריין. דער בעקער פארגעסט אין דעם פריערדיגען געשפרעך, און קרעכצט אָב:

— איך מוז שווער און ביטער ארבייטען און ער דרעהט זיך ארום פוסט און פאסט. אזש פון פשיסכא האָב איך געבראכט, דעם דאָזיגען אנטיק..

די גאנצע צייט האָט דער בעל עגלה מיט זיין שמייסער נישט אראָפּ־גענומען די אויגען פון דעם אריינקומענדיגען יונגערמאַן. אָבער פּלוצלונג האָט דער שמייסער א געשריי־געטאָן:

— בעל הבית, דאָס איז ער... אונזער רעטער...

— וואָס, ווען, צי האָט איהר נישט קיין טעות? — האָט דער בעקער געשריען ווי ניט מיט זיין קול...

— ניין מיר האָבען שוין גאָרנישט קיין טעות! ער איז דאָך א הייליגער מאַן!...

און אזוי איז פאָרגעקומען דאָס התגלות פון רבי יעקב יצחק פון פשיסכא, דער באריהמטער „איד הקדוש"...

די פּטירה פון אַ צדיק...

גרויס זיינען די צדיקים ביים לעבען, גרעסער זיינען זיי נאָך דער פּטירה. דערפאר איז דער איבערגאנג פון עולם השפל אין די עולמות העליונים אזא שווערער. עס איז א קאמף צווישען „אראלים" און „מצוקים", צווישען גוף און נשמה און דאריבער לערנען חסידים זעהר פיעל פון סדר ההסתלקות פון א צדיק.

מיר ווילען דאָ באשרייבען די פּטירה פון גרויסען רבין ר' בונם פון פשיסכא, וועלכער האָט ארויפגעלייגט זיין חותם אויף'ן חסידות אין פוילען און ביז היינטיגען טאָג פארשפרייטען די קינדס־קינדער פון זיינע תלמידים דאָס גרויסע אור, וואָס עס האָט אָנגעצונדען דער סגי־נהור פון פשיסכא.

אין משך פון גאנצען זומער פון יאָהר תקפ"ו איז דער רבי ר' בונם קראנק געווען. מען האָט געוואוסט, אז די קראנקהייט איז אַן ערנסטע, דארי־בער האָבען די גדולי התלמידים ניט אָפּגעטרעטען פון זיין בעט, ניט פאר־לאָזט פשיסכא איבער דעם גאנצען זומער.

אויסטערליש איז אָבער געווען דאָס התנהגות פון זיין בן יחיד, דער

רבי ר׳ אברהם משה זצ״ל אין דער צייט פון זיין פאָטער׳ס קראנקהייט.

געוואוינט האָט רבי אברהם משה אויף׳ן צווייטען עק שטאָט, ווייט פון פאָטער׳ס הויז און בית המדרש, כדי ער זאָל ניט האָבען קיין שטערונג און קיין טרדות אין עבודות הבורא מצד די חסידים פון זיין פאָטער. א באהאַל־טענער מענש געווען, מיט קיינעם קיין מחזקות ניט געהאט. אפילו דעם פאָטער מבקר חולה זיין ניט געגאנגען. א זאך, וואָס האָט ביי אלעמען ארויסגערופען שטוינונג און אפילו תרעומות.

דעם לעצטען ערב־שבת פאר דער הסתלקות, האָט רבי אברהם משה א זאָג געטהאָן צו זיין משמש ר׳ יודל: קום לאָמיר געהן מבקר חולה זיין דעם טאטען.

אָנקומענדיג אין הויז איז רבי אברהם משה אריינגעלאָפען אין צימער, וואו דער פאָטער איז געלעגען. גראד האָט דער רבי ר׳ בונם געדאווענט מנחה און מקבל שבת געווען. האָט דער רבי ר׳ אברהם משה זיך גוט איינגעקוקט אין דער צורה פון זיין פאָטער און ער האָט געזעהן, אז דאָס איז שוין דער לעצטער קבלת שבת אין זיין לעבען. פאר גרויס צער האָט רבי אברהם משה זיך א וואקעל געטהאָן און געפאלען אין חלשות. ר׳ יודעל, דער שמש, האָט איהם אויפגעהויבען, אריינגעטראָגען אין א צווייטען צימער, וואו מען האָט איהם דערמינטערט. קומענדיג צו זיך, האָט רבי אברהם משה א זאָג געטהאָן:

— יודל, קום, לאָמיר געהן, מיר האָבען דאָ ניט מעהר וואָס צו טהאָן..

אהיימקומענדיג, האָט ער מקבל שבת געווען, באפוילען ר׳ יודלען קידוש צו מאכען און איהם מוציא זיין מיט קידוש. דאן האָט ער זיך געוואַ־שען צו א כזית, גלייך געבענשט און א זאָג געטהאָן צום משמש:

— איך געה מיך צושפארען און כ׳זאָג דיר אָן, אז דו זאָלסט ניט אריינקומען אין מיין חדר, כל זמן איך וועל דיך ניט רופען. דו זאָלסט ניט אריינלאָזען קיין שום מענש, אפילו דעם חשוב׳סטען. אפילו גאנץ שטאָט וועט קומען אויפצוברעכען די טיר, זאָלסטו זיי ניט לאָזען, וויפיל דיינע כחות וועלען דיר סטייען. געדענק גוט וואָס איך זאָג דיר אָן, און דו זאָלסט ניט משנה זיין אויף א האָר.

עס פארשטעהט זיך, אז דער משמש האָט פינקטליך אָפגעהיט דעם אָנזאָג פון רבי אברהם משה. אזוי איז ער געווען סגור ומסוגר ביז דינסטאָג. ער איז כסדר געלעגען אויף׳ן בעטעל מיט פארמאכטע אויגען. בלויז וואָס צום דאווענען האָט ער זיך אויפגעכאפט, געוואשען זיך, געדאווענט, טועם געווען פון ביסעל וויין, וואָס איז געשטאנען אויף׳ן טיש און ווייטער זיך צוריקגעלייגט.

דינסטאָג איז געוואָרען א גרויסער רעש אין שטאָט, ווייל מען האָט

מרגיש געווען, אז עס איז געקומען די צייט פון דעם רבינ׳ס פטירה. דער עולם איז געקומען צו לויפען צו דער וואוינונג פון רבי אברהם משה׳ן, מיט א גוואלד און געשריי, ער זאָל געהן צום פּאָטער, ווייל דער סוף דערנעהנטערט זיך, די מינוטען זיינען געצעהלטע. ר׳ יודעל דער משמש האָט אָבער קיינעם ניט געוואָלט אריינלאָזען, הגם די חסידים האָבען איהם געוואָלט קורע כדג זיין...

זעהענדיג, אז מען קען מיט ר׳ יודעל׳ען גאָרניט מאכען, איז דער עולם געלאָפען צו דער רביצין, אפשר וועט די מוטער ביי איהם פועל׳ן. ווייל די חסידים האָבען געהאלטען, אז דער טאטע וויל איבערגעבען די הנהגה דעם זוהן, די רביצין איז אָנגעקומען, אריין אין צימער פון איהר זוהן און אויס־געראָפען:

— טייער קינד, איך בעט דיך, טהו מיר צוליב און געה אריבער צום טאטען. עס איז שוין זעהר שפּעט... און עס איז ניט שעהן פאר מענשען אזא התנהגות..

האָט רבי אברהם משה זיך אויפגעזעצט אויף׳ן בעט און אָפּגעענט־פערט דער מאמע׳ן:

— גלויב מיר, מאמע, איך קען ניט. ווען איך וואָלט געקענט, וואָלסטו מיך ניט באדארפען בעטען. גלויבט מיר, אז איך קען ניט, בשום אופן...

אָבער די רביצין האָט ניט נאָכגעגעבען. זעהענדיג, אז זי קען ביי איהר זוהן ניט ווירקען, איז זי אוועק צו רבי יצחק׳ל, דער שפּעטערדיגער באַ־ריהמטער ווארקער רבי, וועלכער איז געווען א ידיד נאמן פון איהר זוהן, — ממש לא זזה ידו מתוך ידו, — און געבעטען ביי איהם, ער זאָל זיך מטריח זיין און געהן צו רבי אברהם משה׳ן, בעטען איהם און משפּיע זיין, אז ער זאָל ניט זיין פאר׳עקשנ׳ט און געהן צום טאטען, שטעהן ביי זיין בעט אין די לעצטע מינוטען, ווייל עס געהט איהר ממש בנפשה.

האָט רבי יצחק׳ל אויסגעהערט די בקשה פון דער רביצין און א זאָג געטהאָן:

— גלויבט מיר. פשיסכער רביצין, ווען איהר הייסט מיך אראָפּשפּרינ־גען פון דאך, וואָלט איך גלייך געפאָלגט און וואָלט ניט געטראכט איין ווייל, אז דאָס איז פארבונדען מיט סכנות נפשות. אָבער דאָס וואָס איהר פארלאנגט פון מיר איצטער, קען איך בשום אופן ניט טהאָן...

— אָבער פארוואָס, גוטע מענשען, פארוואָס בין איך אזוי געשטראָפט פון הימעל, פארוואָס קומט עס מיר? — און די רביצין האָט זיך דערביי שטארק צעוויינט.

— אז איך זעה, ווי איהר זייט זיך אזוי מצער, רביצין, מוז איך

אייך זאָגען די סיבה — האָט רבי יצחק׳ל דער וואורקער נאָך א קורצען נאָכ־טראכטען א זאָג געטהאָן — דאָס איז דערפאר, וואָס אייער זוהן איז צוזאמען מיט זיין גרויסען טאטען עוסק אין אן ענין, וואָס מלאכים ושרפים קענען עס ניט משיג זיין, און אין די עולמות העליונים איז דערפון א גרויסער רעש. נו, ווילט איהר, אז איך זאָל זיך ארייננמישען אין דער זאך, זיי מבלבל זיין, חלילה?...

אָבער אין דער רגע ווען די הייליגע נשמה איז ארויס פון דעם הייליגען גוף פון רבי׳ן ר׳ בונם, האָט זיך רבי אברהם משה געטהאָן א כאפ־אויף מיט א געשריי:

— א חשכות, אָה, א חשכות, א גרויס חשכות אויף דער וועלט, ווער קען אויסהאלטען אזא פינסטערניש?!

אָבער אויך נאָך דער פטירה איז רבי אברהם משה ניט געגאנגען אין הויז פון פאָטער, וואו טויזענטער חסידים האָבען געוויינט און געקלאָגט בדמעות שליש איבער דער הסתלקות פון זייער גרויסען מנהיג. ער האָט זיך אפילו ניט געמישט אין די ענינים פון דער לויה און קבורה. ער איז ווייטער געלעגען אויף זיין בעטעל מיט געשלאָסענע אויגען און פון צייט צו צייט האָט זיך ארויסגעריסען פון איהם א קרעכץ, א זיפץ. האָט מען ניט געוואוסט וואָס צו טהאָן. די גדולי החסידים האָבען זיך געבראָכען די קעפ, ווי אזוי צו באווענגען דעם זוהן, ער זאָל אנטייל נעהמען אין דער לויה פון פאָטער און מען האָט ניט געקענט קומען צו קיין טאָלק. ענדליך איז באשלאָסען געוואָרען, אז די לויה זאָל פארבייגעהן דאָס הויז פון רבי אברהם משה, רעכענדיג, אז ווען מען וועט פארבייטראָגען די מיטה, וועט דער זוהן ארויסקומען מלווה צו זיין דעם טאטען.

און כך הווא. ווען די לויה האָט זיך דערנעהנטערט פארביי זיין הויז, האָט רבי אברהם משה זיך געטהאָן א כאפ־אויף, געכאפט דעם כאלאט און דעם קאלפאק, ארויס פון הויז און אוועקגעשטעלט זיך ביי דער שוועל. ווען מען האָט פארבייגעטראָגען די מיטה, איז ער נאָכגעגאנגען פיער איילען און דאן צוריק אריין אין זיין חדר.

דער תלמיד־מובהק און ממלא מקומו פון רבין ר׳ בונים, דער שפעטער באריהמט געוואָרענער רבי פון קאָצק, ר׳ מענדעלע, האָט באשטימט דעם זמן חתונה פון זיין זוהן ר׳ דוד, דער מיטעלער קאָצקער רבי, אויף י״א אלול, א טאָג פאר דער פטירה פון רבי׳ן ר׳ בונם. די חתונה איז פאָרגעקומען אין שטעטעל אפאטשנא. רבי מענדעלע האָט פארנאכלעסיגט די הכנות פון דער חתונה און ניט פארלאָזט פשיסכא, זעהענדיג, אז די טעג פון זיין רבין זיינען געצעהלטע.

אָבער א טאָג פאר דערי חתונה, האָט רבי בונם צוגערופען זיין תלמיד, רבי מענדעלע, און א זאָג געטהאָן צו איהם:

— מאָרגען מאכסטו דאָך חתונה דיין דוד׳ל, הא? זאָג איך דיר, אז דו זאָלסט פאָהרען צו דער חתונה, מיר ווילען באין אופן ניט, אז דו זאָלסט זיך פארשטערען די שמחה.

— אָבער ווי אזוי קאָן איך אוועקפאָהרען פון דאנען — האָט רבי מענדעלע אָפּגעענטפערט — ווען מען זעהט, אז די קראנקהייט פארשארפט זיך פון מינוט צו מינוט?

— אזוי איז מיין רצון און טהו מיר צוליב. פאָהר תיכף קיין אפאט־שנא צו דער חתונה און זאָל זיין מיט מזל, קיין קשיות זאָלסטו ניט פרעגען. אלץ איז גענוי און ריכטיג אויף א האָר — און אזוי רעדענדיג, האָט ער אויסגעשטרעקט די האנט אויף צו געזעגענען מיט זיין גרויסען תלמיד.

עס פארשטעהט זיך, אז נאָך אזא געזעגענען זיך, האָט קיין רייד ניט געקענט זיין פון בלייבען אין פשיסכא. מען האָט באלד געדונגען א פוהרעל, און רבי מענדעלע איז איינער אליין, אָהן שום באלייטונג פון קיינעם, גע־פאָהרען מיט א שווער געמיט קיין אפּאטשנא, כדי צו פראוועון די חתונה פון זיין זוהן.

אין אפאטשנא האָט מען זיך דערוואוסט פון דער הסתלקות פון רבין רבי בונם ערשט מיט צוויי טעג שפעטער. דאָס האָט מען בכיוון אָפּגעהאלטען מיט דער ידיעה כדי ניט צו פארשטערען די שמחה. אזוי ארום איז אויסגע־קומען, אז אויך דער ממלא מקום פון רבין ר׳ בונם, דער ממשיך און דער פארטיעפער פון זיין שיטה, איז ניט געווען ניט ביי דער הסתלקות, ניט ביי דער לויה און ניט ביי דער קבורה.

צוויי טעג נאָך דער חתונה האָט רבי מענדעלע געהייסען שפאנען א וואָגען און אָנגעזאָגט דעם בעל־עגלה, אז ער זאָל מיט אלע כחות איילען קיין פשיסכא, ווייל יעדע מינוט איז א שאָד.

— וואָס איז דאָס געאייל — האָט דער בעל עגלה א מרוטשע געטהאָן — עס איז שוין סאַי ווי נאָך אלעמען?...

— דו ביזט א בהמה, טהו וואָס מען הייסט דיר, אין קיין געלט וועט ניט זיין קיין מניעה — האָט רבי מענדעלע געענטפערט מיט הקפדה.

אָנקומענדיג אין פשיסכא, איז ער צוגעפאָהרען צום הויז פון רבין און געטראָפען דאָס חדר, וואו עס איז פאָרגעקומען די פטירה, צוגעשלאָסען, ווייל ווי נאָר מען האָט ארויסגעטראָגען דעם נפטר, האָט רבי יצחק׳ל, דער ווארקער, באפוילען מען זאָל צושליסען דאָס חדר און קיינעם ניט אריינלאָ־זען. עס פארשטעהט זיך, אז פאר רבי מענדעלע האָט מען געמאכט אן אויסנאהם.

רבי מענדעלע איז אריין אין צימער, וואו זיין גרויסער רבי האָט אויס־געהויכט די נשמה, פארשלאָסען זיך און פארבראכט דאָרט א לענגערע צייט.

ארויסגעקומען איז ער פון צימער א צעפלאמטער, א צעקאָכטער. מען האָט דערקענט, אז אין דעם מענשען איז פאָרגעקומען א געוואלדיגע שנוי. ארומקוקענדיג זיך, האָט ער זיך באגעגענט מיט די בליקען פון זיינע ידידים, צו וועלכע ער האָט א זאָג געטהאָן:

— גלויבט מיר, און איך זאָג עס ניט מיט גדלות, אז פון אייך אלעמען האָט קיינער ניט געהאט די זכיה צו זיין ביי דער הסתלקות פון רבין נאָר איך און אפשר נאָך אימיצער...

און געמיינט האָט ער טאקע רבי אברהם משה׳ן, ביי וועמען דער צער פון פאָטער׳ס פטירה איז געווען אזוי גרויס, אז אין א קורצער צייט ארום איז ער אויך נסתלק געוואָרען.

דער רבי ר׳ בונם איז ביי זיין פטירה אין גאנצען אלט געווען פיער און פופציג יאָהר. ער האָט דורכגעמאכט זעהן א שטורמיש לעבען, פון א משרת ביי דער באריהמטער נגידית טעמערל פון ווארשא, איבער זיינע נסיעות קיין דאנציג און פרייסען, ביז ער האָט זיך באזעצט אין פשיסכא אלס אפטייקער (אייגענטימער פון א דראָג סטאָר), וואו ער האָט זיך דערנעהנטערט צו דעם איד הקדוש, און געוואָרען זיין תלמיד מובהק און ממלא מקומו. מען האָט איהם גערופען „דער חכם” און ער איז אויך געווען א מיטגליד אין דער רעגירונגס־קאָמיסיע איבער אידישע ענינים, אלס פאָרשטעהער פון די חסידים. זיינע תלמידים זיינען געווען די באגרינדער פון די חסיד׳ישע דיי־נאסטיעס: קאָצק, ווארקע, גער, אלעקסאנדער, סטריקאָוו, ביאלא און אנדערע.

רבי בונם פשיסכער איז נפטר געוואָרען י״ב אלול פון יאָהר תקפ״ז.

רבקה׳לע־די רביצין פון פשיסכא

איינע פון די וואונדערליכסטע פרויען־געשטאלטען אין אלטען פוילען איז געווען די רביצין פון פשיסכא, רבקה׳לע באניהארד, עליה השלום, די פרוי פון רבי׳ן ר׳ בונם זצ״ל.

די פשיסכער רביצין איז געווען א שם־דבר, ניט נאָר צוליב איהר פקחות, נדיבות און געלערנטקייט, נאָר אויך צוליב דעם, וואָס אלע גדולי החסידות אין פוילען זיינען אויסגעוואקסען אין איהר הויז און האָבען זיך דערפאר באצויגען צו איהר מיט דער גרעסטער אכטונג און יראת הרוממות. גענוג צו

דערמאָנען אזעלכע פיהרענדע פערזענליכקייטען ווי רבי מענדעלע קאָצקער, רבי איטשע מאיר, — דער רבי פון גער, רבי יצחק וואורקער, רבי מרדכי יוסף איזשביצער, רבי פייוועל גריצער, רבי זושא פלאָצקער, רבי העניך אלעקסאנדער, רבי יחיאל מאיר גאסטינינער און רבי יעקעלע ראדזימינער, זכר כולם לברכה, וואָס יעדער איינער פון זיי האָט געהאט א השפעה אויף צעהנדליגער טויזענטער אידען, האָבען זיך געקענט דערהאלטען אין פשיסכא און לערנען חסידות און עבודת הבורא ביים גרויסען רבין ר׳ בונם, א דאנק דאָס מסירות נפש פון דער פשיסכער רביצין, וועלכע האָט געזאָרגט פאר די תלמידים פון איהר מאן, ווי א געטרייע מאמע פאר איהרע קינדער. דערפאר האָבען די דערמאָנטע חסיד׳ישע מנהיגים קיינמאָל ניט פארגעסען דער פשיסכער רביצין און זיינען תמיד גרייט געוועזן צו טהאָן פאר איהר אלץ, וואָס זי האָט פארלאנגט.

און די רביצין רבקה׳לע האָט עס טאקע אויסגענוצט אין א ברייטער מאָס. נאָך דער פטירה פון איהר גרויסען מאן האָט די אלמנה מעהר ניט חתונה געהאט און ווען עס איז אין צוויי יאָהר ארום אויך נסתלק געוואָרען איהר בן יחיד, רבי אברהם משה זצ״ל, האָט זי זיך זייט דאמאָלסט אינגאנצען געווידמעט דעם כלל.

זי פלעגט ניט מעהר איינזיצען אין איהר שטעטעל, אין איהר הויף, וואָס איז פאר׳יתומ׳ט געוואָרען, און וואו יעדעס ווינקעלע האָט דערמאָנט די אמאָליגע גדולה. זי האָט זיך אין איהר היים ניט געקענט דערהאלטען, האָט זי דאריבער געוואנדערט פון איין שטאָט צו דער אנדערער, אויפגעזוכט די באהאלטענע צדיקים, די ל״ו׳ניקעס, די יעניגע, וואָס האָבען געדינט דעם רבונו של עולם בצנעה, און קיינער האָט ניט מרגיש געווען זייער גדלות. זי, די פשיסכער רביצין, האָט אויסגעהאלטען זייערע שטיבער, באזאָרגט זיי מיט דעם נויטיגסטען, חתונה געמאכט זייערע קינדער, געהיילט זייערע חולאים, און איבעראל, וואו זי האָט זיך באוויזען, איז מיטגעקומען מיט איהר פרייד און האָפנונג, ווי א גוטער מלאך וואָלט פלוצלינג פון הימעל געגידערט, כדי צו ברענגען הילף און געגעזונג פאר די ליידענדע און צעבראָכענע הערצער.

ווען זי האָט זיך געגויטיגט אין געלט — און ווען האָט זי זיך דארין ניט געגויטיגט? — האָט זי זיך פלוצלונג באוויזען אין איינעם פון די הויפען פון די געוועזענע תלמידים פון איהר מאן, אמאָל אין קאָצק, אמאָל אין גער, שפעטער אין אלעקסאנדער, אין גאסטינין אָדער אין ראדזימין, וואו מען האָט דער פשיסכער רביצין אויפגענומען בכבוד גדול און פון דאָזיגען וויזיט איז זי אוועק מיט דער גאנצער סומע, אין וועלכער זי האָט זיך געגויטיגט צו היילען די קראנקע, צו באפרייען א בנן של קדושים פון גוי׳אישע הענט, אָדער צו פיהרען צו דער חופה אן עלטער מיידעל, א בת תלמיד חכם,

וואס איז נעבעך געבליבען א יתומה און קיינער האט פאר איהר ניט געזארגט אויסער דער פשיסכער רביצין.

די דאזיגע טעטיגקייט האט די רביצין פון פשיסכא ניט אויפגעגעבען ביז׳ן סוף פון איהרע יאהרען. זאגאר אין טיפסטען עלטער, אליין א שוואכע, א קראנקע, קוים וואס זי האט זיך געהאלטען אויף די פיס, האט זי ניט אויפגעהערט צו וואנדערען איבער די שלעכטע פוילישע וועגען, פון שטאדט צו שטאדט, פון דארף צו דארף, און אנגעהן מיט איהר ארבייט. עס האט איהר ניט אפגעהאלטען ניט קיין שניי אין ווינטער, ניט קיין רעגען אין הערבסט און ניט קיין היץ אין זומער. עס האט קיינער ניט געקענט ביי איהר פועל׳ן צו לאזען זיך פארטרעטען פון א צווייטען. אליין האט זי געמוזט טהאן איהרע מצוות, אליין צונויפזאמלען די נויטיגע געלדער און אליין עס צעטהיילען צו די נויטבאדערפטיגע.

און אט ווילען מיר דערצעהלען אן עפיזאד, וואס באווייזט די גרויסקייט פון דער דאזיגער וואונדערפולער פערזענליכקייט, וואס האט אלע איהרע מעשים געטהאן בצנעה, אהן שום פרסום, טאקע בלויז לשם שמים.

געווען איז עס אין יאהר פאר איהר פטירה. זי איז שוין דאמאלסט געווען א טיפע זקנה, אבער די פשיסכער רביצין איז נאך אלץ ניט זאט געווען מיט איהרע מצוות. איז אמאל אריינגעקומען צו איהר אין הויז א גמרא-מלמד, וועמען זי האט געקענט אלס א גאר געהויבענעם אידען, און דערצעהלט איהר, דאס זיין בת יחידה נויטיגט זיך אין א שווערער אפעראציע, אבער בכדי דורכצומאכען די דאזיגע אפעראציע מוז זי פאהרען אזש קיין וויען, ווייל ביי אונז אין פוילען וויל קיין דאקטאר ניט אונטערנעהמען צו מאכען די דאזיגע שווערע אפעראציע. און דאס ווייבעל איז א מאמע פון פינף קליינע קינדער, דערצו איז זי די גאנצע עקרת הבית, די פרנסה געבעריין הייסט עס, אין דער צייט, וואס דער מאן איהרער איז זיך עוסק בתורה טאג און נאכט, און אויב עס זאל, ח״ו ניט קומען די ישועה, ווערט א גאנץ הויז צעבראכען און פינף פיצלעך קינדער ווערען בלייבען אויף הפקר...

די פשיסכער רביצין האט זיך שטארק איבערגענומען מיט דער דאזיגער געשיכטע און זי האט א פרעג געטהאן:

— וויפיל א שטייגער דארף מען האבען פאר דער נסיעה קיין וויען און פאר די ארטיגע דאקטוירים?

— גאנצע דריי הונדערט רובעל דארף מען האבען — האט דער פארצווייפעלטער פאטער אויסגערופען, — א סומע וואס עס פארמאגט ניט דער גרעסטער נגיד אין שטעטעל...

— נו, נו, ר׳ שייקע, נאר ניט פארצווייפעלט, נאר ניט אריינגעפאלען

אין יאוש. השי"ת וועט אודאי העלפען. וואס איז דען געלט ווען מען דארף עס פאר אזא וויכטיגען צוועק? דריי הונדערט רובעל זאגט איהר, עס וועט אם ירצה השם זיין דאס געלט. גיט. מיר נאר עטליכע וואכען צייט. איך וועל אייך שוין דאס געלט פארשאפען!...

דער מלמד איז אוועק פון איהר הויז פול מיט בטחון. ער האט געוואוסט, אז אויף א ווארט פון דער אלטער פשיסכער רביצין קען מען שטעלען א מויער, אזוי זיכער איז עס. איז ער צוריק געגאנגען אין זיין חדר, צו זיינע תלמידים, מיט וועלכע ער האט געלערענט גאט'ס תורה און געבעטען צו אויבערשטען, אז די אלטע פשיסכער רביצין זאל מצליח זיין אין איהר אונטערנעהמונג.

ווען דער איד איז ארויס פון איהר הויז, האט די רביצין אנגעהויבען טראכטען צו וועמען זי זאל פאהרען נאך אזא סומע געלט. ביז זי האט באשלאסען, אז דער גלייכסטער וועג פיהרט קיין ראדזימין.

רבי יעקעלע ראדזימינער איז אין יענער צייט געווען מפורסם אלס גרויסער פועל ישועות, בפרט האט מען געקענט ביי איהם געהאלפען ווערען מיט קינדער. דער רבי, וועלכער האט אליין ניט געקענט קיין צורת מטבע, האט זיך אבער געהייסען באצאהלען פאר א ברכה זעהר פיל געלט. א הונדערטער איז געווען א קליינער פדיון אין ראדזימין. האט מען געשמועסט, אז אין ראדזימין געפינען זיך „פעסלעך מיט גאלד", און אז דער רבי טהיילט צדקה, צעהלט ער גאר ניט, — ער שטעקט אריין די האנט אין פעסעל, נעהמט ארויס א הויפען גאלדענע און זילבערנע מטבעות און דערלאנגט עס דעם מקבל...

אין פשיסכא איז רבי יעקעלע געווען דער יונגסטער פון די תלמידים. קיינער האט זיך אויף איהם אפילו ניט אומגעקוקט. אבער ביי דער רביצין איז ער געווען דער זעלבער חשוב'ער ווי די גדולים, וואס האבען שוין אין פשיסכא געהאט א נאמען. דערפאר איז דער ראדזימינער תמיד געווען דאנקבאר דער רביצין, וועלכע האט איהם, אין די יונגע יאהרען מקרב געווען.

געווען איז עס רעגען צייט. די אלטע רביצין האט זיך איינגעוויקעלט אין איהרע שובעס און טיכער, געדונגען א פוהרעל און געלאזט זיך אין וועג אריין קיין ראדזימין.

דער וועג איז געווען א שווערער, אפט זיינען געפאלען רעגענס, וואס האבען פארוואנדעלט די זאמדיגע וועגען אין זומפען. דער רעגען האט זיך איינגעגעסען אין די ביינער, אבער די אלטע רביצין האט זיך נישט געמאכט דערווים. זי האט געוואלט וואס גיכער קומען צום ציעל.

נישט ווייט פון ראדזימין האט זיך צעבראכען אן אקס פון דעם פוהרל. דער בעל עגלה האט דעריבער איבערגעלאזט זיין פאסאזשיר אין פעלד,

און אליין געלאָזט זיך אין שטאָט אריין אויפצוזוכען א בעל מלאכה, וועלכער זאָל צופאסען די אקס.

דערווייל איז צוגעפאלען די נאכט. א שטארקער רעגען האָט גענומען פאלען. די זקנה האָט געפיהלט, אז אויב זי וועט פארבלייבען אויף דער אָפען־נער פוהר אין פעלד, וועט זי ממש אויסגעהן פון קעלט און נאסקייט. האָט זי באשלאָסען צו געהן אין דער ריכטונג פון דער שטאָט, כדי אריינצובאקומען זיך אונטער א דאך.

געהט זי אזוי, געשטיצט אויף איהר שטעקען, שעהנע עטליכע שעה, ביז זי דערגרייכט צו א שטיבעל, וואָס געפינט זיך אויף א פלאץ וואָס איז ספק־דאָרף, ספק־שטאָט. דערשלעפט זי זיך קוים צום דאָזיגען שטיבעל, פון וואנען עס רייסט זיך ארויס א קארגע שיין פון א ליכטעל און קלאפט אָן אין טיר.

לאנג דויערט עס, ביז עס הערט זיך א וויינענדיגע שטימע פון אינע־וועניג.

— ווער איז עס, ווער קלאפט עס אזוי שפעט אין דער נאכט?

— עפענט למען השם, עפענט, און קויפט אייך א מצוה, אן אלטע אידענע בין איך, און טאָמער לאָזט איהר מיך נישט אריין אונטער׳ן דאך, וועל איך דאָ, חס ושלום, אויסגעהן ביי אייער שוועל...

די טיר ווערט געעפענט מיט א סקריפ און א יונגע פרוי באווייזט זיך און רופט אויס:

— באבעשי קרוין, געהט אייך געזונטערהייט, מיר וואוינען אין איין שטיבעל, מיין מאן איז א שומר אין וואלד און אין שטיבעל ליגט א קינד און ראנגעלט זיך מיט׳ן טויט. דער רופא האָט עס אָבגעזאָגט דאָס לעבען. אויך דער הייליגער צדיק פון ראדזימין האָט א מאך געטאָן מיט דער האנט. וואָס דארפט איהר זיין דערביי ווי מיין אָרים קינד וועט אויסהויכען די נשמה?...

— רעדט נישט אזוי, טאָכטערשי, א אידיש קינד טאָר זיך נישט מייאש זיין. איך זאָג אייך צו, אז דערפאר, וואָס איהר וועט מיך אריינלאָזען איבערזיצען די נאכט, וועט דאָס קינד האָבען א רפואה. איך וועל עס אויס־פועל׳ן ביים ראדזימינער. איך האָב ביי איהם א שטיקעל חשיבות, איהר מעגט מיר גלויבען, און איך זאָג אייך שוין צו א רפואה שלימה אויף זיין קאָנטאָ..

דערהערט אזעלכע דבורים, האָט די פרוי געמאכט אן אָרט אין איהר אָרים שטיבעל פאר דער אלטיטשקער. די פשיסכער רביצין, הגם זי איז געווען מיעד און מאט פון לאנגען וועג, האָט אָבער זיך נישט צוגעשפארט. א גאנ־צע נאכט געוואכט ביים קראנקען קינד, און ווי נאָר עס איז טאָג געוואָרען, איז זי אוועק אין הויף פון רבי׳ן.

גלייך ווי דער רבי האָט איהר דערזעהן, האָט ער זיך אויפגעשטעלט פון זיין אָרט און אויסגערופען:

— אה, אזא חשוב׳ער גאסט, דעם הייליגען רבינ׳ס ווייב, זעצט אייך, פשיסכער רביצין, אזוי פריה האָט איהר זיך מטריח געווען צו אונז?...

—יאָ, אזוי פריה, ווייל איך האָב אויף אייער קאנטא צוגעזאָגט א ישועה פאר א קינד, וואָס איז, ר״ל, א נוטה למות. דעריבער בין איך געקומען צו אייך, נאָך פאר׳ן דאווענען. דערביי האָט זי דערצעהלט דעם רבי׳ן, דאָס וואָס האָט מיט איהר פאסירט אין דער פאָריגער נאכט.

— אויסהערענדיג די געשיכטע האָט דער ראדזימינער זיך ווידער אויפגעשטעלט פון זיין אָרט און געזאָגט מיט א פייערליכער שטימע:

— די רביצין פון פשיסכא, וועמענס זכותים אין הימעל זיינען אזוי גרויס, דארף נישט אָנקומען צו אונז. זי קען אויס׳פועל׳ען א ישועה אויף איהר אייגענעם חשבון. און ווען איהר האָט צוגעזאָגט, אז דאָס קינד וועט האָבען א רפואה שלימה, בין איך בטוח, אז עס וועט מקוים ווערען. געהערט א ביסעל, אויף מיין קאנטא האָט זי עס באדארפט שטעלען, די רביצין פון פשיסכא, אויף מיין אָרימער קאנטא, וואָס איז אזוי שטארק אויסגענוצט...

די פשיסכער רביצין האָט שוין מעהר נישט פארלאָזט דאָס הויז פון ראדזימינער רבי׳ן, וואו זי האָט זיך אָבגערוהט פון דער לאנגער נסיעה, און וואו זי האָט אויך באקומען די דריי הונדערט רובל, וואָס זי האָט נויטיג געהאט פאר דער אָרימער קראנקער פרוי. און ווען זי איז פאָרענדיג צוריק אהיים, פארבייגעפאָהרען דאָס הייזעל פון וואלד־שומר, איז זי אויסגעשטיגען, כדי צו דערוויסען זיך, וואָס דאָס קראנקע קינד מאכט, האָט זי עס געטראָפען געזונט און פריש, שפּילענדיג זיך מיט די אנדערע קינדער. די אלטע רביצין האָט זיך זעהר געפרייט מיט׳ן קינד, וואָס זי האָט ארויסגעריסען פון די ציינער פון מלאך המות, און געווינשען עס אריכת ימים.

אַ „מתנה״ פאַר׳ן רבי׳ן...

איינער פון די אריגינעלסטע און מערקווירדיגסטע חסידישע מנהיגים אין אלטען פוילען איז געווען דער רבי ר׳ דוד׳ל פון לעלוב זצ״ל.

דאָס איז געווען א פאָלקס־רבי אין בוכשטעבליכען זין פון וואָרט. זיין גאנצע עובדה איז נאָר געווען צו העלפען און צו טרייסטען; צו לינדערען די נויט פון א צווייטען; צו פארלייכטערען די יסורים און אריינברענגען

אין די הערצער פון די פארצוגטע אביסעל שמחה און פרעהליכקייט.

און נישט נאר א אידען איז ער גרייט געווען צו העלפען, נאר אויך א ניט־אידען. יעדע באשעפעניש, וואס גאט האט באשאפען האט זיך פאר־דינט זיין רחמנות. פון צייט צו צייט פלעגט ער ארויסגעהן, אין א מארק־טאג, ווען זיין שטעטעל איז פול געווען מיט פויערישע וועגענער, געשפאנט מיט פערד, און אזוי ווי די פערד פלעגען זיך אפט פארפלאנטערען מיט די לייצעס, פארוויקלען זיך, און נישט קענען דערלאנגען צום ביסעל האבער, וואס דער פויער האט אנגעגרייט איידער ער איז אוועק אין שענק מאכען א כוס'ע, — האט דער גרויסער צדיק זיך מטפל געווען מיט די פערד, באפרייט זיי פון פלאנטער און געהאלפען זיי צו דערגרייכען דאס זעקעל האבער...

געשטאמט האט ער פון זעהר פשוט'ע אבער גאטספארכטיגע עלטערען, דארפסלייט. זיין פאטער ר' שלמה, האט געהאלטען א קרעטשמע אין א דארף נעבען לעלוב. אבער ר' דוד'ל האט שוין פון פריהסטער יוגענט זיך אויסגעצייכענט מיט דער מידה פון רחמנות און גוטהארציגקייט, און דאס האט איהם געבראכט צו ווערען איינער פון די גדולי החסידות אין פוילען, — דער מחותן פון איד הקדוש זצ"ל.

חסידים דערצעהלען, אז ווען די צוויי הייליגע ברידער, דער רבי ר' אלימלך פון ליזענסק און דער רבי ר' זושע פון אניפאלי האבען אבגעריכט גלות, זיינען זיי אמאל פארבייגעגאנגען דאס דארף וואו ר' שלמה, דעם לעלעווער'ס פאטער, האט געהאלטען די קרעטשמע, זיינען זיי אריין אין קרעטשמע זיך אברוהען פון וועג. דער קרעטשמער איז נישט געווען אין דער היים. אויך די קרעטשמערקע איז ערגעץ וואו געווען פארנומען אויסער'ן הויז. אבער דער קליינער דוד'ל איז אנטקעגענגעלאפען די אורחים און זיי פארגעלעגט עסען און טרינקען, און אלץ וואס זיי דארפען.

די אויפפירונג פון דעם קינד, זיין גוטהארציגקייט און זיין אינטערע־סירען זיך מיט די פרעמדע אידען, האט אויף די צוויי באהאלטענע צדיקים געמאכט א גרויסען איינדרוק. זיי האבען שוין דעם קליינעם דוד'ל נישט אבגעלאזט פון זיך, אויסגעשמועסט זיך מיט איהם און דאס קינד האט אויף אלע פראגען געגעבען זעהר קלוגע ענטפערס.

אזוי שמועסענדיג מיט'ן קליינעם דוד'ל, איז אריינגעקומען די מוטער. דוד'ל איז איהר אנטקעגענגעלאפען מיט א שמחה און דערצעהלט, אז אורחים זיינען געקומען און מען דארף זיי צוגרייטען עפעס צו עסען. די קרעטשמערקע האט צוגעגרייט ווארימעס און דערלאנגט די צוויי אומבאקאנטע אידען א סעודה פון מילכיגס, ווי דער שטייגער איז אויפ'ן דארף.

בשעת'ן עסען האבען די הייליגע ברידער געבעטען די פרוי זי זאל

עפּעס דערצעהלען וועגען איהר מאַן. די פרוי האָט דערציילט, אַז איהר מאַן איז אַ פּשוט׳ער אָבער עהרליכער איד און זי האָט זיך געוואונדערט, וואָס די אורחים שטעלען אַזאַ מין פראַגע.

— מיר ווילען וויסען, ווי אַזוי אייער מאַן איז זיך נוהג אין מסחר, אין זיינע באַציהונגען מיט מענשען, ווי אַזוי ער פיהרט זיך ביים עסען און ביים דאַווענען, און בכלל זיין גאַנצע התנהגות.

— איך זאָג אייך נאָך אַמאָל, אַז מיין מאַן פירט זיך נישט אַנדערש ווי אַלע אידען. איך זעה נישט ביי איהם, נישט קיין צו גרויסע פרומקייט און נישט קיין אויסטערלישקייט. נאָר איינס קען איך אייך זאָגען, אַז יעדען שבת, ווען ער זינגט זמירות און קומט צום חרוז: „ויזכו לראות בנים ובני בנים, עוסקים בתורה ובמצוות לשמה״ — פאַרגעהט ער זיך אין גרויס התלהבות, ער צעוויינט זיך ווי יום כיפור ביי נעילה, שלאָגט זיך קאָפּ אין וואַנט, ברעכט די הענט און שרייט אויס:

„רבונו של עולם, זיי מיך מזכה מיט אַ זוהן — אַן עהרליכען אידען״. טיילמאָל דערגעהט עס אַזוי וויט אַז ער פאַלט ממש אין חלשות, און איך דאַרף איהם דערמונטערען...

ביידע באַהאַלטענע צדיקים האָבען זיך איבערגעקוקט און גערעדט צו זיך: אויב אַזוי איז שוין רעכט, וואָס ער האָט זוכה געווען צו אַזאַ הייליג קינד.

שוין אַלס קינד האָט ער זיך געפירט מיט אויסטערלישער פרומקייט, און אַלס גאָר יונגער מאַן האָט ער זוכה געווען צו גלוי אליהו, ווי ער האָט עס שפּעטער דערצעהלט, צו זיין תלמיד רבי יצחק וואָרקער זצ״ל.

חתונה געהאַט האָט ער גאַנץ יונג. זיין שווער האָט אויך געוואוינט אויפ׳ן דאָרף, געהאַלטען אַ קרעטשמע, און ער גופא האָט עוסק געווען אין תעניות און סיגופים. גאַנצע טעג און נעכט געזעסען אין בית מדרש פון שכנות׳דיגען שטעטעל, גאַנץ אָפּט זיך געטובל׳ט אין פאַרפראָרענעם טייך ווינ־טער צייט, אַזוי אַז דער שווער האָט נישט געהאַט פון איהם קיין נחת...

דאַמאָלס האָט אין יענע מקומות אויפגעשפּראָצט דאָס ליכט פון חסידות, און רבי דוד׳ל האָט שטאַרק חשק געהאַט צו זעהן דעם צדיק הדור, דעם רבי׳ן רבי אלימלך, וועלכער האָט שוין דאַמאָלס געפירט דעם ברייטען חסידישען שטאַט אין דער שטאָט ליזענסק, און ער איז געוואָרען אַ חסיד פון רבי׳ן ר׳ אלימלך.

איינמאָל, פאַר פסח, האָט איהם אָנגענומען אַ גרויס חשקות צו פאָרען קיין ליזענסק, בכדי צו זעהן ווי אַזוי דער רבי באַקט מצות, פּראַוועט דעם סדר, און בכלל ווי אַזוי ער איז זיך נוהג אום פסח. אָרים איז ער געווען, קיין געלד האָט ער נישט געהאַט. דער שווער, דער מתנגד, האָט איהם אודאי

נישט געוואָלט געבען קיין געלד פאר דעם צוועק, האָט ער באשלאָסען צו געהן צופוס פון לעלוב, וואָס איז נעבען פיעטריקאוו, ביז ליזענסק, — גאָר א גרויסער מהלך.

אָבער ווי קומט מען עס צום רבי׳ן אָהן א מתנה, מיט ליידיגע הענט? — האָט ער זיך מיישב געווען — ער וועט אויסשניצען פון האָלץ צוויי לאָפּאטעס, וואָס זיינען נויטיג צום מצות באַקען, און וועט די לאָפּאטעס ברענגען דעם רבי׳ן א מתנה...

האָט רבי דוד׳ל עטליכע טעג צייט עוסק געווען אין דער דאָזיגער עבודה, ביז ער האָט אויסגעשניצט צוויי פיינע לאָפּאטעס, וועלכע ער האָט אָנגעלאָדען אויף די פּלייצעס, און געלאָזט זיך אין וועג.

ווייזט אויס, אז דאָס איז נישט געווען דאָס ערשטע מאָל, וואָס ער האָט דורכגעמאכט דעם דאָזיגען וועג צופוס. ער איז ארויס פון דער היים תיכף נאָך פּורים, כדי אָנצוקומען קיין ליזענסק צו דער רעכטער צייט, איידער דער רבי טרעט צו צום מצות באַקען.

דער גאנצער וועג איז אריבער כשורה. געוואוסט האָט ער, אז צווישען צויזמיר און ראזוואדאוו איז פאראן א וואלד, וואָס פירט צום שטעטעל ליסקא, וואָס איז נעבען ליזענסק, און אז מען געהט דורך דעם וואלד פאר־שפּאָרט מען א סך וועג. האָט זיך אונזער וואנדערער געלאָזט אין דאָזיגען וואלד, מיט די צוויי שווערע לאָפּאטעס אויף די פּלייצעס, כדי וואָס גיכער צו דערגרייכען ליזענסק.

זייענדיג אָבער פארטאָן אין זיינע מחשבות, און זייענדיג זיך מכין צו באגעגענען דעם הייליגען רבי׳ן ר׳ אלימלך, האָט ער פארבלאָנדזשעט פון דעם וועג, וואָס האָט איבער׳ן וואלד געפירט קיין ליסקא. און ווען ער האָט ערוואכט פון זיינע געדאנקען, האָט רבי דוד׳ל זיך ארומגעזעהן, אז ער געפינט זיך אין אזא געדיכטעניש, אז עס איז נישטאָ פון דאָרט קיין אויסוועג. ער האָט אָנגעהויבען שפּרייזען אין א באשטימטער ריכטונג, געהן מיט אלע כחות, אָבער נאָכ׳ן אָבגעהן עטליכע שעה, האָט ער אויסגעפונען, דאָס ער געפינט זיך אלץ אויפ׳ן זעלבען פּלאַץ, ווארום ער האָט דעם פּלאַץ ארומגע־קרייזט און איז ווידער צוגעקומען צו דעם זעלבען פּונקט.

האָט ער גענומען געהן אין אן אנדער ריכטונג, אָבער נאָך עטליכע שעה וואנדערען, איז ווידער אויסגעקומען דאָס זעלבע...

דערווייל איז צוגעפאלען די נאכט. אין ווילדען וואלד אליין. פארשי־דענע וואלד־חיות האָבען זיך צעברומט, און דאָ געפינט זיך אין דערמיט דער יונגער רבי דוד׳ל, מיט די צוויי לאָפּאטעס אין ביידע הענט, מיט׳ן

טלית און תפילין אויף די פּלייצעס און ווייסט נישט פון וואנען עס וועט צו איהם קומען די ישועה...

וואָס טוט א פרומער יונגערמאַן אין אזא לאַגע? הויבט ער אָן מתפּלל צו זיין צום רבונו של עולם, אויס׳טענה׳ען זיך מיט איהם, אז ער ווייסט דאָך וואויל זיין כוונה, דאָס נישט צוליב איינגענוצען, אָדער צוליב וועלטליכע תענוגים האָט ער זיך געלאָזט אויף דעם דאָזיגען מסוכנ׳דיגען וועג, נאָר כדי צו דערגרייכען דעת ד׳, כדי צו געפינען זיך אין דער סביבה פון צדיק הדור און צו לערנען פון איהם, פון זיינע דרכים. און אזוי האָט ער מתפּלל געווען מיט גרויס געוויין, מיט הארצרייסענדע בכיות.

פּלוצלונג דערהערט ער פון ווייטענס א שטימע פון א מענשען. דער מענש האָט זיך אַלץ מעהר דערנעהנטערט צו איהם, ביז ער האָט איהם דערזעהן טראָץ דער פינסטערניש. דאָס איז געווען א הויכער מאַן, אָנגעטאָן אין א שעפּסען פּעלצעל, ארומגענומען מיט א לעדערנעם פּאַס, וועלכער האָט מיט א מילדער שטים א זאָג געטאָן צו איהם:

— מיין קינד, וואָס וויינסטו?

אין תחילת האָט ער זיך דערשראָקען פאַר דעם פרעמדען מאַן, אָבער זיין מילדע שטימע און בכלל זיין אויסזעהן, האָט איהם ערמוטיגט און ער האָט געענטפערט:

—פאַרוואָס זאָל איך נישט וויינען, אז שוין עטליכע מאָל ווי איך געה דורך דעם דאָזיגען וואלד אויפ׳ן וועג קיין ליזענסק, צום צדיק הדור. אלעמאָל איז דער וועג אריבער גלאַטיג, אָהן שום שטרויכלונגען. און גראַד איצט, ווען איך איל מיך אזוי, ווען איך שטרעב צו קומען קיין ליזענסק אין צייט, איידער רבי טרעט צו מצות באַקען, וויל איך פיהר דאָך פאַר איהם א מתנה, צוויי לאָפּאַטעס, וואָס זיינען נויטיג צו די מצות ביים באַקען, — האָב איך פאַרבלאָנדזשעט און איך געפין נישט קיין אויסוועג.

— נו, זיי זיך נישט מצער, קום, איך וועל דיר ארויספירען צום וועג. און אזוי ווי עס דיר שווער צו טראָגען ביידע העלצער, גיב מיר איינעם, וועל איך דיר העלפען טראָגען, וועט דיר זיין לייכטער.

— אָה, ניין, דאָס נישט! די לאָפּאַטעס וועל איך פון מיין האנט נישט ארויסגעבען, כדי צו קענען פאַרזיכערען דעם רבי׳ן, אז זיי זיינען פריי פון א חשש חמץ. און אזא פאַרזיכערונג וועל איך נישט קענען געבען, ווען איך וועל איינע פון די לאָפּאַטעס ארויסגעבען פון דער האנט.

זיינען זיי ביידע געגאַנגען א קורצע ווייל. פּלוצלונג האָט רבי דוד׳ל זיך דערזעהן אין ליזענסק, אין געסעל, וואָס פירט צום רבינ׳ס הויף. אָבער איידער דער מאַן איז אוועק זיין וועג, האָט ער צו איהם געזאָגט:

—איידער מיר געזעגענען זיך, וועל איך דיר זאָגן צוויי זאכען, וואָס דו דארפסט תמיד געדענקען, און דאָס וועט פאר דיר זיין פון גרויסען נוצען אין אידישקייט, אין עבודת הבורא:

ערשטענס איז א כלל, אז ווען מען וויל צוזאמענהעפטען צוויי העלצער, צוויי ברעטער, מוז מען פריהער אויסשניידען די סענקעס און די קרומקייטען, וואָס געפינען זיך אין האָלץ, און ערשט ווען אלע קרומקייטען זיינען באזייטיגט, קען מען ביידע העלצער מחבר זיין, אז זיי זאָלען ווערען ווי איינס...

צווייטענס, זאָלסטו וויסען א כלל: איידער אין יענעם אריינצוקוקען, איז בעסער פון זיך נישט ארויסצוקוקען...

אָט די צוויי כללים זאָלסטו תמיד געדענקען און איצט געה מיר געזונטערהייט!

אזוי ריידענדיג איז דער מאן פארשוואונדען, און רבי דוד'ל האָט געאיילט אין בית מדרש פון רבי'ן מיט די צוויי לאָפּאטעס, — די מתנה וואָס ער האָט געבראכט פאר זיין רבי'ן...

מיט יאָהרען שפּעטער, ווען רבי דוד'ל לעלעווער איז שוין געווען איינער פון די גדולי הדור מיט טויזענטער אָנהענגער, מיט תלמידים גדולי ישראל, האָט ער אויף א שמחה דערצעהלט זיין פריינד און תלמיד רבי יצחק'ל ווארקער די דאָזיגע געשיכטע און אויסגעפירט און זיין לשון:

—פארוואהר, אז דער מאן איז געווען אליהו הנביא.

רבי דוד'ל לעלעווער האָט אויך משפּיע געווען אויף רבי בונם פּשיסכער, ער זאָל פארלאָזען זיינע וואָכעדיגע באשעפטיגונגען און זיין אפטייק, און זיך באהעפטען צו די צדיקי הדור און דאָס האָט דערפירט דערצו, אז ער איז אויסגעוואָקסען אלס דער גרויסער רבי ר' בונם.

זיין זוהן רבי משה, דעם איידעם פון איד הקדוש, איז געווען א קדוש עליון. אָבער ער האָט זיך נישט געקענט דערהאלטען אין גלות, און באשלאָסען עולה צו זיין קיין ארץ ישראל.

פאר'ן אָפּפאָהרען האָט ער באזוכט א רייהע גדולי הדור, כדי צו נעמען פון זיי אָבשיעד. זייענדיג ביים ריזשינער צדיק, האָט דער ריזשינער א זאָג געטאָן:

— פוילישע נאראָנים, זיי האָבען ביי זיך אזא אור, און לאָזען איהם פארלאָזען דאָס לאנד...

אין ירושלים האָט ער געוואוינט אין דער אלטער שטאָט, נעבען דער ריזשינער שוהל. אָבער ער האָט געלעבט נישט מעהר ווי 71 טעג, לויט די צאָהל יאָהרען זיינע, זייענדיג מתקן מיט א טאָג לעבען אין ארץ ישראל — א יאָהר לעבען אין חוץ לארץ...

אַ טובה פאַר אַ טובה...

פאַרגעקומען איז עס אין די יונגע יאָהרען פון רבי דוד'ל לעלעווער זצ"ל. ווי באַקאַנט איז דער לעלעווער רבי אין זיין פריהסטער יוגענד געווען אַ תלמיד פון רבי'ן ר' אלימלך פון ליזענסק, און פון צייט צו צייט, ווען עס פלעגט איהם באַהערשען אַ בענקשאַפט צו זיין רבי'ן, האָט ער זיך אויפגעהויבען פון זיין פּלאַץ אין בית המדרש, גענומען דעם טלית און תפילין מיט עטליכע ספרים און אַ זעקעל און געלאָזט זיך אויפ'ן וועג קיין ליזענסק.

איינמאָל, בעת אַזאַ „שפּאַציר־גאַנג" קיין ליזענסק, זעהט ער, ווי עס פאָרט אַ רייכער אידישער סוחר אין זיין אייגענער קאַטש, געשפּאַנט אין אַ פּאָר פייערדיגע פערד, אין דער זעלבער ריכטונג וואָס פירט קיין ליזענסק.

ר' דוד'ל האָט גלייך דערקענט, אַז דאָס איז דער באַוואוסטער ר' לייב, אַ גרויסער מיליטערישער פּאַדראַטשיק פון וואַרשאַ, וועלכער איז אויך געווען אַן אָנהענגער פון ליזענסקער, און ער האָט זיך נוהג געווען, אַז נאָכדעם ווי ער פלעגט שליסען אַ געשעפט פלעגט ער פאָהרען צום רבי'ן, כדי צו באַקומען אַ ברכה.

רבי דוד'ל האָט זיך שטאַרק דערפרעהט מיט דער דאָזיגער באַגעגעניש. האָט ער אָפּגעשטעלט די קאַטש און אַ'זאָג געטאָן:

—ר' לייב וואַרשאַווער, איר פאָרט דאָך אודאי קיין ליזענסק, זייט זשע אַזוי גוט און נעמט מיך מיט אויף אייער קאַטש, אויך איך געה קיין ליזענסק.

ר' לייב האָט אָפּגעשטעלט די קאַטש, אַריינגענומען דעם אומבאַקאַנטען יונגערמאַן, און פאַרפירט מיט איהם אַ שמועס:

—וואָס טוט אַזאַ יונגערמאַן אין ליזענסק, צו־וואָס איז ער מבטל פון לערנען צוליעב אַזאַ נסיעה?

—ס'הייסט צוליב וואָס? — צוליב חסידות, צוליב עבודת הבורא — האָט ר' דוד'ל געענטפערט.

— אָבער אַזאַ יונגערמאַן דאַרף נאָך לערנען גמרא מיט תוספות, און נישט פאַרדרעהען זיך דעם קאָפּ מיט חסידות. דאָס איז אויך מעשה „בעל דבר" וואָס איז מבטל יונגעלייט פון לערנען. און זאָג מיר, פון וואָס איז זיך מפרנס דיין בני בית אין דער צייט, ווען דו דרעהסט זיך אַרום פוסט און פאַסט און שוועבסט, כלומרשט, אין די הויכע עולמות?...

— השי"ת פאַלאָזט זיי ניט...

— דאָס איז בפירוש אַ פאַרברעכען. אַזאַ יונגערמאַן, אַן עני ואביון, דאַרף זוכען אַ מלמדות, כדי מפרנס צו זיין ווייב און קינדער. סיידען, אַז

דו ביסט נעבאך אן עם הארץ, און דו טויגסט אפילו ניט צו קיין מלמדות...

אזוי האָט דער גביר כסדר באַליידיגט און דערנידעריגט רבי דוד׳לען, ביז זיי זיינען אָנגעקומען קיין ליזענסק. ערשט זעהענדיג ווי די „יושבים" האָבען זיך מיט איהם ארומגעכאפּט, האָט ר׳ לייב אָנגעהויבען קוקען מיט אנדערע אויגען אויף רבי דוד׳לען, חרטה געהאט אויף זיינע רייד און צו איהם געזאָגט:

— איך קלייב זיך, אי״ה, מאָרגען צוריקפאָרען, איז אויב איהר ווילט וועל איך אייך מיטנעמען.

דער נגיד איז גלייך אריין צום רבי׳ן. פארבראכט דאָרט א קורצע צייט און ארויסגעקומען. דאגעגען רבי דוד׳ל האָט געהאלטען, אז איידער מען געהט אריין מקבל שלום ביים רבי׳ן, דארף מען האָבען א הכנה, מען דארף מפשפש־במעשים זיין, תשובה טאָן, אויפהויבען זיך אביסעל העכער פון דעם אלטעגליכען. האָט ער זיך ארומגעדרעהט איבערן בית המדרש עטליכע שעה א פאר׳מוח׳טער, און דער נגיד האָט פון איהם קיין אויג ניט אראָפּגענומען. ענדליך איז ער אריין צום רבי׳ן און דאָרט פארבראכט גאנצע צוויי שעה.

ארויסקומענדיג, איז רבי דוד׳ל גלייך צוגעגאנגען צו ר׳ לייב׳ן און צו איהם א זאָג געטאָן:

— איהר דארפט אויף מיר נישט ווארטען, ווייל איך וועל זיך דאָ אויפהאלטען א לענגערע צייט. איהר פאָרט זיך געזונטערהייט. און אויב איהר וועט אויפ׳ן וועג הערען עפּעס א הילפס־רוף, זאָלט איהר פאָהרען אין דער ריכטונג פון געשריי און איהר זאָלט שכל האָבען וואָס צו טאָן...

דער דאָזיגער אָנזאָג איז ר׳ לייב׳ן גוט אריין אין קאָפּ. ער האָט שוין פארשטאנען, אז דאָס איז ניט קיין פּשוט׳ער יונגערמאן, און ער האָט טיף באדויערט, וואָס ער האָט איהם „ארייגעזאָגט" אויפ׳ן וועג קיין ליזענסק.

פאָהרט זיך אזוי אונזער ר׳ לייב מיט זיין קאָטש זיין וועג. פון ביידע זייטען איז וואלד און נאָר א שמאָלער וועג שניידט איהם דורך אין דערמיט. פּלוצלונג דערטראָגט זיך צו איהם א יאָמערליך געשריי פון דער טיפעניש פון וואלד. דערמאָנט זיך ר׳ לייב די ווערטער פון דעם יונגערמאן, און טרייבט זיינע פערד אין וואלד אריין, אין דער ריכטונג פון דעם הילפס־רוף.

ענדליך דערגרייכט ער צו זומפּ און ער זעהט, ווי איינער א פּריץ, איז פארזונקען אין זומפּ צוזאמען מיט זיין פערד, און ער זינקט וואָס אמאָל אלץ טיפער און טיפער, און נאָך א ווייל׳ע ווערט ער דערטרונקען.

טראכט ניט לאנג ר׳ לייב, פארוואָרפט א שטריק ארום דעם מאן און

נעמט איהם ציהען צו זיך מיט אלע כחות, ביז עס געלינגט איהם ארויס־צושלעפען פון דער זומפּ.

דאן האָט ר׳ לייב דעם פּריץ אריינגענומען אין זיין קאָטש, אראָפּגע־צויגען פון איהם די שמוציגע קליידער, ארויפגעוואָרפען אויף איהם זיינע מלבושים, געגעבען איהם צו טרינקען א שפּאָר ביסעל בראנפען, ביז ער איז ענדליך געקומען צו זיך.

ערשט דאן האָט דער פּריץ דערציילט, אז ער האָט זיך באטייליגט אין יאגד אין דעם וואלד, צוזאמען מיט א גרופּע פריינד, און יאָגענדיג זיך נאָך א ווילדען חזיר האָט ער פארבלאָנדזשעט, און ווען גאָט שיקט איהם נישט צו, וואָלט שוין געווען נאָך איהם...

ר׳ לייב האָט דעם געראטעוועטען פּריץ צוגעפירט אין פּריצישען הויף, וואָס האָט זיך געפונען נישט ווייט. דאָרט האָט ער באקומען די נויטיגע הילף, און פאר׳ן אָפּשייד האָט דער פּריץ צו איהם א זאָג געטאָן:

— טייערער מענש, מיט וואָס זאָל איך אייך אָפּדינען פאר אייער גרויסער הילף. זאָגט וואָס איהר פארלאנגט, איך בין אייך גרייט אלץ צו געבען!

— איך נויטיג זיך נישט אין קיין שום באלוינונג. די העכסטע באלוי־נונג איז פאר מיר דער פאקט, וואָס איך האָב געראטעוועט א מענשען פון א זיכערען טויט. איך בין א פארמעגליכער סוחר און איך נויטיג זיך נישט אין קיין זאך.

— אָבער גיט מיר אייער נאָמען, אייער אדרעס. מאלע וואָס עס מאכט זיך מיט א מענשען. אָט האָט איהר אויך מיין נאָמען און אדרעס. תמיד בין איך צו אייער דינסט.

ביידע האָבען זיך געביטען מיט די אדרעסן. און ר׳ לייב האָט זיך געלאָזט אין וועג אריין. אָבער גלייך ווי ער האָט פארלאָזט דעם פּריצישען הויף, האָט ער צעריסען דעם אדרעס, טראכטענדיג ביי זיך, אז ער וועט קיינמאָל נישט דארפען אָנקומען צו די טובות פון דעם אומבאקאנטען פּריץ...

עטליכע יאָהר זיינען אריבער און דאָס ראָד פון הצלחה האָט זיך ביי ר׳ לייב׳ן איבערגעדרעהט. עס האָט איהם אָנגעהויבען געהן מיט דער פּוטער אראָפּ. וואָס ער האָט נישט געטאָן, האָט ער אלץ נישט מצליח געווען. אויסער דעם האָט מען געגען איהם אויסגעטראכט א בלבול, אז ער האָט באשווינדעלט דאָס מלכות, פארוואָס עס האָט איהם געדראָהט מיט לאנג־יאָהריגער תפיסה. האָט ר׳ לייב באשלאָסען אין דער שטיל צו פארקויפען זיין הויז, זיינע גיטער און אלץ וואָס ער האָט פארמאָגט, און אריבערצופּעקלען מיט זיין הויז־געזינד אויף יענער זייט גרעניץ, קיין קראקא.

דערווייל איז אויך זיין רבי, דער ליזענסקער, נסתלק געוואָרען, און

קיין אנדערן רבין האָט ער זיך נישט געקענט צוקליבען, האָט ער אפילו ניט געהאַט פאַר וועמען אויסצוגיסען זיין ביטער הארץ, פרעגען אן עצה וואָס ער זאָל טאָן, כדי דאָס מזל, וואָס האָט זיך פון איהם אָפּגעטאָן, זאָל פאַר איהם צוריק אויפשיינען.

אין קראָקאָ האָט ער זיך גענומען צו פאַרשידענע מסחרים, אָבער אַלץ אָהן דער מינדעסטער הצלחה. אויך דאָ האָט ער געזוכט צו באַקומען רעגי־רונגס־באַשטעלונגען, ליפערונגען, ווייל ער איז געווען אַ גרויסער פאַכמאַן ביים בויען בריקען, וועגען און אנדערע אונטערנעמונגען אין גרויסען פאַרנעם. אָבער אָבער דאָרט זיינען געווען פריהערדיגע פאַר איהם, און מען האָט איהם פּשוט נישט צוגעלאָזט צו קיין שום געשעפט.

איינמאָל איז פאָרגעקומען אַ גרויסע ליציטאַציע (אָקשען) פאַר אַ גאַר גרויסער מלוכה־אונטערנעמונג, און ר׳ לייב האָט געהאַלטען ביי זיך, אַז קיינער וועט די ארבייט נישט קענען דורכפירען ווי ער. האָט ער צונויפגע־נומען דאָס גאַנצע ביסעל באַר־געלד, וואָס ער האָט נאָך פאַרמאָגט, און איז אַוועק צו דער ליציטאַציע.

דער שטייגער איז, אַז ווען מען רופט אָן אַ סומע, פאַר וועלכער מען איז גרייט אויסצופירען די ארבייט, מוז מען איינלייגען אַלס אַן „אַדערויף״ צעהן פּראָצענט פון דער סומע. ר׳ לייב איז אריין אין פלאַץ, אָנגערופען אַ סומע, וואָס די אנדערע האָבען ניט געקענט נאָכקומען און מען האָט איהם טאַקע די ביזנעס צוגעזאָגט. אָבער ווען ער האָט געדאַרפט אונטערשרייבען די קאָנטראַקטען, איינצאָלען די 10 פּראָצענט, גיט ער זיך אַ כאַפּ אַז מען האָט איהם באַגנב׳ט, און ער האָט נישט דעם בייטעל מיט׳ן געלד...

מען האָט איהם גלייך ארויסגעוואָרפען פון דעם אמט מיט גרויס חרפּה. און ווען ער איז געקומען צו זיך, האָט ער פאַרשטאַנען, אַז ער האָט שוין נישט צו וואָס אהיימצוקומען צו זיין בני־בית און אַז עס קומט איהם אויס צו נייען זיך אַ טאָרבע, צו ווערען אַ בעטלער...

אָבער היות ווי אַ חסידישער איד איז ער פאָרט געווען, איז ער דאָך כמה יאָהרען געפאָהרען קיין ליזענסק, האָט ער אויף זיך מצדיק געווען את הדין און געזאָגט:

— רבונו של עולם, מסתמא איז דאָס אַלץ פון דיר באַשטימט, און אפשר איז עס אַ כּפּרה פאַר מיינע זינד? — איך בין עס מקבל באהבה...

האָט ער אָנגעהויבען געהן פון שטאָט צו שטעטעל, גענעכטיגט אין די „הקדשים״, געגעסען ביי פרעמדע טישען, געלעבט פון די נדבות, וואָס מען האָט איהם געשאָנקען. מיט דער צייט איז ער אַזוי צוגעוואוינט געוואָ־רען צו זיין נייער פּראָפעסיע, אַז ער האָט פאַרגעסען, אַז ער איז אַמאָל

געווען אן עושר, געשפּילט א ראָלע, און אז ער האָט ערגעץ וואו איבערגע־לאָזט א פאמיליע וועלכע האלט איהם פאר א געשטאָרבענעם...

צוגעוואוינענדיג זיך צו שנאָרעריי, האָט ער שוין ניט געוואוסט פון קיין גרעניץ. האָט ער זיך מיישב געווען, וואָס דאַרף ער זיך פּלאָגען איבער די אָרימע שטעטלעך, איז דאָך שוין גלייכער צו לאָזען זיך אין דער רייכער ווארשע, וואו אידען גיבען גיכער א נדבה; וואו עס זיינען פאראן אזויפיל שוהלען און בתי מדרשים, וואו אידען קומען זיך צוזאמען יעדען טאָג. אי די חרפה, וואָס מען וועט איהם דאָרט אפשר דערקענען אלס דעם אמאָליגען ר׳ לייב? — איז ערשטענס וועט מען איהם אין דעם איצטיגען הילוך סיי־ווי נישט דערקענען. צווייטענס, און אז מ׳וועט איהם דערקענען איז וואָס — ער האָט דאָך שוין סיי־ווי אויסגעטאָן דאָס שעהם־היטעל...

נאָך לאנגע וואנדערונגען האָט ר׳ לייב דערגרייכט ווארשע, אָנגעהויבען וואנדערען איבער די בתי מדרשים און ער איז געווען זעהר צופרידען. איינמאָל, געהענדיג אין גאס, זעהט ער ווי אויףביידע זייטען וועג שטעלען זיך אוים מענשען, מיט א סך פּאָליציי, צו האלטען אָרדנונג, און ער דערוויסט זיך, אז דאָס דאַרף דער ניי־באשטימטער גובערנאטאָר פארבייפאָרען אויפ׳ן וועג פון שלאָס צו א גרויסער צערעמאָניע.

בלייבט שוין ר׳ לייב אויך שטעהן. ווייל צוריקגעהן איז שוין נישט מעגליך צוליב דער ענגשאפט, אגב וועט ער אויך זעהן דעם פאראַד, וואָס קען עס דען איהם שאדען?

און אזוי שטעהענדיג פאָרט דורך דער גובערנאטאָר אין אן אָפענער קאָטש, ארומגערינגעלט פון זיין סוויטע און מיליטערלייט. דער גובערנאטאָר, א גראָהער מאן, שמייכעלט גוטמוטיג אויף די באגריסונגען, און קוקט זיך ארום אויף דעם עולם.

פּלוצלונג פאלט זיין בליק אויף ר׳ לייב׳ן. ער גיט א דרעה מיט׳ן קאָפּ, ווי איינער וואָס דערמאָנט זיך א גאָר וויכטיגען ענין. ער דרעהט זיך אוים צו זיין אדיוטאנט, שושקעט איהם עפּעס אריין אין אויער, אָנווייזענדיג אויף ר׳ לייב׳ן. עס ווערט געגעבען א פאראָרדנונג, און באלד וואקסען אוים צוויי פּאָליציי־לייט, גיבען א נעם דעם דערשראָקענעם אידען, האלטען איהם פעסט, זעצען איהם אריין אין א דראָשקע און פירען איהם אָפּ אין פאלאַץ פון גובערנאטאָר.

ר׳ לייב זיצט איינגעקורטשעט אין דרייען. ער ווייסט נישט וואָס עס קומט דאָ פאָר. מיט וואָס האָט ער עס זיך פארזינדיגט לגבי דעם גובערנאטאָר?

עס דויערט נישט לאנג, דער גובערנאטאָר קומט אריין אין צימער און רופט צו איהם אוים:

— זייט איהר עס דער געוועזענער פאדראטשיק לעוו אבראמאָוויטש?

— יאָ, איך בין עס, אָבער היינט בין איך א פשוט'ער בעטלער, ווייל איך האָב אלץ פארלאָרען!...

— און איהר דערקענט מיך נישט גאָספּאָדין, לעוו אבראמאָוויטש? — איך בין עס דאָך דער מאן, וועמען איהר האָט ארויסגעראטעוועט פון זומפ אין וואלד, און אייך האָב איך צו פארדאנקען מיין לעבען. איצט איז געקומען די צייט אייך אָפּצודינען פאר דעם. אָט האָט איהר א באנק־אָנווייזונג אויף דריי טויזענט רובעל און א פרייען צוטריט צום שלאָס, וואו איהר וועט באַקומען אלע מעגליכע פאדראטען. אָבער איצט געהט און פארשאפט אייך נייע מלבושים, ווייל איך וויל ניט אז אימיצער פון מיינע מענשען זאָל אייך זעהן אין אזא צושטאנד...

ווען ר' לייב איז צוריק געוואָרען דער פריהערדיגער ר' לייב, האָט ער געפילט א נחיצות צו פאָהרען צו א חסידישען רבי'ן, דורכריידען זיך מיט איהם, וואָס עס האָט מיט איהם פּאסירט. היות ווי דאמאָלט האָט געקלונגען דער נאָמען פון לעלעווער רבי'ן, איז ער געפאָהרען צו ר' דוד'לען.

ר' דוד'ל האָט איהם גלייך דערקענט און א זאָג געטאָן צו איהם:

— איהר געדענקט ווי איהר האָט מיך אמאָל אריינגענומען אין אייער קאָטש און מיך באליידיגט? — דאמאָלט איז אויף אייך נגזר געוואָרען מיתה ר"ל. אָבער, היות ווי איהר האָט מיר פאָרט געטאָן א טובה, האָבען מיר זיך איינגעשטעלט פאר אייך און געפועל'ט, אז איהר זאָלט אָפּקומען מיט אָרימקייט אויף א געוויסער צייט, און שפעטער זאָלט איהר צוריקקומען אויף אייער אמאָליגען שטאנד. אָבער פון היינט אָן, ר' לייב, זאָלט איהר זעהר נזהר זיין מיט ווערטער, ווייל נישט תמיד געשעהט א נס...

דער „חמדת שלמה" און דער קאָצקער רבי

דאָס איז געווען די אין ערשטע יאָהרען פון קאָצקער חסידות. דער קאָצקער רבי, רבי מענדעלע זצ"ל, האָט זיך נאָר וואָס געהאט אריבערגעטראָגען פון שטעטעל טאָמאַשאָוו קיין קאָצק, נעהענטער צו ווארשע, וואָס איז שוין אין יענע יאָהרען געווען א גרויסער חסידישער צענטער. קעסט־יונגעלייט האָבען פארלאָזען זייערע פרויען און קינדער אויף גאָט'ס בעראָט און זיך געוואלגערט אין קאָצק חדשים און יאָהרען. די פארביטערונג צווישען די אידישע מאסען איז געווען זעהר גרויס. אָבער דאָס האָט נישט געקענט

אפּרייסען די פייערדיגע חסידישע יונגעלייט פון זייער הייליגען רבין. זייענדיג א שטיקעל צייט אין קאָצק, זענען זיי געוואָרען אזוי אויסגעטאָן פון דער גאנצער וועלט, פון דער גשמיות, אז פונקט ווי דער רבי, האָבען זיי געהאלטען, אז „די וועלט שטינקט"... און אז „די גאנצע וועלט איז נישט ווערט, אז א איד זאָל איבער איהר א קרעכץ־טאָן"...

אין קאָצק האָט מען נישט געהאלטען פון קיין מופתים, אפילו נישט פון קיין לומדישע חריפות און שארפע פשט'לעך, — פון קיין זאך, וואָס זאָל ברענגען צו גאווה, צו זעלבסטצופרידענקייט...

אָבער דאָס האָט נאָך דעם קאָצקער רבי'ן נישט באפרידיגט. ער האָט זיינע חסידים גע'רודפ'ט, געהאלטען, אז זיי זענען נאָך צופיל פאר'גשמיות'ט.

„מיר האָבען געגלויבט צו האָבען בלויז הונדערט חסידים, וואָס זאָלען לגמרי נישט אין זינען האָבען, נישט זיך און נישט די וועלט, נאָר זיי זאָלען זיך ארומבינדען די לענדען מיט א גארטעל, צונויפגעפלאָכטען פון שטרוי און מיט א בלעטעל קרויט אויפ'ן קאָפּ אלס יארמולקע, און זאָלען ארומגעהן און שרייען: ד' הוא האלקים"...

מיר ווילען דאָ דערצעהלען אן אויסטערלישע מעשה פון קאָצקער רבי'ן, מיט וועלכער עס האָט לאנג געקלונגען אין דער גאנצער חסידישער וועלט:

דער באריהמטער, ערשטער ווארשאווער רב, רבי שלמה זלמן ליפשיץ, דער מחבר פון ספר „חמדת שלמה", זצ"ל האָט געהאט א בן יחיד, וואָס איז ביי איהם געווען טייערער ווי דאָס אויג אין קאָפּ.

ווען עס איז געקומען די צייט, ווען ער האָט זיך באדארפט שטעלען צום פריזיוו (מיליטער־פּרובונג), איז נישט געווען קיין שום עצה, ווי אזוי צו באפרייען איהם פון מיליטער. ער איז געווען א שעהנער, געזונטער בחור, הויך, שלאנק, געזונט אויף אלע אברים. בקיצור, א טויגליכער זעלנער.

דער ווארשאווער רב האָט אָבער נישט געוואָלט, אז זיין בן יחיד זאָל אריינפאלען צו פאָניען אין די הענט. האָט ער דעריבער מפרסם געווען צווישען זיינע נאָהענטע, אז ווער עס וועט זיך משתדל זיין און עס וועט איהם געלונגען צו באפרייען זיין בן יחיד פון פאָניע'ס הענד, — דער וועט זוכה זיין צו באקומען איהם אלס איידעם פאר זיין טאָכטער...

און בעלנים זיך משדך צו זיין מיט'ן ווארשאווער רב האָבען נאטירליך נישט געפעהלט. דערצו איז דער בחור גופא געווען א תכשיט, וואָס מען טרעפט זעהר זעלטען. האָבען די גרויסע עשירים פון צווישען די פרומע אידען, זיך אונטערגעגארטעלט, געזוכט עצות, ווי אזוי צו העלפען דעם בחור און דערביי באקומען איהם אלס איידעם.

אין דער שטאָדט לענטשיץ, אין פּוילען, איז געווען פרנס־צבור, אן

אנגעזעהנער איד, א למדן און אן עושר מיט'ן נאמען ר' שרגא פייוול אפאטשינסקי. ר' פייוול האט געהאט גרויסע עסקים מיט די רוסישע מלוכה לייט, מיט די גובערנאטארען, מיט די גענעראלען, וועלכע ער האט געליהען געלט, און דערפאר געגאסען פון פארשידענע פאדריאטען, — ליפערונגען פאר מיליטער. צווישען אנדערען, איז איהם אויך געקומען א גרויסע סומע געלט, ביים ווארשאווער גובערנאטאר.

הערענדיג דעם פארשלאג פון ווארשאווער רב, אז ווער עס וועט באפרייען זיין זוהן, וועט איהם באקומען פאר אן איידעם, און היות, ווי ער האט געהאט א גרעסטענע טאכטער, א מושלמת און ער האט שטארק חשק געהאט זיך משדך צו זיין מיט'ן ווארשאווער רב, איז ער גלייך געפארען קיין ווארשע, און אוועק צום גובערנאטאר.

דעם גובערנאטאר גופא האט ער אין דער היים נישט געטראפען. האט ער מיט א שטרענגען טאן זיך געוועגדעט צו זיין ווייב, די גובערנאטארשע, אז ער מוז נאך היינטיגען טאג צוריקבאקומען די גאנצע סומע געלד, וואס ער האט געליהען דעם גובערנאטאר, נאכדעם, ווי ער, דער גובערנאטאר האט זיך ארומגעזעהן, אז אין דער מלוכה־קאסע פעהלט א שפארע מטבע, פאר וואס ער איז פאראנטווארטליך.

— אויב איך וועל היינט נישט צוריקבאקומען מיין געלד, — גיב איך אן דעם ענין אין געריכט, און אייער מאן וועט אויף א שרעקליכען אופן דיסקרעדיטירט ווערען, — האט דער אידישער תקיף אויסגערופען שטרענג און ריקזיכטלאז.

אויסהערענדיג די דאזיגע פאדערונג, האט די גובערנאטארשע אנגעהויבען וויינען און קלאגען, פשוט רייסען זיך די האר פון קאפ. זי איז דעם אידען פון לענטשיץ געפאלען צו די פיס, און געבעטען ביי איהם רחמים. וויל קוים קומט ארויס דער ענין אין דער עפענטליכקייט, בלייבט נישט אנדערש איבער פאר'ן גובערנאטאר און זיין פאמיליע נאר צו מאכען א סוף פון זיין לעבען.

דער איד איז אין תחילת געווען שטרענג און אונבויגזאם. ער האט ערקלערט, אז ער האט ניט קיין עצה. ער איז געצוואונגען דערצו און קיין רחמנות וועט דא נישט העלפען. ערשט נאך לאנגע תחנונים מצד דער פרוי פון גובערנאטאר, איז ר' פייוועל געווארען ווייכער:

— איך האב פאר אייך אן עצה: ווען איהר וועט פועל'ן ביי אייער מאן צו באפרייען פון מיליטער דעם בן יחיד פון ווארשאווער רב, ליפשיץ, וועל איך אייך שענקען דעם גאנצען חוב, און דערצו וועט איהר נאך פון מיר באקומען א ווערטפולע מתנה...

די גובערנאַטאָרשע האָט זיך אין דעם פאַרשלאַג אָנגעכאַפּט ווי אַ טרונקענדער אין אַ רעטונגס־ברעט. נאָך אײנ׳ם זעלבען טאָג האָט זי זיך דורכגעשמועסט מיט איהר מאַן, דעם גובערנאַטאָר, און דער לעצטער האָט קיין אַנדערע ברירה נישט געהאַט, נאָר צו ערפילען דעם וואונש פון ר׳ פייוועל אפּאַטשינסקי.

דעם רב׳ס בן יחיד איז באפרייט געוואָרען פון מיליטער. גלייך דערנאָך איז געפּראַוועט געוואָרען די תנאים צווישען איהם און ר׳ פייוועל׳ס טאָכטער. און עס איז באַשטימט געוואָרען אַ זמן חתונה אויף אַ קורצער צייט.

די חתונה איז געפּראַוועט געוואָרען מיט דער פולער פּראַכט אין הויז פון ר׳ פייוועל אפּאַטשינסקי אין לענטשיץ. און ווי דער מנהג איז געווען אין יענע יאָהרען, איז דער יונגערמאַן פאַרבליבען אין לענטשיץ, געגעסען קעסט ביים שווער און עוסק געווען בתורה.

דאָרט, אין לענטשיצער בית מדרש, האָט דער יונגערמאַן זיך באַקענט מיט די קאָצקער יונגעלייט, וועלכע האָבען איהם אריינגעצויגען אין דער חברותא. עס איז זיי פּשוט געגאַנגען אין לעבען, אַזאַ יונגערמאַן אריינצובאַקומען, אַ קליינינגקייט, — דעם וואַרשאַווער רב׳ס בן יחיד, ר׳ פייוועל אפּאַטשינסקי׳ס, דעם פאַרברענטען מתנגד׳ס איידעם, וואָס קען נאָך זיין אַ בעסערער ניצוץ?

עס האָט לאַנג נישט געדויערט און דער יונגערמאַן איז, געגען דעם רצון פון זיין שווער און אָהן דעם וויסען פון זיין פאָטער, געפאָרען קיין קאָצק.

עס פאַרשטעהט זיך, אַז ווען אַ יונגערמאַן איז געפאָרען קיין קאָצק, איז ער אַזוי גיך נישט אהיימגעקומען. עס האָבען נישט געהאָלפען די תחנונים פון שווער, וועלכער האָט געשיקט נאָך איהם ספּעציעלע שליחים. דעם נגיד האָט די געשיכטע שטאַרק פאַרדראָסען. דער איידעם האָט דאָך איהם אָפּגעקאָסט אַ פאַרמעגען, לסוף, פאַרשאַפט ער איהם חרפות ובישות, הערט ער איהם ווי אין טראַק!...

ר׳ פייוועל האָט דעריבער אוועקגעשריבען אַ בריעף צו זיין מחותן, דעם וואַרשאַווער רב, אין וועלכען ער האָט שטאַרק געביטערט אויף זיין זוהן, און צום סוף האָט ער געבעטען, אַז מיט׳ן כח פון דער מצוה פון כיבוד־אב, זאָל ער ברענגען זיין זוהן פון קאָצק צוריק אהיים צו זיין ווייב.

אויך אויף דעם וואַרשאַווער רב האָט די געשיכטע געמאַכט אַ שווערען איינדרוק. זיין זוהן אַ חסיד און דערצו אַ קאָצקער? — דער „חמדת שלמה״ האָט אוועקגעשריבען אַ בריעף צום קאָצקער רבין, און געבעטען ביי איהם, אַז ער זאָל איהם גלייך אהיימשיקען דעם זוהן, צו וועלכען ער וויל אפילו פריהער נישט שרייבען, ביז וואַנען ער וועט מקבל נזיפה זיין ביי איהם.

דערהאלטענדיג דעם בריעף פון ווארשאווער רב, האט דער קאָצקער רבי אריינגערופען צו זיך אין צימער דעם יונגערמאן און געגעבען איהם איבערצולייענען דעם פאָטער׳ס בריף.

נאָכ׳ן איבערלייענען דעם בריף, האט דער קאָצקער רבי בארוהיגט דעם יונגערמאן, און איהם פארזיכערט, אז ער וועט אליין שרייבען צו זיין פאָטער, אויפקלערען דעם ענין, און אויב דער פאָטער וועט נישט מפוים ווערען, וועט ער מוזען צוליב טאָן איהם, און גלייך אהיימפאָהרען, ווי ער פארלאנגט.

אָנגעשריבען דעם בריף, האט דער קאָצקער רבי אריינגערופען א ווארשאווער אידען, וואס איז גראד געווען אין קאָצק און זיך געגרייט אהיימצופאָרען. דער רבי האט איהם איבערגעגעבען דעם בריעף און איהם אָנגעזאָגט, אז גלייך ווי ער וועט קומען קיין ווארשע, זאָל ער ארויפגעהן צום רב און איבערגעבען איהם דעם דאָזיגען בריף. דער רבי האט דערביי צוגעגעבען: „עס איז אן ענין פון פיקוח נפש״...

דער איד, קומענדיג קיין ווארשא, האט אָבער פארגעסען אין דער גאנצער געשיכטע און ער האט דעם בריף נישט אָבגעגעבען. עס זענען אריבער עטליכע טעג, און דער ווארשאווער רב האט אויף זיין בריעף קיין ענטפער נישט באקומען, איז ער געוואָרען אויפגעבראכט. האלטענדיג, אז זיין זוהן איז זיך שוין נוהג ווי די אנדערע קאָצקער, האט ער אין א מינוט פון אויפרעגונג א זאָג־געטאָן:

— אז דעם טאטענ׳ס צער קימערט איהם שוין אויך נישט, צו וואס לעבט ער אויף דער וועלט?...

אין דעם זעלבען טאָג איז דעם ווארשאווער רב׳ס זוהן שטארק קראנק געוואָרען. מען האט איהם גלייך איבערגעפירט פון קאָצק קיין ווארשע. די גרעסטע דאָקטוירים האָבען זיך ביי איהם געפּאָרעט, אָבער עס האט גאָרנישט געהאָלפען. דער יונגערמאן איז אין עטליכע טעג ארום נפטר געוואָרען...

ערשט נאָך דער פטירה פון רב׳ס זוהן, וואס האט געמאכט אין דער גאנצער שטאָדט א געוואלדיגען רושם, האט זיך דער שליח פון דעם בריף דערמאָנט, אז ער האט ביי זיך דעם בריף פון קאָצקער רבין, אדרעסירט צו דעם ווארשאווער רב. ער האט זיך אויך דערמאָנט, אז דער רבי האט איהם אָנגעזאָגט, אז עס האנדעלט זיך אין פיקוח נפש, און ער האט געאיילט ארויפצולויפען צום רב, איבער צוגעבען איהם דעם בריעף.

ווי נאָר דער רב האט איבערגעלייענט דעם בריף, האט זיך אָנגעכאפּט ביים קאָפּ און אויסגערופען א דערשלאָגענער:

— וועה, וועה, פארוואס האט איהר מיר גלייך נישט אָבגעגעבען דעם בריף, איהר האט דאָך מיין קינד געקוילעט...

נאָך דעם דאָזיגען ענטפער פון ווארשאווער רב, האָט דער איד מורא געהאט זיך צו ווייזען פאר'ן קאָצקער רבי'ן. ער איז זיכער געווען, אז ער וועט באקומען א פסק, דערפאר, ווייל ער האָט מועיל געווען בשליחות.

יאָהרען זענען אוועק. די מעשה איז שוין פארגעסען געוואָרען. די יונגע אלמנה האָט זיך געטרייסט און חתונה געהאט פאר'ן בארימטען גאון רבי מאיר לייבוש מלבים זצ"ל, דער גרויסער מלבים, וועלכער איז אויך געוואָרען לענטשיצער רב. דער איד האָט דעריבער געהאלטען, אז ער דארף נישט מעהר מורא האָבען פאר דער הקפדה פון קאָצקער רבין, און ער איז געפאָרען אויף שבת קיין קאָצק.

נעהמענדיג שלום, האָט דער רבי איהם גלייך דערקענט. ער האָט איהם אָנגעקוקט מיט גרויס פארוואונדערונג און אויסגערופען:

— הא, דו ביזט עס טאקע, — א שטייגער ווי איינער פאלט אראָב פון בוידעם!...

אין דעם זעלבען שבת איז געווען א גרויסער עולם אין קאָצק. דער איד איז דעריבער, ווי פיעל אנדערע, ארויפגעגאנגען אויפ'ן בוידעם־שטיבעל פון בית המדרש דאווענען. פון דאָרט האָט ער געכאפט א בליק אין בית המדרש אריין. אין א געוויסען מאָמענט האָט ער פארלאָרען דאָס גלייכגעוויכט, ארונ־טערגעפאלען פון בוידעם אין בית מדרש, און געבליבען א טויטער אויפ'ן אָרט..

אָבער אין קאָצק האָבען אזעלכע מופתים נישט געמאכט קיין רושם. מען איז איבער זיי אריבער צום סדר היום.

דער לעצטער קאָצקער חסיד — רבי בן־ציון אסטראווער

קאָצק האָט נישט געהאלטען פון נאָכמאכען אָנגענומענע פאָרמען אין אידישקייט און אין חסידישען לעבענס־שטייגער. קאָצק איז געווען א שטיק פראָטעסט געגען „מצוות אנשים מלומדה". דאָרט האָט מען געלערענט, אז א איד דארף געהן זיין אייגענעם דרך, צוקומען צום תכלית און צו עבודת הבורא לויט אייגענעם פארשטאנד און געפיהל, אפילו ווען דער דאָזיגער דרך איז אומפארשטענדליך פאר אנדערע. נאָר נישט וועלען נושא חן זיין ביי יענעם. נאָר נישט נאָכטהון דאָס זעלבע, וואָס אנדערע טהוען. ווייל אזא עבודות האָט נישט קיין חשיבות און איז נישט ווערט קיין קליפת השום...

האָבען דעריבער קאָצקער חסידים זיך נוהג געווען פונקט קאפויר ווי

די גאנצע וועלט, און די ימים נוראים ביי די קאָצקער האָבען געהאַט א גאנץ אנדערען אויסזעהן ווי ביי אלע פרומע אידען. עס האָט זאָגאר געהייסען, אז די קאָצקער חסידים רייצען זיך פשוט מיט אנדערע חסידים; ווען אלע אידען זיינען פאר׳דאגה׳ט, פארזאָרגט, ציטערען פאר׳ן אימת היום הדין, זיינען זיי גאָר פרעהליך, אויפגערוימט, לעבעדיג און לוסטיג, מען מאכט „לחיים״ און מען זעצט זיך אוועק לערנען ענינים, וואָס האָבען גאָרנישט קיין שייכות צו די עניני דיומא.

פרומע אידען, אַנהענגער פון אנדערע רביים, האָבען געצויגען מיט די פּלייצעס, א טייל האָבען פּראָטעסטירט, אָנגעמאכט א טומעל, מרעיש עולם געווען. אָבער די קאָצקער — ווי נישט זיי מיינט מען. פון ווען אָן פרעגען עס קאָצקער חסידים נאָך דער וועלט, רעכענען זיך מיט יענעמס א מיינונג?...

איינער פון די לעצטע מאהיקאנער פון קאָצק, וועלכען דער שרייבער האָט נאָך געקענט, איז געווען א איד מיט׳ן נאָמען רבי בן־ציון ראבינאָוויטש ז״ל פון אָסטראָווע, וועלכען מען האָט גערופען „רבי בן־ציון אָסטראָווער״.

רבי בן־ציון איז געווען א שם דבר אין פוילען מיט זיין פּקחות, לומדות, טיעפער הבנה און עמקות אין חסידות. ער איז ממש געווען א צענט־ראלע פיגור אין פוילישען חסידות, צו וועלכען אלע האָבען זיך באצויגען מיט׳ן גרעסטען רעספּעקט. ער איז געווען א זקן־מופלג, אָבער גייסטיג פריש ווי א יונגערמאן און הגם ער האָט זיך געפיהרט על פי נוסח קאָצק ביז זיין לעצטען לעבענס־טאָג, איז ער אָבער געפאָרען צום לעצטען גערער רבין זצ״ל און ער איז געשטאנען פאר איהם „ווי א קנעכט פאר זיין האר״...

אַט דער רבי בן־ציון האָט אמאל, ווען ער איז געווען אויפגעלעגט, דערצעהלט ווי אזוי ער האָט אלס גאָר יונגער בחור געפּראַוועט א קאָצקער ערב יום כפור, מיט א כל־נדרי נוסח־קאָצק:

זיין פאָטער איז געווען א איד א למדן און א שארפער מתנגד. ער איז געווען א דרשן און ער פלעגט ארומפאָהרען איבער די אידישע שטעדטלעך און האלטען דרשות, וועקען צו יראת שמים צו תורה און פרומקייט. צוליב דעם איז ער גאנצע יאָהרען נישט געווען אין דער היים און די קינדער האָבען זיך ערצויגען אָהן זיין השגחה.

דאָס האָט דערפיהרט דערצו, אז זיין בן־ציון, אן עלוי׳שער בחור, מיט וועלכען גאנץ ווארשא האָט געקלונגען, איז אראָב פון „דרך הישר״ און איז געוואָרען א חסיד און דערצו א קאָצקער חסיד. ווען דער פאָטער איז אהיימגעקומען אויף די ימים נוראים און דערזעהן זיין אומגליק, איז איהם געוואָרען זעהר טרויעריג אויפ׳ן הארצען. אָבער היות ווי ער האָט גוט געקענט זיין זוהן, אז ער איז א גרויסער עקשן און תקיף און אז מיט בייזען וועט

ער גאָרנישט מאַכען, האָט דער מתנגדי׳שער טאַטע געמאַכט אַ שוויַיג און געטרייסט זיך מיט דער האָפנונג, אַז ווען ער וועט עלטער ווערען, וועט ער קומען צום שכל...

קאָצקער חסידים האָבען אויך נישט געהאַלטען, אַז אויף יום כיפּור דאַרף מען דווקא פאָרען צום רבין. יום כיפּור איז אומעטום הייליג, און תשובה טהון קען מען אין דער היים אויך, אין היימישען שטיבעל, און נאָר עם־הארצישע חסידים האַלטען, אַז תשובה־טהון קען מען נאָר ווען מען האַלט זיך אָן ביים רבינ׳ס פּאָלע און מען קוקט אויף זיין צורה...

זיינען זיך איינמאָל די קאָצקער חסידים צונויפגעקומען אין דער נאַכט פון ערב יום כיפּור אין שטיבעל. געלערענט מיט פייער און מיט התלהבות אַ גאַנצע נאַכט. ווען עס האָט אָנגעהויבען גראָהען אויפ׳ן טאָג, איז מען געגאַנגען אין מקוה אריין, נאָכהער האָט מען אָבגעדאַווענט און אוועקגעזעצט זיך פראַווען אַ סעודה כדת און טאַקי מיט׳ן אמת׳ן ביסעל משקה, — עס איז דאָך עפּעס היינט אַ מצוה צו עסען און צו טרינקען, און דאָס עסען און טרינקען ווערט דאָך גאָר פאַררעכענט ווי געפאַסט...

עס פאַרשטעהט זיך, אַז נאָך אַ שלאָפלאָזער נאַכט און נאָך אַזאַ שאַרפער סעודה האָט מען זיך געפיהלט אַ ביסעל שווערליך, עס האָט ממש געצויגען צום בעטעל כאַפּען אַ דרימעל, האָט בן־ציון צוגעוואַרט ביז מנחה גדולה, אָבגעדאַווענט מנחה, אָבגעזאָגט די על חטא׳ס, דאַן איז ער אוועק אַהיים, אריין צו זיך אין אַלקער און צוגעלעגט זיך, כדי צו קענען אריינגעהן אין יום הקדוש אַ ניכטערער, אַן אויסגערוהטער.

דער געשמאַקער שלאָף האָט איהם אָבער אריינגעצויגען אין דער נאַכט אריין, אין דער כל־נדרי נאַכט. און ווען זיין פאָטער דער מגיד, איז אַהיים־געקומען פון שוהל נאָכ׳ן דאַווענען און נאָכ׳ן זאָגען שיר היחוד, און געקליבען אוועקצוזעצען זיך לערנען מסכתא יומא ביים וועקסענעם יום־כיפּור־ליכט, איז איהם געווען אַ וואונדער ווען ער האָט געהערט פון אַלקער דאָס שנאָרכען פון אַ שלאָפענדיגען... ער געהט אריין אין דאָזיגען צימער און געפינט זיין „תכשיט" פאַרזונקען אין אַ טיפען שלאָף. דער טאַטע איז געוואָרען אויסער זיך. ער האָט געמאַכט אַ געוואַלד, פון וואָס בן־ציון האָט זיך אויפגעוועקט פון שלאָף. דאַן האָט דער מתנגד אויסגעגאָסען זיין ביטער הארץ אויף דעם זוהן, אויפ׳ן חסידות און אויף קאָצק בפרט, אַזוי אַז ער האָט זיך גאָרנישט געקענט באַרוהיגען.

ווען דער שטורם איז אריבער. דער פאָטער האָט זיך עטוואָס באַרוהיגט און אוועקגעזעצט זיך ביי דער גמרא, האָט בן ציון אַ מורמעל געטהון ווי צו זיך:

— נו, מ׳דאַרף דאָך דאַווענען מעריב. און אַזוי ריידענדיג האָט ער אַ

כאפּ־געטהון דאָס האנדטוך, וואָס איז געהאנגען אויף דער טיר, ארומגע־גארטעלט זיך דערמיט ווי מיט א גארטעל און שפּרייזענדיג איבער'ן צימער האָט ער, מיט גרויס התלהבות, אָנגעהויבען דאַווענען מעריב אויפ'ן קול:

— אשר בדברו מעריב ערבים בחכמה פותח שערים ובתבונה משנה עתים!...

דער פאָטער האָט טרויעריג צוגעשאָקעלט מיט'ן קאָפּ אויף דעם מ'שטיינס געזאָגט וואָכעדיגען מעריב אין דער כל נדרי־נאכט און דאָס הארץ האָט אין איהם געוויינט:

— אזא מעריב צו ריכטען אין דער נאכט פון כל־נדרי, מיט א וואָכענדיגען ניגון, אפילו נישט מיט מנין, רחמנא ליצלן...

— אין מיין לעבען האָב איך קיינמאָל מעהר נישט זוכה געווען צו אזא דאַווענען ווי אין יענער כל־נדרי נאכט, — האָט רבי בן־ציון צוגעגעבען, — אזא טעם אין דאַווענען וועל איך שוין קיינמאָל נישט מרגיש זיין...

אָבער באלד נאָך דער פּטירה פון קאָצקער רבין, ווען די הנהגה איז אריבער צו רבי איטשע מאיר ווארשאווער, דער ערשטער גערער רבי, באקאנט אלס דער חידושי הרי"ם זצ"ל, האָט זיך דאָס חסידות מיטאמאָל געענדערט פון עק ביז עק.

צום ערשטען גערער רבין האָבען זיך אויף א יום־כיפּור פארזאמעלט טויזענטער חסידים פון אלע שיכטען און שאטירונגען. און ערב יום כיפּור האָט מען געפּראוועט א טיש ווי אין אלע גוט־אידישע הויפען, און בעת דעם טיש, ווען דער עולם איז געווען צוואווארעמט, האָט דער רבי אָנגעהויבען א שמועס, נישט ווי זיין שטייגער איז געווען א גאנץ יאָהר, — קשיות מיט תירוצים, מיט חריפות און מיט טיפער לומדות, נאָר הארציגע דברי מוסר, וואָס האָבען געקענט ריהרען א שטיין.

איינמאָל ביים ערב יום כיפּור'דיגען טיש האָט דער רבי אָנגעהויבען אזא שמועס:

די חז"ל זאָגען אין אבות: „אם אין אני לי מי לי ואם לא עכשיו אימתי". טייטשען מיר: אם אין אני לי־מי לי, — אז איך וועל נישט טהוען מיין עבודות, — ווער וועט עס פאר מיר טהוען? יעדער מענש מוז זיין עבודות אליין טהון, אליין אויפטהון. ואם לא עכשיו אימתי? — ווען וועט נאָך זיין דער איצטיגער עכשיו? — דער עכשיו פון דער איצטיגער רגע איז נאָך נישט געווען זינט בריאת עולם און וועט מעהר נישט זיין קיינמאָל. פריה־ער איז געווען אן אנדערער עכשיו און שפּעטער וועט זיין אן אנדער עכשיו.

דערצו דארף מען וויסען, אז יעדער עכשיו איז באשטימט פאר אן אנדער עבודות, ווי דער זוהר הקדוש זאָגט: לבושין דלביש בצפרא לא לביש

ברמשא (דעם לבוש וואָס מען קליידט זיך אָן אין דער פריה, קען מען מעהר נישט אָנטהון אין אָווענט) אזוי איז אויך אין יעדען זמן פאראן אן אנדער עבדות.

דוד המלך זאָגט אין תהילים: חשבתי דרכי ואשיבה רגלי אל עדותיך — אז דער תכלית איז, א איד זאָל זיך מייגע זיין אין דער תורה, און וועלכער איד עס איז זיך מייגע אין דער תורה מיט אלע כחות, דער ווערט מקושר, אָנגעקניפּט מיט דער תורה, ווייל ששים רבוא אותיות לתורה און ששים רבוא נשמות לישראל. — איז מען א מחותן מיט דער תורה, ווערט מען ממילא אויך א מחותן מיטן כלל ישראל, און אז מען טהוט פאר'ן כלל, אין דעם כלל, האָט מען פון דעם כלל מעהר וויפיעל מען גיט איהם, ווייל מען קען דאָך האָבען א טובה פון א צווייטען איד'ס מעשים טובים, פון די גוטס וואָס יענער האָט געטהון, ווארום „כשאני לעצמי מה אני" — אז איך זאָל מיך ח"ו אָבטיילען, דערווייטערען פון כלל, — ווען קען איך פאררעכטען מיין עכשיו? איין עכשיו פאר אן אנדערען עכשיו קען מען נישט פאר־ריכטען, ווארום יעדער רגע איז מצומצם אין אן אנדער אור...

און אז מען האָט, חלילה קאליע געמאכט, געטהון אן עברה, און מען טראכט כסדר דערפון, ליגט מען דאָך כסדר אין דער געמיינקייט. פון וועלכער זאך א מענש טראכט — דאָרט ליגט ער מיט זיין נפש, מיט זיין הארץ און געפיהל, ווערט ממילא זיין מח מגושם, זיין הארץ פארשטאָפּט און ער קען נישט צוקומען צו קיין תשובה, פאלט ער אריין אין עצבות און עס ווערט פון איהם א תל...

— וואָס מען זאָל נישט טראכטען פון דער „סור מרע" — לוינט עס אלץ נישט. מוטשע אהין די בלאָטע, מוטשע אהער די בלאָטע — בלאָטע בלייבט תמיד בלאָטע... יאָ געזינדיגט, נישט געזינדיגט — וואָס האָט מען אין הימעל אז מען טראכט כסדר דערפון? אין דעם זמן וואָס מען טראכט פון די אָבגעטועגע חטאים, קען מען דאָך זיין א נוקב מרגליות, אז מען זאָל אין הימעל האָבען א נחת רוח דערפון!

דעריבער זאָגען מיר „סור מרע" — קעהר דיך אָב פון דעם רע, טראכט אין איהם ניט אריין, „ועשה טוב" — באמיה זיך צו טהוען גוטס, ווי די חז"ל זאָגען: עשית חבילות עברות — עשה מצוות כנגדן (האָסט געטהון פעק מיט עברות — באמיה זיך צו טהון מצוות אין דער זעלבער מאָס).

על כן דארף מען פאר יום כיפור דורכפירען דעם עזיבת החטא מיט ישוב הדעת, טאקי מעומקא דלבא, אָבער נישט מיט גרוים התפעלות. דער עיקר דארף זיין מקבל זיין אויף זיך צו ווערען בעסער, און דאָס אלץ מיט שמחה. די על חטא'ס אָבזאָגען וואָס גיכער, נישט ליגען אין זיי און באמיהען זיך,

וואָס גיכער צוצוקומען צום עיקר: צום „ותמלוך אתה הוא ד׳ לבדך״...

נער איז טאַקע געווען א המשך פון קאָצק. דאָס רוב חסידים פון ערשטען גערער רבין זיינען דאָך געווען קאָצקער חסידים און דאָך, — ווי מרחקים ווייט עס איז געווען גער פון קאָצק, קען מען זעהן אין דעם אונטער־שיעד צווישען די צוויי ערב יום כיפור׳ס — דער ערב יום כפור אין קאָצק און דער ערב יום כיפור אין גער...

רבי עקיבא איגר און דער משומד

רבי פלטיאל וואַרשאווער איז אין דעם דאָזיגען שבת־צונאכטס, אין גערער שטיבעל, געווען גאָר אויפגעלעגט. האַלטענדיג אין האנד א גלעזעלע מיט א ביסעל משקה, האָט ער דערצעהלט איין חסידישע מעשה נאָך דער אנדערער, און דער עולם איז געזעסען מיט אָפענע אויערען און מיילער. און געשלונגען זיינע רייד ווי א דורשטיגער, ווען ער דערגרייכט א קוואל וואַסער.

ווארום רבי פלטיאל איז געווען א זעלטענער טיפ אפילו אין חסידישען וואַרשא. א זקן־מופלג, איז ער נאָך געווען פריש און מונטער. מיט אלעמען גוט אויפגעטראָגען. ער האָט באטראכט די יונגע חבריא מיט א פאָטערליכען בליק, און איז תמיד גרייט געווען צו דערוועקען ביי זיי חסידישען ברען דורך דער הילף פון א חסידישער מעשה, וואָס ער האָט אזוי שעהן דערצעהלט.

אָבער פלוצלונג, ווען רבי פלטיאל איז אויף א ווייל אנטשוויגען געוואָרען, רופט זיך אָן א יונגערמאַן, פון די „אויפגעקלערטע״, וועלכער איז געזעסען אין א זייט און מיט א סאַרקאַסטישען שמייכעל זיך צוגעהערט צו די מופתים, וועלכע דער אלטער דערצעהלט מיט אזא זיכערקייט:

— זייט מיר מוחל, רבי פלטיאל, איך וויל אייך עפּעס פרעגען: צו האָבען נאָר חסידישע רביים געקענט באווייזען מופתים און מתנגדישע גדולים — נישט? — איהר זאָגט דאָך תמיד: „צדיק גוזר והקדוש ברוך הוא מקיים״, אז דאָס וואָס דער צדיק איז גוזר איז דער אויבערשטער מקיים, נו, זיינען דאָך צווישען די מתנגדי׳שע גדולים אויך געווען צדיקים!...

— דו האָסט ריכטיג געפרעגט, מיין קינד, און איך וועל דיר געבען א תשובה: יאָ, די מתנגדי׳שע גדולים קענען אויך באווייזען מופתים, אָבער די מעשה איז, וואָס זיי זיינען נישט מעורב בין הבריות, זיי זיצען בחדרי חדרים, און דער פשוט׳ער איד פון דער גאַס, האָט נישט קיין צוטריט צו זיי. ממילא, זיינען זיי זיך נישט משתתף בצערם פון די פּראָסטע אידען.

דאַגעגען די חסידישע רביים, האָבען שטענדיג געהאַט אַן אָפען אויער און האַרץ פאַר די נויטען פון די מאַסען. זייערע טירען זיינען תמיד געווען אָפען פאַר אַלעמען, און דערפאַר איז געקומען דורך זיי די ישועה. ווען אָבער אַ גדול פון דער מתנגדי'שער וועלט האָט זיך אַמאָל אַראָבגעלאָזט צו די מאַסען, האָט מען אויך ביי איהם געקענט געהאָלפען ווערען.

— הערט אַ מעשה, וואָס האָט פּאַסירט ביים גאון רבי עקיבא איגר, זכר צדיק לברכה, טאַקי אין וואַרשאַ, ווען ער איז געקומען אויף אַ שמחה צו זיין זוהן רבי שלמה, וועלכער איז געווען ראש הקהל אין אונזער שטאָט. די מעשה האָט מיר דערצעהלט מיין טאַטע, עליו השלום, ער אַלס יונגעל, איז אַליין דערביי געווען.

וואַרשאַ האָט אויפגענומען דעם גאון הדור מיט אויסערגעוועהנליכען כבוד. ממש כבוד מלכים האָט מען אָבגעגעבען דעם פּויזנער רב, דעם גדול־הדור רבי עקיבא איגר. בשעת'ן קבלת פנים, זיינען די גאַסען געווען פול מיט מענשען. די גרעסטע גדולים האָבען באַלאַגערט זיין הויז טאָג און נאַכט. די שווערסטע דין־תורות זיינען געלעזט געוואָרען, ערשט סתם־אידען, מיט צובראָכענע הערצער, עגונות, פאַר וועלכע עס איז נישט געווען קיין עצה זיך אויפצובינדען — אַלע, אַלע האָבען זיי זיך געווענדעט צו דעם גאון הדור, וועלכער איז דערצו געווען אַ גרויסער צדיק און אַ צוגעלאָזענער צו אַלעמען.

רייסט זיך איינמאָל אַריין אַ יונגע פרוי אין דעם צימער, וואו רבי עקיבא איז געזעסען צוזאַמען מיט די גדולים פון פּוילען און געאַמפּערט זיך איבער אַ שווערער סוגיא. די פרוי וואַרפט זיך אַנידער אויף דער ערד, ברעכט אויס אין אַ געוויין און שרייט אויס:

— העלפט מיר, הייליגער רבי, איך בין אומגליקליך, איך האָב מיין לעבען פאַרשפּילט!...

דער אַלטער גאון איז טיף געריהרט געוואָרען פון דער סצענע און ער רופט אויס:

— קודם כל, הויבט זיך אויף פון דער ערד און דערצעהלט וואָס עס דריקט אייך, מיר וועלען אי"ה זיך באַמיהען אייך צו העלפען!

די פרוי באַרוהיגט זיך אַ ווייל. די אָרטיגע רבנים שווייגען. זי איז גוט באַקאַנט איהר ענין. און זי דערצעהלט מיט טרערען אין די אויגען וועגען איהר אומגליק. זי איז אַ טאָכטער פון פרומע עלטערען, וועלכע האָבען איהר חתונה געמאַכט פאַר אַן „אויפגעקלערטען", פאַר אַ היינט־וועלטיגען. דער יונגערמאַן איז אָבער אַוועק שוין צו ווייט. עס איהם געלונגען צו ווערען אַ קליינער רעגירונגס־באַאַמטער און ער האָט געשטרעבט צו ווערען גרויס, צו מאַכען אַ קאַריערע, דעריבער האָט ער געמאַכט דעם לעצטען שריט...

— ער האָט זיך, רחמנא ליצלן, גע׳שמד׳ט — האָט דער אַלטער גאון איהר ארויסגעהאָלפען. ארויסגעבראכט דאָס, וואָס איז איהר אזוי שווער געווען פאר׳ן גאון מיט׳ן מויל ארויסצוברייגגען...

— יאָ, ער האָט זיך גע׳שמד׳ט — האָט די פרוי אָפּגעענטפערט — די רבנים זאָגען, אז איך דארף פון איהם האָבען א גט. אָבער ער, דער עוכר ישראל, וויל קיין גט ניט געבען...

— ער וויל ביי דיר אויספּרעסען געלט? — האָט רבי עקיבא געפּרואווט טרעפען.

— יאָ, ער וויל געלט, אָבער אזא סומע, וואָס ער ווייסט, דאָס איך וועל קיינמאָל ניט אימשטאנד זיין צונויפצושטעלען. פּלאָג איך מיך שוין יאָהרען מיט מיינע אָרימע שוואָלבען...

— מיר האָבען שוין אַלץ געפּרואווט — רופט זיך אָן איינער פון די ווארשאווער רבנים — מיר האָבען געפּרואווט מיט גוטען און מיט בייזען און מיר האָבען גאָרניט דערגרייכט. דער משומד האָט ברייטע פּלייצעס, אויף וועלכע ער שפּארט זיך אָן.

— מען דארף העלפען דער אומגליקליכער עגונה — האָט רבי עקיבא א זאָג געטהאָן — אָה, ווען מען קען איהם ברענגען אהער, צו אונז!..

— איך קען א יונגענמאַן, זיינעם א געוועזענעם חבר, מיט וועלכען ער איז אמאָל געווען באפריינדעט. אפשר וועט איהם געלינגען אהער צו ברענגען דעם עוכר ישראל — האָט דער רב פון ווארשא מוסיף געווען.

דער געוועזענער פריינט פון משומד איז אוועק צו איהם און דערצעהלט, אז דער פּויזנער רב וויל מיט איהם רעדען. דער פּויזנער רב — האָט ער איהם ערקלערט — איז זעהר א געבילדעטער מענש, א קרוב למלכות, ער באזיצט זאָגאר א הויכע אויסצייכנונג פון פּרייסישען קעניג, און דו יוזעף, ביזט דאָך א געבילדעטער מענש, ניט קיין פּחדן, פארוואָס זאָלסטו ניט געהן צום אַלטען רב און הערען זיינע רייד? וואָס קען עס דיר שאדען? מיט געוואַלט וועט מען דאָך דיך ניט צווינגען צו געבען א גט. ווייז זשע דאריבער, אז דו ביזט ניט קיין שרעקעוודיגער...

דער שליח האָט אזוי לאנג איינגע׳טענה׳ט מיט דעם משומד, ביז ער האָט מסכים געווען געהן צום פּויזנער רב.

רבי עקיבא איגר האָט אויפגענומען דאָס מאָדנע פּאָר פּאָלק מיט גרויס רחמנות. אויפ׳ן משומד האָט ער כמעט ניט געקוקט, ווייל „אסור להסתכל בפני אדם רשע". אָבער גערעדט צו איהם האָט ער, אז עס האָט געקענט ריהרען א שטיין. דער משומד אָבער האָט געענטפערט מיט חוצפּה, ער האָט שטאָלצירט מיט זיין אָפיציעלען מונדיר, וואָס ער האָט געטראָגען, אָבער

דער פויזנער רב האָט געוואוסט, ווי אזוי צו ריידען מיט אזעלכע פארשוינען.

— זאָגט מיר, איך בעט אייך, וואָס האלט איך אָפּ פון געבען א גט אייער פרוי? מיר וועלען זיך באמיהען צו פארגרינגערען אייך די זאך.

— דאָס איז ביי מיר א פרינציפּ, פויזנער רב, איך האַלט ניט פון די דאָזיגע נארישקייטען. ווען איך האָב געגעבען א גט דאָס אידענטום, איז דאָך שוין ממילא מיין געוועזענע פרוי אויך אין כלל. וואָס זשע ווילט איהר פון מיר?

— וואָס שייך דעם גט, וואָס איהר האָט געגעבען דעם אידענטום, דאָס איז א צווייטער ענין. דאָ איז דער אויבערשטער דער מאַן און נאָר ער קען געבען א גט און ניט מיר אידען. אָבער ער וועט עס קיינמאָל ניט טהאָן! איזה ספר כריתות אמכם אשר שלחתיה? — דער רבונו של עולם איז דער מאַן פון דער כנסת ישראל, פון פאָלק ישראל און ער באפרייט ניט פון זיין עול אפילו אן אָפּטריניגען, דאריבער איז די פרוי נאָך אלץ צו אייך צוגעבונדען, ביז זי וועט באקומען דעם גט.

דער משומד איז געוואָרען אביסער געפּלעפּט און ער האָט ארויסגעשטאמעלט:

— זי ווייסט די באדינגונגען, וואָס איך האָב געשטעלט!

— אלזאָ געלט, א סך געלט, אָבער ווי שטימט עס מיט די פרינציפּען, וועגען וועלכע איהר האָט נאָר וואָס גערעדט?...

— אויב איך דארף צולייגען א האנט צו איינע פון די אידישע זאבאבאנעס, צו די פארשימעלטע דינים, וויל איך דערפאר גוט באצאָלט — האָט דער משומד מיט חוצפה אויסגערופען און דאָס ארויסרעדענדיג, דרעהט ער זיך אוים און נעהמט פארלאָזען דאָס צימער.

— נאָך איין וואָרט, הערר יאָזעף, נאָך איין וואָרט — האָט רבי עקיבא איגר אויסגערופען.

— וואָס נאָך האָט איהר מיר צו זאָגען? איך האָב שוין צו לאנג מיט אייך פארבראכט — האָט דער משומד מיט חוצפה א זאָג־געטהון.

— איהר האָט אפשר אמאָל געלערענט גמרא, הערר יאָזעף?

— אלס קינד, פארשטעהט זיך, אז יאָ, אָבער איך האָב שוין אלץ פארגעסען.

— וועל איך אייך פּרואווען דערמאָנען. איהר האָט דאָך אודאי געלערענט מסכת קידושין, הא?

דער משומד שאָקעלט מיט'ן קאָפּ אלס צייכען פון הסכמה.

— אויב אזוי ערלויבט מיר, פאר אייער אוועקגעהן, צו דערמאָנען אייך א וואָרט פון דער דאָזיגער גמרא: „האשה נקנית בשלשה דרכים וקונה את עצמה בשתי דרכים" נקנית בכסף, בשטר ובביאה, וקונה את עצמה בגט

זבמיתת הבעל" — הייסט עס, אז א פרוי באפרייט זיך פון איהר מאן מיט איינעם פון די צוויי וועגען: מיט א גט אָדער מיט'ן טויט פון איהר מאן.
די דאָזיגע ווערטער האָט דער גאון באזונדערס אונטערשטראָכען.

— וואָס געהט עס מיר אָן, וואָס אייער גמרא זאָגט? — האָט דער משומד אויסגערופען.

— אָה, דאָס געהט אייך שוין גאָר שטארק אָן — האָט דער אלטער גאון מיט א רחמנות־טאָן געזאָגט — די אידישע טאָכטער, צו וועלכער איהר זייט אזוי גרויזאם, וועט באפרייט ווערען פון דער צוגעבונדעקייט צו אייך מיט איינס פון די צוויי וועגען און אויב איהר זאָגט זיך אָפּ צו געבען א גט, דאן, דאן מוז קומען דער צווייטער וועג...

די דאָזיגע ווערטער פון גאון האָבען איהם א ווײלע צעטומעלט. ער איז געבליבען שטעהן א צעמישטער, ער האָט געפיהלט, אז עס ווערט איהם ענג אין האלז, עס ווערט איהם קאלט און ווארעם, אָבער באלד איז ער גע־קומען צו זיך און אויסגערופען מיט געביילטע פויסטען:

— מיט אזעלכע זאבאבאנעס און אבערגלויבענישען, מיט קללות און דראהונגען פרואווט איהר מיך אָבצושרעקען? — איהר מיינט, אז איהר האָט צו טהאָן מיט עפּעס א אידעל? איהר האָט מיט מיר צו טהאָן, און באזונדערס, מיט וואָסערע רעכט רעדט איהר צו מיר אזעלכע רייד, פויזנער רב, איהר זיינט דאָך דאָ א פרעמדער, ווארט א ווײלע, איצט בין איך געקומען צו אייך, גלייך וועט איהר קומען צו אונז, צו מיר, צו דער פּאָליציי...

אזוי ריידענדיג איז ער מיט כעס ארויסגעלאָפען פון דעם הויז. דער אלטער גאון און די איבעריגע רבנים זיינען געבליבען זיצען ווי פארשטיי־נערטע. עס האָט זיך בלויז געהערט דאָס כליפּען פון דער אומגליקליכער פרוי.

— וויינט ניט, אידישע טאָכטער, וויינט ניט. איהר וועט באלד זיין פריי — האָט רבי עקיבא איגר א זאָג געטהאָן — מיר האָבען איהם געוואָלט ראטעווען, אָבער ער איז אליין שולדיג...

ארויסקומענדיג אין דרויסען, האָט דער משומד געפיהלט, אז עס ווערט איהם שלעכט, גאָר שלעכט, קוים וואָס ער האָט זיך צוגעשארט צו א וואנט. געשטאנען א ווײלע, געפּרואווט שטעלען א טריט, געפּרואווט רופען הילף אָבער פּלוצלונג האָט ער געטהאָן א פאל־אוועק אויף דער ערד און א וועה־געשריי האָט זיך ארויסגעריסען פון איהם...

מענשען זיינען צוגעלאָפען, אויפגעהויבען איהם, אריינגעבראכט איהם אין א שכנות'דיגע קראָם. א פּאָליציימאן איז געקומען. מען האָט ארויסגע־רופען א דאָקטאָר, וועלכער האָט בלויז געקענט באשטעטיגען דעם טויט און צונויפשטעלען פּאָלגענדען פּראָטאָקאָל:

„יוזעף מייער, א רעגירונגס־באאמטער, 35 יאָהר אלט, איז געשטאָרבען אין גאס פון א הארץ אטאק, וואָס איז געקומען פון גרויסער אויפרעגונג. די סיבה איז אומבאקאַנט."

רבי פלטיאל איז א ווילע אנטשוויגען געוואָרען, געדרעהט מיט זיין האנט דאָס גלעזעלע מיט'ן ביסעל משקה, וואָס איז פאר איהם געשטאנען, דאן האָט ער אויסגערופען:

— לחיים, אידען, לחיים, חסיד'ישע גדולים, מתנגד'ישע גדולים, — אלע קענען זיי דאָס זעלבע, אלע עובדי ד', און דאריבער — זכותם תגן עלינו...

אַ צדיק, וואָס איז „מעכב" די גאולה...

אין דער אנדערער העלפט פון 19טען יאָהרהונדערט, האָט זיך אין די אידישע שטעדט און שטעטלעך אין פוילען און גאליציען פארשטארקט די האָפנונג, אז גאָר בקרוב ווערען אידען אויסגעלייזט פון ביטערען גלות.

געגנומען האָט עס זיך דערפון, וואָס עמיצער א גדול, האָט זיך אויסגעדריקט, אז מען דארף ערווארטען דעם מלך המשיח אין יאָהר תר"כ (1860). אין דאָזיגען יאָהר וועט אלזאָ פאָרקומען די גאולה שלימה.

זוהר־אידען, מקובלים און דורשי רשימות, האָבען אויסגעפונען פארשידענע ראיות און באווייזען, רמזים און גמטריאות, וועגען דער גרויסער ראָל, וואָס וועט שפּילען אין אידישען לעבען דאָס יאָהר כת"ר. אויף דעם געביט האָבען זיך אידען לומדים תמיד אויסגעצייכענט. בפרט אויף אזא וואָרט ווי כת"ר, — די ערשטע ספירה פון די עשר ספירות, — איז דאָך גאָר לייכט געווען צו געפינען רמזים, פון דער תורה, פון דער גמרא, מדרשים, פון זוהר הקדוש. אמשטארקסטען האָט מען זיך באנוצט מיט'ן וואָרט: ויתנו לך „כתר מלוכה", — כתר זיינען די זעלבע אותיות ווי תר"כ.

די אמונה צווישען פאָלק, אז אין דאָזיגען יאָהר וועט משיח קומען איז געווען אזוי שטארק און פעסט, אז ווער עס האָט געוואגט צו צווייפלען דערין, אויסדריקען זיך מיט ספקות, האָט מען פארשריגען אלס אפיקורס, אלס כופר בביאת המשיח...

און וואָס נעהנטער צום דאָזיגען יאָהר, אלץ מעהר האָט דער גלויבען אין דער נאָהענטער גאולה זיך פארשטארקט. ווען סוחרים האָבען געשלאָסען געשעפטען, האָבען זיי אויסגערעכענט ביז'ן יאָהר כת"ר. ווארום, אין דאָזיגען יאָהר וועלען מיר דאָך אויסגעלייזט ווערען פון גלות. אויפגעהן קיין ארץ

ישראל, און מיר װעלען דאָך סיי װי איבערלאָזען אונזערע הייזער און פעלדער, געשעפטען און עסקים אין חוץ לארץ, טאָ װאָס פאר א זין האָט עס זיך צו פארבינדען מיט ביזנעס אויף שפעטער? האָבען אידען סוחרים, פאבריקאנטען און סתם נגידים זיך אָפּגעזאָגט פון װיכטיגע עסקים, איבערגעריסען קאנטראקטען, און בכלל ממעט געװען במסחר, מיט'ן דערנענטערען זיך פון דעם גאולה יאָהר כת"ר.

מיט א יאָהר פריער, איז שוין דאָס גאנצע װירטשאפטליכע לעבען פון די אידען אין די שטעטלעך געװען פאראליזירט. בפרט צװישען די אידען אין גאליציען, װאו עס איז גרויס געװען די אמונה ביי אלעמען, אפילו ביי די „פרייע", און א װאָרט פון א צדיק איז געװען אזוי שטארק, אז מען האָט געשטעלט דערויף מויערען. אין דאָזיגען יאָהר האָט מען גענצליך אָנגעהויבען צוריקצוציהען פון די געשעפטען, ליקװידירען די קראָמען, פארקויפען די הייזער צו גוים, די פעלדער צו פריצים בחצי חנם, און מען האָט געגעסען פון קאפיטאל, גרייטענדיג זיך מיט פרומקייט און מעשים טובים אויף משיח'ן, װאָס קלייבט זיך שוין אין װעג אריין און דארף אקאָרשט קומען...

ענדליך האָט זיך דערנעהנטערט דאָס לאנג דערװאַרטעטע יאָהר, דאָס יאָהר כת"ר...

די ימים נוראים פון דאָזיגען יאָהר, האָבען אידען דורכגעלעבט מיט אמתדיגער קדושה וטהרה, מיט תשובה און מיט צדקה. עס האָט אויפגעהערט צו עקזיסטירען „מיינס און דיינס". אידען האָבען פארגעסען זייערע אלטע חשבונות, מחלוקות און קנאה־שנאה. מען האָט זיך איבערגעבעטען איינער מיט'ן אנדערען, מען האָט זיך געהאלזט און געקושט װי הארציגע ברידער און מען האָט זיך געגרייט צו דעם גרויסען טאָג, װאָס דארף קומען.

די שטימונג איז געװען א פייערליכע, א געהויבענע, די שפאנונג איז געװאַקסען מיט יעדען טאָג. די אמונה איז געװען אזוי גרויס, אז אויפהויבענדיג זיך אין דער פריה האָט מען ארויסגעקוקט דורכ'ן פענסטער צו זעהן, צו משיח איז שוין געקומען...

קינדער האָבען זיך געלייגט שלאָפען מיט ציטערניש, מיט ערװאַרטונג, אָנזאָגענדיג זייערע עלטערען, אז טאָמער קומט אָן משיח, זאָל מען זיי אויפװעקען פון שלאָף. זיי זאָלען, חלילה, נישט פארשלאָפען דעם גרויסען מאָמענט.

אין אזא שטימונג זיינען אריבער די ימים נוראים פון יאָהר כת"ר און עס איז אָנגעקומען דער יום טוב סוכות.

חסידים האָבען פונקט װי אין די ימים נוראים, אויך נישט געװאָלט בלייבען אין דער היים אין סוכות. װי אזוי קען מען אין אזעלכע הייליגע און ערהאבענע טעג בלייבען אין דער היים. נישט געפינען זיך צוזאמען

מיט'ן צדיק הדור, טיילען זיך מיט איהם די כיסופי גאולה און צוזאמען מקבל־פנים זיין דעם מלך המשיח?

האט זיך צום יום טוב סוכות פארזאמעלט א גרויסער עולם אין שטעטעל דזשיקאוו, ביים רבי'ן רבי אליעזר'ל דזשיקאווער, א זוהן פון הייליגען רבי נפתלי ראפשיצער זצ"ל. נאך קיינמאל האט מען אין דזשיקאוו אזא גרויסען עולם נישט געזעהן. און דער עולם איז נישט באשטאנען פון לויטער חסידים, איידעלע אידען און בעלי מדרגה, נאר אויך פון סתם אידען. אידען מיט באגרעניצטע מחות און קליינע השגות, — אידען פון א גאנץ יאהר.

דער רבי ר' אליעזר'ל, באטראכטענדיג דעם עולם, איז איהם געווארען שווער אויפ'ן הארצען. ער איז ארומגעגאנגען א צעקאכטער, א פארביטערטער. חסידים האבען זיך דערויף זעהר געוואונדערט. נישט געקענט פארשטעהן די סיבה. געהאפט האבען זיי צו געפינען דעם הייליגען רבי'ן א פרעהליכען, אן אויפגעלעגטען, א מונטערען, לסוף איז ער גאר צוגעלעגט, אומעטיג, פארשליסט זיך גאר, לאזט נישט אריין קיינעם צו זיך...

דאס דאזיגע האט מען באטראכט פאר א נישט גוטען סימן, און די הערצער ביי די בני עליה האבען אנגעהויבען קלאפען און שוועבען צווישען האפנונג און שרעק.

דערוויל האט מען זיך געגרייט צום יום טוב. די שטענדיגע סוכה איז געווען צו קליין פאר'ן גרויסען עולם. האט מען געמוזט אויפשטעלען א ריזיגע סוכה, כדי דער גאנצער עולם זאל האבען וואו צו עסען, לפחות וואו צו שטעהן אין סוכה.

עס איז געקומען די ערשטע נאכט יום טוב. דער רבי האט געזאגט די אושפיזין. קידוש געמאכט מיט גרויס התלהבות. ביים טיש געשמועסט פייערדיגע תורה וועגען דעם ענין פון גאולה שלימה און אמונת המשיח. א שרעק האט אלעמען באהערשט. דער עולם איז געשטאנען צונויפגעדריקט, מיט א פארכאפטען אטעם, מען האט זיך צוגעהערט צו יעדען דבור, צו יעדער תנועה פון רבי'ן, אבער מען האט נישט געהאט דאס געפיהל, אז די ווערטער פון רבי'ן באשטעטיגען דאס, וואס איז געווען איינגעפרעגט אין הארצען פון יעדען אידען, אז ענדליך האבען מיר דערלעבט דעם גרויסען מאמענט, אז משיח קומט טאקע היי־יאהר.

שפעט נאך האלבער נאכט האט מען גענומען בענשען. דער עולם האט געבענשט בחפזון, איילענדיג זיך, כדי צו קענען אויסהערען מיט כוונה ווי אזוי דער רבי בענשט אויפ'ן קול.

דאס מאל האט דער רבי לענגער פארזוימט ביים בענשען ווי ער איז תמיד געוואוינט געווען. פון צייט צו צייט איז ער אריינגעפאלען אין גרויס

דבקות, פארטראכט זיך, שטיל געשוויגען. באלד דערנאך ווידער אנגעהויבען. אזוי האט עס זיך פארצויגען אויף א לענגערע ווײלע.

פלוצלונג האט זיך דער רבי ר׳ אליעזר׳ל פון דזשיקאוו אויפגעשטעלט פון זיין ארט און א געשריי געטאן מיט א הויכער שטים און מיט גרוים התלהבות:

— רבונו של עולם, מיר בעטען ביי דיר: הרחמן הוא יקים לנו את סוכת דוד הנופלת — דו זאלסט אונז אויפשטעלען דאס חרוב געווארענעם בית המקדש. רבונו של עולם, שיק אונז דעם מלך המשיח, אבער ניט אין הײנטיגען יאהר, ניט אין שנת תר״כ...

עס איז זיך לייכט פארצושטעלען דעם רושם, וואס די דאזיגע דבורים האבען אויף דעם פארזאמעלטען עולם געמאכט. אין שרעק האבען זיך די חסידים אומגעקוקט. ביי יעדען האט געקלאפט א צאהן אן א צאהן. זיי האבען פארשטאנען, אז די מעשה איז נישט פשוט, אז עס איז עפעס געשעהן. ווארום ווי דען אנדערש קען מען פארשטעהן די תפלה פון רבי׳ן, אז משיח זאל נישט קומען הײנטיגס יאהר, ווען די גאנצע וועלט איז בטוח, די ספרים זיינען מרמז דערויף און אלע אידען זיינען שוין גרייט פאר משיח׳ן...

אבער דאס האט געדויערט בלויז א קורצע ווײלע און באלד האט זיך ווידער אמאל געהערט די ציטערדיגע שטימע פון רבי׳ן ר׳ אליעזר׳ל, וועלכער האט אויסגערופען ווי נישט מיט זיין קול:

— מורי ורבותי, הארציגע אידען, מאמינים בני מאמינים, אתם עדי, איהר זייט מיינע עדות, אז איך שווער פאר אייך, הײנטיגס יאהר וועט משיח נישט קומען.

באלד האט ער פארענדיגט דאס בענשען. אויפגעהויבען זיך פון טיש און ביי א צוטומלעניש פון גאנצען עולם פארלאזט די סוכה, אריין צו זיך אין צימער מיט׳ן געפיהל, אז ער האט נאר וואס אפגעטאן א וויכטיגע ארבייט, דערפילט א הייליגע אויפגאבע...

שווער צו שילדערען, וואס עס האט זיך דאמאלס געטאן אין דזשיקאוו. א שרעק און א בהלה האט באהערשט פון גרוים ביז קליין. געלעגט אזוי פיל האפנונגען, געמאכט אזעלכע הכנות און דא, נא־דיר אזא געשיכטע. ער בעט זיך גאר רחמים, אז משיח זאל נישט קומען היי־יאהר. מיטאמאל זיינען צעשוואומען און צערינען אלע האפנונגען, **וואס מען האט געלעגט** אויף׳ן יאהר כת״ר. ווארום עס איז ביי קיינעם שוין נישט געווען דער מינדסטער ספק, דאס נאך דער תפלה פון צדיק, און נאך זיין הארבער שבועה, וועט שוין משיח זיכער נישט קומען אין הײנטיגען יאהר. אין דעם האט שוין קיינער נישט געצווייפעלט. ווייל עס איז דאך באוואוסט דער מאמר:

הקדוש ב"ה גוזר וצדיק מבטל, און ממילא פארקערט אויך: צדיק גוזר והקב"ה מקיים...

אָבער וואָס איז פאָרט די סיבה וואָס האָט געבראַכט דערצו. — האָבען חסידים זיך געבראָכען די קעפּ — פארוואָס איז דער רבי ארויס פון זיין גדר, פון זיין שיטה, פון זיין געוואהנהייט און זיך ארויסגעכאַפּט מיט אזא שרעקליכע און נישט באגרייפענדע שבועה. מרי דעלמא כולא, וואָס אזעלכעס האָט פּאסירט, צי איז נישט אמאָל „יד שטן באמצע"?

ערשט אין חדשים ארום, ווען חסידים האָבען שוין אויפגעגעבען אלע האָפנונגען צו דערגעהן די זאך, האָט עס דער רבי ר' אליעזר'ל, ביי א שעת הכושר אויפגעקלערט פאר זיין זוהן און ממלא מקומו, דער באריממטער רבי ר' מאיר'ל דזשיקאווער:

און ערקלערט האָט עס דער רבי אזוי:

— איך האָב געזעהן און געפיהלט, דאָס די אמונה, אז היי־יאָהר קומט משיח, איז זעהר שטארק ביים המון־עם און ווער עס וואגט צו זאָגען אנדערש איז מען גרייט קורע בדג צו זיין. דערפאר האָב איך מורא געהאט, טאָמער ח"ו, וועט משיח נישט קומען און אידען וועלען בלייבען ענטוישט, פארביטערט, וועט מען זיך אין גאנצען מייאש זיין און בכלל אויפהערען צו גלויבען אין ביאת המשיח און אפילו צווישען חסידים וועלען זיך מעהרען אפיקורסים, וואָס וועלען שוין מעהר בכלל ניט גלויבען אין דער גאולה. און כדי דאָס צו פארמיידען, כדי איינצוהאלטען די אמונה אין ביאת המשיח אפילו ווען ער וועט נישט קומען היי־יאָהר, האָבען מיר מכריז געווען, אז אין שנת תר"כ וועט משיח נישט קומען. ממילא וועט די אמונה אין ביאת המשיח ניט ליידען, מען וועט זאָגען, אז אליעזר דזשיקאווער איז שולדיג דערין, וואָס משיח איז נישט געקומען אין שנת כת"ר, ער האָט „מעכב" געווען די גאולה...

ערשט נאָכדעם ווי די שבועה פון דזשיקאווער רבי'ן איז באקאנט געוואָרען, איז די וועלט צוריק געוואָרען א וועלט, אידען האָבען זיך צוריק גענומען צו זייערע מסחרים, אָנגעהויבען האנדלען, וואנדלען, עוסק זיין במצוות, שיקען די קינדער אין חדרים און אלץ האָט זיך צוריקגעקערט צום אלטען. די אמונה אין משיח'ן איז נישט שוואכער געוואָרען, אדרבא, זי איז נאָך שטארקער געוואָרען. יעדער האָט געגלויבט, אז די צייט איז נאָך נישט געקומען, ווייל אידען זיינען נאָך נישט גרייט, נאָך נישט מתקן געווען אלץ, וואָס אידען האָבען מתקן צו זיין אין גלות. און דעריבער דארף מען מעהר עוסק זיין אין תורה און מצוות, כדי מען זאָל באמת ראוי זיין צו דער גאולה שלימה און צו ביאת המשיח.

אָבער אין דער ערשטער צייט, ווען איינער האָט געפרעגט דעם אנדערען, וואָס איז די מעשה וואָס מען זעהט נאָך אלץ נישט משיח'ן — האָט ער תמימות'דיג אָפּגעענטפערט:

— אז דער דזשיקאווער רבי לאָזט נישט, וואָס זאָל מען מאכען. משמעות, אז אין הימעל וויל מען זיך נישט איינרייסען מיט'ן דאָזיגען צדיק הדור.

די עגונה און דער געפונענער מאַן

אין דער לומדישער וועלט איז באַקאנט, אז דער בארימטער צאנזער רב, רבי חיים האלבערשטאם זצ"ל, דער מחבר פון „דברי חיים", איז געווען א גרויסער מקיל אין שאלות עגונות. ווען א פרוי, וועמען דער מאן האָט פארלאָזען, נישט איבערלאָזענדיג נאָך זיך קיין שפּור, איז געקומען קיין צאנז, און געבעטען דעם רב, אז ער זאָל פאַר איהר געפינען א היתר, ווי אזוי זי זאָל אויפגעבונדען ווערען פון די עגונה־קייטען, האָט דער גרויסער גאון נישט גערוהט קיין טאָג אין קיין נאכט, ביז ער האָט געפונען פאר דער אומגליקליכער פרוי א תקנה. דערביי האָט ער שטארק געשטעלט אויף זיך, אויף זיינע „ברייטע פּלייצעס", און נישט געפרעגט נאָך קיינעם.

געווען אמאָל א פאל מיט אן עגונה, וועלכער דער דאמאָלסטיגער לעמבערגער רב, רבי יוסף שאול נאטאנזאָן זצ"ל, און דער בראָדער גאון רבי שלמה קלוגער זצ"ל, האָבען נישט געקענט געפינען קיין היתר און די פרוי איז געקומען קיין צאנז, געוויינט און געקלאָגט פאר'ן רבי'ן און געבעטען, אז ער זאָל זיך אויף איהר מרחם זיין און איהר באפרייען.

דער צאנזער רב האָט זיך פארטיפט אין דעם ענין. עס האָט זיך דאן אָנגעהויבען א לאנגע קאָרעספּאָנדענץ צווישען איהם און די אויבען־דערמאָנטע גדולים. איינמאָל, ביינאכט, איז דער שמש פון צאנזער רב געקומען צולויפען צום אָרטיגען דיין, וועלכער איז געווען א גרויסער תלמיד־חכם, און גערופען איהם צום רב אין הויז.

אויפ'ן וועג צום רב'ס הויז, האָט דער שמש דערצעהלט דעם דיין, אז דער רב איז נאָר־וואָס געקומען פון מקוה און ער גרייט זיך צו שרייבען א וויכטיגע תשובה.

ביים רב אין הויז האָט שוין דער דיין געטראָפען דעם ראש־ישיבה, פאר וועלכען דער רב האָט דערצעהלט, אז ער האָט געפונען א היתר פאר דער

עגונה און דערביי האָט ער פאַר זיי קלאָר געמאַכט די יסודות פון היתר.

דאַן איז דער צאַנזער רב אַוועק אין אַ ווינקעל פון זיין צימער און מיט גרויס בכיות גענומען מתפלל זיין: „והאר עינינו בתורתיך, ודבק לבנו במצוותך"; „גל עיני ואביטה נפלאות מתורתיך", אַזוי אַז די אַנוועזענדע זיינען ממש אויפגעציטערט געוואָרן.

ענדליך איז דער רבי צוגעקומען צום שרייב־טיש און אָנגעהויבען פאַר זיין סעקרעטאַר צו דיקטירען די תשובה. דריי שעה צייט האָט געדויערט דאָס אָנשרייבען די תשובה. פון מינוט צו מינוט זיינען די אַרגומענטען געוואָרען שטאַרקער. דער דיין און דער ראש־ישיבה, וואָס זיינען דערביי געשטאַנען כדי אויפמערקזאַם צו מאַכען דעם רב, אויב ער האָט אַ טעות, זיינען ממש אַרויס פון די כלים. זיי האָבען געפיהלט, דאָס זיי קענען נישט נאָכפאָלגען דעם גערדאַנקען־גאַנג פון רב. עס האָט זיך אַרויסגעוויזען, ווי פאַר די גייסטיגע אויגען פון רב איז אויסגעשפרייט גאַנץ ש"ס, אַלע פּוסקים, די ספרי ראשונים ואחרונים און צווישען זיי זוכט ער די ראיות פאַר זיין היתר.

ווען מען האָט געענדיגט שרייבען דעם היתר, איז דער צאַנזער רב אַריינגעפאַלען אין אַ געוואַלדיגער דבקות. ער האָט אַ צענדליג מאָל אויסגערופען: „לית מחשבה תפיסה בך כלל, לית אתר פנוי מניה" (קיין מחשבה איז דיך נישט תופס, נישטאָ קיין אָרט, וואָס זאָל זיין ליידיג פון איהם). דאָס האָט געדויערט אַ לענגערע צייט. פּלוצלונג האָט דער רב געטהון זיך אַ שטעל אויף פון זיין שטוהל און אויסגערופען מיט'ן גאַנצען כח:

— במתיבתא דרקיע פּסק'נט מען, אַז די עגונה איז מותר, מותר לעלמא. געהט זאָגט די אשה אַז זי איז געהאָלפען...

דער דאָזיגער היתר האָט געמאַכט אַן אומבעשרייבליכען רושם אין דער לומדישער וועלט. זייט דאַן האָבען גענומען ציהען קיין צאַנז עגונות פון גאַנצען לאַנד און אויך פון אויסלאַנד. יעדע עגונה האָט געהאַלטען, אַז אויב דער צאַנזער רב וועט איהר נישט העלפען, איז זי אַ פאַרלוירענע. דערי־בער זיינען די אומגליקליכע עגונות מיט'ן לעצטען ביסעל האָפנונג געקומען קיין צאַנז, און געביטערט פאַר'ן צדיק, בעטענדיג ביי איהם אַ ישועה.

אין די עלטערע יאָהרען, ווען דער צאַנזער רב איז שוין געווען אָפּגעשוואַכט, פלעגט ער די עגונות וואָס האָבען זיך צו איהם געווענדעט, שיקען צו פאַרשידענע גאונים און גדולים, מיט וועלכע ער איז געשטאַנען אין קאָנטאַקט. דער רב פלעגט בלויז צושרייבען אַ פּאָר ווערטער, אָנווייזען אַ רייה מראה־מקומות, אין וועלכער ריכטונג דער גאון זאָל זוכען דעם היתר, און ערמעגליכען, אַז די אומגליקליכע עגונה זאָל געהאָלפען ווערען.

איינמאָל איז קיין צאַנז געקומען אַן עגונה, פון וועלכער דער מאַן איז

אנטלאָפען מיט יאָהרען צוריק, איבערלאָזענדיג איהר א פארוויסטע, מיט צוויי קליינע קינדער. די אומגליקליכע פרוי האָט פאר'ן צדיק געוויינט און געקלאָגט, געשילדערט פאר איהם איהר ביטערע לאגע. דערביי האָט זי דערצעהלט, אז פריהער, ווען איהר טאטע האָט געלעבט און האָט איהר אויסגעהאלטען מיט די קינדער, האָט זי זיך נישט אזוי שטארק מצער געווען, נישט געמאכט קיין באמיהונגען אויפצוזוכען איהר פארשוואונדענעם מאן. אָבער זייט דער פאָטער איהרער איז געשטאָרבען, דאָס איז שוין באלד א יאָהר, איז איהר געוואָרען זעהר שלעכט. זי האָט שוין פארקויפט דאָס לעצטע קישען פון צוקאָפּענס, כדי צו קענען זיך מפרנס זיין מיט די קינדער, און איצט איז שוין ממש כלו כל הקיצין.

— וואָלט איך געהאט א היתר, וואָלט איך נישט געהאט קיין דאגה, — האָט די פרוי יאָמערענדיג צוגעגעבען, — מיינער א קרוב, אן אלמן, און א שעהנער בעל־פרנסה, שדכנ'ט זיך צו־מיר. איז אָבער מיין אומגליק גרויס, און פון מיין מאן איז שוין באלד צעהן יאָהר נישטאָ קיין שפור. און אזוי ווי די וועלט זאָגט, אז ביים הייליגען צדיק ווערט מען געהאָלפען, — בין איך געקומען צו אייך און איך וועל נישט פריהער אָפּטרעטען פון דאנען, ביז איך וועל באקומען א היתר...

דער צאנזער רב האָט אויסגעהערט איהר בקשה, אויסגעפרעגט זי פארשידענע פרטים, סימנים, ווי לאנג עס איז שוין זייט ער איז פארשוואונדען. לסוף האָט דער רבי ערקלערט, אז ליידער קען ער גאָר נישט מאכען. ער האָט פאר איהר נישט קיין שום עצה...

די עגונה האָט פארבראָכען די הענט, גענומען וויינען אויפ'ן קול, און ערקלערט, אז זי וועט נישט אָפּטרעטען ביז וואנען זי וועט נישט אויפגעבונדען ווערען...

די עגונה איז פארבליבען אין צאנז, פארדינגען זיך צו פארשידענע שווערע הויז־ארבייט, געוואשען וועש געריבען פאָדלאָגעס, געארבייט שווער און ביטער און ווי נאָר זי האָט געהאט א פרייע מינוט, איז זי אריינגעפאלען צום רבי'ן אין הויז מיט גרויסע קולות און יללות, אזוי אז מען האָט איהר גאָרנישט געקענט איינגעמען און ביי אלע הויז־מענשען זיינען די הערצער צעריסען געוואָרען פון רחמנות.

איינמאָל, ימים נוראים צייט, ווען די עגונה האָט באזונדערס זיך צעיאָמערט אין איהרע געוואלדען, און די ארומיגע זיינען געווען טיף גערירט, האָט דער רב א וויילע זיך פארטראכט און שפעטער האָט ער א זאָג־געטהון צו דער עגופה:

— פאראן אין אונגארן א שטאָדט מיט'ן נאָמען באלאש־יארמוט,

דאָרט וואוינט א גרויסער גאון, רבי דוד דייטש איז זיין נאָמען. פאָהר קיין באלאש־יארמוט, צום דאָרטיגען רב, איך וועל דיר מיטגעבען צו איהם א בריף, ער זאָל דיר העלפען.

רבי דוד דייטש איז געווען איינער פון די גרעסטע גדולים אין זיין צייט. אין ספר „דברי חיים" פון צאנזער רב זיינען פאַרהאַן א גאנצע רייה תשובות פון צאנזער רב צום דאָזיגען גאון. אָבער רבי דוד איז טראָץ דעם געבליבען א מתנגד, און דערפאַר האָט עס אלעמען געוואונדערט, וואָס דער רבי שיקט גראד צו איהם די עגונה נאָך א תיקון.

אָבער נאָך מעהר האָט געוואונדערט דער אינהאלט פון קורצען בריוועל, וואָס דער צאנזער רב האָט געשריבען צום דאָזיגען גאון. דאָס בריוועל האָט ענטהאלטען בלויז די פאָלגענדע ווערטער:

„איך בעט אייך, א טובה צו טהון דער דאָזיגער פרוי, אז זי זאָל באקומען א גט פון איהר מאן"...

דער עולם האָט געצויגען מיט די פּלייצעס: ס'הייסט עפּעס, אז זי זאָל באקומען א גט, אז זי ווייסט נישט וואו איהר מאן געפינט זיך, און שוין צעהן יאָהר ווי זי איז א פארוויסטע עגונה...

אָבער די פרוי האָט נישט געקוקט אויף קיין זאך, געלאָזט זיך אין וועג קיין באלאש־יארמוט, דאָרט וואו עס האָט געוואוינט דער גאון רבי דוד דייטש.

רבי דוד דייטש, אויסהערענדיג די געשיכטע און איבערלייענענדיג דאָס קורצע בריוועל פון צאנזער רב, איז נבהל ונשתומם געוואָרען. וואָס הייסט זי זאָל באקומען א גט? — אז די צרה איז, וואָס מען ווייסט נישט וואו דער מאן געפינט זיך, טאָ וואָס איז דאָ שייך א גט?

רבי דוד האָט געוויזען דאָס בריוועל צו זיינע דיינים, סתם לומדים און פריינד און אלע האָבען נישט געוואוסט קיין פשט. אנדערע האָבען גאָר אויסגעדריקט די השערה, אז דער צאנזער רב, שרייבענדיג דאָס בריוועל, איז געווען שטארק פארנומען, האָט ער פארגעסען, אז די פרוי איז אן עגונה, און ער האָט געשריבען מכח א גט.

די גאנצע צייט איז די פרוי געשטאנען מיט הארץ־קלאַפּעניש. דער גאון האָט באטראכט דער פרוי, פארשטאנען וויפיל מיה און מאטער עס האָט איהר געקאָסט ביז וואנען זי איז צו איהם געקומען, און ווי האָט מען עס א הארץ צו זאָגען איהר, אז ער קען איהר גאָרנישט העלפען, און אז דער צאנזער רב האָט געמוזט האָבען א טעות אין שרייבען?...

— הערט מיך אויס, אידענע, — האָט דער גאון אויסגערופען — לעת עתה ווייס איך אייך נישט וואָס צו זאָגען. בלייבט דאָ, איז שטאָט

עטליכע טעג. איהר וועט טאקע וואוינען ביי מיר אין הויז און איך וועל מיך מיישב זיין, וואס מען קען טהון פאר אייך.

די פרוי איז טאקע פארבליבען אין שטאט, אבער ביים רב אויף קעסט האט זי נישט געוואלט זיין. זי האט בעסער געוואלט פארדינען אויף חיונה פון פארשידענע הויז־ארבייט און דאס איז איהר נישט שווער אנגעקומען. אבער פון צייט צו צייט איז זי ארייננעקומען צום רב, פרעגען, צי ער האט שוין עפעס אן עצה פאר איהר.

איינמאל, ווען די פרוי האט זיך געפונען ביים רב אין הויז, איז ארייננעקומען א אידישער שוסטער, וועלכער האט געבראכט פאר'ן רב א פאר־שיך. די פרוי האט געכאפט א בליק אויפ'ן שוסטער, און עס האט איהר גענומען שווינדלען פאר די אויגען. זי האט געטהון א געשריי און גלייך געפאלען אין חלשות.

ווען זי איז געקומען צו זיך, האט זי דעם גאון דערצעהלט, אז זי האט אין דעם שוסטער דערקענט איהר אנטלאפענעם מאן...

רבי דוד דייטש איז געווארען אויסער זיך פון איבערראשונג. הייסט עס, אז דער צאנזער רב האט מיט רוח הקודש אויסגעפונען, אז דער אנטלאפענער מאן געפינט זיך אין זיין שטאט, און ער דארף זיך משתדל זיין מכח א גט פאר איהר. אבער אפשר האט די אומגליקליכע פרוי א טעות, קען מען דאך אין שטאדט דעם שוסטער אלס ארענטליכען מענש, וואס האט א פרוי מיט עטליכע קינדער און עס איז אויף איהם נישט געפאלען דער מינדעסטער חשד. אבער דער פאקט, וואס בעת דער מהומה איז דער שוסטער אנטלאפען, נישט מאנענדיג דאס געלט פאר די שיך — איז א שטיקעל באוויז, אז די פרוי ווייסט יא וואס זי רעדט!...

דער רב האט געשיקט נאכ'ן שוסטער און עס האט זיך אנגעהויבען א חקירה ודרישה. אין אנהויב האט ער געלייקענט שטיין און ביין, אז ער קען גארנישט די פרוי, אז ער האט זי פאר די אויגען קיינמאל נישט געזעהן. אבער די פרוי האט אויפגעוויזען מיט סימנים, אז דאס איז ער דער „תכשיט", און אז ער וועט זיך מעהר נישט ארויסדרעהען פון איהרע הענט.

— הער מיך אויס, וואס איך זאג דיר, — האט דער רב אויסגערר־פען צו דעם שוסטער — ווען סטו זיך מודה זיין, איז הרי טוב, אנדערש וועט זיך מיט דיר מטפל זיין די פאליציי און דאמאלס וועל איך גארנישט קענען העלפען!...

די דאזיגע ווערטער פון רב האבען געווירקט. דער שוסטער האט זיך צעוויינט און מודה געוועזן אין זיין פארברעך, און דערביי ערקלערט, אז ער איז גרייט אויף זיך צו נעמען יעדען פסק פון רב.

גלייך האָט מען געשיקט נאָך א סופר. מען האָט מסדר געווען צוויי גט'ן, פאַר די צוויי ווייבער, דאַן האָט ער גענעבען דער ערשטער פרוי א ביסעל געלט, פאַר די קינדער זיינע, וואָס זי האָט איהם געבוירען און די פרוי איז אהיימגעפאָרען א געהאָלפענע.

די דאָזיגע געשיכטע האָט געמאַכט א גרויסען רושם אין אונגארן, און אפילו די פארביסענע מתנגדים האָבען מודה געווען, אז דער צאנזער רב האָט דאָ געפּראַוועט א גאָר גרויסען מופת.

אָבער דער צאנזער רב האָט זיך אָנגעבייזערט אויף די וואָס האָבען געהאַלטען, אז דאָס איז א מופת:

— וואָס מופת, ווען מופת, איך האָב געשיקט דער עגונה צו רבי דוד'ן ער זאָל מעיין זיין אין דער הלכה. אָבער ווען זי האָט גראָד דאָרט געפונען דעם אנטלאָפענעם מאַן און ארויסבאַקומען פון איהם א גט, — איז אוודאי גוט, איז אוודאי גלייך...

איינגעמאָנט אַן אַלטען חוב...

ווי באַקאַנט איז ביי חסידישע רביים, ביי גוטע אידען, איינגעפיהרט געוואָרען דער מנהג צו געבען דעם צדיק „פדיון נפש", ווען מען איז געקומען מזכיר זיין א חולה, געהאָלפען צו ווערען מיט א בן זכר, אָדער ווען מען געפינט זיך אין אן עת־צרה און מען וויל אז דער צדיק זאָל אויסבעטען א ישועה.

עס זיינען געווען צדיקים וואָס האָבען געשטעלט א „פּרייז". פאַר א בן־זכר — אזוי פיל געלד וויפיל עס באַטרעפט דאָס וואָרט „בן", פאַר א חולה, — אזא סומע וויפיל עס באַטרעפט דער נאָמען פון חולה, אָדער סתם אזוי א סומע געלד, וואָס די מבקשים האָבען זעהר גערן דערלאַנגט און געגלויבט, אז אין דעם זכות זיינען זיי געהאָלפען געוואָרען.

אָבער דאָס איז נישט געווען צוליב זייער לוסט צו געלד. עס זיינען געווען צדיקים, וואָס האָבען אפילו קיין צורת מטבע נישט געקענט, און דעם דערלאַנגטען „פדיון" צומאָל נישט גענומען אין האַנד, און דאָך האָבען זיי געבעטען גרויסע סכומים געלד. א טייל זיינען געווען גרויסע בעלי־צדקה, אויסגעהאַלטען צענדליגער בכבוד'ע פאַמיליעס, אלמנות, יתומים, באַהאַלטענע צדיקים, און דאָס געלד האָבען זיי פאַרווענדעט פאַר די דאָזיגע צוועקען.

עס זיינען אָבער אויך געווען צדיקים, וואָס האָבען קיינמאָל נישט פאַרלאַנגט קיין געלד פאַר אויסבעטען א ישועה. און דאָס געלד וואָס די

מבקשים האָבן פון אייגענעם ווילן צוגעטראָגן, האָבן זיי אויך צוריקגעוויזן.

צו דער דאָזיגער קאטעגאָריע צדיקים האָט אויך געהערט דער אַלטער צאנזער רב, רבי חיים זצ״ל, און וועגן דעם דערציילט מען פיעל אינטערעסאנטע עפּיזאָדן. וועלן מיר דאָ איבערדערציילן א פּאָר כּראקטעריסטישע פּאסירונגען.

נאָך דער פּטירה פון צאנזער׳ס ערשטע ווייב, די טאָכטער פון לייפּניקער רב, בעל „ברוך טעם״ זצ״ל, האָט ער חתונה געהאט מיט׳ן לייפּניקער רב׳ס א צווייטע טאָכטער, — די שוועסטער פון זיין ערשטער פרוי.

דאמאָלס איז שוין רבי חיים געווען בארימט אויף ווייט און ברייט. הונדערטער מענשען האָבן טאָג־טעגליך זיך געשטופּט ביי זיין טיר, און באמיט זיך, אז דער בארימטער צדיק זאָל פאר זיי אויסבעטען א ישועה.

געווען איז עס אין די שבע ברכות, בשעת די יונגע רביצין האָט זיך גראד געפונען אין רבינ׳ס צימער, איז אריינגעקומען א צאנזער חסיד, א קינדערלאָזער, וועלכער האָט שוין פיעל מאָל געבעטען אויף קינדער ביים צדיק און אלץ נישט באקומען קיין גינסטיגע תשובה. איצט בשעת חדוה, האָט ער געהאָפט, איז די פּאסיגע צייט געהאָלפען צו ווערן.

דער חסיד האָט דערלאנגט דעם רבי׳ן א בקשה־קוויטעל און מיט טרערען אין די אויגען א זאָג געטאָן:

— הייליגער רבי, פארלאנגט פון מיר וויפיל געלד איהר ווילט, איך בין אייך גרייט צו געבען וויפיל נאָר איך בין אימשטאנד, אבי איך זאָל געהאָלפען ווערן.

דער רבי האָט א שמייכעל געטאָן און אָבגעענטפערט:

— אז דו וועסט מיר געבען הונדערט רובל, וועסטו דאָס יאָהר געהאָלפען ווערן מיט א בן־זכר.

דערהערענדיג די דאָזיגע דבורים, איז דער חסיד געוואָרען מלא שמחה. גיך איז ער געלאָפען אין זיין האָטעל, פארשאפט זיך ביי פריינד די דאָזיגע סומע, און גלייך צוריקגעלאָפען צום רבי׳ן.

אריינקומענדיג צום צווייטען מאָל אין רבינ׳ס צימער איז שוין די יונגע רביצין דאָרט ניט געווען. און ווי ערשטוינט איז דער חסיד געוואָרען, ווען דער רבי האָט נעמענדיג דאָס געלט אין האנט, גלייך עס איהם צוריקגעגעבען.

— סטייטש, רבי, איהר האָט דאָך מיר אליין געהייסען ברענגען הונדערט רובל — האָט דער חסיד מיט טרערען אין די אויגען אויסגערופען.

דער צאנזער רב האָט דאן שמייכעלדיג געענטפערט דעם חסיד:

— אין מדרש ווערט דערציילט: שלמה המלך, וועלכער האָט דאָך

געקענט שיחות חיות ועופות, האָט אמאָל שפּאַצירט אין זיין גאָרטען, האָט ער געהערט ווי צוויי פייגעל שמועסען צווישען זיך, האָט ער זיך דערנעהנ־טערט צו זיי און געהערט ווי איין פויגעל זאָגט צו דער אנדערער:

— דו זעהסט דעם פּאַלאַץ, וואָס דער קעניג שלמה האָט פאַר זיך געלאָזט אויפשטעלען דורך די גרעסטע וועלט־קינסטלער — אז איך זאָל וועלען, וואָלט איך מיט איין פוס געקענט איבערדרייען דעם גאַנצען פּאַלאַץ...

שלמה המלך האָט שטאַרק זיך געוואונדערט אויף דער דאָזיגער בארימעריי, און ווען דער דאָזיגער פויגעל האָט זיך שפּעטער געפונען אליין, האָט שלמה המלך איהם געפרעגט צי ער איז באמת אזוי שטאַרק, דאָס ער איז אומשטאַנד איבערצוקערען זיין פּאַלאַץ.

— אדוני המלך — האָט דער פויגעל א פאַרשעמטער אָבגעענטפערט,

— דער צווייטער פויגעל איז מיין ווייב, און פאַר איהר האָב זיך געוואָלט בארימען מיט מיין גבורה...

— אויך איך — האָט פאַרענדיגט מיט א שמייכעל דער צאַנזער רבי — האָב זיך געוואָלט באַרימען פאַר מיין ווייב, אז איך בין א גרויסער פּאַרדינער, אז איך קען לייכט פאַרדינען הונדערט רובל... אָבער איך ווייס דאָך, אז דו ביזט נישט אומשטאַנד צו געבען אזא סומע געלט. פאָהר אהיים לחיים ולשלום און איך בין דיר מבטיח, היי־יאָהר, א בן־זכר.

אָבער ביי די יעניגע, וואָס זיינען אומשטאַנד געווען צו געבען גרויסע געלדער, האָט דער צאַנזער שפּעטער איינגעמאָנט דאָס געלט, ווי א חוב.

איינמאָל, ווען דער צאַנזער רב איז געווען אין בודאַפּעסט, איז צו איהם געקומען א מאַן, וואָס איז שוין געווען גאַנץ אסימילירט, זעהר ווייט פון חסידות, אפילו פון אידישקייט, און געוויינט פאַר'ן רבי'ן, אז זיין בן יחיד איז געפערליך קראַנק, די גרעסטע דאָקטוירים זיינען איהם מיאש, און ווי מענשען זאָגען, קען נאָר דער גרויסער צדיק פאַר איהם דערלאַנגען א ישועה. דערביי האָט דער מאַן, וועלכער איז געווען זעהר רייך, אוועקגע־לעגט פאַר'ן רבי'ן די סומע פון דריי הונדערט רענדלעך. דער רבי האָט אָבער דאָס געלד נישט געוואָלט נעמען און ערקלערט, אז דער חולה וועט האָבען א ישועה.

און אזוי איז טאַקע געשעהן. דער חולה איז געזונט געוואָרען און דער גביר האָט שוין כמעט ווי פאַרגעסען, אז זיין זוהן לעבט אין זכות פון צאַנזער צדיק'ס ברכה.

אין א צייט אַרום, איז געקומען צום רבי'ן זיינער א חסיד, א צדיק תמים, א גרויסער תלמיד חכם און געקלאָגט זיך פאַר איהם, דאָס היות ווי ער האַלט ביי טאָן אַ שידוך מיט זיין טאָכטער, מיט א בחור אן עלוי

און א מושלם, וואס וועט מיט דער צייט ארויסוואקסען א גדול, ער געהט ממש אוים צו טאן דעם שידוך, איז אבער די צרה, וואס די עלטערען פון דעם חתן פארלאנגען פון איהם גאנצע דריי הונדערט רענדלעך, א פרוטה ניט וועניגער, און ווי איז ער אימשטאנד צוצוזאגען אזא ריעזיגע סומע געלד?

קלערט א ווײלע דער רבי און ענטפערט:

— פאר אהיים און טו דעם שידוך. און וועגען דעם געלט זאלסטו נישט זארגען. אז עס וועט האלטען ביי זמן־חתונה, זאלסטו קומען צו מיר, וועל איך דיר געבען א בריוועל צו א נגיד אין בודאפעסט, ער זאל דיר געבען די דריי הונדערט רענדלעך.

עס פארשטעהט זיך, אז דער איד האט מקיים געווען דאס וואס דער רבי האט איהם אנגעזאגט, און פאר'ן זמן חתונה איז ער ווידער געקומען קיין צאנז און דערמאנט דעם רבי'ן זיין הבטחה.

דער צאנזער רבי האט גלייך אנגעשריבען א קורץ בריוועלע און געזאגט צום חסיד:

— ווי דער נגיד רופט זיך מיט דעם פאמיליען־נאמען, און וואו עס איז זיין אדרעס ווייס איך נישט. איך ווייס נאר אז זיין נאמען איז משה... אבער אז דו וועסט נישט זיין קיין בטלן, וועסטו אלץ אויסגעפינען. דערביי זאג איך דיר אן, אז דו זאלסט קיין איין פרוטה וועניגער ווי דריי הונדערט רענדלעך ניט נעמען...

דער חסיד האט גענומען דאס בריוועל און מיט א הארץ פול מיט בטחון געפארען קיין בודאפעסט. אנקומענדיג אין שטאט האט ער אנגעהויבען זוכען א איד א גביר מיט'ן נאמען משה. אבער איז דען פאראן איין משה אין אזא שטאט ווי בודאפעסט?

וואס טוט א פרומער איד? הויבט ער אן וואנדערען איבער די שוהלען און בתי מדרשים, נאכפרעגען זיך אויף א נגיד מיט'ן נאמען משה. אבער צו וועמען ער האט זיך געווענדעט, האט יענער איהם אויסגעלאכט. עס האט אויסגעזעהן, ווי מען זאגט אין א ווערטעל: משה זוך מיך... דער איד איז געווען שטארק צעבראכען, אבער איינס האט ער געוואוסט, אז אוועק א ליידיגער פון דאנען וועט ער נישט. מעג עס דויערען א יאהר צייט. ער מוז דעם מאן אויפזוכען. אלא וואס דער ענין פארשאפט איהם יסורים, — מסתמא איז עס אזוי זיין מזל.

איינמאל האט ער זיך פאנאנדערגערעדט מיט אן אלטען שמש, אן אנהענגער פון צאנזער רבי'ן און אויסגעוויינט זיך פאר איהם. פלוצלונג פאלט איין דעם שמש, אז דאס מיינט מען א בארימטען אידישען סוחר, אייגענטימער פון גרעסטען וואַרענהויז אין שטאט. דעם אידישען נאמען

האָט ער שוין אפילו לאנג פארגעסען, אָבער משמעות, אז פאר׳ן רבי׳ן האָט ער זיך פאָרגעשטעלט מיט זיין אידישען נאָמען.

— הערט אויס מיין פריינד, איך וועל אייך אָנווייזען דעם מאן, צו וועלכען דער היילינער צדיק האָט אייך געשיקט, ווי איך בין מיך משער, נאָר בתנאי אויב איך האָב אייך באמת צוגעטראָפען, און איהר וועט באקומען די דריי הונדערט רענדלעך — פארלאנג איך פון אייך א פינפערל שכר־טרחה.

— מסכים! — האָט דער חסיד אויסגערופען און גליך זיינען זיי ביי־דע אוועק צום ווארענהויז פון א בארימטען אסימילירטען אידישען ביזנעסמאן.

דאָס געשעפט האָט פארנומען א גאנצען בלאָק, הונדערטער משרתים האָבען דאָרט געארבעט, און דער אָרימער איד האָט זיך דאָרט איינגאנצען פארלוירען. ער האָט זיך געווענדעט פון איין משרת, צו אן אנדערען, אָבער זיי האָבען איהם אפילו נישט געענטפערט.

ענדליך האָט זיך צו איהם דערנעהנטערט א דינער און געפרעגט וואָס ער פארלאנגט.

— איך פארלאנג אויפגענומען צו ווערען דורך דעם בעל הבית, איך האָב צו איהם א וויכטיגע שליחות.

— אפשר פארלאנגט איהר א נדבה, וועל איך אייך צופירען צו דער קאסע, ווייל צום בעל הבית אליין איז זעהר שווער צוצוקומען, — האָט דער דינער געענטפערט.

— איהר מוזט מיך אָבער אָנמעלדען צו איהם. איך האָב צו איהם א שליחות פון צאנזער רבי׳ן!

דער דינער איז אוועק און אין א קורצער צייט איז ער צוריקגע־קומען און געזאָגט:

— קומט, ר׳ איד, דער בעל הבית ערווארט אייך אין זיין קאָנטאָר.

אין קאנטאָר האָט ער געפונען דעם בעל הבית און זיין פרוי. דער איד האָט ארויסגענומען דעם צאנזער׳ס בריוועל און עס איהם דערלאנגט.

דער גביר האָט גענומען דרייען דאָס בריוועל פון אלע זייטען, אָבער ער האָט נישט געקענט איבערלייענען א וואָרט.

— אפשר ווייסט איהר וואָס עס שטייט געשריבען אין דעם בריוועל? —האָט דער גביר געפרעגט.

— אוודאי ווייס איך. דאָ שטייט געשריבען, אז איהר זאָלט מיר געבען דריי הונדערט רענדלעך, וואָס איך האָב נויטיג חתונה צו מאכען מיין טאָכטער.

בלייבט דער גביר זיצען א פארוואונדערטער. אמת, ער האָט געהערט פון צאנזער רבי׳ן. ער איז גרייט אויף זיין רעקאָמענדאציע צו געבען א

שיינע נדבה, אָבער דריי הונדערט רענדלעך, — דאָס איז דאָך א קאפּיטאַל. גלייך לאָזט ער אריינרופען אן אָנגעשטעלטען, וועלכער איז בקי אין די קליינע אותיות און יענער לייענט איהם פאָר און איבערזעצט איהם דעם צאנזער'ס בריוועל. עס שטימט. דריי הונדערט רענדלעך. דער גביר פּרובט האנדלען מיט'ן אידען. ער גיט איהם א פופציגער, א גאנצען הונדערטער. אָבער דער איד וויל א פּרוטה נישט אראָבלאָזען.

פּלוצלונג רופט זיך אָן די פרוי: — אָבער מיין ליבער מאן, דער צדיק איז דאָך גערעכט. עס קומט איהם פון אונז אזא סומע. דו דערמאָנסט דיך, אז ווען אונזער זוהן איז שווער קראנק געווען, האָסטו דעם רבי'ן געוואָלט געבען אזא סומע, אָבער ער האָט זיך אָבגעזאָגט צו נעמען. איצט האָט ער געשיקט איינמאָנען דעם חוב...

דער גביר איז אויפגעשפּרונגען פון איבערראשונג. ער האָט זיך דערמאָנט די געשיכטע. עס פארשטייט זיך, אז דער חסיד האָט באקומען אויסגעצאָלט די גאנצע סומע, א חוץ מתנות און אויסשטייער פאר דער כלה. דער איד האָט זיך צוריקגעקערט אהיים א גליקליכער און געפּראוועט א חתונה כיד המלך...

רבי שמעון סופר און דער שינאווער רבי

רבי יחזקאל שרגא האלבערשטאם, דער שינאווער רבי ז"ל דער עלטסטער זוהן פון רבי חיים צאנזער זצ"ל, איז געווען איינער פון די גדולי החסידות אין זיין צייט, צו וועלכען אויך די לומדיש־רבנישע וועלט האָט זיך באצויגען מיט גרויס יראת הרוממות.

געבוירען איז ער אין יאָהר תקע"א, אין דער שטאָדט ליפּניק, בעת זיין פאָטער האָט געגעסען קעסט ביי זיין שווער, דער בארימטער גאון רבי ברוך תאומים־פרענקעל, דער „ברוך טעם" זצ"ל. שוין פון זיין פריהסטער יוגענט צייכענט ער זיך אויס מיט זיין ערליכקייט, יראת שמים און גדלות בתורה. באזונדערס איז ער באקאנט געווען מיט זיין מסירת נפש פאר'ן אמת. ער האָט ניט געליטען קיין פאלשקייטען, קיין שקר. ליגען זאָגען — איז ביי איהם געווען דאָס ערגסטע אין דער וועלט.

גאנץ יונג האָט ער חתונה געהאט מיט דער טאָכטער פון ווישניצער רב, רבי לייבוש ליפשיץ, באקאנט פון זיין ספר „אריה דבי עילאה". דער ווישניצער רב איז געווען אן איידעם פון באריהמטען גאון און צדיק רבי

משה טייטעלבוים פון אוהעל, — „דער ישמח משה", וועלכער איז געווען א תלמיד פון רבי ר' אלימלך פון ליזענסק.

דער „ישמח משה" האט זיך ממש געשפיגעלט אין זיין אייניקעל רבי יחזקאל'ע, און ער האט אויסגעווירקט, דאס ער זאל עסן קעסט אין אוהעל, וואו ער האט עוסק געווען בתורה ובעבודה און אנגעפיהרט מיט א ישיבה פון לומדישע בחורים און יונגעלייט.

אבער נישט לאנג נאך דער חתונה, איז די יונגע רביצין, דאס אייניקעל פון „ישמח משה", קראנק געווארען, אבגעקרענקט א שטיקעל צייט און געשטארבען.

דער „ישמח משה" האט נישט בלויז געטרויערט נאך זיין פריהצייטיג פארשטארבענעם אייניקעל, נאר אויך, וואס צוליב דער סיבה, ווערט פון איהם דערווייטערט רבי יחזקאל'ע, צו וועלכען ער איז שטארק צוגעבונדען געווארען. נאך לאנגע באמיהונגען האט ער געפועל'ט, אז ער זאל חתונה האבען מיט דעם אייניקעל פון זיין שווער, דער „אריה דבי עילאה", הגם די כלה איז נאך געווען גאנץ יונג.

ביי דעם שידוך, האט דער „ישמח משה" זיך מתחייב געווען אויסצוהאלטען דעם פאר־פאלק דריי יאהר צייט, צאהלענדיג אכט רובעל א וואך, — א גרויסע סומע אין יענער צייט.

אין א יאהר ארום איז דער „ישמח משה" נפטר געווארען, און די יורשים זיינע האבען זיך אבגעזאגט ווייטער איהם צו צאהלען די אכט רובעל א וואך, וואס דער אוהעלער רבי האט זיך מתחייב געווען. רבי יחזקאל'ע האט דעריבער גערופען די יורשים לדין. די יורשים זיינען באשטאנען אז די דין תורה זאל דוקא פארקומען פאר'ן צאנזער רב, הגם ער איז דער פאטער פון תובע. זיי האבען זיך געווענדעט צו איהם מיט א שאלה און געבעטען צו פסקנ'ען להלכה.

די דאזיגע תשובה, אין וועלכער דער צאנזער רב שטעלט פעסט, אז עס קומט זיין זוהן רבי יחזקאל'ע די פולע אויסהאלטונג לויט די תנאים, וואס עס האט מיט איהם אויסגענומען דער נפטר־געווארענער אוהלער רבי, — איז אבגעדרוקט אין זיין ספר „דברי חיים".

בשעת רבי יחזקאל האט געגעסען קעסט ביי זיין עלטער־שווער, איז איינמאל געקומען קיין אוהעל דער שפעטער בארימטער קראקאווער רב, רבי שמעון סופר זצ"ל, דער זוהן פון „חתם סופר" פון פרעשבורג, כדי מקבל צו זיין א ברכה ביים צדיק הדור.

וועגען דעם דערצעהלט דער קראקאווער רב, — וועלכער איז געווען

א גרויסער עסקן פאר תורה און אידישקייט, ווי אויך דעפּוטאט אין עסטרייכישען פּארלאמענט, — אין זיינע זכרונות פאָלגענדעס:

„פאר מיין חתונה האָט מיך דער טאטע ז"ל געשיקט קיין אוהעל, מקבל צו זיין א ברכה ביים בעל „ישמח משה". ווי דער שטייגער איז, האָב איך זיך צוגעגרייט צו דעם דאָזיגען וויזיט מיט א שארף פשט'ל, ווייל דער „ישמח משה" איז אויך באקאנט געווען אלס גרויסער גאון.

אנקומענדיג קיין אוהעל, האָב איך שלום געגומען ביים „ישמח משה" און אויסגעדריקט מיין ווּאונש צו זאָגען פאר איהם דאָס פשט'ל, וואָס איך האָב צוגעגרייט. האָט דער „ישמח משה" א זאָג געטאָן צו מיר: היות ווי ביי אונז אין הויף זיצט על התורה ועל העבודה מיין אייניקעל רבי יחזקאל'ע, קום־זשע צוזאמען מיט מיר צו רבי יחזקאל'ן און פאר איהם וועסטו זאָגען דאָס פשט'ל!

איך האָב קיינמאָל נישט געהערט דעם דאָזיגען נאָמען, און אין דער לומדישער וועלט איז ער נאָך נישט געווען באקאנט. אָבער ווען דער אלטער גאון און צדיק האָט זיך אויפגעהויבען פון זיין אָרט, און געלאָזט זיך געהן צו דעם צימער פון זיין אייניקעל, האָב איך קיין ברירה נישט געהאט און איהם נאָכגעגאנגען.

מיר האָבען געטראָפען רבי יחזקאל'ען זיצען און לערנען. ער איז נאָך געווען גאָר יונג און עס האָט מיך פארדראָסען, וואָס איך דארף מיינע חידושים זאָגען פאר אזא יונגערמאן, וועמענס לומדות, עס האָט זיך מיר געדוכט, איך קען פון איין ארבעל ארויסשאָקלען. אָבער משום כבודו פון אלטען גאון און צדיק, צו וועמען דער טאטע האָט מיך געשיקט מקבל צו זיין א ברכה, האָב איך אראָבגעשלונגען דעם פארדרוס און גענומען זאָגען דאָס פשט'ל. דערנאָך האָבען מיר זיך מפלפל געווען א לענגערע צייט. אויך דער „ישמח משה" האָט אנטייל גענומען אין דעם פלפול, און איך האָב געזעהן, אז דער יונגערמאן לערנט לאמתה של תורה.

איידער מירביידע האָבען פארלאָזט דאָס צימער, רופט זיך אָן דער אוהעלער רבי צו ר' יחזקאל'ן:

— מיין קינד, איך האָב צו דיר א בקשה, און איך בעט דיך, דו זאָלסט מיר נישט אָבזאָגען. דער דאָזיגער יונגערמאן איז דער זוהן פון גאון און גדול הדור, דער פרעשבורגער רב. און דער פאָטער האָט איהם געשיקט צו אונז, מיר זאָלען איהם געבען א ברכה פאר זיין חתונה. בעט איך דיר, מיין קינד, אז דו זאָלסט איהם אויך בענשען!...

רבי יחזקאל'ע האָט זיך שטארק געקווענקעלט, אָבער עס האָט איהם גארנישט געהאָלפען. זיין עלטער־שוואָער איז צו איהם צוגעשטאנען, מפציר

געווען און ער האָט געמוזט ערפילען זיין בקשה און מיר געבען א ברכה....

יאָהרען זענען אוועק, — דערציילט ווייטער דער קראָקאָווער רב, — איך בין געוואָרען קראָקאָווער רב, אָבער דער נאָמען פון רבי יחזקאל'ע. שינאָווער האָט געקלונגען איבער דער גאנצער מדינה אלס לוחם מלחמת ד' צבאות. מיר האָבען זיך אין משך פון די דאָזיגע היבש צענדליגער יאָהרען נישט געזעהן. ערשט ווען עס איז אין לעמבערג פאָרגעקומען אויף מיין איניציאַטיוו, די גרינדונגס-פארזאמלונג פון דער חברה „מחזיקי הדת", האָב איך, אָנקומענדיג קיין לעמבערג זיך דערוואוסט, אז דער שינאווער רב איז געקומען, כדי צו באטייליגען זיך אין דער פארזאמלונג.

איך האָב אין דער באטייליגונג פון באריהמטען חסידישען רבי'ן געזעהן א גוטען סימן פאר'ן ערפאָלג פון דער חברה, און איך בין אוועק אויף דער אכסניא, וואו דער שינאָווער רבי האָט געוואוינט, כדי איהם צו באגריסען.

מיר האָבען זעהר גוט פארבראכט און מיר האָבען ביי דער באגע-געניש ארומגערעדט די מיטלען, וואָס מען דארף אָננעהמען פאר חיזוק הדת.

פאר'ן אָבשיד, גיב איך א זאָג צום שינאווער רב:

— שינאווער רבי, איך וויל אייך דערמאָנען, אז מיט לאנגע יאָהרען צוריק ווען איהר זענט נאָך געווען גאנץ יונג, האָב איך פון אייך מקבל געווען א ברכה. פאָרגעקומען איז עס אין אוהעל, בעת איהר האָט געגעסען קעסט ביי אייער עלטער-שווער, דער בעל „ישמח משה".

דער שינאווער רבי האָט זיך צושמייכעלט און אָפּגעענטפערט:

— קראָקאָווער רב, איהר דערמאָנט מיך די ברכה, וואָס איך האָב אייך געגעבען, און איך וועל אייך דערמאָנען דאָס פּשט'ל וואָס איהר האָט דאן פאר אונז געזאָגט.

און גלייך האָט דער שינאווער רבי גענומען איבערזאָגען דאָס פּשט'ל, וואָס איך האָב געזאָגט מיט עטליכע צענדליג יאָהר צוריק, פונקט ווי ער וואָלט עס ערשט נעכטען געהערט.

מיר האָבען שוין באמערקט, אז דער שינאָווער רב איז געווען א גרויסער קעמפּער פאר'ן אמת. דערציילט מען צווישען חסידים, דעם פאָלגענ-דען אינצידענט, וואָס איז פאָרגעקומען צווישען איהם און זיין פאָטער, דער צאנזער רב.

איינמאָל, ווען רבי יחזקאל'ע איז געזעסען אין צימער פון זיין פאָטער, האָט זיך די טיר געעפענט און איינער פון די „יושבים", א איד אן אָרימאן, איז אריינגעקומען צום צאנזער רב מיט פאָלגענדער בקשה:

— רבי, אזוי ווי איך גרייט זיך חתונה צו מאכען מיין טאָכטער אין צוויי וואָכען ארום, איך האָב שוין, געלויבט דער אויבערשטער, אלעס פארטיג, און עס פעהלט מיר בלויז א טלית פאר'ן חתן, דעריבער...

דער איד האָט נישט באוויזען צו ענדיגען זיין בקשה, ווי רבי יחזקאל איז אויפגעשפרונגען א דערשראָקענער און אויסגערופען:

— סטייטש, איך האָב דאָך אליין געזעהן, ווי דו האָסט נעכטען געקויפט אין בית מדרש, ביים מוכר ספרים'ניק א טלית מיט א שטריימעל, און דו האָסט איהם באצאָהלט דאָס געלד, קומסטו איצט בעטען ביים טאטען געלט פאר א טלית?...

דער איד איז מבולבל געוואָרען. מען האָט איהם, הייסט עס געכאפט ביי דער האנט. דערויף האָט ער נישט זיך געריכט. ער האָט זיך מודה געווען אז ער האָט שוין געקויפט דעם טלית, אָבער היות ווי ער דארף האָבען געלד אויף אנדערע נויטיגע זאכען, האָט ער אויסגעטראכט די ערמה מיט'ן טלית, זייענדיג זיכער, אז אויף א טלית וועט ער גיכער באקומען געלד פון רבי'ן...

נאָכדעם ווי דער איד האָט זיך פארענטפערט, האָט ער זיך ארויס־געשלייכט פון רבינ'ס חדר א פארשעהמטער.

ווען דער איד איז ארויס, האָט דער צאנזער רב אָנגעהויבען שרייען אויף זיין זוהן:

— וועה איז מיר,ר' יחזקאל'ע, וואָס האָסטו געטאָן — האָסט מבייש געווען א אידען, האָסט איהם שופך־דם געווען. האָסט איהם אויסגעשטעלט פאר א רמאי פאר מיר אין די אויגען, — דער איד וועט עס דאָך ניט איבער־האלטען!...

רבי יחזקאל'ע האָט זיך דערשראָקען פאר די רייד פון זיין פאָטער. ער האָט איינגעזעהן, אז ער האָט געטאָן אן עולה, און געוואַרט אויפ'ן פסק פון פאָטער.

— געה שוין, ר' יחזקאל'ע, זוך אויף דעם אידען און זיי איהם מפייס. זעה, אז ער זאָל דיר מוחל זיין פאר דעם עלבון...

רבי יחזקאל'ע איז ארויס אין בית מדרש. אָבער דער איד האָט זיך דאָרט נישט מעהר געפונען. ער איז ערגיץ וואו פארשוואונדען, הפנים, שעה־מענדיג זיך, וואָס מען האָט איהם געכאפט ביי דער האנד.

ר' יחזקאל'ע איז ארויס אין גאס, גענומען זוכען דעם אידען, און נאָך לאנגע מיה האָט ער איהם ענדליך געפונען.

ווען רבי יחזקאל'ע האָט גענומען בעטען ביי איהם, ער זאָל איהם מוחל זיין, איז דער איד געוואָרען ביי זיך תקיף, געהאלטען זיך אין דער מדרגה. ער האָט פארשטאנען, אז דאָס האָט דער צאנזער רב איהם אויפגע־

צוואונגען דערצו. דער איד האָט ענדליך ערקלערט אז מען זאָל אריינגעהן צום רב, און ווי ער וועט זאָגען, אזוי זאָל זיין.

ווי נאָר רבי יחזקאל'ע האָט אריינגעפירט דעם אידען אין דעם חדר פון זיין פאָטער, האָט דער צאנזער רב אויסגערופען, ווענדענדיג זיך צום אידען:

— הער מיך אוים: דו זאָלסט רבי יחזקאל'ען פריהער ניט מוחל זיין, ביז ער וועט פאר דיר אליין קויפען א נייעם טלית מיט א שטריימעל, ווי עס פאסט פאר א מחותן און ער זאָל אויך אויסשטעהן אלע חתונה־הוצאות. און נישט נאָר ער זאָל דיר געבען געלד, נאָר ער זאָל זיך אליין מטריח זיין, און צוזאמען מיט דיר איינקויפען אלצדינג, ווי א טאטע טוט פאר זיין אייגען קינד. און ערשט ווען ער וועט דאָס מקיים זיין — זאָלסטו איהם מוחל זיין....

עס פארשטעהט זיך, אז דער שינאווער האָט מקיים געווען דעם דאָזיגען פסק. ער האָט געקויפט א טלית מיט א שטריימעל, און מיט גרוים פזרנות געגעבען אויף די צרכי החתונה, און שפעטער בעת דער חתונה זיך שטארק משמח געווען ווי א טאטע, וואָס פירט צו דער חופה זיין בת־זקנים....

דער שינאווער רבי האָט דורכגעמאכט א שטורמיש לעבען. ער איז אויך געווען אין ארץ ישראל, און וועגען דער דאָזיגער נסיעה ווערען דערציילט פלאים. אין ארץ ישראל האָט ער בעיקר עוסק געווען אין קבלה. ער האָט אויך דאָרט געלאָזט דרוקען די פירושים „אור החמה" און „זהרי חמה" אויפ'ן זהר הקדוש.

נפטר געוואָרען איז ער אין שינאווע, אין יאָהר תרנ"ט, אין עלטער פון 89 יאָהר. זיין פטירה האָט געמאכט א גרויסען רושם אין דער אידישער וועלט. די גדולי הדור האָבען איהם מספיד געווען און באצייכענט אלס עמוד הברזל פאר אידישקייט.

א קליינע צאָהל פון זיינע חידושי תורה, צוזאמען מיט עטליכע פון זיינע תשובות, זענען אָבגעדרוקט געוואָרען אין א ספר מיט'ן נאָמען „דברי יחזקאל".

רבי ישעיה'לע פראגער

די גרויסע אידישע הערלאַישע ווארשע, איז אייגענטליך געווען א יונגע שטאָדט אין זין פון אידישער היסטאָריאָגראפיע. די אָפטע גירושים און רדיפות, וואָס דאָס ווארשאווער אידענטום האָבען געהאט אויסצושטעהן,

האָבען באשווערט דאָס איינפונדעווען זיך פון א פעסטען ישוב. דער אייגענ־טליכער אויפשטייג פון ווארשע אלס עיר ואם בישראל, רעכענט זיך בלויז זייט די לעצטע הונדערט און פופציג יאָהר.

ערשט אין דער דאָזיגער תקופה האָט ווארשע ארויסגעגעבען פון זיך אויך גדולים, וועמענס נעמען עס וועלען אייביג זיין פארבונדען מיט דער דאָזיגער הייליגער שטאָט, — די גרעסטע קהלה אין אייראָפא פאר׳ן חורבן.

איינער פון די גדולי הדור, וואָס זענען שטארק פארעהרט אין דער חסידישער און לומדישער וועלט, וועלכער האָט געווירקט אין דער דאָזיגער שטאָדט, איז געווען רבי ישעיהו בר׳ יעקב משה מושקאט, באקאנט אלס רבי ישעיה׳לע פראגער זצ״ל.

פראגע איז ווי באוואוסט, די גרויסע פאָרשטאָדט פון ווארשע אויף דער רעכטער זייט ווייסעל, און היות ווי די גזרות און רדיפות, וואָס זענען געמאכט געוואָרען אויף אידען אין ווארשע זיינען טיילמאָל נישט חל געווען אין פראגע, וואָס איז אין יענע יאָהרען געווען א באזונדערע שטאָדט, האָט זיך דער ערשטער אידישער ישוב, ארום דער הויפט־שטאָדט פון פוילען ענט־וויקעלט אין פראגע.

פראגע האָט אויפגעבויט די ערשטע שוהלען פון ווארשא, די ערשטע רבנים וואָס האָבען באזעצט די כסא הרבנות פון דער דאָזיגער שטאָדט, זענען אין תחילת געווען די רבנים פון פראגע. און ווען דער ישוב אין ווארשע האָט זיך פארגרעסערט, און די באדינגונגען האָבען ערלויבט אויפ־צובויען א גרויסע און איינפלוסרייכע קהלה, זענען די רבנים און מורי הוראה פון פראגא איבערגעגאנגען קיין ווארשא.

אָבער דער פראגער רב, רבי ישעיה׳לע, האָט אפילו שפעטער נישט געוואָלט פארלאָזען זיין מקום קבוע אין פראגע, וואו ער איז געזעסען אלע זיינע יאָהרען און מרביץ־תורה געווען, און דערפאר איז ער געבליבען ביים נאָמען רבי ישעיה׳לע פראגער.

ערשט נאָך זיין פטירה האָבען די קרובים באשלאָסען צו ברענגען איהם צו קבורה אויפ׳ן ווארשאווער בית עולם, אויף גענשא גאס, וואו עס איז אויך אוועקגעשטעלט געוואָרען א אוהל, א שטיבעל אויף זיין קבר, וואו אידען פלעגען תמיד מתפלל זיין פאר א ישועה, הגם קיין רבי אין דעם זין ווי מיר פארשטעהן עס היינט, איז ער נישט געווען.

רבי ישעיה׳לע איז געווען דער זוהן פון גרויסען חסידישען עושר, תלמיד־חכם און עסקן, ר׳ יעקב משה מושקאט ז״ל. ר׳ יעקב משה איז געווען א גרויסער פאָדראטשיק ביים מיליטער, געהאט פיעל משרתים און אָנגע־שטעלטע, געפירט ריזיגע מסחרים און צוליב זיינע גרויסע עסקים פלעגט

ער האָט ארומפאָהרען נישט נאָר איבער'ן לאַנד נאָר אויך אויסער די גרעניצען פון לאַנד.

דער גרויסער עושר און רייכער ביזנעסמאַן, האָט געהאַט א „שוואַכ־קייט" צו ספרים. אין ספרים האָט ער געזעהן זיין וועלט און זיין אידעאַל. באַזונדערס האָט ער זיך באַמיהט אויפצוזוכען אַלטע ספרים, יקרי המציאות, איבערדרוקען זיי אויף זיינע קאָסטען און פארשפרייטען זיי אין פאָלק. פאַר דעם צוועק האָט ער אויסגעגעבען גרויסע סומען געלד, לויט די דאַמאָלסדיגע באַגריפען.

צווישען אַנדערען האָט ער זיך משתדל געווען איבערצודרוקען אַלע ספרים פון באַריהמטען פּראַגער רב רבי ליוואַ, באַקאַנט אַלס דער „מהר"ל מפּראַג". ער האָט געהאַלטען, אַז די ספרים פון מהר"ל זענען דער יסוד פון חסידות, און ווער עס וויל גוט פארשטעהן חסידות, דעם חסידישען דרך און בכלל דעם חסידישען מהות, מוז פריהער גוט זיין באַהאַוועט אין די ספרים פון מהר"ל מפּראַג.

די גדולי הדור האָבען ר' יעקב משה'ן שטאַרק געריהמט פאַר זיין טעטיגקייט. זיי האָבען איהם באַטראַכט פאַר אַן אמת'ן מזכה את הרבים. די ברכות פון גדולי הדור זענען אויף איהם מקוים געוואָרען און ער האָט זוכה געווען צו אַזאַ זוהן ווי ר' ישעיה'לע פּראַגער.

אַלס קינד האָט ר' ישעיה'לע זיך ארויסגעוויזען אַלס עלוי, חריף און בקי. דער פאָטער האָט באַשלאָסען איהם איינגאַנצען מקדיש זיין פאַר תורה, און ווען ער איז עלטער געוואָרען האָט ער איהם צוגענומען פאַר א שותף צו זיינע מסחרים, און געזאָרגט דערפאַר, אַז ער זאָל קענען עוסק זיין בתורה מתוך עושר ורחבות. אויך אין דער צוואה האָט דעם גרעסטען טייל פון זיין פאַרמעגען באַשטימט פאַר זיין גרויסען זוהן.

חתונה געהאַט האָט ער מיט דער טאָכטער פון רבי יצחק'ל ראַדווילער, איינער פון די פינף זיהן פון מגיד ר' יחיאל מיכל פון זלאָטשאָוו, וועלכען מען האָט גערופען רבי מיכלע זלאָטשאָווער. די פינף זיהן זענען אַלע געווען גדולים בתורה וביראה און מען האָט זיי גערופען „די חמשה חומשי תורה". אין דער אידישער וועלט האָט מען זיך געהאַלטען פאַר א זכיה משדך צו זיין מיט א קינד פון די דאָזיגע פינף צדיקים. רבי יעקב משה'ס זכות איז טאַקע געווען גרויס און ער האָט דערצו זוכה געווען.

נאָך דער חתונה איז רבי ישעיה'לע געווען א געוויסע צייט רב אין שידלאָווצע, וואו ער האָט געפיהרט א ישיבה, שפּעטער האָט ער פארלאָזט דאָס רבנות און אריבערגעטראָגען זיך קיין פּראַגע וואו זיין נאָמען איז גיך געוואָרען מפורסם.

רבי ישעיה'לע איז אויסער זיין לומדות און גדלות בתורה געווען א גרויסער פּקח. זיין חכמה האָט געהאט א רוחם. ער האָט זיך כלל נישט באַגרעניצט אין די ד' אמות של הלכה. ער איז געווען א גרויסער עסקן פאר תורה און אידישקייט און ביטערער קעמפער געגען די משכילים און אסימילאטאָרען, וועלכע האָבען אין יענע יאָהרען א דאנק זייער רייכטום און פאַרבינדונגען מיט די רעגירונגס־פאקטאָרען, באמיהט זיך צו ווערען די בעלי בתים איבער אידען און אידישקייט, און פיהרען עס אויף זייער שטייגער.

דער דאָזיגער גאון און עסקן האָט איינגעזעהן, אז דאָס איינציגע מיטעל געגען דער שעדליכער השכלה און אסימילאציע איז — חסידות, וואָס איז בכח אָפּצוהיטען די אידישע מאסען פון אלדאָס בייז. ער האָט איינגעזעהן, אז דאָס פארבינדען זיך מיט א חסידישען מנהיג, דאָס לעבען א חסידישען לעבענס־שטייגער, קליידען זיך דעם ספּעציפישען לבוש, מיט די ענגע חברותות, דאָס פארברענגען אין די קלויזען, דאָס חבר'שאפט און אמת'ע גוטע פריידשאפט קען זעהר א סך פארהיטען פון די שעדליכע איינפלוסען, וואָס די כלומר'שטע מנהיגים פרעדיגען. ער האָט זיך דעריבער אינגאנצען אריינגעוואָרפען אין חסידות, געוואָרען א הייסער אָנהענגער פון רבי ישראל, דער מגיד פון קאזעניץ. אויך זיינע פריינד און תלמידים האָט ער געבראכט קיין קאזשעניץ, און באמיהט זיך אז זיי זאָלען ווערען חסידים.

אָבער הגם ער האָט זיך אינגאנצען געשטעלט אויף דער זייט פון חסידים און אויף זיינע עלטערע יאָהרען איז ער אליין באטראכט געוואָרען אלס חסידישע רבי, דאָך האָט אויך די מתנגד'ישע וועלט זיך באצויגען צו איהם מיט גרוים יראת הכבוד, און שטארק גערעכענט זיך מיט זיין וואָרט און זיין מיינונג. איז ער דאָך געווען דער גרויסער חכם, דער גרויסער ירא שמים און דערצו דער גרויסער גאון, פאר וועלכען אויך די מתנגד'ישע גדולים האָבען געהאט דעם גרעסטען רעספּעקט.

דערצו האָבען אויך געווירקט זיינע פּערזענליכע מעלות און מידות. ער איז געווען זעהר א גוטהארציגער מענש, אן אהוב לבריות. צו טאָן א טובה א אידען איז ביי איהם געווען די גרעסטע מצוה. אפילו ווען עס איז געווען פארבונדען מיט פּחיתת הכבוד פאר איהם, האָט עס איהם אויך נישט אָפּגעהאלטען דערפון. בפרט איז ער געווען באריהמט אין אויסגלייכען סכסוכים און מחלוקות, וואָס זענען אין יענע יאָהרען געווען אן אָפּטע ערשיינונג אין די אידישע שטעדט און שטעדטלעך. רבי ישעיה'לע, הגם ער איז נישט געווען קיין געזונטער, דערצו האָט ער אָנגעפירט א גרויסע ישיבה, — האָט נישט געקוקט אויף זיין געזונד, ער האָט אויך נישט חושש געווען פאר ביטול־תורה, און ער איז געפאָרען אין די פארוואָרפענע שטעדטלעך פון

פוילען דער מדינה, כדי איינצושטילען די מחלוקות צווישען קהל־רב־שוחט, און דערפירען צו א שלום צווישען אידען.

זיין אויסזעהן האט געווירקט באצויבערענד, ער איז געווען א מאן מיט א פאטריארכאלישען אויסזעהן. דאס האט איהם באוואויגען אנטייל צו נעמען אין די פארשידענע דעלעגאציעס צו די מאכט־האבער, כדי אבצו־שרייען גזרות און נגישות געגען אידען. אפט פלעגט ער ערשיינען אין א דעלעגאציע צוזאמען מיט דעם באריהמטען ערשטען גערער רבי'ן, רבי יצחק מאיר, בעל חידושי הרי"ם זצ"ל, מיט וועלכען ער איז געווען זייער באפריינ־דעט אוןביידע גדולים האבען נישט געטאן דאס מינדעסטע אהן צו פרעגען אן עצה איינער ביים אנדערען.

זיינע ווערטלעך און חכמות זענען געווען בארימט אין פוילען, און ביז דעם גרויסען חורבן האט מען זיי נאכגעזאגט אין זיין נאמען ביי פארשידענע געלעגענהייטען.

אין די לעצטע יאהרען האט רבי ישעיה'לע גענומען אויף זיך די פליכטען פון א רב און מרא דאתרא אין פראגע. קיין שכירות האט ער נישט גענומען דערפאר, ווייל ער האט זיך ניט גענויטיגט אין קהל'שע שכירות, אבער אלס צייכען, דאס ער איז משועבד צו קהל, און טראגט אויף זיך דאס אחריות פאר דער קהלה, האט ער זיך אריינגעקליבען אין די קהל'שע דירות, וואס זענען ספעציעל געבויט געווארען פאר'ן מרא דאתרא.

אין זעלבען הויז האט זיך אויך געפינען א בית מדרש, וועלכעס איז געווען פאפולער אלס „ר' יונה'ס בית המדרש". דאס בית המדרש האט זיך געפינען אויף דעם אויבערשטען שטאק און די דירות פון רב — אויפ'ן אונטערשטען שטאק. די פארביסענע מתנגדים, וועלכע האבען געהאט תרעומות געגען רב, וואס ער פראוועט חסידות, האבען ארגאניזירט זייערע אנהענגער און יעדען שבת בייטאג, ווען רבי ישעיה'לע איז געזעסען ביי דער שבת'־דיגער סעודה אין קרייז פון זיינע אנהענגער און, ווי דער שטייגער איז, געזאגט תורה, האבען די מתנגדים גענומען זאגען תהילים מיט א גרויס געש־ריי, בקולי קולות, מיט דער כוונה צו שטערען דעם רב אין זיין טיש־פראווען.

אבער ר' ישעיה'לע ניט נאר, וואס ער האט נישט מתרעם געווען, האט ער נאך גאר הנאה געהאט פון דער מעשה, און פון איין מאכל צום אנדערען, האט ער צוזאמען מיט די מתנגדים מיטגעזאגט תהילים, אויסדריי־קענדיג זיך דערביי: דוד המלך'ס תהלים איז אין הימעל געווים חשוב'ער ווי אונזער תורה...

חסידישע יונגעלייט פון ווארשע פלעגען אפט ארויסקומען קיין פראגע צו רבי ישעיה'לעס טיש און צוגעהערט זיך צו זיינע שמועסען און דברי תורה.

איינער פון די עלטסטע ווארשאווער זקנים, וועלכער האט נאך געקענט דעם דאזיגען צדיק, האט דעם שרייבער פון דער געשיכטע דערצעהלט פאלגענ־דען עפיזאד, וואס ער אליין האט בייגעוואוינט:

איינמאל געפינענדיג זיך אין פראגע, שבת בייטאג, ביי ר׳ ישעיה׳לעס טיש, איז אריינגעקומען אן עלטערער מאן, פון די אסימילאטארען, וואס האט שוין נישט געהאט קיין צורה פון א איד און געבעטען מען זאל איהם צולאזען צום רבי׳ן.

— וואס איז אייער בקשה? — האט דער רבי א פרעג געטאן דעם גאסט.

אין א צובראכענעם אידיש האט דער מאן דערצעהלט, אז זיין זוהן איז זעהר קראנק, און די דאקטוירים גיבען שוואכע האפנונגען. האט מען איהם געזאגט, אז נאר דער צדיק קען דערלאנגען א ישועה.

— ווי איז דער נאמען פון חולה — האט דער רבי געפרעגט.

עס האט לאנג געדויערט, ביז מען האט דעם מאן געקענט אויפקלערען די באדייטונג פון רבינ׳ס פראגע. ענדליך האט ער פארשטאנען און געענט־פערט א דערשראקענען:

— נו, יאשו, יאשו איז זיין נאמען...

אין דעם זעלבען מאמענט האט זיך דערהערט פון דערבייאיגען בית מדרש דאס תהילים־זאגען פון די אידען, וועלכע האבען אויסגעשריגען אויפ׳ן קול: — „ישיא מות עלימו”...

נו איהר הערט דאך שוין, נעבעך, נעבעך, „ישיא מות עלימו” — אוי די גוי׳אישע נעמען וואס פארא אומגליקען זיי ברענגען...

— איידער דער מאן איז אוועק בין איך צוגעגאנגען צו איהם, — האט דערצעהלט דער זקן, — און געבעטען זיין אדרעס, כדי אין אוועגד צו דערוויסען זיך ווי עס האלט מיט׳ן חולה.

אין אווענד בין איך אוועק אויפ׳ן אנגעוויזענעם אדרעס, צוזאמען מיט א חבר, און מיר האבען שוין געפונען דעם חולה ליגען אויף דער ערד. עס איז שוין געווען נאך אלעמען.

מיין חבר האט טרויעריג א מורמעל געטאן: מיר האבען פון רבינ׳ס תשובה גלייך געוואוסט אז עס איז שלעכט...

— אויך איך האב עס פארשטאנען, — האט דער אסימילירטער טאטע אפגעענטפערט — דער רבי האט דאך אזוי געקרעכצט איבער מיין זוהנ׳ס נאמען...

רבי ישעיה׳לע פראגער האט איבערגעלאזט א גאנצע רייה ספרים, ווי „הרי בשמים”, „עצי בשמים”, און „ראשי בשמים”. דארונטער אויך

א פירוש אויפ'ן סידור־תפילה. רבי ישעיה'לע פּראגער'ס סידור איז באקאנט אלס דער סידור „הרי בשמים".

מפקיר געווען דאָס חמץ...

אין דער שטאָדט פּלאצק און אין דער גאנצער ארומיגער סביבה, האָט זיינער צייט געקלונגען דער נאָמען פון אידישען ארענדאר רבי רפאל דאבזשינסקי עליו השלום.

דאָס איז געווען אן ארענדאר פון א גאָר באזונדערען טיפּ. געוועהנליך זיינען די ישוב'ניקעס געווען זעהר פּשוט'ע מענשען, פארגרעבטע, מגושמדיג פון דער פּויערשער סביבה, אין וועלכער זיי האָבען אלע יאָהרען געלעבט, ווייט פון אידען, פון א שוהל, און פון א תלמוד־תורה. אנדערש איז אָבער געווען רבי רפאל. א איד א תלמיד־חכם, פון גרויסען פארנעהם, אן אוהב תורה, א מדקדק במצות, מיט א ברייט אידיש הארץ פאר צדקה און מעשים טובים, און דאָך האָט ער געהאלטען אין ארענדע די קרעטשמע, ביים דאָרף פראנטשעוו.

א גאנצע וואָך איז רבי רפאל געזעסען אין דער קרעטשמע, וואָס האָט זיך געפונען אויפ'ן שייד־וועג ביים הויפּט־טראקט, וואו עס האָט זיך שטענדיג געטומעלט מיט מענשען. בעלי עגלות וואָס האָבען געפיהרט פוהרען מיט סחורה פון דער שטאָדט פּלאָצק אין די קליינע שטעדטלעך; פוס־געהער און פעדלער מיט פּעק סחורות, וואָס זיינען פארקויפט געוואָרען אין די דערפער; חסידים פאָהרענדיג צו זייערע רביים, סתם ארחי־פרחי, מדינה־געהער, ווי מען האָט זיי דאמאָלס גערופען — אלע האָבען זיי אין דער קרעטשמע פון רבי רפאל'ן געפונען א ווארימע היים, אן ארט אָפּצורוהען די מיעדע ביינער, כאפּען דעם אטעם, אָפּעסען א זאטען מאָלצייט, אויסרוהען זיך אויף א גוטען געלעגער און ווייטער געהן זייער וועג.

תמיד זיינען די טישען אין גרויסען גאסט־הויז געווען געגרייט. אין דער קיך האָבען זיך געקאָכט גרויסע טעפּ מיט שמעקענדיגע מילכיגע גריצען, און א משרת צו באדינען די אורחים איז געשטאנען אויפ'ן פּלאץ. רבי רפאל און זיינע מענשען האָבען נישט געפרעגט דעם וואנדערער צי ער איז א איד אָדער, להבדיל, א גוי; צי ער האָט יאָ צו באצאָהלען אָדער נישט — אלעמען האָט ער אויפגענומען בסבר פנים יפות, אזוי אז עס האָט זיך אויסגעדוכט דעם אורח, אז נישט רבי רפאל טהוט איהם א טובה — נאָר פאר־

קעהרט — ער דערהאלט גאָר רבי רפאל׳ן ביים לעבען, דערמיט וואָס ער עסט ביי זיין טיש...

און געפיהרט האָט ער זיך, רבי רפאל, אז פרייטאָג נאָך האלבען טאָג האָט ער געשלאָסען די קרעטשמע אויף איבער שבת, געפאָהרען אין שטאָדט אריין, וואו ער האָט פארבראכט דעם שבת׳דיגען טאָג אין אן אטמאָס־פערע פון תורה און קדושה, צווישען אידען לומדים און אנשי מעשה.

האָט זיך רבי נפתלי מיט זיין וויב געלעבט גליקליך און צופרידען, הגם זייער גליק איז נישט געווען פולקאָם, זיי האָבען קיין קינדער נישט געהאט. דאָך האָבען זיי אלץ מקבל געווען באהבה, נישט מתרעם געווען קעגען דעם רבונו של עולם און ניט אויפגעגעבען די האָפנונג אויף א ישועה.

איז דער נאָמען פון דאָזיגען איידעלען אידישען ארענדאר געווען באקאנט אויף ווייט און ברייט. אידען און להבדיל גוים, האָבען איהם ליב געהאט, געאכטעט און פון וויטע דערפער האָבען פויערים געצויגען צו איהם, גלויבענדיג, אז אזא ביסעל משקה, וואָס מען באקומט ביי רפאל׳קען — באקומט מען נישט אין דער גאנצער מדינה.

איז ממילא דערמיט אויך געוואקסען די שפע אין זיין הויז, און צוזאמען דערמיט אויך די קנאה־שנאה ביי די שונאי־ישראל, וואָס האָבען קיין מאָל נישט געפעהלט אין פוילען.

מאכט זיך, אז אין דעם דארף, וואו רבי רפאל האָט געהאלטען די קרעטשמע, איז אָנגעקומען א נייער גלח, — א שונא ישראל. דער נייער גלח האָט ניט געקענט צוקוקען, ווי דער איד איז אזוי חשוב ביים המון און די פויערים ציהען צו איהם ווי בינען צו האָניג. האָט ער אין די זונטאָגס בעת זיינע „דרשות״, גענומען העצען די גויים געגען דעם אידען רפאל, פארשטעלען איהם אין די טונקעלסטע פארבען און אָנגעוויזען ווי גרויס עס איז די זינד צו קויפען און צו שטיצען אזא אידען.

אָבער די דאָזיגע באָיקאָט־העצע האָט ניט אָנגענומען. די פויערים האָבען מעהר געגלויבט אין דעם פרומען, גאָטספארכטיגען אידען, ווי אין זייער גלח. די גיפטיגע פיילען האָבען צו ר׳ רפאל׳ן ניט דערגרייכט.

זעהענדיג אז מיט די פויערים וועט ער גאָרנישט מאכען, האָט ער זיך פארלייגט אויפ׳ן פריץ, אויפקלעהרענדיג איהם, ווי גרויס עס איז זיין חטא, דערמיט, וואָס ער באנייט אלע יאָהר דעם קאָנטראקט מיט דעם אידען. פשוט, דאָס גיהנם וועט פאר איהם ווענוג זיין...

אָבער אויך דער פריץ איז געווען צווישען די פארעהרער פון רבי רפאל׳ן און דערצו איז דער איד געווען זיין בעל יועץ. קיין זאך האָט ער

ניט געטאָן אָהן זיין עצה און הסכמה, ווארום זייט ער האנדעלט מיט איהם, איז ער דער פריץ מצליח, ווערט רייכער פון טאָג צו טאָג. האָט דער פריץ גוט אויסגעזידעלט דעם גלח און איהם שארף ערקלעהרט, אז אויב ער וועט ניט אָפּשטעלען זיין העצע געגען דעם ארענדאר, וועט ער שוין זאָרגען דערפאר, דאָס מען זאָל איהם משלח זיין פון דאָרף...

אָבער אויך נאָך דעם דאָזיגען דורכפאַל האָט דער גלח ניט רעזיגנירט, ביז ער האָט פארטראכט א טייוולאָנישען פּלאַן: היות ווי ער האָט געוואוסט, אידען פארקויפען ערב פסח זייער חמץ צו א גוי, און א דאנק דעם זיינען זיי נישט מחויב צו פארניכטען דאָס חמץ, און אויך רפאל פארקויפט די חמץ'דיגע בראנפען צו אן ערל פון דאָרף, איז ער אוועק צום ערל און געגור־מען מיט איהם איינ'טענה'ן, אז ער זאָל היי־יאָהר נישט קויפען ביים אידישען ארענדאר דאָס חמץ.

אין תחילת האָט דער גוי דערפון נישט געוואָלט הערען. ער האָט גע'טענה'ט אז שוין יאָהרען ווי ער איז דער „קונה" אויף דער קרעטשמע, און אז ער באקומט דערפאר פינף קערבלאך במזומנים, אחוץ א קווארט שנאפּס ערב פסח און א קווארט שנאפּס מוצאי יום טוב, טאָ פארוואָס זאָל ער פארלירען אזא לייכטען גראָשען?...

— דו באקומסט פון מיר גאנצע צעהן רובל, און פינף קווארט בראנפען אלס צוגאָב, האָט דער גלח צו איהם א זאָג געטאָן — א חוץ דעם וועלען דיר פארגעבען ווערען אלע זינד, וואָס דו האָסט געזינדיגט ביז היינט און וואָס דו וועסט זינדיגען ביז צו דיין טויט. ווען אָבער דו וועסט מיך ניט פאָלגען, וועסטו קיין מאָל ניט ארויס פון גהינם, וועסט פארשאָלטען ווערען, דו מיט דיינע קינדער, אויף דור־דורות.

אָן אָרימער און אונוויסענדער פויער ווי ער איז געווען, איז עס דעם גלח געלונגען איהם איבערצורעדען. ער האָט באקומען דאָס געלד מיט די משקה און געשוואָרען ביים צלם, אז זיין פוס וועט מעהר נישט איבערטרע־טען די שוועל פון דער קרעטשמע פון היינט ביז נאָך דעם אידישען פסח.

פארטיג געוואָרען מיט דעם דאָזיגען פויער, האָט דער גלח עטליכע וואָכען צייט געפּרעדיגט אין קירכע ווי אויך אין די ארומיגע דערפער, אז דער יעניגער, וואָס וועט אָפּקויפען דאָס חמץ ביי אידישען ארענדאר, וועט פארשאָלטען ווערען פון „אותו האיש" און פון זיין גאנצער משפחה אויף אייביג.

ערב פסח איז געקומען. ביי רבי רפאל'ן אין קרעטשמע איז שוין געווען אלץ פאררוימט, באהאלטען, צוגעגרייט צום הייליגען יום טוב. ער האָט בלויז געוואָרט, אז גאוורילא, דער פויער זאָל, ווי יעדעס יאָהר, אין דער

צייט, קומען צו איהם, און אָפּקויפען דאָס חמץ, כדי ער זאָל קענען פאָהרען אין שטאָדט אריין אויף די גאנצע אכט טעג יום טוב.

אָבער דער גוי קומט נישט. די צייט איז קורץ און מען זעהט ניט גאווריל'ן. לויפט ער אליין אריבער צום פויער אין כאטע, ערשט ער איז נישטאָ. אויסבאהאלטען זיך. פּרואווט ער אָנבאָטען א צווייטען גוי, א דריטען, אָבער אומזיסט. די פויערים וואָלטען אודאי חשק געהאט צום מסחר, אָבער זיי האָבען מורא פאר'ן גלח און פאר דער הארבער שטראָף, וואָס ער האָט ארויסגעגעבען.

זעהט רבי רפאל, אז עס איז שלעכט כאפּט ער א פערד און לויפט אין א צווייטען דאָרף, צו זיינע באקאנטע פויערים — אָבער ווידער די זעלבע געשיכטע: דער גלח האָט געגען איהם גוט צעבונטעוועט די ערלים...

לויפט רבי רפאל צוריק אין קרעטשמע, אפשר איז גאווריל א פארט געקומען. אָבער זעהענדיג, אז דער שעת ביעור חמץ איז נאָהענט און קיין „קונה" איז נישטאָ, האָט רבי רפאל פארשטאנען דאָס ער שטעהט פאר א גרויסען נסיון, א נסיון פון אָרימקייט.

— מסתמא איז עס א גזר פון הימעל! — רופט אויס דער פרומער, גאָטספארכטיגער רבי רפאל. — ער טראכט נישט לאנג, ער עפענט אלע קאמערען פון די סחורות און שטעלט זיך אוועק נעבען זיין קרעטשמע און רופט אויס אויף פויליש לשון, מיט מעכטיגער שטים:

— איהר זאָלט וויסען זיין, אז איך האָב מפקיר געווען אלע מיינע חמצדיגע זאכען, אלץ איז הפקר און ווער עס וויל קען קומען און נעהמען פראנק און פריי...

אָפּגעזאָגט דעם פסוק, שפּאנט ער זיין פערד און וועגעלע, און פאָהרט א פרעהליכער, א צופרידענער אין שטאָדט אריין, וואו ער פראוועט א יום טוב מיט גרוים שמחה, מיט אורחים ביי די טישען, מיט כל טוב — ווי יעדעס יאָהר. ווארום זיין ווייב האָט ער נישט דערציילט וואָס עס האָט פּאסירט, כדי איהר נישט צו פארשטערען דעם יום טוב.

תמיד פלעגט זיך ר' רפאל נוהג זיין, אז מוצאי יום טוב, גלייך נאָך הבדלה האָט ער איינגעשפּאנט דאָס וועגעלע און געפאָהרען אין דאָרף אריין, ווארום די קרעטשמע איז געווען פון באלד אין דער פריה באלאגערט פון פויערים וואָס האָבען שוין ארויסגעקוקט אויף איהם כדי צו נעהמען א טרונק בראנפען נאָך די אכט ניכטערע טעג. דאָס מאָל האָט רבי רפאל זיך נישט געאיילט. זאָלען די פויערים זיך איינהאלטען ביז מאָרגען — האָט ער געזאָגט צו זיין ווייב...

אויף צומאָרגענס איז ער צוזאמען מיט זיין ווייב, געפאָהרען אין

דאָרף אריין. אויפ׳ן וועג צו דער קרעטשמע האָט ער אָנגעטראָפֿען א באַקאַנטען גוי פון זיינע שטענדיגע קונים. ער האָט זיך מיט איהם פריינדליך באַגריסט און געזאָגט:

— העי פּאַוועל, ווי זיינען אריבער די יום טוב׳דיגע טעג? — איהר האָט אוודאי זיך גוט אָנגעטרונקען מיט אומזיסטען בראַנפֿען ביי מיר אין קרעטשמע, הא?

— מיר האָבען קיין טרונק נישט געטהאָן פון אייערע בראַנפֿען, רפאלקע, ווי איהר זעהט מיך א לעבעדיגען. גליך ווי איהר האָט ערב אייער יום-טוב פֿאַרלאָזט דאָס דאָרף, און מיר האָבען זיך געגרייט לאָזען וואוילגעהן, ווי דו האָסט געזאָגט, ערשט מיר גיבען א קוק און צוויי גרויסע, שווארצע הינט שטעהען ביי דער טיר פון דער קרעטשמע אויף שמירה און ווארפען זיך מיט אזא רוגזה אויף יעדען, וואָס דערנעהנטערט זיך צו דער קרעטשמע — אז איין גאָט זאָל שומר ומציל זיין, אויך איך אליין האָב געפּרובט גליק, דו ווייסט דאָך אז איך בין נישט קיין שרעקעוודיגער, איך האָב שטאַרק חשק געהאַט צו באַנעצען דעם האַלז מיט אומזיסטער משקה, אָבער די צוויי כלבים האָבען מיך שיער נישט צוריסען אויף שטיקער, אַזוי אז איך האָב געדאַנקט גאָט, וואָס איך בין אַנטלאָפֿען פון זיי א לעבעדיגער.

ווען רבי רפאל איז צוגעקומען צו דער קרעטשמע זיינען איהם די צוויי כלבים אקעגענגעלאָפֿען, געלאַשטשעט זיך צו איהם מיט הכנעה, געלעקט זיינע הענט, און דאַן זיינען זיי אוועקגעלאָפֿען אין וואַלד אריין, נעלם געוואָרען.

האָט רבי רפאל פאַרשטאַנען אז די געשיכטע איז ווייט נישט קיין פּשוט׳ע. אָבער דאָך האָט ער צו זיך געזאָגט: אויף הימעל-זאַכען פאַרלאָזט מען זיך נישט. די תורה איז נישט אין הימעל. די סחורה איז חמץ שעבר עליו הפּסח, און מען טאָר דערפון נישט האָבען קיין הנאה. מיט גרויס ישוב הדעת טרעט ער עפענען די קראַנען, אויסגיסען דעם בראַנפֿען. ווען דאָס ווייב האָט דאָס באַמערקט, האָט זי אויפגעהויבען א געוואַלד, און מיט גרויס בכיות און יללות האָט זי קוים געפּועל׳ט ער זאָל מסכים זיין פאָהרען אין שטאָט, צום גאון רבי לייבוש חריף דער פלאָצקער רב, הערען זיין פּסק.

ביידע תלמידי חכמים האָבען זיך אריינגעלאָזט אין א שאַרפֿען לומדי־שען וויכוח. צו דער פרייד פון דער פרוי, האָט דער פלאָצקער רב געפֿונען א היתר און געפּסק׳ענט אז דער בראַנפֿען איז מותר בהנאה. ער איז געווען הפקר פאַר אַלעמען, ווייל רבי רפאל האָט עס דאָך מפקיר געווען און דאָס וואָס די גוים האָבען נישט געקענט נהנה זיין דערפון, — ענדערט גאָרנישט די זאַך.

אויפ׳ן וועג אהיים האָט רבי רפאל גענומען ביי זיך מאַכען א חשבון

הנפש: אמת טאקע, אז אין די פעסער בראנפען שטעקט זיין גאנץ פארמעגען, און אהן דעם בלייבט ער אן ארימאן, אבער צי קען אזא איד ווי ער, צוליעב נגיעה, זיך סומך זיין אויף א היתר בשעת הדחק, וואס דער רב האט מיט גרויס חריפות אויסגע׳פשט׳לט? און ווי איז אביסעל מסירת נפש פאר א מצוה, און ווי איז אביסעל אידיש־ווארימקייט? ניין, איך וועל פון מעשה נסים נישט נהנה זיין...

אהיים קומענדיג, האט די פרוי זיך גענומען צו דער ווירטשאפט ווי תמיד, און מעהר נישט געהיט דעם מאן, זייענדיג זיכער אז ער וועט זיך פארלאזען אויפ׳ן היתר פון פלאצקער גאון. אבער אין א ווייל ארום, ווען זי קוקט זיך אום, דערזעהט זי ווי דער גאנצער בראנפען ליגט שוין אין רינ־שטאק און די פויערים ליגען אויסגעצויגען אויף דער ערד און לעקען פון דעם ביטערען טראפען.

די פרוי האט זיך שרעקליך צעוויינט, געשלאגען זיך קאפ אן וואנט, און ווען זי איז געקומען צו זיך, איז זי געלאפען אין שטאט אריין, דער־צעהלט דעם גאון פון איהר אומגליק, און דערביי האט זי געביטערט:

— דאס פארמעגען האב איך פארלארען, קיין קינדער האב איך נישט, וואס־זשע וועט זיין מיין סוף?

דער גאון איז ממש ארויס פון די כלים, הערענדיג דאס וואס רבי רפאל האט אפגעטאן.

א לענגערע צייט האט ער ארומגעשפרייזט א צוקאכטער איבער זיין צימער, דאן האט ער זיך אפגעשטעלט נעבען דער פרוי, און פייערליך א זאג געטאן:

— רבי רפאל׳ס ווייב, פאהרט אהיים לחיים ולשלום. איך בין אייך מבטיח אין זכות פון מיין תורה, אין זכות פון אייער מאן׳ס מסירות נפש פאר א מצוה, אז היי־יאהר וועט איהם געהאלפען ווערען מיט א זוהן, וואס וועט באלייכטען די אידישע וועלט מיט זיין תורה און צדקות.

און די ברכה פון רבי לייבוש חריף איז מקוים געווארען. צום יאהר איז געבוירען געווארען ביים דאזיגען פאר־פאלק דער באריהמטער גאון און צדיק, רבי אברהם טשעכאנאווער זצ״ל.

רבי אברהם – דער טשעכאנאָווער צדיק

איינער פון די אריגינעלסטע און מערקווירדיגסטע גדולים, וואָס דאָס פוילישע אידענטום האָט ארויסגעגעבען, איז געווען דער גאון און קדוש רבי אברהם לאנדא זצ"ל, באקאנט אלס רבי אברהם טשעכאנאָווער זצ"ל.

דער טשעכאנאָווער איז נישט געווען קיין חסידישער רבי ווי מיר פארשטעהן עס לויט'ן דאָזיגען באגריף. אויסערליך איז ער געווען ווייט פון חסידות און ער האָט זיך איינגאנצען געווידמעט דער תורה. ער האָט אפילו געדאווענט נוסח אשכנז, הגם עס האָט ארויסגערופען גרויס וואונדער ביי אלעמען. זיין גאנצע התנהגות איז געווען א מין סינטעזע צווישען די שיטות פון ווילנער גאון און דער שיטה פון בעל שם טוב.

געשטאמט האָט ער פון דורות גדולים און צדיקים. זיין פאָטער רבי רפאל איז, ווי שוין דערצעהלט — געווען א צדיק נסתר. ער האָט געהאלטען א קרעטשמע אויפ'ן דאָרף, און געהאנדעלט מיט פריצים. אָבער געווען איז ער א גרויסער עובד השם. חסידים דערצעהלען, אז דער דאָזיגער קרעטשמאר האָט געהאט גלוי אליהו. ר' רפאל, אזוי דערצעהלט די חסידישע אגדה, איז אמאָל געפאָרען איינער אליין מיט זיין וועגעלע אין וועג. פלוצלונג זיינען פון וואלד ארויסגעלאָפען עטליכע באוואפענטע רויבער, מיט אויסגעשטרעקטע שווערדען, די רויבער האָבען זיך נישט געוואָלט באגניגנען מיט דעם געלד, וואָס רבי רפאל האָט זיי פארגעלעגט, — זיי האָבען איהם אויך געוואָלט ערמאָרדען. אין זעלבען מאָמענט איז אָנגעקומען א רייטער אין געשטאלט פון א מיליטער־מאן. ווי נאָר די רויבער האָבען איהם דערזעהן, זיינען זיי אין בהלה אנטלאָפען. אָבער גלייכצייטיג איז אויך נעלם געוואָרען דער רייטער. רבי רפאל איז געווען זיכער, אז דער דאָזיגער רייטער, וועלכער האָט איהם דאָס לעבען געראטעוועט איז געווען אליהו הנביא...

זיין מוטער איז קליינערהייט געבליבען א יתומה, און זי האָט זיך ערצויגען אין הויז פון איהר זיידען, דער לינטשיצער רב רבי זאב וואָלף אויערבאך זצ"ל. זי איז שוין געווען א מיידעל אין די יאָהרען, און עס האָט זיך איהר אלץ נישט געמאכט קיין שידוך. די יתומה האָט זיך נעבעך, אויסגעוויינט די אויגען. אָבער דער זיידע האָט איהר געטרייסט, אז ווען עס וועט קומען די צייט — וועט זי געהאָלפען ווערען.

איינמאָל איז געקומען צום לינטשיצער רב א דאָרפס־איד, בכדי צו ערלעדיגען די עניני קבורה פון זיין פארשטאָרבענער פרוי. נאָכדעם ווי דער רב האָט מיט איהם ערלעדיגט די דאָזיגע ענינים גיט ער צו איהם א זאָג:

— וועסט אזוי גוט זיין, נאָך דער שבעה, אריינקומען צו מיר, איך דאַרף מיט דיר דורכריידען א וויכטיגען ענין.

ווען דער דאָרפס־איד איז געקומען צום רב נאָך דער„שבעה, האָט ער איהם פאָרגעלעגט א שידוך מיט זיין איינציקעל די יתומה ראדא. קענטיג אז דער רב האָט גוט געקענט דעם „דאָרפס־איד”. אָבער די יתומה איז געבליבען ווי א פארשטיינערטע. ס'טייטש, מיט אן אלמן, וואָס איז פיעל עלטער פון איהר, און דערצו א דאָרפס־איד, אן ארענדאר — דאָס זאָל זיין איהר זיווג?

אָבער דער זיידע האָט איהר בארוהיגט און פארזיכערט, אז זי וועט פון דעם אלמן געבוירען קינדער, וואָס וועלען פארלייכטען דער אידישער וועלט. ערשט דאן האָט זי מסכים געווען צום שידוך. ביי די דאָזיגע פאָר־פאָלק, איז געבוירען געוואָרען דער שפּעטער באריהמטער רבי אברהם טשעכאנאָווער זצ"ל.

זייענדיג זעהר א געראָטען קינד, מיט גרויסע פעהיגקייטען, האָבען די עלטערען נישט געוואָלט האלטען אים אין דאָרף, און געשיקט איהם קיין פלאָצק, וואָס איז דאמאָלס געווען אן עיר מלאה חכמים וסופרים. דאָרט האָט מען איהם אריינגעגעבען צו א מלמד, א ירא שמים, אויף אלעם פערטיגען.

עס האָט נישט לאנג גענומען און גאנץ שטאָדט האָט געקלונגען מיט'ן דאָזיגען בחור'ל, וואָס האָט זיך אויסגעצייכענט מיט זיין חריפות, התמדה און געוואלדיגער בקיאות. דערצו איז ער געווען זעהר א גוטהארציגער, א גרויסער ירא־שמים, פול מיט תמימות און עניוות. ער איז אויך געווען א גרויסער דייקן. יעדעס וואָרט זיינס איז געווען געצעהלט און געמאָסטען.

ביי דעם אלעמען איז ער געווען א נחבא אל הכלים. זיין דאווענען און לערנען איז געווען שטילערהייט. ממש מיט זיך אליין. ער האָט געשטרעבט נישט צוציהען קיינעמס אויפמערקזאמקייט.

דאָך האָט עס נישט געהאָלפען. גיך איז ער „ענטדעקט” געוואָרען. די לומדים פון שטאָט זיינען נתפעל געוואָרען פון זיין לומדות און פון זיין פרומקייט און ווי דער שטייגער איז, האָבען די נגידים אין שטאָט אנגעהויבען פארלעגען אויף איהם א נעץ, צו באקומען איהם אלס איידעם.

אין יענער צייט איז אין פלאָצק באריהמט געווען דער גביר, גרויסער למדן און יחסן רבי איטשעלע פלאָצקער. רבי איטשעלע האָט געוואָרפען אן אויג אויפ'ן דאָזיגען בחור'ל און כדי איהם צו קענען באקומען פאר אן איידעם, האָט ער געשטרעבט קודם כל אריינצובאקומען אים אין זיין הויז, ער זאָל וואוינען ביי איהם אנשטאָט ביים אָרימען מלמד. צו דעם צוועק האָט ער געשיקט זיין איידעם, רבי דן לאנדא, וועלכער איז געווען א מפורסם מיט זיין לומדות און פקחות, אין דאָרף צו אברהמ'לעס עלטערען,

בעטען זיי, אז דער יונגער עלוי זאָל זיך אויפהאַלטען אין זיין הויז, ביז ער וועט דערוואַקסען ווערען.

רבי דן איז אָבער געפאָרען מיט אנדערע כוונות: היות ווי ער האָט שוין געהאט אן אונטערוואַקסענדער טאָכטער האָט ער זיך פאַרגעשטעלט אלס מחותן, און רבי רפאל מיט זיין פרוי האָבען מסכים געווען צום שידוך...

רבי דן האָט זעהר פיעל געטאָן פאר זיין געראָטענעם איידעם, און האָט איהם ערמעגליכט צו דערגרייכען צו דעם, וואָס ער האָט דערגרייכט. אלס דאנקבארקייט, האָט דער טשעכאַנאָווער געענדערט זיין פאַמיליע־נאָמען אויף לאַנדא, ווי עס האָט זיך גערופען זיין שווער.

אין יענער צייט איז געווען רב אין פלאָצק דער באַריהמטער רבי אריה לייב צינץ, באַקאַנט אלס רבי לייבוש חריף זצ״ל, מחבר פון עטליכע צענדליג ספרים און איינער פון די גאוני הדור. מיט אָט דעם גרויסען גאון האָט דער יונגער עלוי זיך אָפט מפלפל געווען אין לערנען. איינמאָל האָט רבי לייבוש אין א בריף צו רבי עקיבא איגר זצ״ל זיך פאַרטרויט, אז אין זיין שטאָדט איז פאַראַן א יונגערמאַן, אברהמ׳על לאַנדא, וועלכער דערגעהט איהם ממש די יאָהרען. אלע זיינע חידושים איז ער מבטל בתכלית הביטול. אין רעזולטאַט דערפון האָט רבי עקיבא איגר געשריבען צוויי בריף. איינעם צום פלאָצקער רב, אז זיין בר־פלוגתא איז נישט עפּעס א יונגערמאַן, נאָר א לייב, אן „אריה דבי עילאי", און א צווייטען בריף — צו רבי אברהם׳ן, אז ער זאָל חס האָבען אויפ׳ן כבוד פון מרא דאתרא וועלכער לערענט לאמתה של תורה...

די חסידישע וועלט האָט איהם ענטדעקט צוליב פאָלגענדע פּאַסירונג. ווי באַקאַנט איז די שטאָדט פלאָצק א פּאָרט ביי דער ווייסעל, אויפ׳ן וועג צווישען וואַרשא און דאַנציג. דער גאַנצער מסחר איז דאַמאָלס געפירט געוואָרען דורך דער דאָזיגער שטאָט. איינמאָל, אין מיטען דער נאַכט, איז אין שטאָדט׳ישען בית המדרש, וואָס איז געווען פול מיט לומדישע יונגעלייט, אריינגעקומען א דאַנציגער סוחר, אין מאָדערנע קליידונג, און ארומגעקוקט זיך אויף די יונגעלייט, וואָס האָבען געלערענט מיט גרויס התמדה. זיין אויפמערקזאַמקייט האָט גלייך געצויגען דער יונגער רבי אברהמ׳לע, אזוי, אז ער האָט נישט געקענט קיין אויג פון איהם אָפּרייסען. ביסלעכווייז האָט ער זיך צו אים דערנעהנטערט, אריינגעלאָזט זיך אין א שאַרפען פלפול. דער „סוחר" האָט ארויסגעוויזען גרויס בקיאות און חריפות, אָבער דער יונגערמאַן איז נישט נתפעל געוואָרען, און דער סוחר האָט אנערקענט, אז דער יונגער אברהמ׳לע לערענט תורה לשמה.

דער סוחר, וועלכער איז געווען נישט קיין אנדערער ווי דער שפּעטער

באריהמטער רבי ר׳ בונם פשיסכער, האָט דאַן געבעטען ביים יונגערמאַן, ער זאָל איהם לייהען טלית און תפילין צום דאווענען. ארומהילענדיג זיך אין דעם טלית, האָט רבי בונם דערפיהלט, אז דער יונגערמאַן האָט אויך א הויכע נשמה, א נשמה פון עולם האצילות. אָבגעדראווענט, האָט דער „סוחר" אוועקגעלעגט דעם טלית און תפילין נישט איינגעלעגטערהייט און גלייך פארשוואונדען.

ווען רבי אברהם האָט גענומען דעם טלית אין האנט האָט ער געזעהן, אז ער איז ממש דורכגעווייקט פון טרעהרען און פייכטקייט פון דעם אויס־טערלישען דאווענען. ער האָט גענומען זוכען דעם „סוחר", אָבער ער האָט איהם מעהר נישט געפונען.

אָנקומענדיג קיין פשיסכא, איז רבי בונם גלייך ארייגעפאַלען צו זיין רבין, דער „איד הקדוש" און מיט גרוים שמחה איהם מיטגעטיילט וועגען דעם אוצר, וואָס ער האָט ענטדעקט אין פלאָצק.

זייט דאמאָלס האָט דער איד הקדוש געמאכט באמיהונגען צו באקו־מען צו זיך דעם דאָזיגען אויפגעהענדען שטערען. עטליכע מאָל האָט ער געשיקט ספעציעלע שליחים, אָבער דער שווער זיינער, א מתנגד, האָט נישט דערלאָזט, אז זיין איידעם זאָל פאָרען קיין פשיסכא, הגם דער יונגער עלוי האָט געהאט דערצו א געוואלדיגע תשוקה. איינמאָל, ווען רבי אברהם האָט שטארק מפציר געווען ביים שווער, ער זאָל איהם ערלויבען פאָרען צום איד הקדוש, האָט ער איהם געענטפערט:

— ווארט צו מיין קינד, נאָך צוויי חדשים, איך דארף גראד זיין אין יענער געגענט, וועלען מיר שוין פאָרען צוזאמען.

ווען דער שליח פון איד הקדוש איז צוריקגעקומען מיט׳ן לעדיגען, האָט דער איד אויסגערופען:

— א שאָד, א שאָד. מיר האָבען א גרויסען היזק, וואָס דו האָסט איהם נישט געבראכט. איך וויים, אז ער איז א קדוש מרחם, און ווען ער וואָלט געקומען צו אונז, וואָלטען מיר איהם מוסר געווען אלע אונזערע מדרגות, צו לייכטען און משפיע צו זיין אויף אידען.

אין צוויי חדשים ארום, ווען ער האָט זיך ענדליך געגרייט צו פאָרען קיין פשיסכא, איז שוין געווען נאָך דער הסתלקות פון איד הקדוש...

העכער א יובל יאָהרען איז רבי אברהם געווען רב אין טשעכאנאָוו, און ער איז געווען איינער פון די אנערקענטסטע גדולים אין זיין צייט. עס איז נישט געטאָן געוואָרען קיין שום זאך אין אידישען ציבור־לעבען אָהן זיין עצה און הסכמה. פון דער גאנצער וועלט האָט מען זיך געווענדעט צו איהם אין די פאַרוויקעלטסטע ענינים. און הגם ער איז נישט געווען קיין

חסידישער רבי, האָט ער זיך געפיהרט בחסידות ופרישות און געלעבט א לעבען פון קדושה און טהרה. ערשט ביים סוף פון זיינע יאָהרען, נאָך דער פטירה פון בעל „חידושי הרי״מ״, האָט ער ענדליך מסכים געווען צו ווערען מנהיג העדה. ער האָט אָנגעהויבען פירען טיש, נעמען קוויטלעך און פראווען חסידות פּונקט ווי אנדערע רביים, און די פדיון־געלדער, וואָס זיינען אריינגעפאלען האָט ער צוטיילט לצדקה.

הגם אין יענער צייט זיינען טויזענטער אידען, דערונטער גדולים און צדיקים, די תלמידים פון קאָצקער און גערער צדיקים געפאָרען צו איהם קיין טשעכאנאָוו, האָט ער נישט געענדערט זיין התנהגות. ווייטער האָט ער געדאווענט נוסח אשכנז, נישט עובר געווען זמן תפילה, נאָר געדאווענט מיט'ן זון־אויפגאנג. און בכלל זיך געפיהרט בעל הביתיש, נעהנטער צו דער שיטה פון הגר״א זצ״ל.

רבי חיים צאנזער האָט אויף איהם געזאָגט, אז פון די צייטען פון בעש״ט איז רבי אברהם טשעכאנאָווער געווען דער ערשטער צדיק, וואָס איז געקומען צו זיינע מדרגות אָהן קיינעמס מיטהילף.

זיינע קינדער זיינען שוין געווען בארימטע צדיקים. זיין עלטסטער זוהן רבי זאב וואָלף פון סטריקאוו, איז געווען איינער פון די גדולי החסידות. א תלמיד פון אלטען קאצקער האָט ער דאָך אויסגעקליבען אן אנדערע שיטה. ער איז געווען א מעורב בין הבריות און ער האָט גע'שמט מיט זיין פקחות און גדלות. דערצו איז ער געווען א מענש מיט א פּאָעטישער נשמה. א גרויסער בעל לשון און א דיכטער. זיינע שירים, דורכגעדרונגען מיט אהבת השם, אהבת התורה און אהבת ישראל, האָבען געדיענט אלס א קוואל פון באגייסטערונג פאר אידען. דער צווייטער זוהן זיינער איז געווען רבי בעריש ביאלער — א וואורקער חסיד און איינער פון זיינע ממלאי מקומו, האָט געהאט מאסען אָנהענגער. דער דריטער זוהן איז דער טשעכאנאָווער רבי ר' רפאל און דער פערטער — רבי יעקב יעזאווער באקאנט אויך אלס נאשעלסקער רב. — אלע באריהמטע חסידישע רביים. איינער פון זיינע איידעמס איז געווען רבי שמואל שינאווער, דער מחבר פון פּאָפּולערען ספר איבער חסידות „רמתים צופים״.

באריהמט איז אויך געווען זיין אייניקעל, רבי מנחם מענדעל חיים לאנדא, דער זאווערטשער רב זצ״ל. ער איז געווען איינער פון די מערקווירדיגסטע גדולים אין לעצטער תקופה. ער איז ארויסגעטרעטען געגען דער פּאסיוויטעט פון די פרומע אידען און געפאָדערט צו אקטיוויזירען די אָרטאָדאָקסיע אויף אלע געביטען, באזונדערס אויפ'ן געביט פון חינוך, קהלה־לעבען און ארץ ישראל. ער האָט אויך ארויסגעגעבען א גרויס ספר איבער

זיין זיידען „ויעש אברהם", וואָס ענטהאַלט די מנהגים און די נוסחאות פון זיין זיידען, אויסגעטייטשט על פּי הלכה און קבלה, ווי אויך א „הגדה של פּסח", וואָס איז באַקאַנט אַלס די טשעכאַנאָווער הגדה.

אַ שבועות אין קאָזמיר

אין דעם שטעטל קאַזשימיעזש ביי דער ווייסל, אָדער ווי אידען האָ־בען עס גערופען, קאָזמיר, האָט מען זיך געגרייט צו א גאָר געהויבענעם שבועות.

דאָס שטעטל גופא געהער צו די שענסטע פּערל פון דער פּוילישער קרוין. ארומגענומען מיט א בערג־קייט, דורכגעשניטען דורך דעם גרויסען פּוילישען טייך, די ווייסל, האָט זיך אין דעם דאָזיגען שטעטל פאַראייניגט ראָמאַנטיק מיט פּראַקטישקייט. פון איין זייט איז עס געווען א זומער־רעזאָרט, וואו מענשען זיינען געקומען געניסען פון דער פּרעכטיגער נאַטור אין די זומער־חדשים און איינער פון די פּוילישע קיסרים האָט דאָרט געהאַט זיין זומער־רעזידענץ, און פון דער אַנדערער זייט איז עס געווען א קוואַל פון פּרנסה. ווארום אין יענער צייט, ווען קיין אייזענבאַהן האָט נאָך נישט עקזיסטירט, איז דער וואַסער־וועג געווען דער איינציגער, וואָס האָט פאַראיי־ניגט מזרח מיט מערב. איז טאַקע דער גאַנצער מסחר אָנגעגאַנגען לענג־אויס די ווייסל און בפרט אין קאָזמיר, וואו עס האָבען זיך געפונען גרויסע וועלדער, פון וועלכע אידישע וואַלד־סוחרים האָבען געשניטען בוימער און געשיקט קיין דאַנציג מיט'ן טייך.

אָבער זינט דער רבי ר' יחזקאל פלינסקער, דער שפּעטער בארימטער „סבא קדישא" פון קאָזמיר, האָט זיך באַזעצט אין שטעטל, איז דאָס אָרט אויך פאַרוואַנדעלט געוואָרען אין א מקום חסידות, צו וועלכען עס האָבען געצויגען אַלערליי סאָרטען אידען, פון די גאָר געהויבענע הימעל־אידען, ביז די גאַנץ פּשוט'ע, עהרליכע אידען, כדי צו לערנען חסידות און מידות טובות ביים דאָזיגען צדיק הדור.

געשטאַמט האָט רבי יחזקאל פון א גאָר געהויבענער משפּחה. אָבער זיי זענען געווען באַהאַלטענע מענשען, פון די נסתרים. זיין פאָטער רבי הירש, איז געווען א תלמיד פון בעל שם טוב זצ"ל, און געהאַט האָט ער נאָך דריי ברידער: רבי לייב, רבי בער און רבי וואָלף. די דאָזיגע פיער ברידער האָט מען גערופען „די ארבע חיות" — אזוי הויך האָבען זיי געשטעקט אין דער

קדושה. רבי הירש אליין איז אומגעקומען אויף קידוש השם בעת דער „פראגער הריגה", נאכדעם ווען דער רוסישער גענעראל סובאראוו האט אין יאהר 1791 מנצח געווען קאשטשושקא'ס ארמיי ביי דער ווייסעל, און ער־לויבט זיינע סאלדאטען דריי טעג צייט א הוליע צו טהון אומגעשטערט. רבי הירש איז געקומען צו קבורה אויפ'ן אידישען בית עלמין אין פראגא, ביי ווארשע, אלס אומבאקאנטער. ערשט מיט יאהרען שפעטער, איז זיין בארימ־טער זוהן, דער רבי פון קאזמיר, ארוים אויפ'ן פעלד און אויסגעפונען דאס ארט, וואו ער ליגט. און אויף דער מצבה איז טאקע געווען אנגעצייכענט, אז דאס האט דער קאזמירער רבי פעסטגעשטעלט דעם מקום־קבורה פון זיין פאטער רבי הירש.

רבי יחזקאל'ע איז געווען א תלמיד פון חוזה פון לובלין. אבער ער האט נישט געהערט צו דער חבריא. בכלל איז ער געווען א מענש, וואס האט נישט געמאכט מיט זיך קיין טומעל. שטענדיג געגאנגען אין א זייט, נישט צופיעל זיך געמישט אין כלל־זאכען, און זיין איינציגע עובדה איז געווען עבודת הבורא און אהבת ישראל.

דער קאזמירער רבי איז געווען אן אויסערגעוועהנליך־הויכער מענש, אין פיזישען זין, ממש „משכמו ולמעלה גבוה מכל העם". ביז'ן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה האט זיך נאך אין זיין שטוב, אין קאזמיר, געפונען דאס בעטעל זיינס, דער עמוד ביי וועלכען ער האט געדאווענט און דער שטעקען מיט וועלכען ער האט זיך באנוצט. דער שרייבער פון די שורות האט עס אליין געזעהן און פעסטגעשטעלט, אז דערמיט האט זיך באנוצט א מענש, וואס איז הויך געווען שתי קומות, צוויי נארמאלע מענשליכע הויכען...

אויך דער ארון וואס אויף זיין קבר אין אהל, אויפ'ן אלטען בית החיים אין קאזמיר, באווייזט אז ער איז באנוצט געווארען פאר א גאר הויכען מענשען.

ווען רבי יחזקאל איז צום ערשטען מאל געקומען קיין לובלין, האט דער רבי גראד געפראוועט א סעודת ראש־חודש. דער אומבאקאנטער הויכער יונגערמאן, האט זיך דורכגעשטופט צווישען עולם און אוועקגעשטעלט זיך פונקט אקעגענאיבער דעם חוזה, נישט אראפלאזענדיג פון איהם קיין אויג אויף א רגע. אנדערע האבען איהם אפילו געפרואווט אוועקשטופען, אבער עס איז זיי נישט געלונגען. איז ער אזוי געשטאנען די גאנצע צייט פון דער סעודה, דערוועקענדיג צו זיך דעם כעס פון די גבאים. פלוצלונג האט מען זיך ארומגעזעהן, אז עס פעהלט פון טיש דעם רבינ'ס זילבערנער לעפעל. און אזוי ווי ביים טיש זיינען געווען בלויז היימישע מענשען, איז ביים גבאי געבליבען במוסכם, אז נישט קיין אנדערער נאר דער הויכער, אומבאקאנ־

טער יונגערמאן, האָט דעם רבינ׳ס לעפעל צוגענומען, און ער האָט זיך גענגרייט, גלייך נאָכ׳ן טיש, צו נעמען זיך צו איהם. אָבער אײדער דער רבי האָט זיך צוריקגעצויגען אין זיין חדר, האָט ער, אויפשטעלענדיג זיך פון זיין אָרט, א זאָג געטאָן:

— זעהט איהר, אָט דער יונגערמאן, דער הויכער, האָט די צורה פון אברהם אבינו...

די דאָזיגע דיבורים פון רבי׳ן האָבען נאטירליך געמאכט א גרויסען רושם. פון באלײדיגען איהם האָט שוין נישט געקענט זיין קיין רייד. רבי יחזקאל איז אריין צום רבי׳ן, פארבראכט דאָרט א לענגערע צייט און גלייך פארלאָזט לובלין, וואו דער עולם האָט איהם אָנגעהויבען מכבד זיין. ערשט אין יאָהרען ארום האָט ער זיך באזעצט אין קאָזמיר און געוואָרען א מנהיג החסידות.

ווי געזאָגט, זיינען צווישען זיינע אָנהענגער געווען אויך בני עליה. איינער פון זיינע אָנהענגער איז געווען רבי שלמה הכהן, דער בארימטער ראדאמסקער רבי זצ״ל, בעל „תפארת שלמה״, דער גרויסער מקובל, באגרינדער פון דער ראדאמסקער דינאסטיע. און היות ווי עס איז אין קאָזמיר דערהאלטען געוואָרען א ידיעה, אז דער ראדאמסקער קלייבט זיך אויף שבועות צו קומען מיט א גרופּע פון זיינע חסידים קיין קאָזמיר, האָט מען זיך גענומען גאָר שטארק גרייטען צום דאָזיגען שבועות.

אויסגעפאלען שבועות איז דאמאָלס מאָנטאָג און דינסטאָג. אָבער דער ראדאמסקער מיט זיינע מענשען, ווי אויך א גרויסע צאָל אנדערע חסידים, זיינען שוין געקומען אויף שבת. האָט עס זיך געטומעלט און גע׳רעש׳ט אין הויף. מען האָט זיך גענומען גרייטען צום שבת און צום הייליגען יום־טוב, ווייל חסידים האָבען געגלויבט, אז אין קאזמיר באקומט מען אום שבועות דאָס התעוררות, וואָס אידען האָבען געהאט ביי מעמד הר סיני...

אין קאזמיר איז געווען א גרויסער ענין דאָס צוגרייטען און עסען פיש אום שבת און יום־טוב. טיילמאָל פלעגט דער רבי אליין באטראכטען די פיש, איידער מען האָט זיי צעשניטען. און תמיד פלעגט ער אריינגעהן אין קיך, און אריינגעשיט מיט די אייגענע הענט א גארשטש זאלץ און א גארשטש פעפער אין דעם גרויסען קופערנעם קעסעל, וואו די פיש האָבען זיך געקאָכט.

אין יענעם יאָהר איז דער גבאי פרייטאָג אין דער פריה אריינגעקומען צום רבי׳ן אין שליחות פון דער רביצין פרעגען א שאלה: היות ווי ערב יום טוב פאלט אוים זונטאָג, ווען די גויים וועלען נישט ברענגען קיין פיש אין

שטאַט אריין, פרעגט די רביצין, צי זאָל מען איבערלאָזען א טייל פון די פיש אויף יום טוב.

—חס ושלום, — האָט דער רבי אויסגערופען — די פיש וואָס האָבען זיך דערשלאָגען צו אונז אויף שבת, קענען נישט ווארטען אויף יום טוב. און וואָס שייך יום־טוב — וועט דער אויבערשטער שוין מזמין זיין פיש. (ווי באוואוסט, הערשט צווישען די מקובלים די מיינונג, אז געהויבענע אידען, וואָס דארפען א קליינעם תיקון, ווערען נאָך דער פטירה מגולגל אין פיש, און זייער תיקון באקומען זיי ווען דער צדיק הדור איז נהנה פון די דאָזיגע פיש בעת סעודות שבת).

ערב שבת נאָך האלבען טאָג, ווען דער רבי האָט שוין גענומען מאכען די לעצטע הכנות צום שבת, האָט ער געהייסען אריינרופען אין זיין חדר זיין גרויסען גאסט, דעם ראדאמסקער רבי'ן.

ווען דער ראדאמסקער איז אריינגעקומען צו איהם, האָט דער רבי פון קאזמיר צו איהם א זאָג געטאָן:

— ראדאמסקער רבי, מיר זאָגען אייך אָן, אז אי"ה שבת צו נאכטס, תיכף נאָך הבדלה, זאָלט איהר לאָזען שפּאנען אייער פוהר און פאָהרען קיין ראדאמסק, פראוווען שבועות ביי אייך אין דער היים, מיט אייערע חסידים!...

דער ראדאמסקער רבי איז געבליבען שטעהן א פארוואונדערטער און א פרעג געטאָן:

— סטייטש, רבי, איך בין דאָך געקומען צו אייך, איך אליין דארף דאָך לערנען עבודות הבורא, זעהן ווי אזוי איהר זענט מקבל די תורה, לסוף שיקט איהר מיך גאָר אהיים, צו די המון־מענשען, צו די קטני המח, צו די קליינע מענשען? איך בין דאָך שוין דאָ, אין קאָזמיר, ערלויבט מיר זשע צו בלייבען איבער יום טוב...

— איך וועל אייך זאָגען, ראדאמסקער רבי, — האָט רבי יחזקאל'ע אויסגערופען — ביי מתן תורה שטעהט „וירד משה מן ההר אל העם" — אז משה האָט געגידערט פון בארג צום פאָלק. זאָגט דערויף רש"י הקדוש: „מלמד שלא היה משה פונה לעסקיו, אלא מן ההר אל העם" — דאָס הייסט, אז משה האָט זיך ניט פארנומען מיט זיינע פּריוואטע עסקים, נאָר גלייך פון בארג־סיני צום פאָלק. פרעגט זיך, האָט דען משה געהאט פּריוואטע ביזנעס: איז ער אפשר געווען א קרעמער, א סוחר, אז די תורה לויבט איהם, וואָס ער האָט נישט פריהער ערליידיגט זיינע פּריוואטע עסקים?

דער ענין דערפון איז, וואָס משה רבינו, הערענדיג מפי הגבורה, די ענינים, וואָס האָבען א שייכות צו קבלת התורה, האָט נישט געטראכט ביי זיך, אז מען דארף אפשר פריהער אליין תופס זיין די רייד פון אויבערשטען,

אפשר עס דורכריידען מיט יהושע'ן און ערשט שפעטער עס איבערגעבען דעם פאָלק. משה האָט דאמאָלס זיך, זיינע פריוואטע עסקים, הגם זיי האָבען געהאט א שייכות מיט תורה, מיט עבודת הבורא, גאָרנישט אין זינען געהאט, — נאָר גלייך פון בארג צום פאָלק.

דאָס זעלבע זאָגען מיר אייך, ראדאמסקער רבי, איהר ווילט אלץ קלעטערען אין די הויכקייטען און מיר זאָגען אייך: געהט צום פאָלק, פאָהרט אהיים אויף שבועות...

אזוי שמועסענדיג, האָט זיך פון יענער זייט טיהר געהערט א געוואלד, א געשריי, אן אמפערניש פון א אידען מיט די גבאים. א איד האָט זיך דאָך געוואָלט אריינרייסען צום רבי'ן, און די גבאים, וויסענדיג אז דער רבי איז פארטיפט אין א שמועס מיט'ן ראדאמסקער, האָבען דעם אידען געפרובט אָפּהאלטען.

הערענדיג דעם טומעל, האָט דער רבי זיך אויפגעהויבען פון אָרט, געעפענט די טיהר און אריינגערופען דעם אידען.

דאָס איז געווען א פּשוט'ער דאָרפס-איד, א פישער פון פאך, זעהר א פארגרעבטער, און וויסענדיג ווער עס איז דער פארשוין, האָט זיך מיט-געשלייכט דער גבאי, צו זיין גרייט, אויב מען וועט איהם דארפען...

דער רבי האָט זיך אוועקגעזעצט אויפ'ן שטוהל, און אָנגעוויזען צו דעם ראדאמסקער, אז ער זאָל בלייבען בעת ער וועט פראווען דעם דאָרפס-אידען.

— הייליגער רבי, — האָט דער איד אויסגערופען, — איך בין א פישער. איך האָב אָבגעדונגען אויף א יאָהר צייט א געוויסען פּלאץ ביי דער וויסעל, וואו איך שיק ארוים מיינע גויים מיט נעצען צו כאפּען פיש. אָבער איך האָב געהאט זעהר א שלעכט יאָהר, הייליגער רבי, איך זאָג אייך, אז איך בין בדלות געוואָרען. יעדעס מאָל ווען איך האָב ארויסגעשיקט די גויים, זיינען זיי צוריקגעקומען מיט ליידיגען. און ווען זיי האָבען שוין אמאָל גע-בראכט אביסעל פיש, איז דער מארק געווען פארפלייצט מיט סחורה, — פּשוט צום ארויסווארפען. אזוי איז עס מיר געגאנגען שלימזלדיג, ביז איך בין געקומען צו דער מדרגה, אז איך פארמאָג נישט מעהר ווי דעם טולופּ, דעם ווינטערדיגען בגד. בין איך געקומען צו אייך, רבי, פרעגען אן עצה: דעם טולופּ מוז איך סיי ווי פארקויפען. אָבער איך ווייס נישט וואָס צו טהון מיט'ן געלד; צי זאָל איך נאָך איינמאָל מאכען א פּרוב, דינגען גויים, ארויסשיקען זיי אויף פיש-פאנג — דעם היינטיגען שבת צו נאכטס פּרובען מזל, — אָדער איך זאָל זיך שוין נישט צו נאַר-מאכען, און פאר'ן געלד פון טולופּ זאָל איך בעסער אָנגרייטען אויף יום טוב...

דער ראדאמסקער רבי, אויסהערענדיג די בקשה פון דעם אידען, האָט

פארשטאנען, אז דאָס ווייזט איהם דער קאָזמירער א מוסטער, ווי אזוי זיך „אראָבצולאָזען צום פאָלק", האָט ער מיט נייגיריגקייט געווארט אויפ'ן רבינ'ס תשובה.

דער רבי איז געזעסען א ווײַלע א פארמוח'טער, ווי עס וואָלט זיך געהאנדעלט אין א גאָר הויכען גייסטיגען ענין. דאן האָט ער א זאָג־געטאָן:

— אודאי איז גלייך ארויסצושיקען די גויים אויפ'ן טייך, מען דארף דאָך באזאָרגען אידען מיט פיש אויף יום־טוב! די רביצין אליין האָט שוין געשיקט זאָגען, אז זי דאגה'ט, צי עס וועט זיין פיש אויף יום־טוב.

— אָבער הייליגער רבי, שוין אזוי פיעל מאָל געפרובט און נישט מצליח געווען...

— הער מיך אויס, מיין זוהן, אז עס וועט ארייַנפאלען צו דיר אין נעץ א לאַקס, א גרויסער, גאָר א גרויסער לאַקס, וועסטו איהם ברענגען צו מיר, כדי אידען חסידים זאָלען האָבען פיש אויף שבועות.

— כא־כא־כא, — האָט דער פישער אויסגעשאָסען מיט א געלעכטער,

— דער רבי, זאָל מיר מוחל זיין, רעדט נישט צו דער זאך, ווי קומט א לאַקס אין אונזער טייך? א לאַקס איז דאָך גאָר א ים־פיש, עס האָט זיך נאָך קיין־מאָל נישט געטראָפען, אז מיר דאָ, אין אונזערע מקומות, זאָלען פאנגען אין דער ווייסעל א לאַקס!

— אָבער מען רעדט דאָ צו דיר, קלאָרע דבורים. מיר פארלאנגען פון דיר א הבטחה, אז אויב עס וועט דיר ארייַנפאלען א לאַקס, זאָלסטו איהם ברענגען צו אונז. מיר דארפען האָבען פיש אויף יום־טוב...

— אָבער, הייליגער רבי...

דאָ האָט איהם שוין דער גבאי א צופּ געטהאָן ביי דער זייט, און א מורמעל געטאָהן צו איהם:

— שוטה, זיי מסכים, זאָג צו. וואָס קען עס דיר דען שאדען, אז דו וועסט צוזאָגען!

— יאָ, רבי, דער גבאי איז גערעכט. אויב עס וועט מיר ארייַנפאלען א לאַקס, וועל איך איהם אייך ברענגען, הגם...

אָבער דאָ האָט איהם שוין דער רבי איבערגעריסען און אָנגעוואונשען, אז ער זאָל מצליח זיין און ער זאָל שוין פון היינט אָן אויפגעריכט ווערען.

דער ראדאמסקער איז ארויס פון רבינ'ס חדר א צוקאָכטער. דעם גאנצען שבת האָט ער זיך געפונען אין דער מחיצה פון רבי'ן, און תיכף נאָך הבדלה האָט ער געלאָזט שפאנען די פוהר, כדי צו באווייזען אהיימצוקומען אויף יום טוב אין ראדאמסק.

זונטאָג אין דער פריה, ערב יום־טוב, ווען די בעל־הבית'טעס זיינען

ארוים אויפ׳ן מארק, כדי איינצוקויפען פיש אויף יום־טוב, האט זיך ארויס־געוויזען, אז עס איז ניטא קיין זכר פון קיין פיש. עס איז זונטאג, און די גוים איז עס גארנישט געגאנגען אין לעבען צו באזארגען מיט פיש די אידען. האבען זיך די ווייבער ארויסגעלאזט צום טייך אבצוווארטען, אויב עס וועט זיך באווייזען אן ערל מיט פיש.

אזוי שטעהענדיג, באווייזט זיך א פויער, וועלכער טראגט אויף זיך א ריזיגען לאקס, פון וועלכען דער קאפ גרייכט ביז צו דער ערד פון איין זייט, און דער עק שלעפט זיך נאך אויף דער ערד פון דער אנדערער זייט. און נאך איהם געהט נאך אונזער פישער, וועלכער האט פרייטאג פארנאכט באקומען א ברכה פון רבין.

די ווייבער האבען איהם ארומגערינגעלט פון אלע זייטען, אבער ער האט זיי אבגעשטויסען.

— לאזט דורך, איך פיהר דעם לאקס צום הייליגען צדיק, דאס איז זיין לאקס. ער האט איהם זיך צוגעגרייט פאר זיינע חסידים אויף שבועות. איהר האט שוין אין אייער לעבען געזעהן, אז אין דער ווייסעל זאל מען כאפען אזא לאקס? — אבער פיש אויף יום־טוב, וועלען מיר, געלויבט צו ג׳ אין הימעל האבען לרוב. מיינע מענשען וועלען זיי באלד ברענגען אין שטאדט אריין. אה, שוין לאנג אזא פיש־פאנג נישט געהאט!

אין יענעם שבועות איז אין קאזמיר געווען א גאר גרויסער עולם. דאס התלהבות און די קדושה איז געווען כמעט אזוי ווי ביים מעמד הר־סיני. דערצו האט מען ביים יום־טובדיגע סעודה געטיילט גרויסע שטיקער פיש פון דעם לאקס, וואס האט געהאט טעם גן־עדן, און דעם דאזיגען טעם האבען די קאזמירער חסידים געפיהלט אויף זייער גאנצען לעבען.

דער מאדזשיצער רבי און דער קאפעלמייסטער

אין חודש כסלו זיינען זיי ביידע נסתלק געווארען, דער פאטער און זוהן, די שעפער פון דער אזוי בארימטער מאדזשיצער נגינה, וואס האט באגייסטערט און דערהויבען די פאראומערטע און פארצוגטע אידישע מאסען אין פוילען, ארויסגעהויבען זיי פון דער טרויעריגער ווירקליכקייט אין וועלכער זיי האבען געלעבט ביז צו די טעג פון חורבן.

דער סבא, — דער אלטער מאדזשיצער רבי ר׳ ישראל טויב זצ״ל איז נפטר געווארען אין ווארשע י״ג כסלו פון יאהר תרפ״א און דארט געקומען

צו קבורה, און זיין גרויסער זוהן, רבי שאול זצ״ל, איז נפטר געוואָרען אין תל־אביב, ט״ו פון יאָהר תש״ח — אין דעם טאָג ווען די יו־ען אסעמבלי האָט מיט א מעהרהייט שטימען באשלאָסען צו גרינדען א אידישע מדינה אין א טייל פון ארץ ישראל — דער טאָג פון אתחלתא דגאולה — און געקומען צו קבורה אויפ׳ן הר־הזתים אין ירושלים.

גרויס איז דער כח פון מאדזשיצער נגינה און גרויס איז איהר השפעה. אלטע חסידים פלעגען זאָגען, אז ווער עס האָט געהערט זינגען דעם אלטען רבי׳ן, האָט געמוזט באקומען א הרהור תשובה, ווייל מיט זיין זינגען, מיט זיין זינגענדיגער יצירה האָט דער רבי אריינגעדרונגען אין די הערצער פון די צוהערער אזוי טיף, וואו מען האָט מיט קיין שום אַנדער מיטעל ניט געקענט צוקומען, און ביי וועמען עס האָט זיך נאָך פאַרוואַלגערט אַן ערליכע נקודה, האָט פשוט געמוזט אויפצאַפּלען, אויפברויזען, ווי ער וואָלט דערהערט דאָס בת־קול פון בארג חורב...

דערציילט מען צווישען מאדזשיצער חסידים פאָלגענדע געשיכטע, וואָס באווייזט ווי גרויס עס איז געווען דער כח פון מאדזשיצער רבי׳ן און זיין נגינה:

דער אלטער רבי, רבי ישראל, האָט ווי באוואוסט געוואוינט אין שכנות מיט דער רוסישער פעסטונג איוואַנגאָראָד. דאָרט, אינ׳ם קליינעם שטעטעל מאדזשיץ, האָט ער פאַרלעגט זיין הויף. דאָרט זיינען געקומען זיינע חסידים און אַנהענגער, כדי פאַרברענגען מיט זייער רבי׳ן אין א וועלט פון גייסט און דערהויבענקייט, פון תורה און נגינה.

דעם קולמינאַציע־פּונקט פון גייסטיגער התנשאות, וואָס האָט זיך ממש געגרעניצט מיט מיסטעריע, האָט מען דערגרייכט אין מאדזשיץ אין צייט פון „שלש סעודות״, — אין די שבת־פארנאכטען. אין גרויסען בית המדרש איז געווען שטאָק־פינסטער. חסידים זיינען געשטאַנען קעפּ אויף קעפּ און מיט פארמאכטע אויגען האָבען זיי זיך איינגעהערט און איינגעזאַפּט די הימלישע טענער, וועלכע זיינען געפלאָסען פון רבינ׳ס מויל, וועלכער האָט אליין געזונגען די אייגענע שאפונגען אויף „בני היכלא״, „ידיד נפש״ און „מזמור לדוד״.

און נישט בלויז דאָס בית מדרש איז געווען פול געפּאַקט, נאָר אויך אין דרויסען הינטער די פענסטער זיינען געשטאַנען הונדערטער מענשען, דארונטער אויך פיעל נישט־אידען, וואָס האָבען זיך איינגעהערט צו דעם דאָזיגען אריגינעלען קאָנצערט פון מאדזשיצער נגינה.

אין דער פעסטונג האָט געדינט א הויכער אָפיצער אלס קאַפּעלמייסטער, וועלכער האָט אָנגעפיהרט מיט׳ן גרויסען אָרקעסטער פון פּאָלק. געקומען איז דער קאַפּעלמייסטער פון טאָמסק, און געשטאַמט האָט ער פון אידען. אָבער

אפילו ער אליין האט שוין געהאט פארגעסן פון זיין אידישער אפשטאמונג. וואָרום אויך זיין אויסזעהן האט נישט עדות געזאגט אז ער קומט ארויס פון אידען.

איינמאל איז דער דאָזיגער קאפעלמייסטער (קאנדוקטאר) פארביגע־גאנגען אין א שבת־פארנאכט ביי שלש סעודות דעם רבינ׳ס בית המדרש און דערהערט א זאנדערבארע נגינה. די דאָזיגע נגינה האט איהם, דעם רוסישען אפיצער אזוי פארכאפט, אז ער האט זיך ארייגעכאפט אין בית המדרש, — פינסטער איז דאך סיי ווי געווען, און קיינער האט איהם ניט באמערקט — און איינגעזאפט אין זיך דעם רבינ׳ס נגינה, נישט־קענענדיג זיך אברייסען פון אָרט.

ווען מען האט געמאכט ליכטיג און מען האט דערזעהן דעם גאסט, איז געוואָרען א רעש אין בית מדרש; א קלייניגקייט, דער הויפט־קאפעלמיי־סטער פון פעסטונגס־ארקעסטער איז דא! דער קאפעלמייסטער האט געבעטען איינעם פון די ארומיגע אידען, ער זאל צוגעהן צום רבי׳ן בעטען איהם, אז דער רבי זאל איהם אויפנעהמען.

דער רבי האט מסכים געווען איהם אויפצונעהמען נאך הבדלה אין זיין פריוואטער וואוינונג.

אריינקומענדיג צום רבי׳ן, האט דער קאפעלמייסטער אויסגעבראכען אין א געוויין און געזאגט:

— הייליגער רבי, איך שטאם פון טיעף רוסלאנד. מיינע עלטערען זיינען געווען אידען, אבער מיין מוטער האט זיך געטויפט צוזאמען מיט אלע איהרע קינדער. אויך איך האב שוין לאנג פארגעסען פון מיין אידישען אפשטאם. אבער דעם רבינ׳ס ניגון האט אין מיר דערוועקט די אידישע נשמה. וואס מעהר איך האב זיך איינגעהערט אין רבינ׳ס ניגון, אלץ מעהר האט אין מיר דערוואכט דאס אידישע געפיהל. הייליגער רבי, איך פיהל, אז איך בין א איד, און איך וויל זיין א איד, און איך נויטיג זיך אין אייער הילף, אין אייער גייסטיגער השפעה.

דער רבי האט געטרייסט דעם קאפעלמייסטער און געפרעגט איהם, צי ער געדיינקט נאך עפעס א אידיש ווארט, א ווארט פון דאווענען.

— ניין, רבי, איך האב שוין אלץ פארגעסען. איך געדיינק נאר בלויז די צוויי ווערטער: „ברוך אתה" און מעהר נישט.

— גוט, גוט, האט דער רבי זיך דערפרעהט מיט די דאָזיגע צוויי ווערטער ווי מיט א טייערען אוצר — געה אהיים און יעדען פריהמארגען, ווען דו וועסט זיך נאר אויפכאפען פון שלאף זאלסטו זאגען עטליכע מאל „ברוך אתה". און אין א וואך ארום זאלסטו ווידער קומען צו מיר.

דער קאפעלמייסטער איז אוועק א געטרייסטער, ווי א נייע נשמה וואָלט אין איהם אריין. אָבער ער האָט זיך ניט געקענט דערוואַרטען אויפ'ן סוף פון דער וואָך. אין צוויי טעג ארום איז ער ווידער געקומען צום רבי'ן, און דאָס מאָל, צוזאַמען מיט דער פרוי.

— הייליגער רבי, איך האָב געטאָן ווי דער רבי האָט מיר געהייסען. אויך מיין פרוי זאָגט א גאַנצען טאָג: „ברוך אתה", אָבער מיר פיהלען אז דאָס איז ניט געגוג, מיר נויטיגען זיך אין מעהר גייסטיגע שפּייז...

דער רבי האָט זיי ביידען פריינדליך אויפגענומען. קודם כל האָט ער זיי באַפוילען וואָס וויינציגער מחלל שבת זיין, מען זאָל אין הויז ניט קאָכען אום שבת, און בכלל זאָל ער זיך באַמיהען, אויסער דער דיענסט־פליכט, אָבצוהיטען שבת.

דער קאפעלמייסטער האָט פאַרשפּראָכען אַלץ אָבצוהיטען. ביסלעכ־ווייז האָבען זיי זיך אָנגעהויבען פיהרען ווי אידען. קויפען כשר־פלייש, דאָס ווייב האָט געצונדען ליכט, ווי יעדע אידישע טאָכטער.

דער קאפעלמייסטער איז געוואָרען אָן אָפטער גאַסט ביים רבי'ן, אי־בערגענומען זיינע ניגונים און אויסגענוצט זיי פאַר'ן אָרקעסטער. ווען עס זיינען געקומען אין פעסטונג אריין געהויבענע געסט פון וואַרשא, פון פעטערבורג, האָט ער געשפּילט מיט זיין אָרקעסטער מאַדזשיצער מאַרשען און מאָטיווען, וואָס האָבען איבערגעלאָזט א טיפען רושם און אַלע גרויסע שררות האָבען איהם דערפאַר געלויבט.

ווען עס איז געקומען דער יום טוב פּסח, האָט דער קאפעלמייסטער באַשלאָסען צו היטען פּסח ווי אַלע גוטע און פרומע אידען. אַלץ וואָס דער רבי האָט איהם געזאָגט, איז געווען ביי איהם הייליג. און נישט קוקענדיג דאַרויף וואָס ער האָט געלעבט אין פעסטונג, אין איין הויז מיט אַנדערע אָפיצערען, האָט ער אָפּגעהיט דעם פּסח, מיט מצה און מיט כשרות און דעם דינער זיינעם דעם דענשטשיק, האָט ער נישט געלאָזט עסען קיין חמץ ביי זיך אין הויז.

איינמאָל, ווען דער דענשטשיק (דינער) איז געשטאַנען אין דרויסען און געגעסען, איז פאַרביי געגאַנגען אַן אָפיצער און געפרעגט איהם, פאַרוואָס ער עסט אין דרויסען.

— מיין בעל הבית האָט מיך אַרויסגעוואָרפען, ווייל איך עס ברויט.

דער קאפעלמייסטער עסט נאָר מצה, ווי אַלע אידען.

— אזוי גאָר, דער קאפעלמייסטער איז א יעוורעי, און ער האָט אַרויס־געוואָרפען פון זיין שטוב א פּראַוואָסלאַוונעם, — אה, דאָס וועט איהם ניט פאַרשוויגען ווערען!...

דער אָפּיצער האָט עס גלייך געמאָלדען דעם קאָמענדאַנט פון פעסטונג און אין עטליכע טעג ארום האָט דער קאַפּעלמייסטער באַקומען פון דעם קאָמענדאַנט א מיטטיילונג, אז אין משך פון צוויי וואָכען זאָל ער פאַרלאָזען זיין אמט, און ער זאָל זיך זוכען א צווייטען דזשאָב.

באַקומענדיג דעם בריוו איז דער קאַפּעלמייסטער אוועק צום רבי׳ן און דערצעהלט איהם וועגען זיין מצב. דערביי האָט דער קאַפּעלמייסטער דער־צעהלט, אז ער גיט דעם פּאָלקאָווניק א לעקציע אין פידעל־שפּילען, ווייסט ער נישט וואָס צו טאָן, זאָל ער געהן צו איהם געבען די לעקציע אָדער ניט.

דער רבי האָט געהייסען איהם געהן צו דער לעקציע און ביי דער געלעגענהייט איהם דערציילען, אז מען האָט איהם ענטזאָגט.

קומענדיג אין הויז פון פּאָלקאָווניק, איז דער לעצטער ארויס מיט א ווילד געשריי: ווי האָסטו געוואַגט צו קומען אהער? דו ווייסט דען נישט דעם טומעל, וואָס דו האָסט ארויסגערופען אין פעסטונג מיט דיין אידישקייט, מיט דיין ארויסטרייבען דעם דענשטשיק פון דיין הויז, נישט ערלויבענדיג אפילו איהם צו עסען אין קיך צוזאַמען מיט דער דיענסט!

— וואַשע בלאַגאָראַדיע, זאָל מיר ערלויבט זיין צו זאָגען א פּאָר ווערטער אין מיין פאַרטיידיגונג. און ווען דער פּאָלקאָווניק האָט איהם דערלויבט, האָט ער דערצעהלט זיין לעבענס־געשיכטע, ווי ער איז געבוירען געוואָרען א איד, און ער האָט פאַרגעסען פון אידישקייט, ווי אזוי עס האָט זיך אין איהם דערוועקט דאָס פּינטעלע איד, פאַרבייגעהענדיג דעם רבינ׳ס בית מדרש, און הערענדיג זיין נגינה.

— אזוי שטאַרק האָט אויף דיר געווירקט דעם רבינ׳ס זינגען — האָט דער פּאָלקאָווניק געפרעגט — איך וואָלט וועלען הערען עפּעס וואָס פון די שאַפונגען פון דעם וואונדערבארען מאַן.

דער קאַפּעלמייסטער האָט גענומען דאָס פידעל און אָנגעהויבען אויס־פיהרען דעם מאָדזשיצער׳ס ניגונים. דער קאַפּעלמייסטער האָט זיי געשפּילט מיט אַלע ניואַנסען, קנייטשען און השתפכות הנפש. דער פּאָלקאָווניק האָט זי צוגעהערט מיט א געוואַלדיגען ערנסט און מיט האַלב־פאַרמאַכטע אויגען. ווען ער איז פאַרטיג געוואָרען, איז דער פּאָלקאָווניק צוגעגאַנגען צו זיין דעסק ארויסגענומען פון שיפלאַד א פּאַפּיר, און געזאָגט:

— זעה, דאָס זיינען דיינע פּאַפּירען, וואָס דער קאָמענדאַנט האָט מיר צוגעשיקט אונטערצושרייבען. איך צוריים דעם פּראָטאָקאָל פאַר דיינע אויגען. דעם רבינ׳ס נגינה איז באמת הימליש און איז אימשטאַנד צו באַגייסטערען און משפּיע זיין נישט נאָר אויף א אידען פון געבורט, נאָר אויך אויף א קריסט. איך ערקלעהר דיר אז דו בלייבסט אויף דיין אמט, אָבער בתנאי, אז

דו זאָלסט מיר ערמעגליכען צו הערען די נגינה פון רבינ'ס מויל. נאטירליך טאָר קיינער דערפון ניט וויסען ווער איך בין...

זייט דאמאָלסט פלעגט מען זעהן אין די שבת'דיגע פארנאכטען ביי די פענסטער פון רבינ'ס בית המדרש דעם קאפעלמייסטער מיט דעם פאָל־קאָווניק, פארקליידעט אלס ציווילע, וועלכע האָבען זיך איינגעהערט צום „בני היכלא", צום „ידיד נפש"...

דער קאפעלמייסטער האָט נאָך דער דאָזיגער געשיכטע מעהר נישט באהאלטען זיין אידישקייט. ווען עס איז געבוירען געוואָרען ביי איהם א זוהן, האָט ער געבראכט דעם רבי'ן מיט א מנין אידען אין פעסטונג אריין וואו מען האָט געפראוועט דעם ברית, און דער מאדזשיצער רבי איז געוועזן סנדק...

דער פאָלקאָווניק איז געוואָרען א הייסער אָנהענגער פון רבי'ן און זיין נגינה, און ווען דער רבי האָט זיך געקליבען צו פראווען א חתונה פון זיינם אן אייניקעל, און דער קאפעלמייסטער האָט ביים פאָלקאָווניק געבעטען די ערלויבעניש צו באנוצען דעם פעסטונגס־ארקעסטער ביי דער שמחה, האָט דער פאָלקאָווניק נישט בלויז ערלויבט, נאָר ער איז אויך געקומען צו דער חתונה, און בכדי צו היטען די ארדנונג צווישען די טויזענטער געסט און סתם צושויער, האָט ער געשיקט א גרופע קאָזאקען, אמת'ע קאָזאקען, פון פעסטונג צו היטען די ארדנונג.

אזוי גרוים איז געוועזן די השפעה פון מאדזשיצער נגינה, וועלכער איז טראָץ אלע אומוואנדלונגען און די לעצטע חורבן־יאָהרען נישט אנטשוואונדען געוואָרען, און ווערט ווייטער פאָרטגעזעצט דורך די מאדזשיצער קינדער און נאָכפאָלגער.

דער גרויסער בעל־מנגן פון מאדזשיץ

דער מאדזשיצער רבי ר' שאול ידידיה אלעזר טאוב זצ"ל, וועלכער איז נפטר געוואָרען אין תל־אביב, איז געוועזן איינער פון די דריי גרויסע פוילישע רביים, וועלכע זיינען דורך א נס ניצל געוואָרען פון דער היטלער־שחיטה. דאָס זיינען: דער גערער רבי זצ"ל, דער מאדזשיצער זצ"ל און יבדל לחיים, דער אמשינאָווער רבי, ר' שמעון קאליש שליט"א.

די פטירה פון מאדזשיצער רבין איז אויסגעפאלען אין היסטאָרישען טאָג פון 29טען נאָוועמבער 1947, ווען די יו־ען האָט מיט א מערהייט

שטימען געשאפען די מדינת ישראל. דער מאדזשיצער רבי וועלכער איז געווען א אויסערגעוועהנליכער חובב ציון, באזוכענדיג דאס לאנד פינף מאל, און איינער פון די רעליגיעזע אויטאריטעטען, וואס האט דרייסט און מוטיג געפאדערט די שאפונג פון מדינת ישראל, האט אבער נישט זוכה געווען אנטייל צו נעהמען אין דער שמחה, וואס האט ארומגענומען דעם כלל ישראל און ארץ ישראל בפרט אין יענעם גרויסען טאג. ער האט אבער געהאט די זכיה געבראכט צו ווערען צו קבורה אויפ'ן הר הזתים, אלס איינער פון די לעצטע.

ביי די פרומע אידען אין ארץ ישראל איז די שמחה פון 29טען נאָוועמבער א היבש ביסעל געשטערט געווארען צוליב דער פטירה פון דאזיגען צדיק, וועלכער איז אין לאנד געווען אומגעהויער פאפולער און ערווארבען טויזענטער אנהענגער. דער „מפני הרעה נאסף הצדיק" איז ליידער מקויים געווארען. געגנוג אידיש בלוט איז פארגאסען געווארען אין הייליגען לאנד זייט יענעם טאג ביז צו דער ענטשטעהונג פון מדינת ישראל.

דער מאדזשיצער רבי האט זעהר פיעל דורכגעמאכט אין זיין שטורמישען לעבען, און נישט איינמאל האט ער געטרונקען פון טרויער־בעכער. ער איז אבער געווען א מענש מיט א שטארקען גייסט, פול מיט מוט און גייסטיגער גבורה, שטארקע אמונה און בטחון, טיעף פארווארצעלט אין קוזמירער חסידות. ער האט געגלויבט אין דעם ווארט פון זיין גרויסען זיידען, רבי יחזקאל'ע פון קאזמיר זצ"ל, אז אפילו ווען עס ווערט אויף א מענשען נגזר א ביטערע גזירה, ווערט די דאזיגע גזירה איינגעוויקעלט אין א לבוש פון רחמים, וואס גיט דעם מענשען כח צו איבערהאלטען די גזירה. „ברוך גוזר ומקיים" — געגלויבט איז דער וואס איז גוזר די גזירה און גיט כח אויסצוהאלטען די גזירה... דאס האט משפיע געווען אויף איהם צו דערהאלטען זיך מוטיג און גייסטיג פריש, און פון יעדער צרה וואס ער האט איבערגעלעבט איז אנטשטאנען א נייער ניגון...

געבוירען, הושענה רבה פון יאהר תרמ"ז צו זיין פאטער רבי ישראל, דער ערשטער מאדזשיצער רבי, דער זוהן פון אלטען זוואלינער רבי'ן ר' שמואל אליהו און אייניקעל פון בארימטען רבי יחזקאל פון קאזמיר, — איינער פון די גרעסטע מנהיגי החסידות אין פוילען.

זיין פאטער רבי ישראל איז געווען א בארימטע חסידי'שע פערזענליכקייט, וועלכער האט זיך ערווארבען טויזענטער אנהענגער. זיינע ספרים „דברי ישראל" אויף תורה, „כללי אורייתא" און אנדערע, זיינען געווען זעהר פאפולער, אבער באריהמט געמאכט האט ער זיך הויפטזעכליך מיט זיין נגינה, שאפענדיג די באריהמטע מאדזשיצער נגינה, וואס האט זיך אויס־

געצייכענט מיט אָריגינאַליטעט, געפּאַסט אין אָריענטאַלישען סטיל. יעדער מאָדזשיצער ניגון איז א תפילה, וואָס ברענגט ארויס פון דעם מענשען דאָס וואָס מען איז מיט ווערטער נישט בכח ארויסצוברענגען. דער אַלטער מאָדזשי־צער וועלכער איז קיינמאָל נישט ארויס פון דעם שטעדטעל, האָט קיינמאָל נישט געהערט קיין מאָדערנע מוזיק און די באַריהמטע מוזיקער און זייערע אונשטערבליכע שאַפונגען זיינען פאַר איהם געווען פרעמד, — האָט באוואונ־דערט אַלעמען מיט דער קונסט, וואָס זיינע שאַפונגען האָבען אין זיך דער־האַלטען. אין דער הינזיכט איז ער ווירקליך געווען א פענאָמען.

צו זיינע באַריהמטע שאַפונגען געהערען דער „אזכרה", וועלכער האָט געהאַט פאַרשידענע גלגולים און וואַריאַציעס, ביז ער האָט ענדליך באַקומען זיין ענטגילטיגע פאָרם אין בערלין, בשעת דער רבי איז אָפּערירט געוואָרען אויף א פּוס פון באַריהמטען פּראָפעסאָר איזראַעלס, און „דער הימלאָזער ניגון" (מזמור לדוד), וואָס ער האָט פאַרפאַסט בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה. דער „אזכרה" איז זעהר א קאָמפּליצירטע קאָמפּאָזיציע, און זעהר ווייניג זיינען איהר אומשטאַנד ריכטיג איבערצוזינגען. דער מאָדזשיצער רבי רבי שאול, זיין גרויסער זוהן, — א קורצע צייט פאַר זיין אָבפאָהרען פון נוי־יאָרק קיין ארץ ישראל וואו ער איז נסתלק געוואָרען, האָט געלאָזט אויפ־שרייבען די דאָזיגע קאָמפּאָזיציע, ווי ער וואָלט פאַרגעפיהלט, אז זיינע טעג זיינען געצעהלטע און ער איז דאָך געווען דער איינציגער, וועלכער איז אומשטאַנד געווען ריכטיג אויסצוזינגען דעם „אזכרה"...

דער אַלטער מאָדזשיצער איז נפטר געוואָרען אין וואַרשא אין יאָהר תרפ"א באשטימענדיג זיין זוהן ר' שאול, וועלכער האָט שוין געהאַט פאַרנו־מען פאַרשידענע רבנות־אַמטען אין פּוילען און דערצו איז ער געווען זיין ווירדיגער נאָכפאָלגער אויפ'ן געביט פון נגינה, אלס ממלא מקומו.

גאַנץ יונג איז ער געוועהלט געוואָרען אלס רב אין ראַקוב ביי קיעלץ. אלס מענש מיט גרויס ענערגיע האָט ער באוויזען זעהר פיעל אויפצוטהון פאַר דער קהלה. פון דאָרט איז ער אוועק אלס רב קיין קאַרטשעוו ביי אָטוואָצק, און אויף דער בקשה פון זיינע חסידים האָט ער זיך באַזעצט אין באַריהמטען אָברוה־אָרט אָטוואָצק, ביי וואַרשע, וואו ער האָט פאַרלעגט זיין הויף.

דער מאָדזשיצער רבי האָט עוסק געווען בתורה, סיי אין נגלה און סיי אין נסתר, ממש יומם ולילה. זיינע דברי תורה האָבען זיך אויסגעצייכענט מיט גאונות, מיט חריפות און בקיאות, רמזים און גמטריאות. זיינע כתבים זיינען אָבער פאַרניכטעט געוואָרען אין פּוילען און דערויף האָט ער שטאַרק געטרויערט. צווישען זיינע פאַרלוירענע כתבים האָט זיך אויך געפונען א אויספיהרליכע מאָנאָגראַפיע פון זיין זיידען, דעם אַלטען קוזמירער צדיק,

אויף וואס ער האט געארבייט א לעבן לאנג. בכלל איז ער געווען א בעל לשון, און זיינע כתבים האבן זיך אויסגעצייכנט מיט סטיל און פארם. בלויז א קליינער טייל פון זיינע כתבים זיינען ערשינען, ווי א הוספה צום „דברי ישראל" פון זיין פאטער. א פירוש אויף הגדה של פסח „אשי ישראל" און זיבען העפטען פון זיינע דברי תורה, און די תורה־שמועסען פון זיינע אבות, מיט א גרויסען חלק נאטען פון מאדזשיצער נגינה, וואס זיינען ערשינען אין ניו־יארק דורך זיינע אנהענגער אונטער'ן נאמען „תפארת ישראל" בשעת דער רבי האט זיך דא באזעצט.

עס פארשטעהט זיך, אז דעם אייגענטליכען פרסום האט דער מאדזשי־צער רבי געהאט צו פארדאנקען זיין כח הנגינה. ער האט פארמאגט א זעלטע־נעם מוזיקאלישען טאלאנט, ער איז געווען א בעל רגש און בעל מחשבה אין נגינה, ער האט געקענט יעדע געשעהעניש אין כלל־לעבען ווי אין זיין פריוואטען לעבען, געבען א מוזיקאלישע אינטערפרעטאציע. טויזענטער ניגונים, דערונטער אפעראס, מארשען, וואלצען, ריקודים, פסוקים און תפילות איינגעפאסט אין ניגונים, האט ער פארפאסט, וועלכע זיינען גיך פארשפרייט און געזונגען געווארען פון אלע שיכטען, אויף דער גאנצער אידישער וועלט.

זעהר פאפולער איז געווען אין פוילען זיין הויף אין אטוואצק. טויזענ־טער און טויזענטער פלעגען קומען אין די ימים נוראים און ימים טובים כדי צו הערען זיינע תפילות און נגינה. עקסטרא צוגען (טרעינס) זיינען געשטעלט געווארען צו פארפיגונג מצד דער באהן־מאכט פאר די אנהענגער פון מאדזשיצער.

דארט, אין אטוואצק, האט ער אויך געגרינדעט א ישיבה, וואו עס האבען געלערענט פופציג תלמידים בני תורה, אונטער דער לייטונג פון באריהמטע תלמידי חכמים. די תלמידים האבען אויך ארויסגעגעבען יעדען חודש א העפט מיט זייערע חידושי תורה.

ווי געזאגט האט זיך דער מאדזשיצער רבי אויסגעצייכנט מיט זיין צוגעבינדקייט צו ארץ ישראל, ווי נור די ערשטע וועלט־מלחמה האט זיך געענדיגט, האט ער עולה געווען קיין ארץ ישראל. ער איז אחוץ פון די גדולי הרבנים ווארים אויפגענומען געווארען דורך דעם דאמאלסטיגען הויך־קאמיסאר סער הערבערט סעמיועל, און אין זיין געגענווארט האט ער געדא־וועגט אין דער שוהל חורבת רבי יהודא החסיד. דער הויך־קאמיסאר האט דערנאך איינגעלאדען איהם אין זיין פאלאץ און עס האט זיך פארבונדען צווישען זיי א לעבענסלענגליכע פריינדשאפט.

נאכ'ן ערשטען וויזיט אין ארץ ישראל איז זיין צוגעבונדקייט צום

לאנד געוואָרען נאָך שטארקער. די ניגונים וואָס ער האָט פארפאסט אין ארץ ישראל זיינען ביי איהם געווען חביב. ער פלעגט פון צייט צו צייט באזוכען דאָס לאנד און יעדעס מאָל איז זיין ערשיינען פארוואנדעלט געוואָרען אין א גרויס געשעהניש אין ישוב.

ווען די מלחמה איז אויסגעבראָכען, איז ער געווען דער ערשטער וואָס האָט מעורר געווען צו אנטלויפען. ער האָט וועגען דעם ארומגעשיקט צו אלע רביים, וואָס האָבען זיך געפונען אין אָטוואָצק, אָבער בלויז איינער האָט אויפגענומען זיין רוף און אזוי ארום זיך געראטעוועט, דאָס איז דער אמשינאָווער רבי שליט"א.

זעהר פיעל האָט ער דורכגעמאכט אויפ'ן לאנגען גלות-וועג. ער האָט נישט אויפגעהערט צו דערצעהלען די חסידים וואָס השי"ת האָט מיט איהם געטהון ביז ער איז געקומען קיין ווילנא, און דאָרט, אין מתנגדישען ליטא, האָט ער צייטווייליג פארלעגט זיין הויף, וואס איז געוואָרען א צוציהונגס-קראפט נישט נאָר פאר די חסידישע פליטים פון פוילען נאָר אויך פאר די ליטווישע מתנגדים, וועלכע האָבען שוין אָנגעהויבען אונטערברומען א מאָדזשיצער ניגון. דער מאָדזשיצער איז איינגעלאדען געוואָרען אין א רייה ליטווישע שטעדט ווי קאָוונע, שאוועל, פאנעוועזש און אומעטום איז זיין ערשיינען פערוואנדעלט געוואָרען אין א געשעהניש פון דער ערשטער מדרגה.

דער מאָדזשיצער רבי איז געווען דער ערשטער וואָס איז ארויס פון סאָוויעט רוסלאנד איבער יאפאן קיין אמעריקא, באהנענדיג דערמיט א וועג פאר טויזענטער. נישט בלויז, וואָס עס איז איהם געלונגען צו באוועגען דער סאָוויעטישער מאכט צו געבען איהם א ארויספאָהר-ערלויבעניש, נאָר דער-מיט איז אראָבגענומען געוואָרען דער שלאָס פון די גרעניצען. ער איז געווען דער שליח מצוה, וועמען עס איז געלונגען דורכצוברעכען די כינעזישע מויער, וואָס האָט שוין געהאט א פרעצעדענץ אויף שפעטער. ער איז געווען דער ערשטער אייראָפּעאישער איד, וואָס איז אָנגעקומען קיין קאָבע אין יאפאן, וואו ער האָט געפונען א קהלה פון 12 אידישע משפחות, און ער האָט זיי צוגעגרייט פאר'ן שטראָם פון די פליטים, וואָס דארפען אָנקומען אין זייער מדינה, און מען דארף זיי עמפאנגען מיט הילף.

אין יאָהר 1940 איז דער מאָדזשיצער אָנגעקומען קיין נוי יאָרק. באזעצט זיך אין ברוקלין, וויליאמסבורג, שאפענדיג א צענטער פאר תורה, חסידות און חסידישע נגינה. ער פלעגט פון צייט צו צייט באזוכען די אידישע צענטערס אין די פאראייניגטע שטאטען און קאנאדא. אומעטום איז זיין ערשיינען פארוואנדלט געוואָרען אין א געשעהניש, און עס איז איהם געלונגען אויפצואוועקען די דרימעלדיגע גייסטיגע כחות, אויפפרישען

די געמיטער, און מעורר זיין צו מעשים, פאר תורה פאר אידישקייט און פאר הצלה. די צאָהל פון זיינע פריינד זיינען געוואָקסען ארומנעהמענדיג אלע שיכטען און קרייזען.

אָבער די בענקשאפט צו ארץ ישראל, וואָס איז געווען א חלק פון זיין נשמה, האָט איהם נישט געלאָזט צו רוה. דער באשלוס וואָס ער האָט געפאסט נאָך פאר דער מלחמה, עולה צו זיין און באזעצען זיך אין הייליגען לאנד, צו בויען דאָרט א נייעם צענטער פאר תורה און חסידות האָט איהם כסדר געוועקט און געמאָהנט, ביז ער האָט פארלאָזט זיין הויז און זיין פאמיליע און אין חודש תמוז פון יאָהר, תש"ז, איז ער אָנגעקומען קיין ארץ ישראל.

זיינע פריינד און אָנהעננער האָבען איהם ענטוזיאזטיש מקבל פנים געווען. אויפ'ן פליה-פאָרט אין לוד, זיינען געווען פארזאמעלט הונדערטער מענשען, דארונטער חשוב'ע רבנים און חסידים, וועלכע האָבען איהם עמפאנגען מיט א מאדזשיצער מארש און א רקידה. עטליכע וואָכען האָט ער פארבראכט אין תל אביב, וואו ער האָט געוואוינט ביי זיין זוהן דער איצטי־גער רבי, און געפראוועט טיש אין די גרויסע זאלען פון „היכל התלמוד", ביי דער באטייליגונג פון הונדערטער און טויזענטער. ווען ער פלעגט געהן פון זיין וואוינונג ביז צו היכל התלמוד האָבען איהם איבער די גאסען פון תל־אביב באגלייט הונדערטער פון זיינע אָנהעננער מיט געזאַנג און מיט פרייד. ער אליין, דער רבי, איז געווען אין א זעהר געהויבענע שטימונג, פארפאסט נייע ניגונים און געזאָגט פיעל דברי תורה, זייענדיג מרמז, אז דער טאָג ווען ארץ ישראל וועט זיין אין אונזערע הענט איז נאָהענט.

זיינע לעצטע שאפונגען זיינען: דער ניגון וואָס ער האָט פארפאסט אויף „שמחה לארצך" און די הארציגע קאָמפאָזיציע אויף דער תפלה „לא למעננו אלא למענך פעל ואל תשחית את זכר שאריתנו" וואָס פארמאָגט אזוי פיעל השתפכות-הנפש און מאָהנונג ביים רבונו של עולם, עס זאָל שוין א סוף נעהמען צו אידישע צרות.

ער האָט פארבראכט עטליכע וואָכען אין ירושלים, וואו עס האָט זיך איבערגע'חזר'ט דער זעלבער ענטוזיאסטישער עמפאנג ווי אין תל אביב, דאן חיפה און פתח תקוה. חסידים האָבען שוין זאָגאר געקויפט א פלאץ אויפצובויען א מאדזשיצער הויף אין רמת-גן ביי תל אביב. אָבער די קראנקהייט וואָס האָט שוין לאנג גענעסטעט אין איהם, האָט פלוצלונג אָנגענומען שווערע פאָרמען. ער איז שוואכער געוואָרען פון טאָג צו טאָג, אָבער קיינער נישט, אפילו די דאָקטוירים, האָבען נישט געגלויבט, אז זיינע טעג זיינען געציילטע. מען האָט זיך צוגעגרייט צו די ימים נוראים, וואו

ער האָט געזאָלט דאַוונען אין איינעם פון די גרעסטע זאַלען, אָבער ליידער איז ער שוין נישט אומשטאַנד געווען צו דאַוונען אלס בעל־תפלה...

סכות האָט ער זיך געפיהלט עטוואָס בעסער און דעם לעצטען „טיש", וואָס ער האָט געפראַוועט מיט'ן עולם איז פאָרגעקומען דעם ערשטען טאָג סוכות, וואָס האָט זיך פאַרצויגען ביז נאַכט, צוזאַמען מיט שמחת בית השואבה. דער טיש האָט געדויערט העכער אכט שעה. דער רבי האָט געזאָגט פיעל דברי תורה און געזונגען מיט גרויס באַגייסטערונג, ווי ער וואָלט פאָרגעפיהלט, אַז דאָס איז שוין צום לעצטען מאָל...

נאָך די ימים טובים האָט זיך די קראַנקהייט פאַרשאַרפט, ער האָט פאַרלוירען דאָס לשון, אָבער דער דעת איז געווען קלאָר ביז'ן לעצטען מאָמענט, ברומענדיג אין זיך טענער פאַר נגינה, וואָס ער האָט שוין מעהר נישט געקענט אַרויסברענגען, ביז עס איז געקומען די פטירה אין טאָג פון אַלגעמיינער שמחה פאַר'ן כלל ישראל.

דער לעצטער זוואָלינער רבי, הי"ד

א פלאַם־פייער איז ער געווען, דער לעצטער זוואָלינער רבי, ר' ירחמיאל טאהב הי"ד, וועלכער האָט פאַרענדיגט זיין לעבען אין וואַרשאַווער געטאָ פון א נאַצישער קויל און געטיילט דעם גורל פון זיינע ברידער, פאַר וועלכע ער האָט זיך אין זיין גאַנצען לעבען מוסר נפש געווען.

און ער האָט פאָרגעפיהלט זיין טראַגישען סוף. און נישט נאָר, וואָס ער האָט עס אין זיך געפיהלט, נאָר ער האָט דערפון נישט געמאַכט קיין סוד. ער האָט דערפון אָפען גערעדט, געגעבען אָנצוהערען, אַז עפּעס שרעקלי־כעס, מורא'דיגס קומט אָן אויף איהם, אויף זיין עדה, אויפ'ן כלל ישראל און געאַרבייט מעשים אָבצושרייען די פינסטערע גזרה...

פון זיין פריהסטער יוגענד האָט ער גע'שמ'ט אלס גרויסער עובד השם. ער איז געווען איבערגעלאַדען מיט רוחניות, מיט יראת שמים, מיט קדושה. קיין איין רגע אין זיין לעבען איז ער ניט געגאַנגען לעדיג. תמיד האָט ער עוסק געווען אין תורה, אין חסידות, אין קבלה. געשוועבט אין די עולמות עליונים, און זעהר ווענינ נהנה געווען פון עולם הזה, ווייל זיין לעבען איז געווען איין קייט פון יסורים, פון דאגות, פון פחד פאַר דעם אומבאַשטימטען....

פונקט ווי זיין גרויסער פאָטער, רבי משה זצ"ל און זיין זיידע —

דער אלטער זוואלינער צדיק, — דער עלטסטער זוהן פון סבא קדישא פון קאזמיר, — איז ער געווען א הצנע לכת. אנטלאָפן פון פרסום, פון כבוד, פון התנשאות, וואָס איז, לויט זייער שיטה, דער גרעסטער שטער פאר עבדות הבורא.

שטיל, באשיידען, אין קרייז פון א קליינער צאָהל אָנהענגער, דערפאר אָבער געקליבענע אידען, בעלי־מוחין, מדרגה־אידען, האָט ער געפיהרט זיין גוט־אידישען שטאאט. געווען צו אלעמען ווי א געטרייער פאָטער; געוואוסט יעדען איינעמ'ס הצטרכות, זאָרגען, שטרעבונגען. אויפריכטיג זיך געפרעהט, ווען אימיצער פון זיינע חסידים האָט געמאכט א שמחה און שווער געליטען ווען אימיצער איז געווען א שרוי־בצער.

מיט פרעמדע האָט ער נישט געהאט קיין גרויסע מחזקות, הגם ער האָט נישט מדחה געווען קיין שום אידען. אָבער געפיהלט היימיש האָט ער נאָר צווישען היימישע. אפילו תורה האָט ער געזאָגט נאָר אין דעם ענגען קרייז פון זיינע חסידים, וועלכע האָבען איהם אזוי גוט פארשטאנען, און פאר וועלכע ער האָט געפיהלט, דאָס פון הימעל גיט מען איהם אורות צו אנטפלעקען. אין דער אָנוועזענהייט פון אנדערע, פון פרעמדע, זענען די תורות זיינע אויך געווען פון אן אנדער מין. עס האָט זיך אין זיי נישט געפיהלט זיין נשמה, זיין פלאמיגקייט, זיין גרויסקייט, און אָפט האָט ער אינגאנצען געשוויגען — בבחינת ליבא לפומא לא גליא...

אָבער דאָס וואָס ער האָט נישט ארויסגעבראכט מיט זיין תורה — האָט ער ארויסגעבראכט מיט זיין נגינה. פארמאָגט האָט ער א לירישען טענאר, וואָס האָט געקלונגען ווי לויטער גאָלד, און די דאָזיגע מתנה פון גאָט האָט ער געוואוסט אויסצונוצען ווי געהעריג. די ניגונים, וועלכע ער האָט פארפאסט, און דוקא בשפע, איז זייער שווער געווען נאָכצוזינגען, און אויב עס האָט זיי שוין עמיצער נאָכגעזונגען, האָט עס ווייט נישט געהאט דעם זעלבען קלאנג. ווארום די נגינה זיינע איז געווען איין שטיק געוויין אויף גלות השכינה, אויף צרות ישראל; איין שטיק תפילה אויף ישועות פאר'ן כלל, אז עס האָט געקענט ריהרען א שטיין.

יעדען שבת פארנאכט, ביי שלוש סעודות, איז זיין בית המדרש געווען פול געפאקט מיט מענשען. א געדיכטע פינסטערניש האָט געהערשט דאָרט, און דער עולם איז געשטאנען קאָפּ אויף קאָפּ אין ערווארטונג אויף די זמירות פון רבין. אריינגעקומען צום טיש איז ער ווען דרויסען איז שוין לאנג געווען אויס שבת, און דאָס וואָכעדיגקייט האָט באהערשט די אידישע גאס. ער אָבער האָט דעם שבת אזוי גיך נישט געוואָלט ארויסלאָזען. ער האָט זיך געקלאמערט אין דעם הייליגען שבת, ווען ער האָט זיך געפיהלט

אזוי דערהויבען, אזוי גליקליך און געלייטזעליגט, ווי ער וואָלט נהנה געווען מזיו השכינה.

שטיל איז געווען אין דעם פולען בית מדרש, בעת ער האָט אנגעהויבען זיין עבודה מיט זינגען „בני היכלא" מיט א ניגון פון הוילע רוחניות פול מיט געגועים און בענקעניש צו דעם נישט דערגרייכבארען. א ניגון פול־סודות, מיט אלץ־שטייגענדיגען עקסטאז און התרוממות.

פון א גאנץ אנדערען סאָרט איז געווען דער ניגון, וואָס ער האָט געזונגען אויף „ידיד נפש". דער דאָזיגער ניגון האָט זיך געצויגען ווי א הארציגע תפלה, אין דער פארם ווי א קינד בעט איבער זיין פאָטער, פאר וועלכען ער האָט זיך פארזינדיגט. לאנג איז געווען דער ניגון און זיס־נשמה'דיג, מיטרייסענדיג אלע צוהערער, וועלכע האָבען זיך אין דער געדיכטער פינסטערניש געוויגט ווי זאנגען אויף א פעלד ווען א מחיה'דיג ווינטעל בלאָזט אויף זיי. און געענדיגט האָט ער מיט זינגען „מזמור לדוד" מיט א פרעהליכען מארש, וואָס האָט אויסגעדריקט פולען בטחון אין די געטליכע חסדים, מיט וועמענס הילף, אידען וועלען סוף כל סוף בייקומען אלע שונאים און צרות, און צוריקקעהרען אין אייגענעם לאנד, אין גאָט'ס הויז...

ערשט זיין עבודה אין די ימים נוראים, וואָס האָט זיך אָנגעהויבען גלייך ווי ער האָט געבענשט ראש חודש אלול, — ווען מען האָט אָנגעהויבען פיהלען די אטמאספערע פון די פאָרכטיגע טעג — איז ער נהפך געוואָרען לאיש אחר. גענומען זיך דערוויטערען פון דעם לעצטען ביסעל גשמיות, און גרייטען זיך צו דער הייליגער עבודה, א שטייגער ווי דער כהן גדול אין בית המקדש. יאָהר יעהרליך זענען דורך איהם פארפאסט געוואָרען נייע ניגונים צו די תפילות און פון יאָהר צו יאָהר זענען די דאָזיגע ניגונים געוואָרען אלץ מעהר געלייטערט און דערהויבען. אָבער נישט בלויז מיט זיין נגינה האָט ער זיך אויסגעצייכענט — זיין דאווענען, זיין שטורמיש דאווענען, בעת עס האָט זיך געפיהלט ווי ער באמיהט זיך אריינצורייסען אין די העכסטע עולמות, איבערצורייסען אלע מחיצות, וואָס די מקטריגים האָבען אוועקגעשטעלט, כדי די אידישע תפילות זאָלען נישט דערגרייכען דעם כסא הכבוד, — אזא דאווענען האָט געקענט ריהרען א שטיין, און דער גרעסטער חוטא איז אוועק פון די דאָזיגע תפילות ווי א בעל תשובה.

אָנגעהויבען דאווענען האָט ער גאנץ יונג. צו 17 יאָהר. געווען איז עס אין דער שטאָדט זוואלין, אין מיטען יום כיפור איז דער שטאָדט־חזן פארשלאָפט געוואָרען, און ער האָט נישט געקענט דאווענען נעילה. זענען די גבאים פון דער גרויסער שוהל געקומען צום רבין, בעטען ביי איהם א בעל תפילה צו דאווענען נעילה. האָט דער רבי גערופען זיין זוהן, דער 17

יעהריגער ר׳ ירחמיאל, און באפוילען איהם צו געהן מיט די אידען אין דער גרויסער שוהל אלס שליח־ציבור.

ווען דער אלטער רבי האט באמערקט אן ענטוישונג אויף די פנימער פון די גבאים, ווייל ר׳ ירחמיאל האט ביז דאן אפילו נישט קיין ניגון געזונגען אין דער עפענטליכקייט האט דער רבי צו זיי א זאג־געטהון מיט א שמייכעל:

—זייט נישט באזארגט. מיין ירחמיאל׳ס דאווענען וואלט זיך אפילו געפאסט אין בית המקדש. מיר אלע וועלען איהם נאך קומען הערען!

די דאזיגע תפילה פון 17־יעהריגען יונגערמאן האט געדויערט ביז צוויי שעה אין דער נאכט. פון אלע שוהלען און מנינים האט מען שוין לאנג געהאט פארענדיגט דאס דאווענען. אבער קיין איין מענש אין שטאדט האט נישט געאיילט אהיים, טועם צו זיין נאכ׳ן לאנגען תענית, — אלע האבען געשטראמט צו דער גרויסער שוהל, און צוגעהערט זיך צום דאווענען פון יונגען צדיק...

אזוי איז אויך געווען אין די שפעטערע יאהרען. געוועהנליך פלעגט **דאס דאווענען אום ראש השנה ביי איהם אין בית מדרש זיך פארציהען ביז** זייגער 5 פארנאכט, — אבער קיין איינער פון די מתפללים האט ניט פארלאזט זיין פלאץ, ווייל ער האט אבסאלוט נישט געפיהלט קיין הונגער און קיין מיעדקייט. דאס זעלבע האט פאסירט מיט דעם שטראם צוהערער פון אנדערע בתי תפילה, וועלכע האבען אנשטאט אהיימצוגעהן קידוש־מאכען, עסען די יום־טוב׳דיגע סעודה, באלאגערט זיין בית מדרש און מיט די מחזורים אין די הענד איינגעהערט זיך צו מלכיות, זכרונות ושופרות, באמיהענדיג זיך קיין איין ווארט ניט צו פארלירען...

גאנץ יונג, נאך בחיי אביו, איז ער דורך זיין פאטער געקרוינט געווארען אלס רבי. געווען איז עס, ווען זיין פאטער האט איבערגעטראגען זיין רעזידענץ קיין נאווידוואר, נעבען ווארשא. דאמאלס האט דער אלטער רבי אנגעטהון זיין ספאדעק אויפ׳ן קאפ פון זיין זוהן און באפוילען איהם צו פארנעהמען די שטוהל פון זיינע עלטערען אין דעם שטעטעל זוואלין ביי ראדאם. שפעטער בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה, האט ער זיך איבערגעטראגען קיין מלאווא, און ערשט ווען זיין פאטער איז אין יאהר תרפ״ח נסתלק געווארען, האט ער זיך אויפ׳ן פארלאנג פון זיינע חסידים, באזעצט אין ווארשא.

געווען ביי איהם א מנהג, ראש השנה פאר די תקיעות, וועלכע ער האט אליין געבלאזען, האט ער געפראוועט דעם עולם, וואס האט זיך גענויטיגט אין א ישועה. די חסידים האבען געהאלטען אז דאמאלס איז אן עת־

רצון, צו דערלאנגען א ישועה. דער רבי, אָנגעטהון אין ווייסעל קיטעל, אין שווערען טערקישען טלית מיט דער גרויסער עטרה, האָט זיך געפּארעט ביי זיינע זיבען שופרות, אייגענע און די וואָס ער האָט באקומען בירושה פון זוואלין, פון קאזמיר, פון זיין שוועהר, דער צדיק נסתר רבי פּנחס'ל קינצקער, דער זוהן פון שידלאָוועצער און אייניקעל פון „איד הקדוש”, און ער האָט אויפגענומען די אידען מיט די צעבראכענע הערצער, געמונטערט און געטרייסט, צוזאמען מיט די אידען געגאָסען מיט טרעהרען, און געגעבען זיינע ברכות, וואָס זענען אויפגענומען געוואָרען מיט גרויס דערלייכטערונג.

דעם לעצטען ראש השנה פאר דעם גרויסען וועלט־פייער, ראש השנה תרצ"ט, נאָכדעם ווי ער האָט פארענדיגט דאָס פראווען פאר די תקיעות, האָט ער באפוילען ארייצורופען צו זיך אין חדר עטליכע פון זיינע מקורבים, פון זיינע אָנגעקנופּטע אידען, ווי ער פלעגט זיך אויסדריקען. און ווען די מקורבים זענען שוין געווען פארזאמעלט, האָט ער זיך אויפגעהויבען פון זיין שטוהל און אויסגערופען:

— אידען, מיר האָבען היי־יאָהר פארענדיגט זעכציג יאָהר פון אונזער לעבען. מיר זענען ארויס מכלל כרת ר"ל (מקובלים זאָגען, אז די וואָס ווערען נפטר פאר די זעכציג געהן אריין אין כלל כרת) דארף דאָך זיין ביי אונז א שמחה — און דאָך פיהלט זיך אזא שווערקייט אויפ'ן הארצען, אזא שווערע משא, וואָס דריקט, שפּארט ביז צו סכנות נפשות...

— מיר זעהען א שווארצע כמארע איבער אידישע קעפּ. א חשכות אין די אידישע עולמות. וואָס זאָל דאָס באדייטען? — זענען מיר ח"ו אזוי זינדיג? — האָבען מיר דען אזוי פיעל עבירות געטהון? — איך זעה עס נישט! האָבען מיר דען אזוי פיעל פון עולם הזה גענאָסען? — לא מיניה ולא ממקצתיה. וואָס א שטייגער עולם הזה האָט עס אזא יונגערמאן ווי אונזער יחזקאל'ע? (ר' יחזקאל נאמבערג, דער זוהן פון קאמינקער רב ר' דוד, איז געווען א זוהן פון זיין שוועסטער. כל ימיו אן עני מדוכא און א מטופל מיט קינדער. ער האָט זיך אויסגעצייכענט מיט תמימות און צדקות, און דערצו איז ער געווען א פרעהליכער ביז גאָר — אן אמת'ער חסיד).

— אידען, טייערע אידען — האָט דער רבי אויסגעבראָכען מיט א געוויין — זייט מתפלל פאר מיר, רייסט איין פאר מיר, אז מיר זאָלען בלייבען לעבען. זכרנו לחיים, וכתבנו בספר החיים, טאטע פאָטער אין הימעל!...

עס פארשטעהט זיך, אז די דאָזיגע ווערטער פון רבין, האָבען אויף דעם עולם געמאכט א דערשיטערענדן איינדרוק. אָבער מען האָט עס באט־ראכט ווי א התעוררות צו תשובה, צו חשבון הנפש פאר תקיעות. ערשט

שפעטער, ווען דאָס אומגליק האָט אָנגערוקט, האָט מען פאַרשטאַנען דעם רבינ׳ס ווערטער, און דאָס וואָס ער האָט פאָרגעפיהלט.

אין דעם זעלבען יאָהר, 17 טאָג אין חודש אלול, איז אויסגעבראָכען די צווייטע וועלט־מלחמה. היטלער ימח שמו מיט זיינע תלינים האָבען גענומען מארשירען אויף פוילען און דאָס דריי און האלב־מיליאָניגע פוילישע אידענטום איז פארפליצט געוואָרען פון א מבול פון בלוט און פייער.

גלייך ווי די מלחמה איז אויסגעבראָכען, די דייטשע באמבערס האָבען זיך באוויזען און געזייהט טויט און פארניכטונג איבער פוילענס הויפּט־שטאָדט, האָט מען באמערקט ביים רבין א געוואלדיגע אונרוהיגקייט. מען האָט אראָפּגעלייענט פון זיין הייליגער צורה, אז דאָס שרעקליכע, פארוואָס ער האָט זיך געשראָקען — דאָס איז געקומען. די אידען, וואָס האָבען זיך דורך גרויסע סכנות דערשלאָגען צו איהם, כדי צו הערען פון איהם א וואָרט פון התחזקות, זענען אוועק פון איהם מיט פארוועהטאָגטע הערצער.

— נאָך פון פאריאָהרען אָן העננגט איבער אונז דער ביטערער גזר — האָט ער גע׳טענה׳ט — אָבער די צדיקי הדור האָבען עס אָפּגעשטופּט און אָפּגעשטופּט, ממש ביז צו די לעצטע טעג פון יאָהר. מעהר האָבען זיי שוין נישט געקענט. לאָמיר בעטען ביים רבונו של עולם בלויז דאָס איינציגע — אז מיר זאָלען בלייבען לעבען. פשוט דאָס חיות זאָל זיך אין אונז דערהאלטען. אז דער טאטע אין הימעל זאָל אויף אונז רחמנות האָבען און שענקען דאָס לעבען.

און דער ערשטער קרבן איז טאקע געווען זיין פּלימעניק, דער אויבענדערמאָנטער ר׳ יחזקאל נאמבערג הי״ד. געווען איז עס ערב ראש השנה, 4 אזייגער פארנאכט, בשעת אן ארמאדע פון 70 נאצישע עראָפּלאַנען האָבען זיך אראָבגעלאָזט איבערן אידישען קווארטאל פון ווארשע, און באוואָרפען די פול געפּאקטע אידישע גאסען מיט צינד־און־צושטער־באמבעס. אין משך פון געציילטע מינוטען איז דער אידישען שטאָדט־טייל געשטאנען אין פלאמען. טויזענטער זענען דאמאָלס אומגעקומען, און צווישען די דאָזיגע קרבנות זענען געווען — ר׳ יחזקאל׳ע מיט זיינע צוויי קליינע קינדער, מיט וועלכע ער האָט געאיילט צו פארלאָזען זיין שטוב און ראַטעווען זיך אין א שוץ־קעלער.

ראש השנה אין דער פריה, בשעת די גאָר־נאָהענטע חסידים האָבען זיך פארזאמעלט נעבען דעם רבין בדי צו דאווענען, האָט דער רבי זיך נישט נאָכגעפרעגט אויף זיין יחזקאל׳ע, וועלכער האָט קיינמאָל נישט געפעהלט. ער האָט זיך אויך נישט נאָכגעפרעגט אויף די אנדערע מקורבים

וועלכע האָבען געפּעהלט, ווייל זיי האָבען צווישען די הרוגים געזוכט זיין הייליגען גוף, כדי צו ברענגען איהם צו קבורה. ער האָט בלויז געהייסען איילען זיך מיט'ן דאווענען. נישט מאריך זיין. נישט צופיעל זינגען די פּיוטים, ווי דער זוואָלינער מנהג איז געווען. לא עת להאריך בתפילה, כשישראל נתונים בצרה — האָט ער כסדר איבערגע'חזר'ט.

ביים טיש האָט ער געהייסען צוזינגען די פּיוטים, וועלכע מען האָט בעת'ן דאווענען פאַרפעהלט. פּלוצלונג האָט ער געגעבען א ציטער. דער עולם איז אנטשוויגען געוואָרען, און דער רבי האָט גענומען זאָגען תורה:

אין דער תפילה „ידיד נפש" זאָגען מיר: **וחוסה נא על בן אהוביך,** און צום סוף גיבען מיר צו „וחוסה נא ואל תתעלם". וואָס איז די כוונה דערפון? נאָר מיר געפינען אין דער תורה, אז מען געפינט אן אבידה פון א חבר, טאָר מען נישט זיך מאַכען אוועקקוקען — „לא תוכל להתעלם". דערויף זאָגען די חז"ל: פּעמים שאתה מתעלם, כגון זקן ואינו לפי כבודו. — אָבער מיר אידען זענען דאָך בנים למקום, מיר האָבען דאָך נאָר וואָס געבעטען „וחוסה נא על בן אהובך, טאָ וואָס איז שייך צו זאָגען, א טאַטע לגבי זיין אייגען קינד, אז עס איז נישט לפי כבודו, ער זאָל עס ראטעווען? דעריבער בעטען מיר טאקי „וחוסה נא", — האָב אויף אונז חס, — „ואל תתעלם" — און זאָל דיין השגחה פון אונז נישט אָבגעטהון ווערען...

דאָס איז געווען דער לעצטער ראש השנה, וואָס מיר האָבען פאַרבראַכט אין זיין מחיצה, די לעצטע תורה, וואָס מיר האָבען פון זיין הייליג מויל געהערט. אָבער ווייזט אויס, אז דער גזר איז שוין פון פריהער גע'חתמ'ט געוואָרען און עס איז נישט געווען קיין מעגליכקייטען איהם אָפּצושרייען. ער האָט געטיילט דעם גורל פון זיין עדה, פון זיין קהלה, פון דעם גאַנצען פּוילישען אידענטום. אפשר א יחיד און אפשר צוויי יחידים זענען געבליבען ביים לעבען, פון די וואָס האָבען מיטגעמאַכט דעם דאָזיגען פאַרכטיגען ראש השנה און אלס איינער פון די יחידים האָבען מיר דערצעהלט אין דעם דאָזיגען מאמר וועגען דאָזיגען גרויסען צדיק און בעל תפילה, וועלכער איז אודאי אין הימעל מקבל די אידישע תפילות און דערלאַנגט זיי פאַר'ן כסא הכבוד, מאַהנענדיג ביי די פּמליא של מעלה, אז די מיליאָנען קרבנות וואָס דאָס אידישע פאָלק האָט מקריב געווען למען קדושת שמו הגדול, זאָלען נישט זיין, ח"ו אומזיסט...

דער „אמרי יוסף“ פון ספינקא

איינער פון די אנערקענטסטע און איינפלוסרייכסטע מנהיגי החסידים אין דער לעצטער תקופה אין אונגארן איז געווען דער רבי ר׳ יוסף מאיר זצ״ל פון ספינקא, באקאנט אלס דער „אמרי יוסף“ — דער באגרינדער פון דער ספינקער רביים־דינאסטיע.

רבי יוסף מאיר איז געבוירען געווארען אין מונקאטש, אין יאהר תקצ״ה, ביי זיין פאטער רבי שמואל צבי זצ״ל, וועלכער איז געווען דיין אין דער דאזיגער שטאדט. אין טאג פון דער חתונה פון זיין פאטער האט גראד געוויילט אין מונקאטש דער בארימטער גאון און צדיק רבי צבי אלימלך פון דינוב זצ״ל, דער „בני יששכר“, וועלכער איז געווען דער גדול הדור, האט מען איהם מכבד געווען מיט סידור קידושין. דער דינאווער רב האט זיך דערמיט שטארק געפרעהט און אויסגעדריקט זיך: „אלמלא לא באתי אלא בשביל זה די“ — ווען איך וואלט געקומען נאר בכדי מסדר קידושין צו זיין ביי דעם דאזיגען זיווג — איז עס כדאי געווען די נסיעה“. ערשט שפעטער האט מען פארשטאנען דעם וויטען בליק פון דאזיגען צדיק, וועלכער האט געזעהן די פירות, וואס וועלען ארויסקומען פון דעם שידוך.

קליינערהייט, האט איהם דער פאטער מיטגענומען קיין בעלז, צום רבי׳ן ר׳ שלום זצ״ל. ווען דער אלטער בעלזער רבי האט דעם קליינעם יוסף מאיר געזעהן צום ערשטען מאל, האט ער איהם גענומען צו זיך, געגלעט און שטארק מחבב געווען. דערביי האט ער ארויפגערוקט די יארמולקע און אויסגערופען: א שעהן מוח׳ל, א שעהן מוח׳ל...

ער האט אויך געלערענט תורה ביי די גרעסטע גאונים אין זיין צייט דארונטער ביים גאון ר׳ מאיר אייזענשטאדט פון אונגוואר. ער האט געלערענט תורה ממש מיט מסירת נפש.

אלס יונגערמאן האט ער אנגעהויבען פאהרען קיין זשידיטשוב, צום רבי׳ן ר׳ יצחק אייזיק, צו וועלכען ער איז געווארען א תלמיד מובהק. און געפיהרט דערצו האט פאלגענדע סיבה: ר׳ יוסף מאיר איז עטליכע יאהר נאך דער חתונה שווער קראנק געווארען אויף די לונגען. ער האט ממש אויסגעשפיגען די לונגען און מען האט געפיהלט, אז זיינע טעג זענען געציילט. האט דער פאטער באשלאסען איהם צופיהרען קיין זשידיטשוב, צו רבי יצחק אייזיק׳ן וועלכער איז באקאנט געווען אלס פועל ישועות. אויפ׳ן וועג האט ער אבגעשטיגען אין לעמבערג, וואו דאקטוירים האבען איהם מיאש געווען...

אנקומענדיג קיין זשידיטשוב, האט דער רבי ערקלערט:

— מיר קענען פאר איהם אויסבעטען א ישועה, נאר בתנאי, ער

זאָל בלייבען פון אונזערע מענשען. עס פאַרשטעהט זיך, אז סיי דער טאַטע און סיי דער זוהן, האָבען אָנגענומען דעם תנאי און רבי יוסף מאיר איז געוואָרען א תלמיד מובהק פון הייליגען זשידיטשובער. אויפ׳ן וועג צוריק אהיים האָבען זיי אין לעמבערג באזוכט די זעלבע דאָקטוירים, וועלכע זענען נתפעל געוואָרען, זעהענדיג אז ער איז ווידער געזונט כאחד האדם.

איינמאָל שבועות, ווען אין זשידיטשוב האָט זיך געפונען א גרויסער עולם רבנים, חסידים און אנשי מעשה, וועלכע זענען געזעסען ביים רבינ׳ס טיש באימה וביראה, צוהערענדיג זיך צו יעדע תנועה פון הייליגען צדיק, האָט דער זשידיטשובער פּלוצלונג א זאָג־געטאָן צו זיין תלמיד ר׳ יוסף מאיר:

—"יוסף מאיר, דו וועסט דאָך אמאָל זיין רבי אין א קליין שטעטעל, נאַ־דיר דעם טעלער און טייל שיריים, לערן דיך ווערען א רבי!

דעם יונגען ר׳ יוסף מאיר איז זעהר שווער אָנגעקומען צו טיילען שיריים צו אזעלכע גדולים, דארונטער אויך צו זיין אייגענעם פאָטער, וועלכער איז געזעסען ביים טיש. אָבער ער האָט זיך אונטערגעוואָרפען דעם רבינ׳ס באפעהל, וועלכען אלע האָבען באטראַכט ווי א מין סמיכה אלס רבי.

חסידים דערציילען א כאראקטעריסטישען עפּיזאָד, ווי אזוי דער ספינקער רבי האָט גענומען דאָס ערשטע קוויטעל. געוואוינט האָט ער שוין דאמאָלס אין שטעדטעל ספינקא, קארפאטא־רוס, וואו ער האָט חתונה געהאַט מיט דער טאָכטער פון ר׳ יעקב באש ע״ה. די חתונה איז פאָרגעקומען לויט׳ן באפעהל פון רבי חיים צאנזער זצ״ל, וועמענס תלמיד ר׳ יוסף מאיר איז געוואָרען נאָך דער הסתלקות פון זשידיטשובער רבי׳ן. אמאָל האָט זיך געמאכט א געפעהרליכע מגפה אין שטעטעל, און צוזאמען מיט דעם גרעסטען טייל איינוואוינער האָט ער פאַרלאָזט זיין היים און זיך באזעצט אין דאָרף טשארדע.

דאָרט האָט זיך געפונען א אידישער בחור מיט׳ן נאָמען משה יעקב, א שוסטער פון פאך, אָבער זעהר אן ערליכער. ווען מען האָט איהם צוגענומען צום מיליטער, האָט משה יעקב זיך מיישב געווען נישט צו געהן דינען, ווייל ווי קען מען דאָרט, אין מיליטער, אָבהיטען שבת, כשרות און אנדערע מצוות? האָט ער זיך ארומגעוואַלגערט פון איין אָרט צום אנדערען, ווערענדיג געזוכט פון דער פּאָליציי.

וואנדערענדיג אזוי אין וואלד, איז ער פון מידקייט איינגעשלאָפען און עס האָט זיך איהם גע׳חלום׳ט, דאָס די זשאנדארמען האָבען איהם געכאפּט און מען האָט איהם געבראכט צום משפט פאר׳ן גענעראל, וואָס האָט באדארפט ארויסטראָגען געגען איהם אן אורטייל.

זיצענדיג אזוי אין תפיסה, ווארטענדיג אויפ׳ן גענעראל, עפענט

זיך די טיר און עס קומט אריין רבי יוסף מאיר און גיט איהם א פרעג: וואס טוסטו דאָ?

— מען האָט מיך געכאפּט, און מען געהט מיך משפּט'ן, מען ווארט אויפ'ן אָנקומען פון גענעראל — האָט יעקב משה דער שוסטער אָבגעענטפערט.

— געה אהיים, — האָט רבי יוסף מאיר אויסגערופען, — מען וועט דיך מעהר נישט רופען!

אויפגעכאפּט זיך, איז דער אָרימער שוסטער גלייך אוועק צו רבי יוסף מאיר, דערלאנגט איהם א קוויטעל און מקבל געווען א ברכה פון שפּעטערדיגען באריהמטען ספינקער רבי'ן.

ווי געזאָגט איז דער ספינקער רבי נאָך דער פּטירה פון זשידיטשובער געפאָרען קיין צאנז. אָנקומענדיג קיין צאנז, האָט דער רבי צו איהם געזאָגט:

— איך פרעגע מיך טאקע, וואס איהר זענט געקומען צו אונז, אָבער ווען איך דערמאָן מיך די סיבה, וואס האָט אייך געבראכט צו מיר, — ווערט מיר א לאָך אין הארצען...

חסידים דערצעהלען אז מיט'ן זעלבען לשון האָט זיך אויך אויס־געדריקט דער רבי ר' הירשעלע זשידיטשובער, ווען דער צאנזער רב איז צו איהם געקומען נאָך דער פּטירה פון זיין רבי'ן רבי נפתלי ראפּשיצער זצ"ל.

אין בעלז האָט ער געלערענט דעם עמוד התורה, אין זשידיטשוב — דעם עמוד העבודה און אין צאנז האָט געלערענט דעם עמוד גמילות חסדים. ווי באקאנט איז דער צאנזער רב געווען גאָר גרויס אין ענין צדקה און אין זיינע וועגען איז געגאנגען זיין תלמיד דער ספינקער רבי.

ספּינקא איז געווען א קליינער ישוב פון לויטער אָרימעלייט, וועלכע האָבען איבערהויפּט געלעבט פון די חסידים, וואס זענען געקומען צום רבי'ן. צענדליגער טויזענדער גילדען א יאָהר זענען אָנגעקומען פאר'ן רבי'ן דורך די הענט פון פּאָסטמייסטער, א חוץ די געלדער וואס זענען אזוי אריינגעפאלען אין הויז. אָבער דאָס גאנצע געלד האָט ער נאָך אין דעם זעלבען טאָג צוטיילט. קיין פּרוטה האָט נישט איבערגענעכטיגט אין הויז. ווען די רביצין האָט געפּרואווט אראָפּנעמען עטליכע גילדען אויף דער הוצאה פאר'ן קומענדיגען טאָג, האָט דער רבי בשום אופן נישט געקענט איינשלאָפען אויף זיין געלע־גער, און ער האָט א גאנצע נאכט געשפּאנט איבער'ן צימער, ערקלערענדיג, אז דאָס געלד וואס געפינט זיך אין הויז „רייבט איהם די זייטען".

אין דער פריה האָט ער אָבער נישט געקענט געהן דאווענען, ביז וואנען ער האָט נישט צוטיילט 18 גילדען אויף צדקה. א דריטעל פון דער סומע האָט ער געגעבען די אָרטיגע אָרימעלייט. דאָס צווייטע דריטעל איז

באשטימט געוואָרען פאַר די משפחות פון די יושבים, וועלכע זענען געזעסען אין זיין בית מדרש און געלערענט און דער רבי האָט אויסגעהאַלטען זייערע פאַמיליעס. דאָס דריטעל האָט ער אוועקגעשיקט פאַר די אָרימעלייט אין ארץ ישראל און יעדען טאָג האָט מען געמוזט אוועקשיקען די 6 גילדען. היות ער האָט דאָך קיין געלד נישט געהאַט אין הויז, ווייל עס איז נישט געבליבען פון פריהערדיגען טאָג, האָט מען פאַרזעצט דעם קידוש בעכער, אנדערע חפצים און זאָגאַר דאָס שטריימעל בכדי צו באַקומען דאָס געלד. א גאַנצע וואָך זענען די חפצים געלעגען פאַרמשכנ׳ט. ערשט ווען רייכע חסידים זענען געקומען אויף שבת קיין ספינקא האָבען זיי אויסגעקויפט די משכנות.

א כאַראַקטעריסטיק פון זיין נדיבות באַווייזט פאָלגענדער עפּיזאָד: ווי באַקאַנט איז ספינקא געווען א שטעטעל פון לויטער אָרימעלייט, וועלכע האָבען זיך ממש געראַנגעלט מיט דער עקזיסטענץ. שווער איז זיי באַזונדערס געווען אום ווינטער. עס איז נישט געווען קיין ביסעל האָלץ צו באַהייצען די אָרימע שטיבער. עס פאַרשטעהט זיך, אז אין הויף פון רבי׳ן האָט קיין האָלץ נישט געפעהלט, ווייל די רייכע חסידים, וואַלד סוחרים, האָבען באַצייטענס אָנגעפילט די קאַמערען פון רבינ׳ס הויף מיט האָלץ פאַר׳ן גאַנצען ווינטער. פלעגען די אָרימעלייט אין מיטען נאַכט זיך אריינכאַפּען אין רבינ׳ס הויף און נעהמען אביסעל האָלץ צום ברענען...

דאָס האָלץ איז, ווי דער שטייגער איז, געווען געלעגט אין שורות, אַזוי, אז ווען מען האָט אוועקגענומען א פּאָר שורות העלצער פון אונטען, זענען די אויבערשטע העלצער ארונטערגעפאַלען. האָט איינמאָל פּאַסירט, אז א איד, וועלכער איז געקומען נעהמען א ביסעל האָלץ, איז שטאַרק פאַרוואונדעט געוואָרען, נאָכדעם ווי א משא מיט האָלץ איז אויף איהם ארויפגעפאַלען...

זייט דאַמאָלס האָט דער רבי נישט געלעגט זיך שלאָפען, ביז וואַנען ער האָט אוועקגעשטעלט אין האָלץ־קאַמער א לאָמפּ צו באַלייכטען דעם קאַמער, כדי די אָרימע אידען, וואָס וועלען קומען גנב׳ענען אביסעל האָלץ זאָלען חס ושלום ניט גע׳ניזוק׳ט ווערען...

אַזוי איז ער אַלץ געשטיגען אין תורה, עבודה און גמילות חסדים און זיין נאָמען האָט גע׳שמ׳ט אויף ווייט און ברייט.

דער „אמרי יוסף" איז נפטר געוואָרען ו׳ אייר פון יאָהר תרס"ט. עס זענען פון איהם פאַרבליבען זיבען ספרים אויפ׳ן זהר און אויף קבלה: פינף לויט פרשת השבוע און צוויי אויף מועדים. די דאָזיגע ספרים זענען געווען זעהר באַריהמט אין דער חסידישער וועלט. א גרויסע הקדמה, וואָס

באשטעהט פון צעהן מאמרים, האט אנגעשריבען זיין זוהן און ממלא מקומו דער באריהמטער ספינקער רבי רבי יצחק אייזיק זצ"ל.

די דאזיגע הקדמה איז נאך דער צווייטער וועלט־מלחמה ארויסגעגעבען געווארען אין א באזונדערען קונטרס דורך דעם פארבאנד פון די תלמידים און חסידים פון ספינקער רבין, וועלכע האבען זיך געפינען אין די די־פי לאגערען אין דייטשלאנד.

עס איז אויך פארבליבען פון איהם א קונטרס „ברכות והודאות" אין אידיש, וואס דער רבי פלעגט יעדען טאג זאגען פאר'ן דאווענען, פול מיט התעוררות און השתפכות הנפש. אויך דער דאזיגער קונטרס איז אופסנייַ ערשינען, דורך זיין אור־אייניקעל — דער היינטיגער ספינקער רבי אין ניו יארק.

רבי יצחק אייזיק, פון וועלכען עס זענען געבליבען א גאנצע רייה ספרים בנגלה ובנסתר מיט'ן נאמען „אמרי יצחק", איז געווען באקאנט אלס גרויסער גאון, צדיק און מרביץ תורה. טויזענדער אידען זענען צו איהם געפאהרען און גרויס איז געווען די צאהל פון זיינע תלמידים. נאך דער ערשטער וועלט־מלחמה האט ער א שטיקעל צייט געוואוינט אין מונקאטש, וואו ער איז געווארען מפורסם און באריהמט אלס פועל ישועות. צוליב סיבות, וואס דא איז נישט דער ארט זיי צו דערמאנען, האט ער איבערגעטראגען זיין הויף קיין סעליש, וואו ער האט געעפענט א גרויסע ישיבה פון תלמידים מופלגים בתורה וביראה. דארט האט ער מרביץ געווען תורה און חסידות ביז צום גרויסען אומגליק.

דער ספינקער רבי צוזאמען מיט זיינע קינדער: רבי ישראל חיים און רבי נפתלי צבי, — דער בילקער רב, ווי אויך זיין איידעם רבי אברהם אביש — קראלער רב, מיט זייערע משפחות זענען אין יאהר תש"ד אוועקגעפירט געווארען דורך די נאצים־רוצחים קיין אוישוויץ, וואו זיי אלע אומגעקומען אויף קידוש השם. אויך דעם רבינ'ס קינדער האבען זיך אויסגעצייכענט מיט גאונות, חכמה און צדקות עוסק געווען בתורה ובחסידות און זענען געווען באליבט אין די ברייטסטע חסידישע קרייזען.

א טייל פון שארית הפליטה פון די ספינקער תלמידים האבען דערגרייכט ירושלים און דארט געגרינדעט א ספינקער ישיבה, וואו מען לערענט תורה בקדושה ובטהרה און מען איז עוסק אין די הייליגע ספרים „אמרי יוסף", פון וועלכע זיי שעפען התחזקות און בטחון.

דער „אוהב ישראל“ פון וויזניץ

מיט א קורצער צייט צוריק איז געבראכט געווארען קיין ארץ ישראל דער ארון פון בארימטען וויזניצער רבי׳ן, רבי ישראל האגער זצ״ל, וועלכער איז אין יאהר תרצ״ו נפטר געווארען אין גראסווארדיין און איז דארט, צייטווייליג, געקומען צו קבורה. איצט איז דער וויזשניצער רבי געבראכט געווארען צו זיין אייביגער רוה, אין דער הייליגער ערד, אויפ׳ן בית הקברות אין בני ברק, נישט ווייט פון דער וויזשניצער קאלאניע „אהבת ישראל“, וואס איז פון זיינע קינדער געגרינדעט געווארען אויף זיין נאמען, און שטעלט מיט זיך פאר א צענטער פון וויזניצער חסידות אין ישראל.

די וויזשניצער גזע פארקערפערט אין זיך דאס שעהנסטע און דאס בעסטע, וואס מען פארשטעהט אונטער׳ן באגריף חסידות, ווי לומדות און הפצת תורה, עמקות און פשטות, אצילות, אהבת ישראל, חיבת ארץ ישראל און טהרת המידות. און דאס אלעס האט אין זיך פאראייניגט די גרויסע און ערהאבענע פערזענליכקייט פון רבי ישראל וויזשניצער, דער ערשטער גרויסער מנהיג החסידות, וועלכער איז נפטר געווארען אין חוץ לארץ, וואס האט זוכה געווען, אז זיינע ביינער זאלען געבראכט ווערען צו קבורה אין דער הייליגער ערד.

העכער 160 יאהר האט דאס ליכט פון קאסאווער־וויזשניצער חסידות געלויכטען און געווארעמט איבער גאליציען, אונגארן און בוקאווינא, קאנ־צענטרירענדיג ארום זיך צענדליגער טויזענטער חסידים און אנהענגער.

דער שטאם־פאטער פון דער דאזיגער געהויבענער גזע, רבי קאפיל חסיד, איז געווען א תלמיד פון בעל שם טוב זצ״ל. פון איהם איז געבליבען א ספר „קול יעקב“, אין וועלכען ער טייטשט אוים די שיטה פון בעש״ט אויף זיין שטייגער און לויט זיין השגה. זיין זוהן, רבי מענדעלע קאסאווער איז געווען דער באגרינדער פון קאסאווער חסידות, און זיין נאמען האט געשיינט צווישען די גדולי החסידות אין דער ערשטער תקופה נאכ׳ן בעש״ט. אויך זיין זוהן רבי חיים קאסאווער איז געווען בארימט אין דער חסידישער וועלט, און גרוים איז געווען די צאהל פון זיינע אנהענגער. אבער צום רוהם און צו א וועלט־נאמען האט דערגרייכט זיין אינגסטער זוהן, רבי מענדעלע, דער ערשטער וויזשניצער רבי, דער איידעם פון רבי ישראל׳טשע ריזשינער זצ״ל, דער באגרינדער פון דער וויזשניצער דינאסטיע.

אלס איידעם פון ריזשינער האט ער איינגעזאפט אין זיך דאס רחבות און דאס מלכות׳דיגקייט פון ריזשינער הויף, און ער האט אין דעם בוקא־ווינער שטעטל וויזשניץ, וואס איז ארומגערינגעלט מיט בערג, און צייכענט

זיך אוים מיט א פּרעכטיגער אומגעגענד, פאַרלעגט א מלכות׳דיגען הויף, מיט שעהנע פּאַלאַצען און בנינים, ווי עס פּאַסט פאַר א גייסטיגען פּרינץ.

זיין איינציגער זוהן און ממלא מקומו רבי ברוך, האָט ממשיך געווען די אָנגעהויבענע ארבייט פון זיין פאָטער פאַר דער פאַרשפּרייטונג פון תורה, חסידות און אידישקייט, און זיינע זעקס זיהן, האָבען זיך נאָך זיין הסתלקות פאַרשפּרייט איבער דער מדינה און געגרינדעט חסידות־צענטערען אין אטיניע, שאַץ, באַרשא, סטרוזשיניץ, און האַראדענקא. אָבער דער הויפּט צענטער איז געבליבען וויזשניץ, וואו עס האָט נוהג נשיאות געווען זיין עלטסטער זוהן, רבי ישראל, העכער פערציג יאָהר.

רבי ישראל איז געווען א גרויסע און ערהאַבענע פּערזענליכקייט. ער איז געבוירען געוואָרען אין יאָהר תר״כ, פּונקט הונדערט יאָהר נאָך דער הסתלקות פון בעל שם טוב זצ״ל, און פון קינדווייז אָן האָט ער זיך אויסגעצייכענט מיט זיין לומדות, אהבת ישראל און עבודת הבורא. ער איז געווען אן איידעם פון רבי׳ן רבי מאיר׳ל דזשיקאָווער, אן אייניקעל פון הייליגען ראָפּשיצער זצ״ל און א מוסמך פון באַרימטען גדול הדור און וועלט־גאון רבי שלום מרדכי הכהן, דער מהרש״ם פון בערזשאַן זצ״ל.

טראָץ דעם, וואָס עס איז גרוים געווען די צאָהל פון זיינע אָנהענגער, און אין הויף האָט זיך געטומעלט ווי אויף א יאריד, האָט ער דעם גרעסטען טייל פון זיין טאָג און נאכט אָבגעגעבען פאַר לימוד התורה, סיי אין נגלה און סיי אין נסתר על פּי פּרד״ס. ער האָט זיך אָבער נישט באַגנוגענט דערמיט, ביז ער האָט געגרינדעט א גרויסע ישיבה, וואָס האָט באַקומען דעם נאָמען „בית ישראל״, און איז געווען דער צענטער פאַר תורה אין דער גאַנצער מדינה, און טויזענטער יונגע תלמידי חכמים זיינען דאָרט ערצויגען געוואָרען.

זיין התלהבות און דבקות ביי זיין לערנען און דאַווענען, ביי זאָגען תורה איז געווען אין לשער. איבערהויפּט האָט געמאַכט א רושם זיין זאָגען יעדען שבת און יום־טוב אין דער פריה די תפילה „נשמת כל חי״. דאָס איז געווען א גאָר גרויסע און געהויבענע עבודה, צו וועלכער דער וויזשניצער רבי האָט זיך באַזונדערס געגרייט. וויזשניצער חסידים פלעגען זאָגען, אז יעדער, וואָס האָט איינמאָל געהערט פון אלטער רבי׳ן זאָגען „נשמת״ איז נישט געשטאָרבען אָהן תשובה...

זיינע תורות ביי די שבת׳דיגע סעודות זיינען פול געווען מיט גמטריאות און רמזים על פּי סוד, וואָס נישט אַלע האָבען פאַרשטאַנען און תופס געווען. דער אופן אָבער, ווי דער רבי האָט זיי געזאָגט, דאָס התלהבות און דאָס צופלאַמקייט פון רבי׳ן בשעת זאָגען תורה, אָנשפּאַרענדיג דעם

שטערן אויף דער רעכטער האנד, און שליסענדיג די אויגען — דאס האט איבערגעלאזט אן אונפארגעסליכען איינדרוק.

אריגינעל און אייגנארטיג איז די ווישניצער נגינה, וואס דריקט אויס אזוי פיעל בענקשאפט און השתפכות הנפש. אין די דאזיגע נגונים איז אויך קענטיג די השפעה פון דער פרעכטיגער נאטור ארום ווישניץ: די אור־בערג, די טאלען, די וועלדער. אין יענע מקומות צווישען די קארפאטען איז דאך דאס חסידות אנטשטאנען — דארט האט זיך דער הייליגער בעל שם טוב מתייחד געווען מיט'ן באשעפער, און דערגרייכט זיינע הויכע מדרגות!

רבי ישראל האט זיך באזונדערס אויסגעצייכענט מיט דער מדה פון אהבת ישראל. צו יעדען אידען האט ער געפיהלט אן אומבאגרעניצטע ליב־שאפט, נישט וועניגער ווי צו זיינע אייגענע קינדער. טיילמאל פלעגט ער האלזען און קושען עמיצען פון זיינע חסידים, אדער די תלמידים פון זיין ישיבה, צו וועלכע ער איז געווען א טאטע זארגענדיג פאר זיי סיי גייסטיג און סיי מאטעריעל.

ער פלעגט מקבל זיין בשמחה יעדען אידען: אפילו דעם פחות שבפחותים. דעם וואסער־טרעגער האט ער מכבד געווען פונקט ווי א געהויי־בענעם חסיד און פלעגט זאגען צו איהם: „א זים לעבען אויף דיר, מיין קינד!"

זעהר טייער איז ביי איהם געווען די ישיבה, וואס האט פארשפרייט תורה און אידישקייט איבער דער גאנצער מדינה און אויך איבער די שכנות'־דיגע מדינות. די דאזיגע ישיבה האט געהאט א גרויסען בודזשעט, און דאס האט ער אליין, מיט דער הילף פון זיינע קינדער, צונויפגעשטעלט. ווען ער פלעגט ביי איינעם בעטען א גרויסע סומע געלט פאר דער ישיבה, פלעגט ער אויסדרוקען זיך מיט גרויס ענוות:

— איהר ווייסט וואס עס איז דער חילוק צווישען מיר און זיי (די ישיבה בחורים). זיי זיצען א גאנצען טאג און לערנען, און איך שפיל זיך א גאנצען טאג אין „קוויטלעך" (געמיינט די בקשה קוויטלעך, וואס די חסידים האבען איהם דערלאנגט).

איינמאל אויף אן אסיפה פון פרומע אידען, בכדי צו פארשטארקען אידישקייט אין יענע מדינות, בעת עס זיינען געווען פארזאמעלט די גרעסטע רבנים און רביים און אויך א גרויסע צאל חסידים. האט איינער פון די רביים איהם געפרעגט פארוואס ער איז מקרב און מכבד אין א גלייכער מאס אמת'ע חסידים און תלמידי חכמים מיט יונגעלייט, וואס זיינען שוין אוועק פון חסידישען דרך, וואס קליידען זיך מאדערן, און האבען שוין גאר א סך פארבויגען פון אידישקייט.

דער וויזשניצער רבי האט דארויף געענטפערט מיט א משל:

א שיכור האט פארבלאנדזשעט אין א פינסטערע נאכט, פארלארען דעם וועג. איז ער געקראכען איבער שטיינער און איבער גריבער, און זיין לעבען איז געווען אין גרויס סכנה, אריינצופאלען אין א גרוב פול מיט זומפ און קויט, פון וועלכען ער וועט מעהר ניט ארויס. פלוצלונג איז אנגעקומען א ניכטערער מענש און זעהט וואס קומט דא פאר. האט ער אנגעכאפט דעם שיכור, פירט איהם ארויס פון דער סכנה און איז איהם מציל דאס לעבען. האלט איהר ניט, אז דער ניכטערער האט גוט געטאן, וואס ער האט ניט געמאכט קיין חשבונות, צי עס פאסט יא מיט אזא שיכור זיך מטפל צו זיין, צי עס פאסט ניט?...

אין וויזשניץ איז געווען שטארק ענטוויקעלט דאס געפיהל פון אחריות פאר'ן כלל. דער וויזשניצער הויף האט גענומען אן אקטיווען אנטייל אין אידישען צבור־לעבען, און געזאגט אווארט אין די פארשידענסטע געזעלשאפטליכע פראבלעמען מיט וועלכע דאס אידישע לעבען איז געווען רייך אין די לעצטע יאהרען פאר'ן חורבן. דער וויזשניצער רבי איז געווען איינער פון די זיילען פון ארגאניזירטען ארטאדאקסישען אידענטום און מיט זיין השפעה האט ער פיעל געהאלפען צו ארגאניזירען די רעליגעזע אידען.

ער איז אויך געווען א גרויסער חובב ארץ ישראל. זעהר פיל געלט איז פון וויזשניצער הויף ארויס פאר ארץ ישראל, פאר אויסהאלטען די תורה און צדקה־אינסטיטוציעס אין הייליגען לאנד. ווען עמיצער פון זיינע חסידים אדער תלמידים, וואס האט געוואלט עולה זיין קיין ארץ ישראל, האט ער באקומען פון איהם זיין הסכמה און הארציגע ברכה.

בעת עס איז אויסגעבראכען די ערשטע וועלט־מלחמה, האט דער אלטער רבי מיט זיינע קינדער פארלאזט די היים, אלץ איבערגעלאזט אויף הפקר. דער וויזשניצער רבי האט זיך שפעטער באזעצט אין דער שטאדט גראסווארדיין, וואס איז באלד פארוואנדעלט געווארען אין א צענטער פון תורה און חסידות.

שפעטער, ווען די מלחמה האט זיך געענדיגט, און דער שלום איז צוריק איינגעשטעלט געווארען, האט דער אלטער וויזשניצער רבי ניט געוואלט צוריקקערען אין זיין שטענדיגער היים, האלטענדיג אז זיין אנוועזענהייט איז נויטיגער אין גראסווארדיין, וואס איז דאמאלסט געווען א גרויסער אידישער צענטער, און וואו די נייע ווינטען האבען העפטיגער געבלאזען איידער אין דעם פרומען גאטספארכטיגען בוקאווינע. אבער די ישיבה איז צוריק באנייט געווארען אין וויזשניץ דורך זיין זוהן רבי אלעזר זצ"ל, וועלכער

האָט די ישיבה פילפאַך פאַרגרעסערט און ענטוויקעלט, און האָט געדינט אַלס קוואַל פון תורה און אידישקייט ביז צו דעם גרויזאַמען חורבן.

דער דאָזיגער זוהן, רבי אליעזר האגער זצ"ל, וועלכער האָט זיך נאָך אין דער צייט פון דער צווייטער וועלט־מלחמה ארויסגעראַטעוועט פון גיהנום און דערגרייכט ארץ ישראל, האָט אין משך פון די מלחמה יאָהרען ענטוויקעלט אַ געוואַלדיגע טעטיגקייט אויפ'ן געביט פון הצלה. לעגענדאַרע געלט־סומען זיינען דורך איהם געזאַמעלט און איבערגעשיקט געוואָרען דורך עקסטרא שליחים אין טראַנסדניעסטריע, וואו די נאַצים האָבען פאַרשיקט דאָס בוקאָ־ווינער, בעסאַראַביער און טראַנסילוואַניער אידענטום מיט'ן צוועק זיי צו פאַרניכטען. טויזענטער אידישע נפשות, זיינען דורך איהם געראַטעוועט געוואָרען פון טויט און פאַרניכטונג. גאַנץ אָפט האָט ער באַנוצט צו די דאָזיגע שליחות'ן די פאַרביסענסטע שונאי ישראל, צווישען זיי רומענישע אָפיצערען פון דער „אייזערנער גוואַרדיע", — היטלער'ס משרתים ווען ס'איז געלונגען איבערצוקויפען. ער האָט זיך ממש מוסר נפש געווען פאַר יעדען אידען, ווען עס איז נאָר געווען אַ האָר מעגליכקייט צו ראַטעווען. אין יענע מקומות זיינען ארומגעגאַנגען אַהן אַ צאָל מעשיות און לעגענדעס וועגען זיין גרויסער הילפס־און־רעטונגס־אַרבייט. ביז זיין אַנוועזענהייט אין לאַנד איז געוואָרען פאַר איהם געפערליך, און ער האָט געמוזט פאַרלאָזען רומעניען און איבער טערקיי איז ער געקומען קיין ארץ ישראל, פון וואַנען ער האָט נאָך אַ לאַנגע צייט פאָרטגעזעצט זיין רעטונגס־אַרבייט.

זיין קומען קיין ארץ ישראל, אין סאַמע מיטען פון דער גרויזאַמער מלחמה, האָט געדינט אַלס קוואַל פון ערמוטיגונג און אויפשטייג פאַר טוי־זענטער אידען אין ארץ ישראל, וואָס האָבען אין זיין מחיצה געזוכט און געפינען אַ טרייסט אין דער מורא'דיגער צייט, ווען די שרעקליכסטע ידיעות וועגען די גאַז־קאַמערען און קרעמאַטאָריעס האָבען אָנגעהויבען דערגרייכען אין הייליגען לאַנד און אַלעמענס הערצער אָנגעפיעלט מיט טרויער און פאַרצווייפלונג. זיינע „טישען", וואָס ער האָט געפראַוועט אין דער געגענ־וואַרט פון אַ גרויסער צאָל באַזוכער, זיינע מסיבות, די תורה און די נגינה וואָס איז דאַמאָלסט געהערט געוואָרען, האָט ממש אריינגעזעצט אַ נייע נשמה אין די פאַרצוגטע הערצער.

רבי אליעזר האָט אויך געלייגט דעם יסוד פאַר דער וויזשניצער ישיבה אין תל אביב, בראש פון וועלכער ער איז געשטאַנען ביז זיין פריצייטיגער פטירה, וואָס האָט ארויסגערופען אַזוי פיל טרויער אין הייליגען לאַנד. טויזענטער און טויזענטער האָבען זיך באַטייליגט אין דער לויה. ער איז געקומען צו קבורה אויפ'ן הר הזתים.

איצט איז וויזשניץ אריבערגעטראָגען געוואָרען קיין ישראל, אין שכנות פון דער שטאָדט בני ברק איז געגרינדעט געוואָרען א ישראל׳דיגער וויזשניצער צענטער.

דער טאָג פון דער לויה און קבורה פון אלטען וויזשניצער רבי׳ן אין היילינען לאנד, איז פארוואנדעלט געוואָרען אלס טאָג פון תשובה און התעוררות פאר די ברייטע מאסען אין ישראל. די גדולי ארץ ישראל האָבען זיך באטייליגט אין דער לויה, און בייגעוואוינט די קבורה. עס זיינען געהאל־טען געוואָרען רירענדע הספדים און טייכען טרערען זיינען דערביי פארגאָסען געוואָרען פאר א אלגעמיינער ישועה און פאר א גאולה שלימה במהרה.

דאָס קבר פון וויזשניצער רבי׳ן אין בני ברק, איז שוין היינט א פלאץ, וואו מענשען מיט צובראָכענע הערצער קומען זיך אויסוויינען און בעטען א ישועה.

דער אלטער וואורקער רבי

איינער פון די מערקווירדיגסטע חסידישע רביים פון פוילען, וועמענס פערזענליכקייט און טעטיגקייט עס האָט געלאָזען טיפע שפורען אין דער אידישער געזעלשאפט אין פוילען, איז געווען דער אלטער וואורקער רב און גרינדער פון דער וואורקער דינאסטיע, רבי ישראל יצחק קאליש, זצ״ל, וועלכער איז באקאנט געווען מיט׳ן נאָמען רבי יצחק׳ל וואורקער.

דער אלטער וואורקער רבי, וואָס זיין חסידישע שיטה האָט באזירט אויף די אלע דריי זיילען, אויף וועלכע די וועלט שפארט זיך אָן: תורה, עבודה און גמילות חסדים, האָט דורכגעמאכט א זעהר שטורמישען לעבען, און היות ווי די ערשטע צוויי מידות ווי תורה און עבודה זיינען נישט קיין נאָווינע ביי א חסידישען מנהיג, האָט ער זיך באזונדערס אויסגעצייכענט און ספעציאליזירט אין דער מידה פון גמילות חסדים, ביז ער האָט דער־גרייכט צו דער העכסטער מדרגה פון אהבת ישראל. ער איז געווען א שתדלן און זאָרגער פאר די נויטען פון זיין פאָלק אין ברייטסטען זין פון דאָזיגען באגריף.

געבוירען איז דער אלטער וואורקער רבי אין שטעדטעל זשאָריק ביי טשענסטאכאָוו, ביי זיין פאָטער רבי שמעון, וועלכען מען האָט גערופען דער „שווארצער שמעון״. רבי שמעון איז געווען א איד א נגיד, א ראש הקהל, א מכנים אורח. ער איז גרייט געווען דאָס לעצטע העמד אויסצוטאָן און

אוועקגעבעבן פאר אידען. יאָהרען־לאַנג האָט ר׳ שמעון קיין בן־זכר נישט געהאט, און דאָס האָט איהם פיל צער פארשאפען. איינמאָל האָט זיך אין זיין הויז אויפגעהאלטען דער באריהמטער צדיק רבי דוד׳ל לעלעווער, וועלכער פלעגט ארומפאָהרען איבער פוילען און שאפען אָנהענגער פאר חסידות, וואָס האָט זיך נאָר וואָס אָנגעהויבען פארשפרייטען און אנטוויקלען. איידער דער לעלעווער צדיק האָט פארלאָזט זיין הויז, האָט ער איהם געוואונשען, אז עס זאָל ביי איהם געבוירען ווערען א בן־זכר, וואָס זאָל די מידה פון אהבת ישראל פארפולקאָמען ביז צום העכסטען גראד, און נישט בלויז פאר זיך אליין, נאָר אויך פאר קינדער און קינדס־קינדער.

פון דער דאָזיגער ברכה איז געבוירען געוואָרען רבי יצחק׳ל, ביי וועמען די ברכה פון רבי דוד׳ל לעלעווער איז פולשטענדיג מקויים געוואָרען.

עס פארשטעהט זיך, אז דער לעלעווער צדיק האָט געהאט א דירעקטע השפעה אויף דער ערציהונג פון יונגען יצחק׳ל. ווי נאָר ער איז אונטערגעוואָקסען האָט ער אָנגעהויבען זיך „וואלגערען אין שטויב" פון די גוטע אידען פון זיין צייט.

דער ערשטער רבי זיינער איז געווען רבי ישעיה׳לע פשעדבאָרזשער זצ״ל, און ביידע, סאי ר׳ דוד׳ל לעלעווער און סאי רבי ישעיה׳לע פשעדבאָרזשער, האָבען מיט זיך פאָרגעשטעלט דעם טיפ פון פאָלקס־רביים און באגרינדער פון פאָלקסטימליכען חסידות. זיי האָבען זיך ווייניג וואָס אָפגעגעבען מיט די שארפע יונגעלייט, די לומדים מיט די חריפות׳דיגע קעפ, די שארפע מוחות און די חריפות׳דיגע יונגעלייט האָבען זיי אָפגעשיקט קיין לובלין און קיין פשיסכא. זיי האָבען בעיקר געזאָרגט פאר׳ן פאָלקסמענש, פאר׳ן „עם הארץ", פאר׳ן אָרימען דאָרפס־פעדלער, קרעטשמאר, בעל־מלאכה און קרעמער, וועמענס לעבען ס׳איז תמיד פארפינסטערט און קיין ליכטיגער שטראהל דערגרייכט ניט צו איהם. די דאָזיגע אידישע מאסען, פארשטויסען און איזאָלירט פון דער לומד׳ישער וועלט, פון די רבנים און פון סתם שעהנע אידען, האָבען געפונען אין די דאָזיגע גוטע אידען זייערע באשיצער און זייערע פארזאָרגער. מיט זייערע טאָג־טעגליכע דאגות, מיט זייערע קליינע זאָרגען זיינען זיי געקומען צום רבין און דער רבי האָט פארנומען זייערע קרעכצען, זייער צער האָט ארויסגערופען א צאפעל אין הארצען פון צדיק און ער האָט געזוכט צו לינדערען זייערע נויטען ניט נאָר מיט א ברכה, מיט א טרייסט־וואָרט און מיט וועקען ביי איהם אמונה און בטחון, נאָר אויך מיט א השתדלות ביים פריץ אָדער ראש הקהל, און גאנץ אָפט מיט די לעצטע געלט וואָס ער האָט פארמאָגט...

אין אזא אטמאָספערע האָט זיך דער קליינער יצחק׳ל ערצויגען און

דאָס האָט איבערגעלאָזט טיפע שפּורען אין זיין גרויסער נשמה, אין זיין פיהלענד הארץ.

אָבער ווי נאָר ער איז עלטער געוואָרען, האָט ער אָנגעהויבען פיהלען, אַז חסידות איז עפּעס מעהרער ווי עוסק זיין אין גמילות חסדים און זיין אַ באַשיצער פאַר די אָרימע און געדריקטע פאָלקס־מענשען. ער האָט בּיסלעכווייז אָנגעהויבען באַגרייפען די יסודות פון דער שיטה פון בעל שם טוב הקדוש, וואָס איז פארברייטערט און פארטיפט געוואָרען פון זיינע תלמידים און נאָכפאָלגער. עס האָט איהם דעריבער געצויגען קיין לובלין, וואו עס האָט געפלאַמט דאָס חסידות אין הויף פון חוזה פון לובלין, דער גייסטיגער יורש פון רבי'ן ר' אלימלך פון ליזענסק זצ"ל.

דאָרט איז ר' יצחק'ל גלייך אריינגעצויגען געוואָרען אין דער חברותא פון „איד הקדוש", דער תלמיד פון לובלינער און פון זיין נאָכפאָלגער דער רבי ר' בונם פון פּשיסכא.

ערשט דאָ האָט ר' יצחק'ל זיך פארפולקאָמט אין חסידות און געפונען דאָרט פּאַסיגע חברים אין די פּערזאָנען פון ר' מענדעלע קאָצקער, ר' איטשע מאיר גערער, ר' מרדכי יוסף איזשביצער, ר' יחיאל מאיר גאָסטינינער און אנדערע גייסטיגע ריזען, וואָס האָבען שפּעטער געשפּילט אַ גרויסע ראָל אין אידישען לעבען אין פּוילען. יעדער איינער פון זיי האָט פארמאָגט אַזעלכע גייסטיגע כחות, אַזאַ מאָס לומדות און חסידות, מיט וואָס זיי זיינען אימשטאַנד געווען אויפצונעהמען אַ ויכוח מיט אַלע גדולים פון דער רבנישער און מתנגד'ישער וועלט און ארויס אַלס זיגער. אין קיין שום פּעריאָד פון דער חסידות־תקופה האָט זיך ניט צונויפגעקליבען אויף איין פּלאַץ אַזאַ געקליבענע גרופּע פון גייסטיגע ריזען ווי אין דעם גלאַנץ־פּעריאָד פון פּשיסכער חסידות. רבי יצחק'ל זשאַריקער איז דעריבער געוואָרען איינער פון פּשיסכער'ס לייב־גוואַרדיע, איינער פון איהרע רוקען־האַלטערס.

אָבער נישט לאַנג האָט אָנגעהאַלטען דער פּשיסכער חדר. סאַי דער איד־הקדוש און סאַי דער רבי ר' בונם זיינען יונגערהייט נפטר געוואָרען און דאָס חסידות האָט זיך צעטיילט. דער גרעסטער און חשוב'סטער טייל פון די תלמידים זיינען אַוועק פון פּשיסכא און עס האָט זיך אָנגעהויבען די תקופה פון קאָצק. ר' יצחק'ל האָט אָבער פון פּשיסכא ניט געוואָלט אַוועק, הגם עס האָט איהם שטאַרק געצויגען צו זיינע חברים און האַרצענס־פריינט, באַזונדערס צו ר' מענדלען דער קאָצקער און רבי איטשע מאיר זיין תלמיד, דער שפּעטערדיגער גערער רבי, ער האָט אָבער ניט געקענט איבערלאָזען דעם פּשיסכער'ס זוהן, רבי אברהם משה'ן, הגם ער איז געווען פיעל אינגער פאַר איהם, און ער איז געבליבען אין פּשיסכא, געוואָרען זיין תלמיד.

עס איז אָבער באַשערט געווען, אַז פּשיסכא זאָל מעהר ניט שפּילען קיין ראָל אין חסיד'ישען לעבען. אַנדערהאַלבען יאָהר נאָכ'ן פּאַטער רבי בונם איז אויך נפטר געוואָרען זיין זוהן רבי אברהם משה, וועלכער האָט איינגאַנצען נוהג נשיאות געווען „דריי ראש השנה'ס", און אַלס זיין נאָכפאָל־גער איז באַשטימט געוואָרען ר' יצחק'ל, וועלכער איז דערנאָך באַריהמט געוואָרען אַלס דער וואָרקער רבי.

הגם קאָצקער חסידים זיינען געווען זעהר שאַרף און זיי האָבען מבטל געווען די גאַנצע וועלט, דאָך האָבען זיי פאַר'ן וואָרקער רבי'ן געהאַט גרויס דרך ארץ, ווייל אויך דער קאָצקער רבי גופא האָט שטאַרק געהאַלטען פון וואָרקער רבי'ן און איהם שטאַרק מכבד געווען און ווען זיין ווייב, די קאָצקער רביצין, איז קראַנק געוואָרען, האָט ר' מענדעלע איהר געשיקט קיין וואָרקע, כדי זי זאָל זיך געפינען אין דער נאָהענט פון וואָרקער רבין און ער זאָל אָפט פאַר איהר מתפלל זיין. ביי דער געלעגענהייט איז דער קאָצקער רבי אָפט געקומען קיין וואָרקע און די פריינטשאַפט צווישען זיי האָט זיך באַזונדערס פאַרשטאַרקט.

דער וואָרקער רבי איז אָבער ווייניג וואָס געזעסען אין וואָרקע. גאַנץ אָפט איז איהם אויסגעקומען צו פאַרברייננגען וואָכען און חדשים אין וואַרשע, אין צוזאַמענהאַנג מיט זיין ברייטער טהעטיגקייט אַלס שתדלן און כלל טהוער. וואו נאָר א צרה, א גזרה האָט עס אין דער ערשטער רייה געט־ראָפען דעם דאָזיגען אוהב ישראל, און ער האָט ניט מעהר געהאַט קיין רוה, ביז עס איז איהם געלונגען די גזרה אָפּצושרייען.

זעהענדיג ווי ווייט דער וואָרקער רבי איז זיך מוסר־נפש פאַר'ן כלל ווי ער ברעכט זיך אונטער דער לאַסט פון זיין עסקנות, האָט איהם דער קאָצקער רבי באַשטימט אַלס העלפער זיין גרויסען תלמיד און רוקען־האַלטער ר' איטשע מאיר וואַרשאַווער, וועלכער אַלס תושב פון וואַרשע און איידעם פון באַריהמטען באַנקיר ר' משה חלפן, האָט געהאַט ברייטע פאַרבינדונגען אין די קרייזען פון די וואַרשאַווער פּני. ר' יצחק'ל האָט זיך ניט געקוויינ־קעלט אפילו אָנצושפּאַרען ביי די פיהרער פון די אַסימילאַטאָרען, וועלכע האָבען שוין מיט חסידות א גאָר קנאַפּע שייכות געהאַט. ר' יצחק'ל האָט געהאַלטען אין דער שיטה, אַז ביים ערגסטען איד אין דער נשמה טליעט נאָך ערגעץ א פונק וואָס ביי א לייכטען בלאָז פלאַקערט ער זיך פונאַנדער. איבעריגענס, פאַרוואָס זאָל מען ניט רחמנות האָבען אויף א פאַרבלאָנדזשע־טע אידישע נשמה, פאַרוואָס זאָל מען ניט אויסאיבען א דרוק, אַז ער זאָל עפּעס טהון פאַר אידען און אידישקייט, כדי עס זאָל איהם דינען אַלס זכות אויף יענער וועלט?...

איינמאָל האָט איינער פון די „בעלי טובות", וועלכער איז שוין ווייט געווען אַוועק פון אידישקייט, געמאַכט אַ ברית ביי זיין ניי־געבוירענעם קינד, און דער ברית איז אויסגעפאַלען אום שבת. דער בעל־ברית האָט דורכאויס פאַרלאַנגט, אַז דער רבי פון וואורקע און ר' איטשע מאיר זאָלען קומען צום ברית. די וואוינונג פון בעל־ברית איז געווען ווייט פון אידישען צענטער און האָט זיך געפונען אין אַן אריסטאָקראַטישער געגענד. ר' איטשע מאיר האָט זיך דאריבער געוואקעלט צו געהן צום ברית. אָבער ר' יצחק'ל האָט איהם צוגערעדט און זיי זיינען ביידע געקומען צום ברית.

ווי נאָר זיי זיינען אריינגעקומען אין הויז פון בעל־ברית, האָבען זיי באמערקט ווי אַ טייל פון די פאַרזאַמעלטע האָבען אויסגעלאָשען און באהאַלטען זייערע סיגאַרען, וואָס זיי האָבען געהאַלטען אין רויכערען. דאָס האָט געמאַכט אַ פיינליכען רושם אויף רבי איטשע מאיר'ן און ער האָט גע־האַט גרויס תרעומות אויף דעם וואורקער רבי'ן, פאַרוואָס ער האָט איהם צוגערעדט צו געהן אויף אַזאַ ברית, בייצואוואוינען אַזאַ חילול שבת.

— איך וועל אייך זאָגען אַ וואָרט, וואָס וועט אייך בארוהיגען — האָט ר' יצחק'ל אַ זאָג געטהאָן צום גערער רבי'ן — די חז"ל דערצעהלען אונז, פאַרוואָס אליהו הנביא איז באַשטימט געוואָרען אלס מלאך הברית, פאַרוואָס ער איז מחויב בייצואוואוינען יעדען ברית, ווייל אנטלויפענדיג פון אחאב'ן, דעם מלך ישראל, און באהאַלטענדיג זיך אין אַ הייל, האָט ער אויף דער פראַגע „מה לך פה אליהו" (וואָס טהוסטו דאַ, אליהו?) געענטפערט: אַזוי ווי די אידען האָבען פאַרלאָזט דיין ברית (זיי זיינען ניט מעהר מל זייערע קינדער) האָט ער צווישען זיי מעהר ניט קיין פּלאַץ און ער איז אנטלאָ־פען אין דער מדבר. דארויף האָט איהם דער רבונו של עולם אָבגעענטפערט: וואָס זאָגסטו, מיינע קינדער האַלטען ניט מעהר פון מיין ברית? דערפאַר באַקומסטו אַ שטראָף, אַז דו זאָלסט בייוואוינען אַלע ברית'ן ביי אידען און זאָלסט זיך איבערצייגען, אַז דו האָסט מיינע קינדער אומזיסט פאַראורטיילט.

אין פלוג איז דאָך ניט צו פאַרשטעהן: וואָסער שטראָף איז עס פאַר אליהו, ווען ער מוז בייוואוינען אַלע ברית'ן, — נאָר ווייל עס קומט אמאָל אויס בייצואוואוינען אַזאַ ברית ווי מיר האָבען היינט ביי־געוואוינט, און אַזאַ ברית איז ווירקליך אַן אָפּקומעניש...

— הערט זשע, ליבער ר' איטשע מאיר, פאַרוואָס זאָלען מיר זיין גרעסערע יחסנים פון אליהו הנביא? — האָט דער וואורקער רבי אויסגע־פיהרט — ער מעג בייוואוינען אַזאַ ברית און מיר ניט?...

אַ דאַנק זיין גדולה, נאָכגעביגקייט און פּאָזיטיווער באַציהונג צו יעדען סאָרט איד, האָט דער וואורקער רבי זיך ערוואָרבען פּאָפּולאַריטעט

אין די ברייטסטע קרייזן. אפילו די געגנער פון די פרומע אידען, די אויס־געשפּראָכענע אסימילאַטאָרען, וועלכע האָבען דאמאָלסט געהאט א דעצידי־רענדע דעה אין אידישען לעבען, האָבען זיך באַצויגען צו איהם מיט דער טיפסטער אכטונג און עהרפורכט, און זיי האָבען ניט געוואגט ווידערצושפּע־ניגען זיין רצון.

גאנץ אָפט האָט ער געפועל׳ט ביי אזעלכע פּערזאָנען ווי עפּשטיין, מאטיאַס ראָזען, אָדער ווינאוואר, די קאפּיטאליסטען פון די „דייטשע" אידען, די האלב־רעפאָרמער, אז זיי זאָלען אוועקגעהן צום רוסישען שטאטהאלטער און בעטען מבטל מאכען א רעפאָרם־פּראָיעקט, וואָס די מאכט האָט אַרויס־געגעבען לגבי אידען, ביי וואָס זיי אליין זיינען געוועזן די פּראָיעקט־געבער. . . פּארענטפּערענדיג זיך דערמיט, וואָס דער „ראבין פון דער שטעטעל וואורקע" פאַרמאָגט אין זיך אזא כח, אז עס איז שווער אָפּצוזאָגען זיין פּארלאנג. באַזונדערס איז כדאי ניט איינצורייסען מיט איהם. אזוי איז ער טאקע א מילדע פּערזענליכקייט מיט א בריליאנט־הארץ, אָבער ווער עס ווידערשפּע־ניגט זיין פּארלאנג אָדער מען טהוט איהם גאָר צו להכעיס — דעם איז גאָרניט מקנא צו זיין...

טיילמאָל האָט דער וואורקער רבי ניט געוואָלט זיך פּארלאָזען אויף די פּרעמדע שתדלנים און פלעגט אליין אָנשפּארען אין די „הויכע פענסטער". אז ער האָט געוואָלט, זיינען אלע טירען פאר איהם געשטאנען אָפען און די מאכטהאָבער האָבען בלויז פאר זיין הדרת פנים, פאר זיין בליק זיך דערשראָקען...

אזוי ארום איז רבי יצחק׳ל וואורקער געוואָרען איינער פון די באַג־רינדער און באפעסטיגער פון פּוילישען חסידות. דאָס חסידות האָט זיך מיט דער צייט אויסגעשפּרייט, פארנומען איין פּאָזיציע נאָך דער אנדערער, ביז עס האָט געשפּילט א דאָמינירענדע ראָלע אין פּוילישען אידענטום.

דער אלטער וואורקער רבי איז נפטר געוואָרען אחרון של פסח תר״ח און איז געקומען צו קבורה אין דער שטעטעל וואורקע, ביי ווארשע. זיינע נאָכפאָלגער זיינען געוועזן די רביים פון וואורקע, אמשינאָוו, סקערניעוויץ און אָטוואָצק, א טייל פון זיי האָבען גע׳שם׳ט אלס גרויסע און באריהמטע פּערזענליכקייטען. אויך דער רבי ר׳ יחיאל פון אלעקסאנדער, דער באַגרינ־דער פון דער אלעקסאנדער דינאסטיע, איז געוועזן א תלמיד פון וואורקער רבין.

דריי דורות גערער חסידות

מיט דער פּטירה פון גערער רבי'ן רבי אברהם מרדכי אַלטער זצ"ל האָט זיך אָפּגעשלאָסען א גרויסע תקופה אין פּוילישען חסידות, א תקופה וואָס האָט אָנגעהאַלטען קארגע 90 יאָהר,פון יאָהר תרי"ט ביז תש"ח.

די דריי רביים פון דער גערער דינאַסטיע: דער „חידושי הרי"ם", דער „שפת אמת" און דער רבי ר' אברהם מרדכי, זיינען געווען אזוי פאַר־שידענאַרטיג אין זייערע כאראַקטערען און התנהגות, אזוי אַנדערש איינער פון אַנדערען, אז עס האָט פּשוט געבראַכט צו שטוינען, און דאָך איז עס געווען א י י ן ה מ ש ך, איין רינג אין דער גאָלדענער קייט פון חסידות, און איינער האָט משלים געווען דעם אַנדערען, ווייל יעדער האָט רעפּרעזענטירט זיין תקופה, אָנגעווענדעט די מיטלען, וואָס זיינען נויטווענדיג געווען אין דער באַטרעפענדער צייט.

דער ערשטער גערער רבי, רבי יצחק מאיר, דער „חידושי הרי"ם" זצ"ל, איז געבוירען און ערצויגען געוואָרען אין הויף פון קאָזשעניצער מגיד, רבי ישראל, זצ"ל. זיין מוטער איז געווען א הויז־מיידעל ביים מגיד. זי איז שוין געווען א מיידעל אין די יאָהרען און האָט ניט געקענט טהאָן קיין שידוך. האָט דער מגיד איהר פאַר'קנס'ט צו דעם מאַגנישאַווער רב, ר' ישראל ראָטענבערג ז"ל, וועלכער איז געוואָרען אַ אַלמן און דער קאָזשעני־צער מגיד איז געווען דער „עומד" מצד הכלה.

ווען ר' איטשע מאיר איז געווען א קינד, פלעגט די מוטער אָפט קומען קיין קאָזשעניץ האַנדלען אויף'ן יאַריד, ווייל פון איהר מאַן'ס רבנות האָט ניט געסטייעט אויף פּרנסה. האָט די רביצין איהר קינד איבערגעלאָזט ביים מגיד אין שטוב אויף זיין בעטעל און אליין איז זי ארויס אויף'ן מאַרק. דער מגיד האָט דאַן אויפגעפּאַסט אויפ'ן קינד און זיך שטאַרק אָפּגעגעבען מיט איהם. ווען ער איז עטוואָס עלטער געוואָרען, האָט דער מגיד מיט איהם אויך געלערענט.

פון זיין פריהסטער יוגענד האָט דער קליינער איטשע מאיר'ל זיך ארויסגעוויזען אַלס ניט־דורכשניטליך קינד. זיין פּקחות, חריפות און שאַרפע תפיסה האָט אַלעמען איבערראַשט. אַלס ניין־יאָהריגער עלוי האָט ער געבראַכט צום שטוינען די גרעסטע לומדים. אָבער דער מגיד האָט איהם געהיט ווי אַן אויג אין קאָפּ און געזאָרגט פאַר זיין פאַרפאָלקאָמונג און שטייגונג אין לערנען.

גאַנץ יונג האָט ער חתונה געהאַט פאַר דער טאָכטער פון באַריהמטען וואַרשאַווער גביר רבי משה חלפן, וועלכער האָט איהם צוגעזאָגט אייבי־גע קעסט. אין וואַרשא, וואו עס האָבען זיך געפונען גרויסע לומדים, האָט

זיך ר׳ איטשע מאיר׳ל ערשט רעכט אנטוויקעלט און זיין נאָמען האָט גע־שם׳ט אויף ווייט און ברייט.

כל זמן דער מגיד פון קאָזשעניץ האָט געלעבט, האָט ער ניט געוואָלט פאָהרען צו קיין אנדערען רבין, הגם עס האָט איהם שטארק געצויגען קיין פשיסכא צום רבין ר׳ בונם, דער באריהמטער רבי, ביי וועמען עס האָבען זיך קאָנצענטרירט די פייערדיגסטע מחות פון דער חסידישער וועלט, ווי ר׳ מענדעלע דער קאָצקער, ר׳ מרדכי יוסף דער איזשביצער, ר׳ יצחק׳ל וואורקער, רבי העניך דער אלעקסאנדרער און אנדערע. אָבער נאָך דער הסתלקות פון מגיד האָט ר׳ איטשע מאיר׳ל צוזאמען מיט זיינע תלמידים און חברותא איבערגעטראָגען זיך קיין פשיסכא.

פאר׳ן קאזשעניצער חסידות איז עס געווען א געוואלדיגער קלאפּ. דער זוהן פון מגיד, דער רבי ר׳ משה׳לע האָט מרעיש־עולמות געווען, אז ר׳ איטשע מאיר׳ל זאָל איהם ניט פארלאָזען. אָבער עס האָט ניט געהאָלפען. מען דערצעהלט, אז איינמאָל, זייענדיג אין קאָזשעניץ, איז אנטשטאנען א שווערע שאלה ביים טיש. און ר׳ איטשע מאיר האָט די שאלה פארענט־פערט מיט א גאונ׳ישער סברא, האָט זיך דער רבי ר׳ משה׳לע צוגעבויגען צו איהם און א קוש געטהאָן אויף׳ן שטערען, דאָס האָט ר׳ איטשע מאיר׳ן נאָך מעהר אויפגעבראכט און ער האָט אויסגערופען:

— איך דארף א רבין, וואָס זאָל רייסען פון מיר שטיקער, און ער קושט מיר גאָר!...

אָבער דאָס אוועקגעהן פון קאָזשעניץ האָט ר׳ איטשע מאיר׳ן טייער געקאָסט. ער האָט כסדר געהאט סיבות מיט קינדער... יעדעס מאָל, ווען ער פלעגט צוריקקעהרען פון פשיסכא, האָט ער געפונען אבלות אין שטוב, איין קינד איז איהם געשטאָרבען נאָך׳ן אנדערען, אזוי אז אלע קינדער זיינען געשטאָרבען ביים לעבען. און געבליבען נאָך איהם זיינען נאָר אייניק־לאך, וועלכע ער האָט ערצויגען ווי אייגענע קינדער. די רביצין, זיין פרוי, פלעגט פאר איהם וויינען און קלאָגען, אז ער זאָל רחמנות האָבען אויף די קינדער און ניט פאָהרען קיין פשיסכא, אָבער ער האָט ניט געוואָלט הערען דערפון.

— דער אמת איז ביי מיר טייערער ווי אלץ אין דער וועלט, און דעם אמת געפינט מען נאָר אין פשיסכא...

נאָך דער פטירה פון רבין ר׳ בונם האָבען די חסידים פארלאנגט, אז ר׳ איטשע מאיר וואַרשאַווער זאָל ווערען רבי, אָבער ער האָט ניט געוואָלט הע־רען דערפון, און ער אליין האָט דעצידירט, אז אלס ממלא־מקום פון רבין ר׳ בונם זאָל באשטימט ווערען רבי מענדעלע, דער קאָצקער, זצ״ל.

מיט׳ן קאָצקער רבין איז דער חידושי הרי״ם געווען צוויי מאָל פאַר־בונדען. איינמאָל איז ער איהם געווען א שוואָגער, די פרויען זיינען געווען שוועסטער, און א זוהן פון קאָצקער, רבי בנימין, איז געווען דער מאַן פון זיין אייניקעל, די טאָכטער פון זיין זוהן רבי אברהם מרדכי. דאָך איז ער געשטאַנען פאר׳ן קאָצקער רבין ווי „א קנעכט פאר זיין האר״, און די טיי־ערסטע חידושי תורה האָט ער געוואָרפען אין פייער, קוים האָט ער באמערקט ביים קאָצקער א מהיכי־תיתי־בליק, בשעת ער האָט איבערגעקוקט די תורה...

אויף׳ן באפעהל פון קאָצקער איז ר׳ איטשע מאיר אריינגעצויגען געוואָרען אין עסקנות, מיטגעווירקט, אז זיין שווער ר׳ משה חלפן זאָל לייען א ריזיגע סומע די פוילישע אויפשטענדלער געגען די רוסען בעת׳ן אויפשטאנד אין יאָהר 1831, און דערפאר האָט ער געמוזט עוקר זיין קיין אויסלאנד, ווען דער אויפשטאנד איז דורכגעפאלען, און צוריקקומען ערשט אין א צייט ארום, אָננעהמענדיג א צווייטען פאמיליע־נאָמען אָנשטאָט ראָטענבערג — אלטער.

נאָך דער פטירה פון קאָצקער רבין, אין יאָהר תרי״ט, איז ר׳ איטשע מאיר געקרוינט געוואָרען אלס רבי און זיך באזעצט אין שטעטעל גער (גורא־קאלוואריא) ביי ווארשא.

כאראַקטעריסטיש איז, אז אין משך פון דער צייט האָט מען ר׳ איטשע מאיר׳ן אָנגעבאָטען צוויי מאָל דאָס רבנות אין ווארשע, אָבער ער האָט עס צוריקגעוויזען.

אזעלכע גדולים ווי רבי עקיבא איגער, ר׳ יעקב ליסער, רבי יעקב ארנשטיין, לעמבערגער רב, האָבען קיין ווערטער ניט געהאט פאר דער גדלות פון חידושי הרי״ם. דער באריהמטער ווארשאווער רב ר׳ בעריש מייזעלס האָט ניט געטהאָן די מינדעסטע זאך אָהן דער הסכמה פון חידושי הרי״ם. זיי האָבען געהאלטען, אז אין משך פון דורות איז אזא גדול ניט געווען און ווען ער וואָלט זיך ניט אָפגעגעבען מיט חסידות, וואָלט ער די וועלט פארשיינט..

די זיבען יאָהר, וואָס דער חידושי הרי״ם האָט „געפיהרט״, האָבען חסידים אָנגערופען „שבע שני השובע״ (די זיבען זאטע יאָהרען). אזא שפע ביי אידען איז שוין לאנג ניט געווען. אין פוילען האָט מען געהאלטען, אז ווער עס ריהרט אָן דעם גרערער׳ס קליאמקע, איז שוין פארזיכערט מיט פרנסה...

נאָך זיין פטירה האָט מען אָפגעדרוקט זיינע חידושים אויף ש״ס אונטער׳ן נאָמען „חידושי הרי״ם״, א קליין ספר׳ל אויף תורה, „ספר הזכות״ און נאָך א רייהע חידושים זיינע. א גרויסע צאָהל פון זיינע חידושים זיינען אָפגעדרוקט אין ספר „שפת אמת״ פון זיין אייניקעל און נאָכפאָלגער.

ווען דער חידושי הרי״ם איז נסתלק געוואָרען, כ״ה אדר תרכ״ו,

איז נאָך זיין אייניקעל רבי לייבעלע, דער „שפת אמת", געווען גאָר יונג. אין גאַנצען 17 יאָהר אַלט. חסידים זיינען דאריבער געפאָהרען צום רבי'ן ר' העניך פון אַלעקסאַנדער, איינער פון די זיילען פון קאָצקער חסידות. און אויך ר' לייבעלע איז צו איהם געפאָהרען, אָבער זיין רבי'סטוואָ האָט אין גאַנצען אָנגעהאַלטען פיער יאָהר און ער איז נפטר געוואָרען י"ח אדר תר"ל. ערשט דאַן זיינען די גערער חסידים צוגעשטאַנען צו רבי לייבעלע ער זאָל ווערען רבי. רבי לייבעלע איז געווען א יונגערמאַן פון איין און צוואַנציג יאָהר און ער האָט שטאַרק ניט געוואָלט ווערען רבי.

— פאַרוואָס זאָל ניט ווערען רבי ר' הירש טאָמאַשאָווער? — האָט ער אויסגערופען — ער איז דאָך געווען דער נאַמן־בית אין קאָצק!...

— וואָס ווילט איהר פון אונז — האָט ר' אברהם'עלע פאַריסאָווער, איינער פון דער דעלעגאַציע, צו איהם א זאָג געטהאָן — ווידער אַן אַלטען מאַן אַלס רבי; ווילט איהר, אַז מען זאָל כסדר שטעהן מיט'ן תהילים'ל און מתפלל זיין פאַר'ן לעבען פון די רביים אונזערע? מיר ווילען א רבין א יונגערמאַן, ער זאָל מאריך ימים זיין ...

ענדליך האָט ער מסכים געווען צו ווערען רבי און דער גערער הויף, וואָס האָט געפּוסטעוועט פיער יאָהר צייט, האָט ווידער אויפגעלעבט.

רבי יהודה אריה לייב, דער מחבר פון ספר „שפת אמת", איז געווען א זוהן פון רבי אברהם מרדכי זצ"ל, דער זוהן פון חידושי הרי"ם, וועלכער איז נפטר געוואָרען בחייו. ר' אברהם מרדכי איז געווען איינער פון די באַהאַלטענע צדיקים, וואָס גאָר גרויסע זיינען אויף איהם געווען א מבין... ער האָט געהאַט א ספרים געשעפט אין וואַרשע וואו ער איז געשטאַנען און גע'מסחר'ט. חסידים דערצעהלען, אַז איינמאָל איז פאַר דער ספרים־געשעפט פאַרבייגעפאָהרען דער באַריהמטער רבי ר' יחזקאל'ע פון קאַזמיר, זעהענדיג ר' אברהם מרדכי'ן שטעהן פאַר דעם געשעפט, האָט ער א פרעג געטהאָן:

— ווער איז עס דער יונגערמאַן וואָס שטעהט דאָרט?

— דאָס איז ר' איטשע מאיר'ל וואַרשאַווער'ס זוהן — האָט מען איהם אָפּגעענטפערט.

— אָווא, אָווא, ער שיינט דאָך שענער ווי דער פאָטער... אָבער — האָט ער צוגעגעבען מיט א זיפץ — איך זעה ניט פאַר איהם קיין אריכות ימים...

דער „שפת אמת" האָט געפיהרט זיין חסידות ביד רמה. זעהר שטרענג געווען צו זיינע חסידים, איבערהויפּט צו די יונגע חסידים. זיי האָט ער געשיקט צו דער גמרא. וואָס מיר חסידות, — ווער מיר חסידות, איהר וועט צייט האָבען דערצו. א בחור האָט ניט געטאָרט א בליק טהאָן אין א חסיד'יי־

שען ספר אָדער אין א זוהר. די יונגעליים האָט מען געטריבען אין גער, געהייסען אהיים פאָהרען צו די ווייבער און אכטונג געבען, אז די היימען זאָלען זיך פיהרען אין אידישען וועג. מען האָט איהם זעלטען ווען געקענט באוועגען צו קומען אויף אן אספּה. געלערענט מיט די קינדער און איי־ניקלאך, נור געשריבען חידושים און תורה און א קליינע צייט אין טאָג געפּראַ־וועט די חסידים, וועלכע האָבען פאר איהם געציטערט אימת המלכות.

דאָך איז זיין השפּעה געוואקסען. ער האָט גענומען עראָבערען דאָס פּוילישע חסידות און אין גער האָט מען דעצידירט ווער עס זאָל זיין רב, ראש הקהל אָדער שוחט אין דער אָדער יענער שטאָט.

פון „שפת אמת" זיינען פארבליבען זעהר פיעל דברי תורה. זיין ספר „שפת אמת", 5 חלקים אויף תורה, געהערט צו די מאָנומענטאַלע ווערק אין דער חסידות־ליטעראטור, וועלכע מען דארף לערנען בעיון, אז מען זאָל פארשטעהן די כוונה. דאָרט געפינט זיך אויך פיעל תורה פון זיין זיידען דער חידושי הרי"ם און פון קאָצקער רבי'ן. אויך אין דער מתנגד'י־שער וועלט איז מען נתפּעל פאר'ן ספר „שפת אמת".

אחוץ דעם זיינען אָפּגעדרוקט געוואָרען „שפת אמת" אויף ש"ס, אויף תהילים, אויף דער „הגדה", אויף משלי און אנדערע ספרים. עס זיינען אויך געבליבען פיעל כתבי־יד וועלכע זיינען פארניכטעט געוואָרען בעת דער מלחמה.

ה' שבט תרס"ה איז דער „שפת אמת" נפטר געוואָרען אין עלטער פון 56 יאָהר, נאָכדעם ווי ער האָט נוהג נשיאות געווען 35 יאָהר. און אויף זיין אָרט איז באשטימט געוואָרען זיין עלטסטער זוהן, רבי אברהם מרדכי'לע, דער וועלט־באריהמטער גערער רבי זצ"ל.

דאָס געבורט פון אַ צדיק

די חסידישע לעגענדע איז געוואוינט איינצוהילען דאָס געבורט פון א צדיק אין ארעאָל פון לעגענדעס. און אָט איז די לעגענדע וועגען דעם געבורט פון גרויסען גערער רבי'ן, רבי אברהם מרדכי זצ"ל:

געווען איז עס חנוכה פון יאָהר תרכ"ה. א יאָהר פאר דער הסתלקות פון ערשטען גערער רבין און גרינדער פון דער גערער דינאסטיע, רבי יצחק מאיר, בעל „חידושי הרי"ם זצ"ל. דער רבי, וועלכער האָט אַלע זיינע קינ־דער פארלוירען ביי זיין לעבען האָט זיך זעהר פיעל אָבגעגעבען מיט זיינע

אייניקלאך, וועלכע זענען פריהצייטיג פאר׳יתומ׳ט געווארען „צוליב זיינע זינד״. אויך דאס מאל האט ער צונויפגעזאמעלט זיינע אייניקלאך און געטיילט זיי „חנוכה־געלד״. אבער ווי מיט א כיוון האט ער אויסגעמידען זיין עלטסט אייניקעל, לייבעלע, דעם שפעטערדיגען גערער רבין און ממלא מקומו, באקאנט אלס דער „שפת אמת״, וועלכער איז שוין דאמאלס געווען א בעל־הבית׳ל, הגם ער איז נאך געווען גאר יונג.

נאכדעם ווי אלע אייניקלעך האבען שוין באקומען זייער חנוכה־געלט, רופט דער רבי אויס צו זיין באליבט אייניקעל:

— און דו, לייבעלע, ווילסט גארנישט קיין חנוכה־געלט?

— איך נויטיג זיך נישט אין קיין געלט, זיידע, — האט דער שפעטערדיגער „שפת אמת״ געענטפערט.

— דערפאר נויטיגסטו זיך אין א בן־זכר. זאג איך דיר צו, אז אי״ה איבעראיאהר וועט דיין ווייב געבוירען א זוהן, און דאס וועט זיין דיין „חנוכה־געלט״.

דאס יונגע ווייבעל, יוכבד רבקה, די טאכטער פון באריהמטען אידישען פריץ רבי יודעל כענצינער ז״ל, איז געווען זייער א שוואכע, און ווען זי איז פארגאנגען אין טראגען האט מען זיך זעהר געשראקען פאר איהר געזונט. די מוטער פון דער יונגער רביצין איז געקומען פון איהר גוט און צוזאמען מיט דער באבע, פייגעלע, האט זי געוואכט איבער דער יונגער און שוואכער פרוי, וועלכער די דאקטוירים האבען אנגעזאגט, אז זי „טאר נישט האבען קיין קינדער״.

ווען עס איז געקומען די צייט, האט זיך די געווינערין געפינען אין גרויסער סכנה. די דאקטוירים האבען איהר מיאש געווען. אין הויף האט געהערשט א געדריקטע שטימונג. מען האט אין גרויסען בית מדרש געזאגט תהילים אהן הפסקה. אבער דער יונגערמאן, איז געזעסען אין זיין לערן־חדר, פארטיפט איבער זיינע ספרים, ווי ער וואלט זיך וועלען פארגעסען פון דער ווירקליכקייט. די באבע און די מוטער פון דער געווינערין האבען אבער נישט אויפגעהערט צו שטורמען ביים אלטען רבין, ער זאל מתפלל זיין פאר׳ן לעבען פון דער געווינערין. דער אלטער רבי איז געווען מאדנע רוהיג און בארוהיגט די ווייבער, אז עס וועט קיין שלעכטס נישט געשעהן.

ווען דאס קינד איז געפאלען אויף דער וועלט, האט זיך אין דער ערשטער מינוט אויסגעדוכט, אז דאס איז א טאכטער. איינע פון רבינ׳ס אייניקלעך, וועלענדיג אנזאגען דעם זיידען די גוטע בשורה, האט אויפגעכאפט דעם קלאנג און אריינגעלאפען צום זיידען, אויסרופענדיג:

— מזל טוב, א מיידעל!

— דו זאָגסט נישט ריכטיג, טאַכטערשי, — האָט דער רבי געענט־פערט מיט שמייכל — און אין דעם זעלבען מאָמענט איז אריינגעלאָפען די אלטע רביצין, מיט דער בשורה: מזל טוב א בן־זכר.

דאָס איז געווען ז׳ טבת פון יאָהר תרכ״ו, 80 טעג פאר דער פטירה פון חידושי הרי״ם.

ביים ברית איז דער חידושי הרי״ם געווען גאָר שטארק אויפגעלעגט. ער האָט געשמועסט גאָר שארפע תורה, פון וואָס חסידים זענען אריינגעפאלען אין התפעלות. דערנאָך האָט ער אויסגערופען א שטראַהלענדיגער:

— געלויבט איז דער בורא, וואָס ביי מיר איז מקוים געוואָרען „גם בני מכיר בן מנשה יולדו על ברכי יוסף״...

אין א ווײלע ארום האָט ער א זאָג־געטהון:

— זאָל מען אריינברענגען דאָס קינד!

דער עולם איז פארוואונדערט געוואָרען פון דער דאָזיגער אומפארשטענ־דיגער פאָדערונג פון רבין. אָבער נאָך מעהר איז מען געוואָרען אויסער זיך, ווען דער רבי האָט גענומען ארומטאפּען דאָס קינד אויפ׳ן גאנצען קערפּעריל, פון קאָפּ ביז די פיסלעך. דאן האָט ער א זאָג־געטאָן:

— איך וויים נישט, וואָס מען האָט געקענט בעסער אויסבעטען...

ווי דער מנהג איז געווען, האָט דער אלטער רבי אויפגעשריבען אין א שער בלאט פון זיינס א ספר וועגען דעם געבורט פון זיין אור־אייניקעל אברהם מרדכי׳לע, דאָס אייניקעל פון זיין פריה־צייטיג פארשטאָרבענעם בכור. דערביי האָט ער געשריבען: „לסדר את כל אשר הוא עושה ד׳ מצליח בידו״, און לפרט „ונחה עליו רוח ד׳ רוח חכמה ובינה, רוח עצה וגבורה, רוח דעת ויראת ד׳״...

דערפון האָבען חסידים געוואוסט, אז אויף דעם אינגעל האָט דער אלטער רבי געווארט, און אז ער איז געבוירען געוואָרען צו גרויסע מעשים. און ווירקליך, נאָכ׳ן געבורט פון אור־אייניקעל, האָט עס נישט געדויערט קיין גאנצע דריי חדשים, ווי דער חידושי הרי״ם איז נסתלק געוואָרען (כ״ה אדר) און עס איז מקוים געוואָרען: ובא השמש וזרח השמש...

ביים לעבען פון זיין פאָטער דער „שפת אמת״ איז ר׳ אברהם מרדכי׳לע געווען א נחבא אל הכלים. א וואָרט איז ביי איהם געווען א רענדעל. פון דעם דאָזיגען גדר און אָבגעהיטענקייט פון אן איבעריגען וואָרט, האָט ער זיך קיינמאָל נישט באפרייט. די פארוויקעלטסטע און שווערסטע פּראָבלע־מען האָט ער געלעזען מיט איין וואָרט, און ווען מען האָט געקאָנט יוצא זיין מיט א תנועה, האָט ער עס געטאָן דורך זיין תנועה. יומם ולילה איז

ער געזעסען און געלערענט און קיין איבעריגע מינוט האט ער נישט געלאזט פארלוירען געהן אהן תורה, דאך האט ער געוואוסט, וואס עס טוט זיך אויף דער וועלט; פון די אלע פרייע שטרעמונגען, וואס האבען זיך אנטוויקעלט און באדראהט דאס תורה אידענטום. דאס האט איהם שטארק באאומרוהיגט. אבער ער האט געוואוסט, אז עס איז נאך נישט געקומען זיין צייט. איצט פיהרט דער גרויסער טאטע אויף זיין שטייגער. עס וועט קומען א צייט ווען די הנהגה וועט איבערגעהן אין זיינע הענט, וועט ער זיך אפשר דארפען באנוצען מיט מעהר ווירקזאמע, הגם דראסטישע מיטלען, אין קאמף געגען דער השכלה און פרייגייסט און אויך מיט'ן זעלבען געוועהר, מיט וועלכען זיי באנוצען זיך. נאר על טהרת הקודש.

איהם האט מען גערופען „דער גרויסער שתקן". תמיד איינגעשלאסען אין זיינע ד' אמות, על התורה ועל העבודה, א גרויסער חובב ספרים, א ביבליאגראף אין וועלט־פארנעהם. צוזאמען מיט זיין שטייגען אין נגלה און נסתר, איז ער אויך געשטיגען אין חכמת הביבליאגראפיע. ער האט כסדר געהאלטען אין קויפען ספרים, באזונדערס יקרי המציאות. דאס ווייב זיינס, די רביצין ראדע, די טאכטער פון באריהמטען למדן און גביר ר' נח שחור פון ביאלא, האט איהם אוועקגעגעבען איהר רייכע ציהרונג, וועלכע ער האט פארקויפט און דערפאר געקויפט ספרים. וועגען דעם האט מען זיך דערוואוסט נאך איהר פטירה, בשעת דעם הספד, וואס דער רבי האט אויף איהר געמאכט.

זיין ביבליאטעק האט געהאט א וועלט־נאמען. ער פלעגט אויך פון צייט צו צייט באזוכען די גרויסע לייברעריס, אין די פארשיידענע אייראפעאישע שטעדט, זוכען און נישטערען, פארגלייכען, פארשען, און די גרויסע ביבליאגראפען און ביבליאטעקארען האבען שוין געוואוסט פון איהם, און ווי נאר ער האט זיך באוויזען, פלעגט מען איהם אונטערטראגען אלטע ספרים, כתבי־יד, ביי וועלכע מען האט געהאט ספקות און ער פלעגט די ספקות לעזען. אבער נישט סתם געשטעלט אויף זיך, ער האט אויך אנגעוויזען די ראיות, וואס באשטעטיגען זיין פעסטשטעלונג.

געהאט האט ער א געוואלדיגען מח, זיין תפיסה איז ממש געווען א פלא. דאס דיקסטע ספר פלעגט ער דורכגעהן אין עטליכע מינוט און דאך זיין קלאר דערין. בכלל האט ער געוואוסט דעם אינהאלט פון אלע ספרים וואס ער האט פארמאגט אין זיין ביבליאטעק. אויב עמיצער האט געשמועסט אין לערנען און ציטירט נים ריכטיג א געוויסע שטעלע, אין א ירושלמי, אדער אין א ראשון, פלעגט ער, אהן אויסריידען א ווארט, צוגעהן צו דער ספרים־פאליצע, ארויסנעמען דאס באטרעפענדע ספר, אויפמישען כהרף עין און אויפווייזען דעם טעות.

הונדערטער בריעף פלעגט ער דורכלייענען אין א שעה. און ענטפערען אויף א גרויסע טייל פון זיי. זיינע חידושי תורה זענען געווען ווי בליצען. א ווארט — א בליץ. אבער דער יעניגער וואס האט זיי פארשטאנען, פלעגט איהם ממש ליכטיג ווערען אין די אויגען.

די רביצין האט געהאט צו איהם טענות, פארוואס ער פארנאכלעסיגט זיינע פליכטען אלס מאן און אלס טאטע צו זיינע קינדער און ער געהט קיינמאל נישט ארויס פון זיינע ד׳ אמות, איבערלאזענדיג דעם גאנצען עול פון הויז און פון קינדער־ערציהונג אויף איהר. רבי אברהם מרדכי האט אבער גוט געוואוסט, אז ער קען זיך אויף זיין רביצין פארלאזען.

איינמאל, ווען עטליכע קינדער אויף אמאל זענען קראנק געווען אויף א קינדער קראנקהייט, האט ר׳ אברהם מרדכי מפסיק געווען פון זיינע שיעורים און אריין אין קינדער־חדר מבקר־חולה זיין די קראנקע קינדער. דאס האט אויסגענוצט די רביצין און מתרעם געווען, אז ער האט די גאנצע לאסט געווארפען אויף איהר, הן אין עניני פרנסה, הן אין ערציהען די קינדער, סיי פיזיש און סיי גייסטיג, און ער איז גאר ווי א פרעמדער...

דערויף האט דער שפעטערדיגער גערער רבי געענטפערט מיט א שמייכעל:

— פונדעסטוועגען בעטען מיר פארט „כרחם אב על בנים" און נישט כרחם אם על בנים...

— דערפון איז גאר קיין ראיה נישט אז די מאמע האט ווייניגער רחמנות אויף איהרע קינדער ווי דער טאטע, — האט די מלומדת׳דיגע רביצין אבגעענטפערט: — פארקעהרט, מיר האבען גארנישט קיין העזה צו בעטען אין אונזערע תפילות, אז דער טאטע אין הימעל זאל אויף אונז רחמנות האבען ווי א מאמע האט רחמנות אויף איהרע קינדער. דאס וואלט געווען צופיעל געוואגט... מיר בעטען אז לפחות זאל מען אויף אונז רחמנות האבען ווי א טאטע האט רחמנות אויף זיינע קינדער...

דער גאנצער טומעל אין הויף איז איהם גארנישט אנגעגאנגען. ער האט זיך געפילט ווייט פון דעם יאריד. די טויזענדער חסידים, וועלכע האבען נאך ביים לעבען פון „שפת אמת" באצויגען זיך צו איהם מיט יראת הכבוד, האבען נישט געוואגט צוגעהן צו איהם, מבטל זיין איהם פון זיינע ענינים. מיט כלל־זאכען האט ער זיך איבערהויפט נישט אפגעגעבען. אומזיסט זענען געווען די באמיהונגען פון די עסקנים און חשובע געסט, וואס פלעגען אפט קומען קיין גער וועגען כלל־זאכען אויפגענומען צו ווערען פון רבי אברהם מרדכי׳לע, הערען זיין מיינונג, ווייל געוואוסט האט מען פון זיין פקחות און אויסערגעוועהנליכער אריענטאציע.

איינמאָל איז געקומען קיין גער נחום סאָקאָלאָוו, דער דאַמאָלסטיגער רעדאַקטאָר פון דער „הצפירה", מיט'ן צוועק צוצוציהען דעם גערער הויף צו דער ציוניסטישער באַוועגונג. ער האָט דאַמאָלס געהאַט געשפּרעכען מיט'ן „שפת אמת", מיט זיינע ברידער, מיט די מקורבים, אָבער צו רבי אברהם מרדכי'לען האָט ער נישט געקענט צוקומען, ווייל ער האָט קיין צייט נישט געהאַט פאַר איהם... סאָקאָלאָוו האָט דעריבער איהם געשיקט זאָגען, אַז ער וויל מיט איהם נישט שמועסען מכח וועלט-ענינים, מכח פּראָבלעמען, וואָס זענען אַקטועל אין אידישען לעבען. ער וויל איהם בלויז פרעגען א קשיא, וואָס איז איהם שווער, די דאָזיגע קשיא האָט ער שוין געפרעגט אַלע גדולים, וועלכע ער האָט באַגעגענט, אָבער זייערע תשובות באַפרידיגען איהם נישט. ער האָפט דעריבער צו הערען פון איהם א תירוץ אויף דער דאָזיגער קשיא.

דאָס האָט געווירקט. סאָקאָלאָוו איז אויפגענומען געוואָרען דורך דעם שפּעטערדיגען באַריהמטען גערער רבין, וועלכען ער האָט געפרעגט פאָלגענדע קשיא:

— ביי מתן תורה שטעהט: וכל העם רואים את הקולות, זאָגען די חז"ל רואים את הנשמע — זיי האָבען מיט די אויגען געזעהן, דאָס וואָס איז געוועהנליך בגדר השמיעה. וואָס מען דאַרף נאָר הערען און נישט זעהן. פרעגט זיך א פראַגע: צו־וואָס האָט מען עס גערדאַרפט, וואָסער נוצען האָט מען דען געהאַט, ווען מען האָט געזעהן די קולות?

— דאָס איז דאָך פשוט, האָט רבי אברהם מרדכי געענטפערט מיט פשטות — וואָרום ווען מען וואָלט בלויז געהערט די עשרת הדברות און נישט געזעהן, וואָלט געווען ח"ו א מקום לטעות, עס וואָלטען זיך א טייל ערלויבט אויסצוטייטשען די „לא'ס" נישט ווי א לאו, נאָר ווי „לו", מיט א וואָוו, נישט לא־ניין, נאָר לו — צו איהם. דאָס הייסט לו תרצח, — איהם זאָלסטו מאָרדען... און אַזוי אַלע „לא'ס". דעריבער האָט מען געמוזט מיט די אויגען זעהען, אַז מען מיינט לא מיט אן אלף, און לא תרצח איז טייטש: דו זאָלסט נישט מאָרדען..

פון זיין פריהסטער יוגענד האָט ער געפיהלט, אַז ער איז באַרופען גע־וואָרען צו דריי גרויסע אויפגאַבען: פאַרשטאַרקען דעם לימוד התורה, צוציהען די יוגענד, וועלכע מען האָט געוועהנליך אין די חסידישע קרייזען פאַר־נאַכלעסיגט, מדחה געווען, מבטל געווען און זאָגאַר אויסגעשייגעצט, וואָס זיי דרעהען זיך צווישען עלטערע חסידים. רבי אברהם מרדכי האָט פאַרשטאַנען אַז „אם אין גדיים אין תיישים", און אין דער צייט וואָס פאַר'ן אַלטען דור דראָהט נישט קיין סכנה פאַר זייער אידישקייט, איז א יונגער בחור אָדער

א יונגער בעל־הבית׳ל אויסגעשטעלט אויף די גרעסטע געפאהרען, אויב מען וועט איהם נישט מחזק זיין, אנווייזען אויף די סכנות און גיבען איהם א וועג אין אידישקייט, אין תורה און מעשים.

די צווייטע אויפגאבע וואס ער האט פאר זיך געשטעלט איז די ארגאניזירונג פון די פרומע אידען אין אן ארגאניזאציע, מיט מאדערנע ארגאניזאציאנעלע פארמען, מיט א פרעסע און פראפאגאנדע, מיט קאנפערענצען און כנסיות, מיט דעקלארירטע חברים און מיט׳ן גאנצען קלאפער־געצייג, ווייל נאר אזא ארגאניזאציע איז בכח צו באקעמפען די פרייע ארגאניזאציעס, ארגאניזירען דעם חנוך פון אינגלאך און מיידלאך, און בכלל דערהאלטען דאס אידישקייט, און אין דעם כלל ליגט אויך דאס פאראייניגען זיך פון אלע פרומע אידען אויף דער גאנצער וועלט און שאפען איין וועלט־ארגאניזאציע, וואס זאל בילדען א קראפט, מיט וואס מען זאל זיך מוזען רעכענען. דער רעזולטאט פון דעם איז געווען די ערשטע פרומע צייטונג אין רוסיש־פוילען, „הקול", וואס איז ערשינען דורכ׳ן גרערר הויף אין ווארשע עטליכע יאהר פאר דער ערשטער וועלט־מלחמה, פון וואס עס איז אויסגעוואקסען א רייכע טעגליכע און פעריאדישע ארטאדאקסישע פרעסע און ליטעראטור, און די ערשטע קאנפערענץ פון וועלט יראים פאר החזקת הדת אין האמבורג ביי פראנקפורט, אין יאהר תר"ע, וואו עס איז געלעגט געוואָרען דער פונדאמענט פאר קאטאוויץ, — וואו עס איז געגרינדעט געוואָרען די אגודת ישראל.

און די דריטע אויפגאבע: ארץ ישראל. צו שאפען א גרויסע פאלקס־באוועגונג פון פרומע אידען פאר ישוב ארץ ישראל אין גייסט פון דער תורה.

צוויי יאהר פאר׳ן אויסברוך פון וועלט־קריג נומער איינס, איז שוין ביי איהם רייף געווען דער דאזיגער געדאנק און בכדי צו לעגען דעם יסוד פאר דער דאזיגער באוועגונג, האט ער באשלאסען צו פאהרען קיין ארץ ישראל.

אויפ׳ן וועג קיין ארץ ישראל האט ער אויף דער עצה פון דאקטוירים באזוכט דאס באריהמטע קור־ארט מענטאן, וואו ער האט געהאפט צו זאמלען כח פאר דער נסיעה. אבער זיין געזונד־צושטאנד האט איהם נישט ערלויבט צו פארווירקליכען זיין שטרעבונג און ער איז געצוואונגען געווען צוריקצוקערען אהיים. אין א קורצער צייט ארום איז אויסגעבראכען די וועלט־מלחמה און געשטערט אין דער פארווירקליכונג פון זיינע פלענער. זיין בענקשאפט צו ארץ ישראל און די שטרעבונג צי פארוואנדלען איהר אין א צענטער פון תורה און קדושה איז אבער נישט שוואכער געוואָרען און גלייך ווי די מלחמה האט זיך געענדיגט, איז ער אין יאהר תר"פ געפאהרען צום ערשטען מאל קיין ארץ ישראל, און דערמיט האט זיך אנגעהויבען א ניי־

רייך קאפיטעל אין דער געשיכטע פון דער באציהונג פון פרומע אידען צו דער מצוה פון ישוב הארץ, און צו דער פארשטארקונג פון פרומען אידענטום אין נייעם ישוב.

נייע שיטות אין גערער חסידות

אין א שווערער תקופה פאר'ן כלל ישראל האט איבערגענומען די הנהגה דער גערער רבי ר' אברהם מרדכי זצ"ל אין יאהר תרס"ה, נאך דער הסתלקות פון זיין גרויסען פאטער רבי אריה לייב, דער „שפת אמת" זצ"ל.

דאס איז געווען אין באריהמטען „פינפטען יאהר", דאס יאהר, ווען דער צארישער טראן האט זיך א וואקעל געטאן און סאטראפען האבען זיך א נעהם געטאן איהם צעמענטירען מיט בלוט און אכזריות.

דאס איז געווען אין יאהר, ווען עס איז אויסגעבראכען די יאפאנישע קריג, וועלכער די בעלי קבלה און די ווייט־קוקער האבען באטראכט אלס דעם „אנהויב פון סוף", אלס די התחלה פון די מלחמות גוג ומגוג, פון די חבלי המשיח וואס דויערען ביז היינטיגען טאג...

נישט לייכט איז עס געווען צו פועל'ן, אז ער זאל איבערנעהמען די הנהגה אין דער מעטראפאליע פון חסידות אין פוילען; צו ווערען דער גייס־טיגער פאטער פון הונדערטער טויזענטער אידען, יראים ושלמים, ווארום בטבע איז ער געווען ווייט פון א וועלכען עס איז נשיאות, פון יעדען מין התנשאות. א מענש, אויף וועמען די גרעסטע מאס כבוד האט נישט געמאכט דעם מינדעסטען רושם. אבער ווען ער האט שוין איבערגענומען די הנהגה, האט ער זיך גלייך גענומען באהנען נייע וועגען, נייע דרכים, וואס האבען אין אויגען פון אלטע חסידים, פון די לעצטע מאהיקאנער פון קאצק, וועלכע האבען נאך אין די ערשטע יאהרען פון זיין הנהגה געלעבט און באצויגען זיך צו איהם מיט גרויס יראת הכבוד, אויסגעקוקט מורא'דיג פרעמד, און דאך האט ער זיינע פלענער להחזקת התורה והיהדות דורכגעפירט שארף און קאנסעקווענט, נישט רעכענדיג זיך מיט קיין זאך.

רבי אברהם מרדכי זצ"ל האט אויסגעוועהלט א נייע שיטה אין חסידות. ראשית כל איז ער געווען א געוואלדיגער זריז, יעדע מינוט איז ביי איהם געווען אויסגע'חשבון'ט. זיין פינקטליכקייט איז ניט צו באשרייבען. ער האט קיין זאך ניט איבערגעלאזט אויף שפעטער. ווי נאר מען האט איהם

געבעטען צו אן אספה אָדער צו אן ענין וואָס איז נוגע צו חינוך־התורה והיהדות איז ער גלייך געלאָפען, ממש געלאָפען.

אחוץ וואָס ער האָט איינגעפיהרט א רייה שינויים אין חסיד'ישען לעבענס־שטייגער, האָט ער אויך אָפגעשאפט דעם אויבענאָן. ער איז ניט געזעסען ביים טיש אויבענאָן, ווי אנדערע רביים טהוען עס, נאָר אין מיטען טיש צווישען אַלע זיינע חסידים.

שנית האָט ער גענומען מקרב זיין יונגעלייט, קעסט־אײדעמס און פארנאכלעסיגט די אלטע חסידים. מיט זיי האָט ער זיך ווייניגער אָפגעגעבען, און הגם עס האָט זיי שטארק פארדראָסען, האָט עס איהם קנאפ וואָס געאַרט. שפעטער האָט ער זיך אָפגעגעבען מיט בחורים, וועלכע זיינען אין די טויזענטער געקומען צו פאָהרען קיין גער פון גאַנץ פוילען, אנטלאָפען פון די היימען, פון די אנדערע רביים און אָפגעזעסען דאָרט חדשים לאַנג און עס איז ערצויגען געוואָרען א פעליאַדע פון יונגע חסידים מיט'ן גאַנצען אמאָליגען חסיד'ישען ברען און התלהבות. און נאָך שפעטער האָט ער גענומען צוציהען אינגלאַך, יונגע קינדער. מיט זיי האָט ער געשמועסט, אויסגעפרעגט זיך וועגען קלייניגקייטען, זיי געלאַסטשעט, אין דער צייט וואָס פאר זיין טיר זיינען געשטאַנען הונדערטער אלטע חסידים, חשוב'ע רבנים, שוחטים, גרויסע פאבריקאַנטען און סוחרים פון לאָדז, ווארשע און פון ביליץ, וואָס האָבען געברענט און געאיילט זיך אהיים צו פאָהרען צו זייערע ביזנעס.

דער סאָקאָלאָווער רבי זצ"ל האָט איינמאָל געזאָגט אויף אן אספה פון רביים: פאר'ן גערער רבין דארפען מיר אַלע דרך ארץ האָבען, צו איהם פאָהרען א פאָר טויזענט חסידים, וואָס עסען אום יום כפור.

— הא, וואָס — האָט אימיצער פון די רביים אין שרעק אויסגערופען — חסידים וואָס עסען אום יום כפור?

— יאָ, יאָ, עסען אום יום כפור, אָבער שרעקט אייך ניט, זיי זיינען נאָך ניט בר־מצוה...

די השפעה פון גערער רבי איז כסדר געוואַקסען. ער איז געוואָרען דער ניט־געקרוינטער פיהרער פון דער אָרטאָדאָקסיע אין פוילען. אַלע האָבען זיך מיט זיינע מיינונגען גערעכענט און אומעטום האָט ער זיין וואָרט ארויס־געזאָגט דרייסט, קלאָר, נישט צווײדייטיג. גענומען אויף זיך תמיד דאָס אחריות, ארויס אויף די פאָדערשטע קאַמפּס־פּאָזיציעס און ניט געקוקט אויף דער התנגדות סאַי פון לינקס און סאַי פון רעכטס.

אין עקסטרא־קאַליעט (קליין־באַהן) האָט געפיהרט פון ווארשא קיין גער טויזענטער חסידים און קורסירט לויט די שעה'ן, ווען דער רבי

פראוועט, ווייל דער רבי איז געווען זעהר שטארק פארנומען. יומם ולילה איז ער געזעסען און געלערענט, געשריבען תורה, געקוקט אין ספרים, אין כמעט אלע ספרים פון זיין ריזען־ביבליאָטעק, וואָס האָט דערגרייכט צעהנדליגער טויזענטער, האָט ער געדענקט, געקענט אויסענווייניג זייער אינהאלט.

ווען מען האָט איהם געבראכט א ספר אלס מתנה, איז גענוג געווען, אז ער זאָל א בליק טהאָן דארין און זאָגען: יאָ, דאָס ספר האָב איך, עס שטעהט דאָרט און דאָרט.

ווי נאָר ער איז געקומען קיין אויסלאנד, האָט ער באזוכט די ביבליאָטעקען און געהייסען זיך צייגען די יקרי המציאות. א טייל אוניקום׳ס האָט ער ארונטערגעריסען און פאלסיפיקאטען האָט ער אנטדעקט מיט איין מיש איבער די בלעטער. פון אקספאָרד און פון קעמברידזש, פון רוים און פון מינכען האָט מען זיך צו איהם געווענדעט מכח ספקות אין ספרים און ער האָט גלייך אויפגעקלערט.

אין דער רבנישער און לומדישער וועלט האָט מען צו איהם געהאט דעם גרעסטען רעספעקט סאי ווי צו א גאון אין וועלט־פארנעהם, סאי ווי צו אן אויטאָריטעט מיט א ריזיגער בעל־השפעה, סאי ווי צו א גרויסען אידישען מנהיג מיט א וויטען בליק.

זיין אהבה צו ארץ ישראל האָט ניט געהאט קיין גבול. יעדע נסיעה זיינע פון ווארשא קיין ארץ ישראל איז פארוואנדעלט געוואָרען אין א טריאומף־מארש און דער באהן־הויף פון ווארשע פלעגט זיין באלאגערט פון צעהנדליגער טויזענטער אידען, וואָס זיינען איהם געקומען באגלייטען.

דער גערער רבי פלעגט פון צייט צו צייט ארויסגעבען בריעף אין דער פאָרם פון מעסעדזשעס צו זיינע חסידים און חסיד׳ישער וועלט איבער אלע ערשיינונגען אין אידישען לעבען. די דאָזיגע בריעף זיינען פול מיט פקחות, אהבת ישראל און אהבת התורה. א קליינער טייל פון זיי זיינען ערשינען אין א זאמלונג אונטער׳ן נאָמען „אוסף מכתבים". די בריעף צייכענען זיך אוים מיט זייער קורצקייט און שארפקייט. יעדעס וואָרט אנטהאלט זעהר פיעל, און חסידים פלעגען אין זיי זיך גריבלען, לערנען פשט...

איינע פון די לעצטע בריעף זיינע איז דאטירט ז׳ טבת תש"ו, אין זיין 80טען געבורטסטאָג, צו די שארית הפליטה אין די מחנות. דער בריעף האָט אנטהאלטען הארציגע טרייסט־ווערטער און געמאכט אן אומבאשרייבליכען רושם, ברעננענדיג חיזוק און טרייסט פאר די אומגליקליכע.

זייענדיג שוין שווער קראנק, ניט קענענדיג כמעט ריהרען מיט אן אבר, פלעגט ער דאָך ניט אויפגעבען זיינע שיעורים, לערנען מיט התמדה, פראוועןן די חסידים.

אין די לעצטע יאָהרען פלעגט מען פון איהם הערען קלאָרערע תשובות, א זאך וואָס אין די פריהעריגע יאָהרען איז עס געווען א זעלטענהייט. ער פלעגט זיך זעלטען באווייזען צווישען חסידים, בלויז פרייטאָג־צו־נאכטס צום דאווענען אין זיין בית המדרש ביי ישיבת „שפת אמת" פון קדושה פון מנחה ביז נאָך קבלת שבת, ווען עס האָט זיך אָנגעהויבען די הפסקה פאַר מעריב, און שבת בייטאָג צו קריאת התורה, וואו ער איז פארבליבען ביז נאָך מוסף.

זיין שטים איז געווען קלאָר און געגוג הויך ביז'ן סוף. ער פלעגט זיך פרעגען אויף נייעס, דורכבליקען א צייטונג און לעבהאפט זיך אינטערעסירען מיט אידישע און ספעציעל ארץ ישראל'דיגע ענינים. ער האָט פשוט געאָטעמט מיט ארץ ישראל און אויסגעדריקט זיין בטחון, אז די ישועה איז נאָהענט.

אלס זיין לעבענסווערק האָט דער גערער רבי באטראכט די אָרגאניזי־רונג פון די פרומע אידען אין דער אגודת ישראל, דאָס אקטיוויזירען זיי און פארוואנדלען אין א פאָליטישען כח און א לעבעדיגען פאקטאָר אין אידענטום. „ווען מען וועט מיך אויף'ן עולם האמת פרעגען — האָט דער גערער רבי זצ"ל אמאָל זיך אויסגעדריקט — וואָס האָב איך אויפגעטאָן אויף דער וועלט, וועל איך ענטפערען: איך האָב געהאָלפען שאפען די אגודה..."

זיין זריזות האָט געהאט א רוהם. יעדע מינוט איז ביי איהם געווען אויסגע'חשבונ'ט. ער האָט אויף אלעמען געהאט צייט. קיינמאָל קיין זאך נישט אָבגעלעגט אויף שפעטער. ביי איהם איז ווירקליך מקוים געוואָרען: „את מספר ימיך אמלא", — איך וועל אינגאנצען אויספילען דיינע טעג. גערעדאווענט תפילה בזמנה, געלערענט זיינע קביעות'דיגע שיעורים, געלערענט מיט די קינדער און אייניקלעך, אויפגענומען טויזענטער חסידים, אויסגעהערט זייערע בקשות און געגעבען עצות, געלייענט און געענטפערט אויף הונדערטער בריוו און טעלעגראמען, און נאָכאלעמען האָט ער צייט געהאט צו באטייליגען זיך אויף א צענדליג ברית'ן אלס סנדק, ווייל ער האָט קיינמאָל נישט אָבגעזאָגט קיין סנדקאות; אויפנעמען געזעלשאפטליכע דעלעגאציעס, באטייליגען זיך אין אספות, דורכלייענען די פרעסע און זיין באהאווענט אין אלעם וואָס קומט פאָר אין אידישען און אלגעמיינעם לעבען פון דער גאנצער וועלט.

די ערשטע תקנה זיינע אלס רבי איז געווען די פארשטארקונג פון לימוד התורה, דאָס איינפיהרען שיעורים, אין דער פריה און אין אָוועגט, אין אלע זיינע שטיבלאך, וואו מען האָט געלערענט מיט גרויס התלהבות. פרייטאָג צונאכטס און שבת פריה האָט ער איינגעפיהרט א הפסקה אין מיטען דאווענען אויף א שעה צייט, פאַר לימוד התורה. אין דער דאָזיגער שעה האָבען אלע מתפללים, יונג און אלט, געמוזט זיך אויסזעצען ביי די

לאנגע טישען און לערנען, ווער ביחידות, ווער בחברותא און דער קול תורה האט געהילכט אויף ווייט און ברייט.

ווער עס איז אריינגעקומען אין א גערער שטיבעל אין ווארשע, לאדז, אדער קאליש אין א געוועהנליכען וואכיגען אווענד, איז ממש ארוים פון די כלים פון התפעלות, זעהענדיג, ווי אלע טישען זענען באזעצט, און הונדערטער חסידים, וואס א גאנצען טאג זענען זיי גרויסע סוחרים, פאבריקאנטען, מעקלער, טומלער, פארהאוועטע אין דעם קאכיגען קעסעל פון עולם המסחר, האבען פון זיך אראפגעווארפען אלע וואכעדיגע דאגות און טרדות און אריינגעווארפען זיך אין דערפרישענדען ים־התלמוד, פארגעסענדיג אין אלץ און אין אלעמען...

דער גערער רבי און ארץ ישראל

דאס שענסטע קאפיטעל אין רוהמרייכען לעבען פון גערער רבי'ן זצ"ל איז געווען זיין תשוקה און ארבייט פאר ארץ ישראל.

שוין פון זיין פריהסטער יוגענד האט אין זיין הארץ געגליהט א בענקשאפט צו ציון. ער האט געחלום'ט וועגען א פארשטארקטער עליה פון פרומע אידען, לויט'ן מוסטער פון די ערשטע חסידישע עליות, וואס האבען געהאלפען צו דער גרינדונג פון די אידישע ישובים, דעם ישוב הישן, אין ירושלים, חברון צפת און טבריה.

זיין ענד־ציל איז טאקע געווען דאס באזעצען זיך אין ארץ ישראל אויף שטענדיג און פארשטארקען דארט דעם פרומען ישוב. אבער נישט קיין ישוב פון אלטע לייט, פון חלוקה־אידען, האט ער געפלאנט צו גרינדען, נאר א לעבעדיגען, פראספערירענדען און זעלבסט־אויסקומענדיגען ישוב. דערצו האט ער מעורר געווען מינדליך און שריפטליך. אין זיין באריהמטען בריף פון ז' אייר תרפ"א שרייבט ער בפירוש אז „ווען השי"ת האט באשאנקען מיט פארמעגען, קען ער דארט אהן ספק געפינען זיין פרנסה במנוחה שלימה, און דערביי אבהיטען אידישקייט אהן שום שטערונג".

אין דעם דאזיגען בריעף ראט ער אויך, אז יעדער דארף אריינלייגען א דריטעל פון זיין פארמעגען און קויפען באדען אין לאנד, „ווייל דאס וועט ברענגען פראפיט אויך אויף דער וועלט"...

כאראקטעריסטיש איז דער אויסדרוק, צו די נגידים, ועמען ער ראט צו קויפען באדען אין ארץ ישראל, ווייל „כספים אין להם שמירה אלא בקרקע"

— (געלט ווערט אין ערגעץ נישט אזוי אָבגעהיט ווי אין באָדען), און די כוונה איז, אין ארץ ישראל־באָדען. הלואי וואָלטען דאמאָלס די רייכע אידען איהם געפאָלגט, וואָלט דאָך דאָס קאפּיטאל אהינגעצויגען זייערע באזיצער און זיי וואָלטען אויסגעמיטען היטלערס קאלך־אויבענס. לפּחות, וואָלט דאָך אידיש פארמעגען נישט געבליבען אין גוי'אישע הענד, און עס וואָלט געווען וואו אויפצונעמען דעם שארית הפליטה...

און דער זכות פון ארץ ישראל, פאר וועלכער דער גערער רבי האָט אזוי פיל זיך מוסר נפש געווען, האָט געהאָלפען, אז ער זאָל זיך ארויסראַ־טעווען אויף א וואונדערליכען אופן פון די אכזריות'דיגע נעגעל פון די נאצים, און לעגען א יסוד פאר א בליהענדען גערער הויף אין דער הייליגער שטאָדט ירושלים.

אָבער די גאנצע צייט פון דער מלחמה האָט ער נישט געהאט קיין רוה. די זאָרג פאר די אידען, וועלכע ער האָט איבערגעלאָזט דאָרט און זייער גורל האָט איהם נישט געלאָזט צורוה. פאר צרות איז ער קראנק און שוואך געוואָרען. אָבער ער האָט נישט אויפגעהערט צו פרעגען אויף ידיעות פון „דאָרט" און כסדר געמאָנט, פארוואָס מען שווייגט, פארוואָס מען ראַ־טעוועט נישט, פאר וואָס מען איז נישט מרעיש עולמות..

ווען עס זענען אָנגעקומען די ערשטע ידיעות וועגען די שחיטות און הריגות אין פוילען, איז אויף זיין איניציאטיוו פאָרגעקומען כ' כסלו תש"ב אין דער חורבת רב יהודה החסיד־שוהל אין אלט־ירושלים, א כינוס פון אלע ארץ ישראל'דיגע רבנים און גדולים, דער גערער רבי האָט זיך דאָרט באטייליגט — (אגב איז עס געווען דער לעצטער עפענטליכער ארויסטריט זיינער) און געהאלטען פאָלגענדע קורצע דרשה:

„עת צרה היא ליעקב וממנה יושע. בזעקך יצילוך קבוציך. כינוסו וכינוס בניו הצילו מיד עשו ואלופיו. מען דארף זיך אלע צוזאמענעמען אין אחדות און מעשים טובים. נחפשה דרכנו ונחקורה ונשובה עד ד'. מען דארף מעורר רחמים זיין. תשובה ותפילה וצדקה מעבירין את רוע הגזרה, ואת כולם ישא רוח, יקח הבל. מען דארף בעטען, אז דאָס רשעות זאָל אוועק פון דער וועלט „וכל הרשעה כולה כעשן תכלה, והחוסה בי ינחל ארץ". מען דארף זיך שטארקען, איינער דעם אנדערען מחזק זיין, איש את רעהו יעזורו ולאחיו יאמר חזק. עס וועט נאָך אידען גוט זיין. מען וועט נאָך זוכה זיין צו זעהן די נחמה. מען דארף האָפען צו דעם אויבערשטען אויף דער גאנצער ישועה במהרה בימינו אמן".

דער דאָזיגער כמעט נביאישער כרוז האָט בשעתו געמאכט א גרויסען רושם. אויך אין די שרעקליכע מלחמה־טעג מיט די אראבער, ווען ירושלים

איז געווען במצור, אין באלאגערונג, האָט מען דאָרט כסדר דערמאָנט די ווערטער פון הייליגען רבין, שעפענדיג דערפון חיות, מוט און אויסדויער ווערענדיג דורכגעדרונגען מיט בטחון אז אלץ וועט מקוים ווערען. עס וועט פארווירקליכט ווערען והחוסה בי ינחל ארץ, און, אז עס וועט אידען גוט זיין...

דער גרעסער רבי, אלט, קראנק און צובראָכען, איז געלעגען אין קעלער פון זיין הויז, וואו עס געפינט זיך אויך די באריהמטע גרעסער ישיבה „שפת אמת", וועלכע ער האָט געגרינדעט און איז געשטאנען בראשה. באָמבעס זיינען געפאלען אין דער נאָהענטער שכנות און געזייהט טויט און פארניכטונג און אין די דאָזיגע מורא'דיגע טעג איז דער קול־תורה נישט פארשוויגען געוואָרען אויף איין רגע. דאָס איז געווען דער כח און די התחזקות פון וועלכע אידען האָבען געשעפט, אחוץ דאָס מסירת נפש פון דער ירושלים'ער יוגענט אויף די פאָזיציעס, אין קאמף מיט'ן שונא, אין וועלכען עס האָבען אויך אנטייל גענומען תלמידים פון זיין ישיבה, און זיינע חסידים, וועמענס העלדישע מעשים עס האָבען געמאכט א רושם אין ישוב.

די נויט איז געווען גרויס אין הויף און אין דער ישיבה. און אין יעדער „שיירה", וואָס האָט זיך מיט גרויס מסירת נפש דורכגעריסען מיט שפייז קיין ירושלים, האָבען זיך געפינען יונגעלייט, נישט דוקא קיין פרומע, וואָס האָבען געבראכט שפייז אין הויף פון גרעסער רבין און פאר די תלמידים פון זיין ישיבה, וועלכע האָט געדינט ווי א לייכט טורם אין דער שרעקליכער פינסטערניש...

ביז דער לעצטער מינוט פון זיין לעבען האָט דער רבי זיך פאראינ־טערעסירט מיט דעם מצב און כסדר תפילה געטאָן פאר דעם נצחון פון די אידישע קעמפער. עס זענען צו אונז דערגאנגען „שמועסען" וואָס ער האָט געזאָגט אין דער צייט פון דער באלאגערונג, וואָס עטליכע פון זיי דארפען פארצייכענט ווערען לזכרון עולם.

„היושבת בגנים — דאָס מיינט מען די כנסת ישראל וואָס לויבט גאָט טאָג און נאכט דורך דער תורה. קומט דער פריהמאָרגען, קומט די כנסת ישראל און פרעהט זיך מיט גאָט ברוך הוא'ם וועלט און קודשא בריך הוא שטרעקט אויס צו כנסת ישראל דעם שרביט החסד. באשענק, גאָט, די אידישע בחורים, וואָס שלאָגען זיך פאר כיבוש הארץ מיט דער ספירה פון „גבורה", — איינע פון די הערליכסטע פון די עשר ספירות".

אין די לעצטע טעג פון זיין לעבען האָט מען געבראכט צו איהם דעם „עתון רשמי", די אָפיציעלע צייטונג פון מדינת ישראל, וואָס איז געגרינדעט געוואָרען ה' אייר, און דאָרט האָט זיך געפינען די אונאבהענגיגקייטס־דעקלא־ראציע, וואָס ענדיגט זיך מיט די ווערטער: „בעזרת צור ישראל וגואלו".

דער גערער רבי האָט שטארק נהנה געווען דערפון און געזאָגט:

„אויב מדינת ישראל האָט דעם בונד פון קודשא בריך הוא, אורייתא וישראל, אויב מען פארלאָזט זיך אויפן רבונו של עולם, וועט מדינת ישראל האָבען א קיום"...

צוויי טאָג נאָכ'ן וואפענשטילשטאנד, ווען די מורא'דיגע שיסעריי האָט זיך אָבגעשטעלט אין ירושלים, אום שבועות, איז נסתלק געוואָרען דער מנהיג הדור. ביי דער לויה, וואָס איז פאָרגעקומען מוצאי שבועות, האָט זיך „גאנץ ירושלים" געטראָפען, און מען האָט אויסגעפונען ווער עס איז ניצל געוואָרען און ווער איז ר"ל אומגעקומען. דאָס איז געווען נישט נאָר א לויה נאָכ'ן צדיק הדור, נאָר אויך נאָך די קדושים, וואָס האָבען זיך מוסר נפש געווען פאר ירושלים און עס האָט באהערשט אלעמען די טרייסט, אז ירושלים איז געראטעוועט פאר אידען, ווייל דער באשיצער איז אוועק אין הימעל אריין נאָכדעם ווי ער האָט דאָס זייניגע אויסגעפיהרט...

און דאָך איז ער ביז היינטיגען טאָג נישט געקומען למנוחות אין זיין קבר, וואָס ער האָט זיך צוגעגרייט ביים לעבען אויפ'ן הר הזיתים. נאָך ליגט זיין הייליגער גוף אין צייטווייליגען קבר אין חצר פון זיין ישיבה, און עס איז מקוים געוואָרען: והעמידו ישיבה על קברו...

דער יחוס'דיגער חנוכה־לאָמפּ

יחוס'דיגע חנוכה־לאָמפּען און אָריגינעלע מנורות האָבען זיך געפונען אין א גאנצע רייהע חסיד'ישע הויפען. באריהמט איז געווען דער חנוכה־לאָמפּ אין טשערנאָבילער הויף. דאָס איז געווען א שווערע, מאסיווע זילבערנע מנורה, געמאכט פון אן אנאָנימען קינסטלער, וואָס האָט ביי אלעמען ארויסגערופען גרוים באוואונדערונג. געווען איז עס דריי פוס די הויך, אונטען ברייטער און אויבען אלץ שמעלער, ביז עס האָט זיך געענדיגט ווי א טורעם. באפוצט איז עס געווען מיט א רייכער ארנאמענטיק פון פילראן־גאניקלעך, צוויגלעך, בלעטער און טירלעך. בוימעל האָט מען געגאָסען און קנייטלאך האָט מען געלייגט אין אכט קינסטלערישע קריגלעך. דער דאָזיגער חנוכה־לאָמפּ האָט אויך געהאט טרעפלעך, ווי ביי דער מנורה. דערצו האָט ער פארמאָגט אזא שפּיל־אינסטרומענט, וועלכען מען האָט געלאָזט אין גאנג מיט דער הילף פון א שליסעל, אז גלייך נאָך דער ברכה האָט עס אָנגעהויבען שפּילען „הנרות הללו". גלייכצייטיג האָט אן אינסטרומענ־

טען־קאפעלע געשפילט פארשידענע חנוכה־לידער בשעת דער רבי האט געצונדען די ליכטלעך.

אויך אין ריזשינער הויף, וואס איז בכלל רייך געווען אין אנטיקען, האט זיך געפונען א חנוכה־מנורה, וועלכע האט ארויסגערופען באוואונדערונג צוליב איהר קינסטלערישער אויספיהרונג. דאס זעלבע אין אויך געווען אין טאלנער הויף. באריהמט איז אויך געווען דער חנוכה־לאמפ אין קאזשניץ. אבער מיר וועלען דא דערצעהלען א געשיכטע מיט א יחוס'דיגען חנוכה־לאמפ, וואס האט זיך גראד געפונען ניט אין א רבי'שע הויף, נאר דוקא אין אן ארימער חסיד'ישער קלויז, ערגעץ וואו אין א שטעטעל אין פאדאליען, וועגען וועלכען איך האב געהערט דערצעהלען א הארציגע מעשה פון אן אלטען חסיד.

אבער פריהער א קורצע הקדמה. ווי באוואוסט, פלעגט מען זיך אין געוויסע חסיד'ישע הויפען פיהרען, אז די רביים האבען געגעבען צו זייערע חסידים זילבערנע מטבעות אלס שמירות. באזונדערס האט מען זיך דערמיט אפגעגעבען אין די הויפען פון דער ריזשינער און טשערנאבילער גזע. חסידים האבען די דאזיגע מטבעות באטראכט ווי דעם טייערסטען אוצר אין דער וועלט. א גרויסער טייל, באזונדערס קראנקע פרויען און קינדער, פלעגען טראגען די מטבעות אויפ'ן האלז אלס סגולה, אין א ספעציעל בייטעלע און א טייל האבען זיך געהייסען מיטגעבען די מטבעות אין קבר אריין...

מטבעות פון רבי'ן האט מען אפט ליציטירט צווישען חסידים און זיי זיינען דערגאנגען אין הויכע פרייזען. נאטירליך, זיינען די געלטער פארווענדעט געווארען פאר צדקה־זאכען, אויף צו באזארגען א געהויבענעם חסיד מיט צרכי חתונה פאר זיין טאכטער, צי סתם ארויסהעלפען א אידען, אדער ווען ער האט בעדארפען זיך קורירען פון א קראנקהייט.

א כאראקטעריסטישען עפיזאד דערצעהלט מען, ווי ווייט די רביים אליין האבען מחשיב געווען די מטבעות, וואס זיי האבען ארויסגעגעבען.

געווען איז עס ג' חשון, אין טאג פון דער יאהרצייט פון ריזשינער צדיק רבי ישראל זצ"ל. זיינען זיך צו זיין זוהן רבי דוד משה זצ"ל קיין טשארטקאוו צונויפגעפאהרען טויזענטער חסידים, בכדי צו געפינען זיך אין דעם טאג פון דער גרויסער הילולא ביים ממלא מקומו. נאך מעריב האט דער טשארטקאווער רבי ארויסגענומען א מטבע, דערלאנגט עס צו א חשוב'ען חסיד און געזאגט:

— בעריש, דא האסטו א מטבע אויף תיקון. זעה עס זאל פון דער מטבע זיין געננוג משקה פאר'ן עולם!

אויף צומארגענס, נאך'ן דאווענען, האט דער רבי געפרעגט איינעם

פון זיינע גבאים, צי די מטבע, וואס ער האט נעכטען געגעבען, איז שוין פארקויפט געווארען אויף ליציטאציע.

— לעת עתה איז זי נאך ניט פארקויפט געווארען — האט דער גבאי גערענטפערט — עס איז נאך ניט געווען קיין זמן דערצו.

— און וויפיל א שטייגער איז ווערט ביים עולם אזא מטבע? — האט דער טשארטקאווער ווייטער געפרעגט.

— פאר־א־יאהרען איז אייער מטבע פארקויפט געווארען פאר צעהן רוסישע רובעל — האט דער גבאי גערענטפערט.

— צעהן רובעל איז זי דאך ווערט פאר מיר אליין! — האט דער רבי א זאג געטהאן — גיה, זיי מוחל, ברענג צוריק די מטבע, איך וועל דיר גלייך אויסצאהלען פאר איהר צעהן זילבערנע רובעל...

חסידים, וואס האבען זיך אנגעזאמעלט א גרעסערע צאל מטבעות, האבען זיך געלאזט פון זיי אויסגיסען א קידוש־בעכער, אויף וועלכען עס איז געווען אויסגעקריצט, אז דער בעכער איז געמאכט געווארען פון די מטבעות פון דעם און דעם רבי'ן. נאך רייכערע חסידים האבען אפילו פאר־מאגט חנוכה־לאמפען, אויסגעגאסען פון רבין'ס מטבעות און די ווערט דערפון איז גארניט געווען אפצושאצען.

א מטבע, וואס אן ארימער חסיד האט געהאט פון זיין רבי'ן, פלעגט ער אפט פאר'משכן'ען פאר א גרויסער סומע געלט, בכדי שבת צו מאכען. אפילו ניט־חסידים האבען עס באטראכט פאר דעם קוראנטסטען משכון, זייענדיג זיכער, אז דער חסיד וועט קיינמאל ניט לאזען פארפאלען דעם רבין'ס א מטבע, ער וועט דאס לעצטע קישען זיינס פארקויפען, אבי דעם רבין'ס מטבע אויסצולייזען.

אבער ניט אלע רביים זיינען געווען אזוי מילד אין טיילען מטבעות. ביי א טייל איז עס זעהר שווער אנגעקומען, ביז מען האט ארויסבאקומען א מטבע, און, פארשטעהט זיך, אז זייער חשיבות איז געווען גרעסער.

דאגעגען, דער אלטער סאדאגורער רבי ר' אברהם יעקב זצ"ל האט קיינמאל ניט אפגעזאגט קיין מטבעות. ווער עס האט געבעטען א מטבע, האט עס אהן שוועריגקייטען באקומען.

באזונדערס האט ער ניט געקארגט קיין מטבעות צו זיינע רוסישע חסידים. די דאזיגע חסידים, וועלכע האבען זיך געפונען אויף יענער זייט גרענעץ, האבען ניט אפט געהאט די מעגליכקייט צו זעהען דעם רבי'ן. זיי האבען דאריבער געהאלטען ביי זיך דעם רבין'ס מטבעות אלס שמירה און אלס סגולה.

צווישען די שטעדטלעך אין פאדאליען, וואו ס'האט געבליהט דאס

ריזשינער חסידות, האָט זיך אויסגעצייכענט דאָס שטעטעל רזשעווניץ. דאָס איז געווען אַן אָרעם שטעטעל ווייט פון שליאַך, פון דרך המלך, הייסט עס. געוואוינט האָבן דאָרט דאָס רוב אָרימע לייט, וואָס האָבן זיך שטאַרק געמאַטערט מיט דער אויסקומעניש. און היות ווי די דאָרטיגע חסידים האָבן זעהן משתוקק געווען צו זעהן דעם רבי'ן און זיינע קינדער, האָט מען אין קלויז געמאַכט א קאַסע, וואו יעדער האָט איינגעצאָלט א קליינע מטבע וועכענטליך, און אַז עס איז געקומען א געהויבענער שבת, א יום טוב, א שמחה אין הויף, צי א יאָהרצייט, האָט מען געלאָסעוועט, און דער זוכה בגורל האָט באַקומען רייזע־הוצאות צו פאָהרען קיין סאַדאַגורע אַלס פאָרשטעהער פון די רזשעווניצער חסידים.

דער אַלטער סאַדאַגורער רבי האָט די דאָזיגע אָרימע, אָבער מסירות־נפש'דיגע חסידים שטאַרק מחבב געווען. יעדעס מאָל, ווען עס איז צו איהם געקומען אזא חסיד, האָט ער איהם געגעבען א מטבע. אָבער די דאָזיגע מטבע האָט דער חסיד ניט באַטראַכט אַלס זיין אייגענטום, נאָר אַלס אייגענטום פון קהל. די גבאים פון קלויז האָבן די מטבעות געזאַמעלט און עס באַשטימט פאַר א דבר טוב.

ווען די צאָל מטבעות אין רזשעווניץ איז שוין געווען באַדייטענד, האָבן די אָרטיגע חסידים באַשלאָסען צו לאָזען גיסען פון זיי א חנוכה־לאָמפּ פאַר'ן קלויז.

גרויס איז געווען די שמחה אין שטעטעל, ווען דער חנוכה־לאָמפּ איז פאַרטיג געוואָרען און דאַרויף האָט זיך געפונען די אויפשריפט, אַז זי איז געמאַכט געוואָרען פון הייליגען צדיק'ס מטבעות. די עדה חסידים זיינען זיך דאַן צוזאַמענגעקומען און אויסגעאַרבייט תקנות, ווער און ווי אַזוי מען קען זיך באַנוצען מיט'ן חנוכה־לאָמפּ.

עס איז באַשלאָסען געוואָרען, אַז יעדע נאַכט פון חנוכה וועט ליציטירט ווערען די מצוה פון בענשען חנוכה־ליכט אין דעם דאָזיגען יחוס'דיגען חנוכה־לאָמפּ, און ווער עס וועט געבען מעהר, דער וועט דערצו זוכה זיין. אַזוי פלעגט זיך אין משך פון די אַכט חנוכה־טעג צונויפקלייבען א באַדייטענדע סומע געלט, וואָס איז באַשטימט געוואָרען צו באַזאָרגען די גאָר אָרימע חסידים מיט אַביסעל האָלץ און קאַרטאָפעל פאַר'ן ווינטער; אַרויסצוהעלפען א חסיד, וועלכער האָט באַדאַרפט חתונה מאַכען א קינד; פאַררעכטען דעם דאַך פון דער קלויז און אויך אויף צו פּראַווען א סעודה אין די חנוכה־טעג, ווי דער מנהג איז געווען.

בשעת דער ליציטאַציע זיינען נאַטירליך די געמיטער געווען צוהיצט, וואָרום יעדער האָט חשק געהאַט זוכה צו זיין אין דער מצוה, אָבער ניט יעדער

האָט זיך עס געקענט ערלויבען. עס פאַרשטעהט זיך, אז מיט יעדען טאָג איז געשטיגען דער פּרייז, ווייל מען האָט דאָך געצונדען מעהר ליכטלעך און די אָרימע לייט האָבען וואָס אמאָל אלץ ווייניגער אויסזיכטען געהאַט זוכה צו זיין אין דער מצוה.

געווען איז דאָזיגען שטעטעל אן אָרימער חסיד, וועלכען מען האָט גערופען אשר דער בענדער. זיין פּרנסה איז געווען דערפון, וואָס ער האָט צונויפגעשטעלט פעסער, באַליעס און שעפלעך צו וואסער. ער האָט שווער און ביטער געאַרבייט און דערפון געהאַט קוים בדוחק פּרנסה. דאָס האָט איהם אָבער ניט געשטערט צו זיין א פייערדיגער חסיד און צו שעפּען חיות פון די מסיבות אין קלויז, פון א דבר־תורה, פון א מעשה, וואָס מען האָט דערצעהלט פון רבי'ן. קיין גרויסער למדן איז ער ניט געווען, אָבער אן עהר־ליכער איד, א נהנה מיגיעי כפּיו און א גרויסער מאמין אין הייליגען צדיק.

יעדעס יאָהר, ווען מען האָט ליציטירט די מצוה פון צינדען חנוכה־ליכט אין דעם חנוכה־לאָמפּ, וואָס איז געמאַכט געוואָרען פון רבין'ס מטבעות, איז ביי אשר'ן דעם בעדנער שיער ניט דאָס האַרץ אויסגעגאנגען פון תשוקה, צו קענען זוכה זיין צו דער מצוה. אָבער ווי האָט ער געקענט עס דערגרייכען, אז די בעל בית'ישע חסידים האָבען זיך געיאָגט אין די גרויסע געלטער און ווייניגער ווי ביי א צעהן רובעלדיגע האָט עס ניט געהאַלטען, טאָ ווי אזוי קען ער, אשר דער בעדנער, חלום'ען פון אזא זאַך? — און בעטען קהל, אז מען זאָל איהם צולאָזען די מצוה פאַר ווייניגער — האָט ער אויך ניט געוואָגט. האָט ער דאָך גוט געוואוסט, ווי גרויס עס איז דאָס דחקות אין דעם שטעטעל און וואָס מען טהוט אויף אלץ מיט'ן געלט, האָט ער מיט האַרצ־וועהטאָג זיך צוגעהערט צו די ליציטאַציעס אין די אכט טעג חנוכה און ער גופא האָט אין זיי קיין אנטייל ניט גענומען.

איינמאָל האָט אשר באַשלאָסען, אז האַי־יאָהר מוז ער קויפען די מצוה פון בענשען חנוכה־ליכט אין דעם יחוס'דיגען חנוכה־לאָמפּ. א גאַנצען ווינטער האָט ער געקליבען געלט פאַר'ן דאָזיגען צוועק און ער האָט שוין געהאַט אָנגעזאַמעלט א געהעריגע סומע, אָבער האַרט פאַר חנוכה איז דאָס ווייב קראַנק געוואָרען, מיט דער פּרנסה איז געוואָרען שוואַכער, אזוי אז די עטליכע רובעל זיינען צעשוואומען ווי שניי אונטער דער זון.

דאָך האָט אשר ניט אויפגעגעבען די האָפנונג. מיט האַרץ־קלאַפּעניש האָט ער זיך צוגעהערט צו די ליציטאַציעס, ניט איינמאָל האָט ער זיך שוין געוואָלט אַרויסכאַפּען מיט א סומע, איבערשטייגען דעם פריהערדיגען, אָבער ער האָט זיך געכאַפּט, אז ער וועט ניט קענען באַהויפּטען.

אזוי איז אַריבער א טאָג נאָך א טאָג, די שעהנסטע בעלי בתים

האָבען שוין זוכה געווען אין דער מצוה און זיינע אויסזיכטען זיינען אַלץ קלענער און קלענער. אָבער אשר האָט זיך ניט מייאש געווען. ער האָט באַשלאָסען דוקא צו בענשען אין דעם געהויבענעם חנוכה־לאָמפּ אין אכטען טאָג, ווען דער פּרייז איז תמיד דער העכסטער.

און די אכטע חנוכה־נאַכט איז געקומען. דער עולם, אין א יום טוב'־דיגער שטימונג, איז פאַרזאַמעלט אין קלויז, אַלע אין די שבת'דיגע בגדים, ווייל מען האָט צוגעגרייט א סעודה כיד המלך — וואַרט מען מיט שפּאַנונג אויף'ן אָנהויב פון דער ליציטאַציע.

און דער הויפּט־גבאי הויבט שוין אָן. דער עולם איז שטאַרק צעוואַרעמט. מען האַלט שוין ביי פופציג קאַרבען און ביי אשר'ן דעם בעדנער קלאַפּט אַלץ דאָס האַרץ ווי ביי א גזלן.

פּלוצלונג דערהערט זיך א קלאַפּ אין בעלעמער, און אשר רופט אויס:

— רבותי, איהר אַלע האָט שוין געהאַט די זכיה צו בענשען אין דעם רבין'ס חנוכה־לאָמפּ, אין דער צייט, וואָס איך, אן אָרימער בעדנער, קען קיינמאָל ניט זוכה זיין דערצו. עס ווילט זיך מיר אָבער גאָר שטאַרק זוכה זיין אין דער מצוה, דאָס האַרץ געהט מיר פשוט אויס פון תשוקה, אָבער איך האָב ניט די נויטיגע מזומנים דערצו: היות ווי איך פאַרמאָג א ירושה־שטוב, וואָס האָט די ווערט פון דריי הונדערט קערבלעך, גיב איך אַוועק די ירושה שטוב פאַר קהל, אין רשות פון קלויז, און מהיום והלאה וועל איך צאָהלען דירה־געלט ווי יעדער שכן, און דאָס געלט וועט געהן פאַר די צרכים פון קהל. און דערפאַר וויל איך בענשען חנוכה־ליכט אין דעם הייליגען חנוכה־לאָמפּ.

די דאָזיגע אַפּערטע פון אָרימען בעדנער האָט געמאַכט א גרויסען רושם אויף'ן פאַרזאַמעלטען עולם און פון אַלע זייטען האָבען זיך געהערט שטימען:

— זכה לו, זכה לו ר' אשר!...

און אַזוי איז טאַקע געבליבען. ר' אשר האָט געבענשט חנוכה־ליכט אין דעם יחוס'דיגען חנוכה־לאָמפּ און דוקא אין דעם אכטען טאָג...

קהל האָט זיך אָבער ניט געקענט איינינגען וואָס צו טהאָן מיט אשר דעם בעדנער'ס הויז, און עס איז געבליבען פאַרצולייגען דעם ענין פאַר דעם רבי'ן אין סאַדאַגורע.

אויסהערענדיג די געשיכטע, האָט דער רבי זיך צעשמייכעלט און געזאָגט:

— דאָס הייסט א כח פון א אידען, דאָס הייסט א כח! אָבער איך זאָג, אז קהל זאָל ניט פאַרקויפען די הויז צו א צווייטען. זי זאָל טאַקע

בלייבען אין רשות פון קהל און אשר זאָל צאָהלען דירה־געלט בלויז איין רובעל אַ יאָהר, אָבער דער דאָזיגער רובעל וועט האָבען די ווערט פון מיינס א מטבע, וואָס איהר קענט ליציטירען, און דאָס געלט פארווענדען פאר צרכי כלל...

און אזוי איז טאקע געווען. יעדעס יאָהר, חול המועד סוכות, האָט אשר דער בעדנער איבערגעגעבען דעם גבאי א זילבערנעם רובעל, וועלכען מען האָט פארקויפט אויף א ליציטאציע און דער רובעל פון פשוט'ן אידען האָט געהאַט, ווי חסידים האָבען געגלויבט, דעם זעלבען כח, וואָס די מטבע פון רבי'ן, וועלכע מען האָט געהאלטען אלס שמירה...

די ערשטע חסידישע עליה
און די מערה פון רבי שמעון בן יוחאי

דער טאָג פון ל"ג בעומר איז ענג פארבונדען מיט דעם נאָמען פון דעם גרויסען תנא רבי שמעון בן יוחאי דער בעל „הזהר" — דאָס הייליגע ספר, וואָס איז דער יסוד פון חסידות — וועמעס הילולא (יאָהרצייט) עס פאלט אויס אין דאָזיגען טאָג.

אין ארץ ישראל איז דער טאָג פארוואנדעלט געוואָרען אין א פאָלקס־יום טוב. צעהנדליגער טויזענטער אידען פון גאנצען לאנד, איבערהויפט די מזרח־אידען און די חסידים, באזוכען אין דאָזיגען טאָג דאָס קבר פון רבי שמעון בן יוחאי, וואָס געפינט זיך אין דאָרף מירון, נאָהענט פון צפת. אויף א פייערליכען אופן ווערט איבערגעפיהרט א ספר תורה קיין מירון, אין באגלייטונג פון רבנים, חשובים און פאָרשטעהער פון דער מאכט, ביי גרויסע פייערליכקייטען פון מוזיק, געזאנג און טענץ, און דאָרט אין מירון, קומט פאָר די טראדיציאָנעלע „הדלקה", (אָנצינדען פייערען) אויף די קברים פון רבי שמעון און זיין זוהן רבי אלעזר, וואָס ליגען אין איין מערה, אויף וועלכער עס איז געבויט געוואָרען א בית־מדרש און א מושב זקנים, און דאָן הויבען זיך אָן די תפילות, טענץ און געזאנג, וואָס האלטען אָן א גאנצען טאָג און אפילו אויף צומאָרגענס.

עס איז אויך א מנהג צו ברענגען די קינדער און אָפּשערען צום ערשטען מאָל זייערע האָר אין מירון, אין טאָג פון ל"ג בעומר. מיט דער דאָזיגער מצוה איז מען מכבד דעם רב אָדער א חשוב'ע פערזענליכקייט. דערביי מאכט מען א „לחיים" און עלטערען זיינען זיך שטארק משמח. דאָס

ווערט אָנגערופען „חאלאקא" (אן אראבישער אויסדרוק אויף אָפּשערען די האָר).

אָבער נישט וועגען די פייערליכקייטען אין מירון וויל איך איצטער דערצעהלען, נאָר וועגען אן אנדערען פּלאַץ וואָס איז ענג פארבונדען מיט'ן תנא רבי שמעון בן יוחאי וועלכער איז אין דער חסידישער וועלט באַזונדערס פארהייליגט.

די אגדה דערצעהלט, אז אין די רוימישע צייטען האָבען די הערשער פון ארץ ישראל פאר'משפּט צום טויט דעם גרויסען פאָלקס־לעהרער רבי שמעון בן יוחאי, און כדי צו ראטעווען זיך פון זיינע פארפאָלגער, איז ער מיט זוהן, רבי אלעזר, אנטלאָפען פון זיין היים, אויסבאהאלטען זיך אין א הייל (מערה) 13 יאָהר צייט. אין דער הייל האָט זיי השי"ת מזמין געוועזן א באָקסער־בוים און וואסער, מיט וואָס זיי האָבען זיך געשפּייזט די גאנצע 13 יאָהר, ביז וואנען דער קיסר פון רוים איז געשטאָרבען און די גזרה איז בטל געוואָרען.

די דאָזיגע מערה, וואו דער תנא האָט זיך אויסבאהאלטען, געפינט זיך אין דאָרף פּקיעין, דער וואונדעבארער פּלאַץ, וואו די אידישע איינוואוי־נער זיינען נישט אוועק אין גלות און דער אידישער ישוב איז ניט איבער־געריסען געוואָרען אין משך פון די צוויי טויזענט יאָהר גלות־געשיכטע.

דאָס דאָזיגע דאָרף געפינט זיך אין גליל, צווישען די הרי צפת, זעקס שעה גאנג פון עכו. ריזיגע פעלזען באשיצען דאָס דאָרף ווי א פעסטונג פון אלע זייטען. דער קלימאט איז דאָרט זעהר א גוטער און געזונטער און אין די צייטען פון רבי יוסף קארא, דער מחבר פון „בית יוסף", האָבען די איינוואוינער פון צפת זיך געלאָזט קיין פּקיעין אויף אָפּרוה און דערהאָלונג, ווי ער דערצעהלט אין איינער פון זיינע תשובות.

דאָס דאָרף איז געבענשט מיט א שפע פון וואסער, איינע פון די וויכ־טיגסטע מתנות, וואָס א ישוב קען זיך נאָר ווינשען אין יענער פעלזיגער געגענד. דריי גרויסע קוואלען געפינען זיך אין נאָהענטער שכנות. איין קוואל רופט מען מעין אלבלד, וועמעס וואסער עס גיסט זיך אריין אין א גרויסער קאַרעטע, וואָס פליסט פארביי אינמיטען פון דעם דאָרף, און די טעכטער פון דאָרף קומען דאָרט אין די פארנאכטען כדי צו שעפּען וואסער אין זייערע קרוגען, וועלכע זיי טראָגען מאיעסטעטיש אויף די קעפּ, — פּונקט ווי אין די תנ"כ'ישע צייטען.

דער צווייטער קוואל איז באקאנט מיט'ן נאָמען מעין טיריא און פליסט ארויס פון א בארג, נאָהענט פון פּקיעין. דאָרט געפינט זיך אויך דאָס קבר פון תנא ר' אושעיא איש טיריא. און דער דריטער קוואל רופט זיך „המעין החיצוני".

די מערה פון רבי שמעון בן יוחאי געפינט זיך אין א וועלדעל פון באקסערען און דאס איז די שפייז מיט וואס דער גרויסער תנא האט זיך גע־שפייזט אין דער צייט פון זיין באהעלטעניש.

עס געפינט זיך דארט דער באקסער־בוים פון רבי שמעון בן יוחאי, דער בוים איז אבער שוין זעהר אלט און גיט שוין נישט מעהר קיין פרוכט. די איינוואוינער פון פקיעין, אפילו די נישט־אידען, באציהען זיך צום דאזי־גען בוים מיט פיל פיעטעט און קדושה־געפיל און אויב עס פאלט אראפ פון דאזיגען בוים א צווייגעל אדער א בלעטעל, באטראכט מען עס ווי א דבר שבקדושה און מען נוצט עס נישט צו קיין שום וואכעדיגער זאך, מען פאר־ברענט עס, אבער פון פייער האט מען נישט קיין שום נוצען און הנאה...

מיט דער ערשטער חסידישער עליה איז דער אידישער ישוב אין פקיעין באדייטענד געוואקסען. ווען די תלמידים פון בעל שם טוב, רבי מענדעלע וויטעבסקער, ר' אברהם קאליסקער און זייערע תלמידים האבען עולה געווען קיין ארץ ישראל, געשאפען דעם חסידישען ישוב אין הייליגען לאנד — האבען זיך א טייל פון זיי באזעצט אין פקיעין און געבויט זיך א באזונדער שול. אבער אין א צייט ארום זיינען די חסידים געצוואונגען געווען צו פארלאזען דאס דארף. זיי האבען איבערגעלאזט א גוטען נאמען ביי די שטענדיגע תושבים פון דארף.

די שול וואס געפינט זיך אין דארף, איז א גאנץ אלטע און האלב־חרוב'ע. דער בנין נויטיגט זיך אין א גרינדליכער רעסטראווראציע. דארט געפינען זיך אויך זיבען אלטע ספרי תורות, וואס זיינען שוין פסול פון אלטקייט. לויט דער טראדיציע איז די שוהל געבויט געווארען אויפ'ן זעלבען פלאץ, וואו עס האט זיך געפונען דאס בית המדרש פון ר' יהושע בר חנניה.

ווי מיר האבען שוין פריהער אונטערגעשטראכען, געפינט זיך אין פקיעין די מערה און דער בוים פון ר' שמעון בן יוחאי. די צווייגען פון בוים פארשפרייטען זיך אויף א היבשען שטח, און צעהנדליגער מענשען קענען זיצען אין זיין שאטען.ביים איינגאנג פון דער שוהל צינדען אן סיי אידען און סיי אראבער בוימעל־לעמפלעך לכבוד דעם תנא. באזונדערס טהוען זיי דאס אום ל"ג בעומר, אין יאהרצייט־טאג פון רבי שמעון בן יוחאי.

אויך דאס קבר פון רבי יוסי דמן פקיעין איז שטארק פארהייליגט. די מערה גופא איז פארמויערט, בלויז וואס א קליינע עפענונג געפינט זיך דארט. פון דאך וואקסען ארויס צוויי גרויסע בוימער. מיט א צייט צוריק האבען אידען אפגעקויפט די מערה און דעם פלאץ ארום פון אראבישע הענט, און עס איבערגעגעבען אין רשות פון דער קליינער אידישער קהלה.

דער אידישער ישוב אין פקיעין איז אין דער לעצטער צייט שטארק

פאראָרעמט געוואָרען, הגם נאָך מיט עטליכע יאָהר צוריק האָבען דאָרט געלעבט עטליכע און דרייסיג אידישע נפשות. אָבער זייענדיג ווייט פון אידי־שען צענטער און נישט האָבענדיג קיין שום שטיצע פון אָרגאַניזירטען ישוב, האָט זיך דער אידישער ישוב כסדר פארקלענערט, ביז עס זיינען געבליבען בלויז דריי משפחות וואָס האָבען זיך עקשנות'דיג געהאלטען אויף דעם פּלאַץ און נישט געוואָלט איהם פארלאָזען.

תמיד האָבען געהערשט גוטע און פרידליכע באַציהונגען צווישען די עטליכע אידען אָון די אראבישע שכנים. די געשעהענישען אין די יאָהרען 1921, 1929 און 1936-39 האָבען נישט אָפּגעשוואכט די דאָזיגע באַציהונגען. פארקעהרט, די אָרטיגע אראבער האָבען תמיד געשיצט די עטליכע אידען געגען אָנפאַלען.

בעת עס האָבען זיך אָנגעהויבען די באפרייאונגס קאמפען אין ארץ ישראל, האָט די ענגלישע פּאָליציי ערקלערט, אז זי קען נישט מעהר נעמען אין שוץ די אידען, וואָס לעבען אין פּקיעין און מיט גרוים צער האָט די לעצטע משפחה פארלאָזט דאָס דאָרף און איז אונטער פּאָליצייאישער שוץ איבערגעפירט געוואָרען קיין צפת, איבערלאָזענדיג אויף הפקר די ירושה פון דורות. אָבער נישט אויף לאַנג. היינט צו־טאָג איז פּקיעין ווידער אויפגעלעבט און אידען שפּינען ווייטער די טראדיציע פון יאָהרען טויזענטער, ווייל פּקיעין איז געווען דער איינציגער פּלאַץ וואו דער אידישער ישוב האָט נישט אויפגעהערט צו עקזיסטירען אין משך פון גאנצען קרוב צום צוויי־טויזענד־יאָהריגען גלות.